STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03395

GEZAMELTE SHRIFTN

Arn Miednik

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

André MEDOVNIK
14, Rue des Sablons
75016 PARIS
Tél. 553-24-23

פארלאג
די
גאלדענע
פאווע

אַרן מיעדניק

געזאַמלטע שריפֿטן

באַנד 2

אַדרעס פֿון מחבר:
A. MEDOVNIK
14, Rue des Sablons
75016 PARIS

אַרן מיעדניק

געזאַמלטע שריפֿטן

80 יאָר דענקעניש פֿון אַ
כלומרשט ציוויליזירטן פֿאַרשוין

באַנד 2

פֿאַרלאַג די גאָלדענע פּאַווע

פּאַריז 1988

ARN MIEDNIK

QUATRE-VINGTS ANNÉES DE MÉDITATIONS D'UN HOMME SOI-DISANT CIVILISÉ

LIVRE 2

COPIRIGHT 1988 BY A. MEDOVNIK PARIS

XEROX COPIES SERVICE
80, bd Sébastopol - 75003 PARIS

מיט דאַנקבאַרקייט דעם אוהבֿ-ייִדיש
יצחק ניבאָרסקי פֿאַר זײַן בריהשאַפֿט,
פֿרײַנדשאַפֿטלעך-געדולדיקער מי און
קענטעניש, וואָס האָבן דערמעגליכט
אַז מײַנע שריפֿטן זאָלן ווערן
פֿאַרעפֿנטלעכט ווי באַגערט.

באַלד נײַנציק יאָר קוק איך אויף דעם שטוים אָנגעזאַמלטע שריפֿטן מיט אומעט און שטוין: אַזוי פֿיל פֿאַרפּאַטשקעט פּאַפּיר מיט טרוימען, פּלענער, אידעאַלן, דערקענטעניש און בענקעניש! אַזאַ לאַנגע עקזיסטענץ מיט אַזוי פֿיל געשעענישן!

אַ קינד געבוירן אין וואַרשע אין סאַמע אָנהייב פֿון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, מיט אַ זכרון וואָס געדענקט אַפֿילו ס׳אַנטווייַנען פֿון דער מוטער. ערשט, די רוסיש־יאַפּאַנישע מלחמה אין 1904, מיט אַלץ וואָס ס׳איז געשען זינט דעמאָלט, איז אײַנגעקריצט אין געדעכעניש. גוטס צי שלעכטס, פֿרייד און אַנגסט, זאָרגן און דערפֿאָלג, מיט טרויער און פֿאַרלירן אַזוי פֿיל נאָענטע.

ערשט, די אַלע אַנטוישונגען, די היפּאָקריזיע פֿון לײַט וואָס פֿאַרקריפּלען אַלץ אַרום זיך: פֿיזיש, פּסיכיש, יחידיש און סאָציאַל. אַ נס, וואָס כ׳בין מסוגל דאָס אַלץ צו פֿאַרטראָגן, ווי כ׳וואָלט געווען ניט פֿון אײַזן, נאָר פֿון אויסערגעוויינטליכן שטאָל. כ׳בין ווי אַ בוים, וואָס קיין שום שטורעמווינט בייגט ניט, ברעכט ניט. ער טראַכט תּמיד פֿון די קומענדיקע צוויטן, פֿון די קומענדיקע פֿייגלנעסטן און תּמיד נײַעם מײַ.

איז עס ניט נאַריש, נאַיִוו, צו פּראָיעקטירן, פּלאַנירן, פֿלאַנצן באַאָבאַבן, שאַפֿן פֿונדאַמענטן פֿאַר צוקונפֿטיקע געבײַדעס וואָס

כ'וועל שוין זיכער ניט באַווײַזן צו בויען!

און בויען – פֿאַר וועמען, צו וואָס? די כּלומרשטע מענטשהײַט איז אַזוי אויסטערליש געמיין, פּערווערז, לעקישעוואַטע, גלײַכגילטיק צו שלעכטס און מיאוסקייט אין אַלע הינזיכטן און אומשטאַנדן!

נאָר וואָס זאָל איך טון? שוין זינט אַזוי לאַנג ווי אַן אויסטערלישער דיבוק האָט זיך פֿאַרקליבן, באַזעצט אין מיר. ניט נאָר איך קען ניט פּטור ווערן פֿון אים – אַפֿילו דער גרעסטער גוטער ייִד וועט אים ניט פֿאַרטרײַבן, ער זאָל זיך אַפֿילו באַניצן מיטן גאַנצן אַנסקישן ריטואַל: שוואַרצע ליכט און הייליקע שפּרוכן. ניטאָ קיין עצה. איך וועל שוין אַזוי צופֿאָרן צו מײַן לעצטער אַכסניה, פֿון וואַנען מע קומט ניט צוריק.

טרויערן, באַדויערן? טראַכטן פֿונעם ביסל גאָלד אין די גרודעס, פֿון די זעלטענע פּערל וואָס מע געפֿינט טויכנדיק אין ים? האָבנדיק צוטרוי צום באַשאַף און זײַן מײַסטער – זאָל געשען וואָס ס'מוז געשען!

כ'דאַנק דעם צי דאָס וואָס האָט דערמעגליכט אַז כ'זאָל האָבן געקענט עקזיסטירן אַזאַ לאַנגע צײַט, און האָף אַז ווען די צײַט וועט קומען, וועל איך אײַנשלאָפֿן מנוחהדיק, אָן יסורים, אָן פּײַן, אָן אַנגסט.

נו, און איצט, פֿאַר דעם ביסל צײַט וואָס איז מיר נאָך געבליבן – העלף מיר, גאָטעניו, איידער כ'שפּרינג אַרײַן אין ים! העלף מיר און באַהיט, אַז איך זאָל ניט זינדיקן מיט ליטעראַטורעווען, כ'זאָל זיך ניט פֿאַרלירן אין רעטאָריק, אין שיינע רייד, אין טריבונע-דעקלאַמאַציעס. נאָר זיך ווענדן צו דעם, וואָס וועט אַ מאָל מיך לייענען, ווי צו אַ גוטן פֿרײַנד, אַ חבֿר, פּשוט נאַטירליך, אָט ווי מע רעדט צווישן זיך, מיט אייגענע.

זאָל מען ניט האָבן קיין פֿאַריבל אויף מיר אויב איך חזר איבער אַזוי אָפֿט די זעלבע מחשבֿות און קום מיט די זעלבע טענות צו גאָט, וועלט און לײַט. מײַן כראָנישע גראַפֿאָמאַניע דויערט, טראָץ מײַן עלטער, ווײַל ס'האָט זיך גאָרניט געענדערט אין דער וועלט. נאַרישקייט, שלעכטס און מיאוסקייט דויערן כראָניש; ווער ווייסט ווי

לאַנג דאָס קען נאָך אַזוי אָנגיין. אַדרבא, מיר דאַכט זיך, ס׳וועט וואָס אַ מאָל ערגער.

~❀~

דאָס ווייץ וואָס לאָזט זיך מאָלן,/ דאָס טייג וואָס לאָזט זיך קנעטן,/ די שאָף וואָס לאָזט זיך גאָלן,/ דאָס גראָז וואָס לאָזט זיך טרעטן,/ דער שקלאַף וואָס לײַדט אין קייטן,/ וואָס שווײַגט – אַ הונט געבונדן,/ ווי אַלץ אין אַלע צײַטן / וואָס מוז מיט טויט פֿאַרשווינדן,/ איז ווי גאָט זעלבסט באַליידיקט,/ און דעם באַשאַף צעשטערט./ אַ וועלט וואָס וויל ניט פֿרײַהייט –/ די פֿרײַהייט איז ניט ווערט,/ נאָר אומקום – ניט פֿאַרטרעגליך,/ אַזאַ פּי־טובֿ – ניט זײַן:/ מײַן שׂכל זאָגט: ניט מעגליך,/ און דער רעוואָלט שרײַט: ניין!

~❀~

אויב עמיץ וויל עפּעס שאַפֿן פֿולקומס, מוז ער קענען די עלעמענטן פֿון זײַן פֿאַך. דער בלויזער טאַלאַנט צו צייכענען איז פֿאַרן מאָלער ניט גענוג. ער מוז קענען די קאָמפּאָזיציע פֿון פֿאַרבן, און ווי אַזוי מע מאַכט לײַוונט, די רעמען און אָפּילו דעם פּענדזל; ווי אַזוי ס׳ווירקט די צײַט און די אַטמאָספֿערע אויף דעם אַלעמען, און ווי אַזוי איין עלעמענט פֿאַרטראָגט דעם צווייטן. ווען ניט ווערט ער קיין מאָל ניט זײַן קיין מײַסטער.

שרײַבער: קענסטו אַלע עלעמענטן פֿון דײַן שפּראַך, פֿון דײַן סינטאַקס? אָן דעם וועסטו קיין מאָל קיין אמתער שרײַבער ניט זײַן. דאָס איז איבערהויפּט גילטיק פֿאַרן פּאָעט. אַ שרײַבער וואָס איז ניט קיין פּאָעט איז ניט קיין שרײַבער, פֿאַר מיר. כראָניקערס, בוכהאַלטערס און רעפּאָרטערן זענען בעל־מלאָכהס. איך האָב ליב די ראַפֿינירטע, געלערנטע, פֿײַנפֿילנדיקע דענקער־פֿילאָזאָפֿן־פּאָעטן, וואָס זענען ווירטואָזן אויף זייערע אינסטרו־מענטן. מאָלער – אַ באַלעט־טענצער אויף דער פּאַליטרע. מיט מײַסטערשאַפֿט ווי אַ דע־ווינטשי פֿאַר אַ בילד, אַ מיקעל־

אַנדזשעלאָ פֿאַר אַ סטאַטוע צי אַ געבײַדע, מאָצאַרט פֿאַר מוזיק, הײַנע, פּושקין, שעלי צי נאָוואַליס פֿאַר זייערע ווערק. שעקספּיר איז אַ געניאַלער פֿאַכמאַן. זיי אַלע זענען כּמעט ווי אהרן מיעדניק. וואָס דען? לײדער בין איך צו באַשײדן, איך האָב זיך פֿײַנט צו באַרימען.

~❀~

דער פּשוטער מענטש, און אפֿשר דער ראַפֿינירטער אויך, דאַרפֿן ניט קיין גאָט, קיין געטליכקייט, נאָר די אמונה אין אים. פֿאַר לײַט איז קודם וויכטיק די זיכערקייט פֿונעם גלויבן. די קוואַליטעט פֿונעם גאָט איז שוין אַ צווייטראַנגיקער עסק און זיי קענען זיך אַפֿילו באַגיין אָן אים. מע קען יוצא זײַן מיט עפּעס אַנדערש, וואָס מע זאָל ניט אָנרופֿן גאָט. מע קען זײַן אַן אַטעיִסט. אָבער מע מוז האָבן עפּעס אין וואָס מע קען, מע מוז, מע דאַרף אַבסאָלוט גלייבן. אַ מענטש מוז האָבן אַ רעליגיע – אַפֿילו אַן אַטעיִסט.

~❀~

די השערה פֿונעם אַמאָליקן גיגאַנטיזם בײַ באַשעפֿענישן און אַפֿילו בײַ מענטשן קען מען געפֿינען אין דער פּאַלעאָנטאָלאָגיע. זענען אַלע פּרימיטיווע פֿאָרמען, פֿלאַנצן און באַשעפֿענישן ניט געווען אַ מאָל ריזיק? פֿאַר וואָס ניט דער מענטש בתוכם? געווען אַ מאָל דינאָזאָרן, אפֿשר ריזן, אָבער אַלץ מיט גיגאַנטישע גופֿים און מיני-קעפּעלעך, און מיני-מוחות. אָבער זיי האָבן געקענט לעבן טויזנטער יאָרן. אַ מתושלח, למשל.

גײַסטיקייט איז – אײַנגעשרומפּענער גוף און דויער. קאָנצענטרירט צענטריפּעטיש – אָבער וואָס קען אַרויסקומען פֿון אַ לאַזעריזירטע באַשעפֿעניש בצורת מענטש? אוראַניומיזירטע נשמות זענען גורם קאַטאַסטראָפֿעס מיט זייערע ראַדיאַציעס.

~❀~

די וויסנשאַפֿט, ווי אַ צעבאַלעוועט קינד -שטאָלץ, גרויס-האַלטעריש מיט איר יוגנט, מיט איר כּוח, שיינקייט און געלונגענע פּרוּוון לאָזט זיך אין דער וועלט אַריין ווי קיינעם מער ניט באַדאַרפֿן, קען אַלץ אַליין כּלומרשט באַשטיין איר וועלטל. אָבער אַז ס׳פֿאַלט צו דער אָוונט, קומט זי צוריק אַהיים צו טאַטע-מאַמע -פֿילאָזאָפֿיע און אמונה- בענקענדיק נאָך רו און מנוחה. דערשראָקן פֿאַר די אומגעהײַערס פֿון דער אייביק-קאַלטער. אייביק-פֿינצטערער נאַכט. ווו אַלץ וואָס איז זיך פֿילט אַליין פֿאַרלאָזט. כ׳קען אַפֿילו עטליכע צעבאַלעוועטע וויסנשאַפֿטלערס. וואָס זענען פּלוצלינג געוואָרן פֿרום. און ניט נאָר סתּם פֿרום. נאָר פֿאַנאַטיש. כ׳זע, כ׳פֿיל אין זייערע אַמאָליקע מעגאַלאָמאַנישע אַמביציעס אַן אומעט. אַן אומבאַהאָלפֿנקייט און אַ פּחד. ניט וויסנדיק ווו. צו וועמען זיך צו ווענדן.

~※~

כ׳האָב ליב פֿאָלק. און כ׳האָב פֿײַנט המון. פֿאָלק וואָס איז סײַ טראַדיציאָנעל. און דאָך - תּמיד נײַ. פֿאָלק - גאָלדענער פֿאָדעם אין פּלאָנטערקנויל פֿון דער וועלט. און המון - אָן שום זין, תּמיד גרייט צו אַפּלאָדירן און צו מאָרדן, צו הייבן און צו דערנידעריקן, לויטן אינסטינקט פֿון דער חיה וואָס ליגט אין מענטש און טרוימט אַ פּיצל צוקער און אַ בײַטש, קניט פֿאַרן דרעסירער.

עס רייצט מיך תּמיד דאָס שפּרינגען און פֿאָלגן פֿונעם לייב אין דער שטײַג, אונטערן באַפֿעל פֿונעם מענטשל מיטן קאַנטשיק און די שטאַנג אין די הענט. כ׳האָב פֿײַנט דאָס אַפּלאָדירן און ס׳בלינדע פֿאָלגן פֿון המון, באַגײַסטערט, געהעצט און געהיצט פֿונעם פֿירער-טריבון, וואָס אָפּערירט ס׳רובֿ מיט דעמאַגאָגישע אַרגומענטן. כ׳האָב פֿײַנט דעם המון וואָס צעכוואַליעט זיך ווי אַ ברויזנדיקער ים, מיט סומאַטאָכעס, אימפּעטן, סטיכיעס - ווו יעדער ווערט געשטופּט, געשלעפּט, געצויגן, געוואָרפֿן, געשטויסן, געטרעטן.

פֿאָלק איז אידיליש, שיין, קלוג, געלאַסן, באַרעכנט. המון איז פּחדימדיק און וואַרפֿט אָן פּאַניק, איז פּאָגראָמיש, איז אפֿשר יונגיש שיין, אָבער שרעקליך ווי הייסע לאַווע וואָס נידערט פֿון קראַטערס אַרונטער און טראָגט טויט און אומקום פֿאַר אַלץ אַרום זיך.

~❀~

כ'קען בשום אופֿן ניט תּופֿס זײַן ווי אַזוי מע איז אַ וווּלגאַריזאַטאָר, מיט קאָמענטירן, מיט דערקלערן, מיט טײַטשן, מיט האָר־שפּאַלטעניש. כ'האָב פֿײַנט דאָס טײַטשן, צעקײַען און ארײַנלייגן עפּעס עמיצן אין מויל אַרײַן, אַרײַננאַרן אַ לויט אמת אין אַ פּוד ליגן, היילן דאָס קינד מיט ריצנאייל און אַ שאָקאָ לאַדקעלע. כ'האָב ליב די וואָס פֿאַרשטייען אויפֿן ווונק, זענען תּופֿס פּראָבלעמען און באַגרײַפֿן, זוכן ס'מעטאַפֿיזישע אין אַלץ וואָס מאַניפֿעסטירט זיך. לײדער – וויפֿל ליטעראַטור דאַרף מען האָבן צו דערקלערן עמיצן עפּעס, וואָס מע קען עס אַרײַננעמען אין עטליכע ווערטער!

~❀~

נישטיקייט איז שוין אויך עפּעס. אויב נאָר באַגרײַפֿט פֿונעם מענטש און באַצייכנט מיט אַ וואָרט דאָס וואָס מיר מיינען מיט נישטיקייט (ניט דאָס וואָס מע רופֿט גאָרנישט; דאָס איז עפּעס אַזוינס פֿון וועלכן ס'איז דאָך בכלל נישטאָ וואָס צו דענקען, זאָגן צי דערמאָנען) – אָבער דעם מענטשליכן שׂכל, צו זײַנע פּילפּוליזמען, זענען נייטיק טעמעס, ניט־געשטויגן ניט־געפֿלויגן. נעמט ער אַ נישטיקייט און שרײַבט אָן וועגן דעם כּמעט אַ זײַטל, אָט ווי איך, למשל, האָב עס געטון. דאָס הייסט: מאַטעריאַליזירט אַ דיאַלעקטישן סאָפֿיזם.

~❀~

האָס. ווי ליבשאַפֿט, אייביקט. דאָס כסדרדיקע טראַכטן פֿון עמיצן צי עפּעס בינדט דיך צו. און קלערנדיק זיך אָפּטרייסלען, אָפּשיידן דערפֿון, ווערט מען גאָר צוגעצויגן אַלץ מער. נאָר גלייכגילט, פֿרעמד, קען עפּעס אויפֿטון. באַהיט מיך, גאָטעניו, פֿון די ליידנשאַפֿטליכע געפֿילן פֿון שנאה אין מיר! פֿאַרגעסן וויל איך מײַנע פֿײַנט, און ניט דאַרפֿן פֿאַרטראָגן זייער געדעכעניש אין מײַן געמיט — אַ לאַסט ווי אַ שווערער שאָטן. מײַנע פֿײַנט זענען ניט ווערט מײַן שנאה.

און דו, גאָט פֿון שלאָף, פֿאַרטרײַב זיי אַפֿילו פֿון מײַנע חלומות! איז פֿאַראַן אַן אימאַנענטער יושר אויף דער וועלט, טאָ זאָל שוין ער נקמה נעמען פֿאַר די עוולות וואָס זיי האָבן מיר געטון. איך וויל מער פֿון זיי ניט טראַכטן, ניט פֿאַראומרייניקן מיט זייער שנאה־געדעכעניש מײַנע מחשבֿות, מײַן געמיט.

מיט איר שטראַלן שענקט זיך די זון. עס צעשפּרייטן זיך אין אייביקן זוכן צי בלאָנדזשען די מיליאַרדן זוניקע אַטאָמען, זיך אויסשטראַלנדיק איבער אומענדליכקייט מיטן זוכן זיך צו באַהעפֿטן מיט עפּעס צי עמיצן אין וועג. נאָר באַגעגנט עפּעס אין ווידערשטאַנד — פֿאַרלירן זיי די פֿינצטערניש און ס׳ווערט דערפֿון ליכט. דעמאָלט ווערט זונענשטאָף באַפֿרוכפּערט, און ס׳דערשײַנען שטערן, פּלאַנעטן מיט אַלץ אויף זיי וואָס ס׳איז דערזעט און וואָס טעלעסקאָפּ צי מיקראָסקאָפּ ווײַזט. דעמאָלט, און נאָר אַזוי, האָט שטאָף מלאכים־פֿליגל, און דער באַשעפֿער זיך דערזעט אינעם געדאַנק ווי אין אַ שפּיגל.

דעם פּאָעטס ווערק זענען ווי די זונענשטראַלן: נאָר ווען זיי ווערן פֿאַרשטאַנען און געפֿילט ווערט דערפֿון ליכט און וואַרעמקייט.

מחשבֿות, עמאָציעס און געפֿילן אייניקן אַלע מענטשן צווישן זיך, ווי זיי אייניקן דעם יחיד צום כּלל און צו אַלץ אינעם באַשאַף. ניט מעגליך זיך אָפּצוזונדערן. טראַכטן פֿון עמיצן צי זײַן אַליין דער אָביעקט פֿון עמיצנס געדאַנקען צי געפֿילן, שאַפֿט שוין אַ מין פֿאָדעם, און אַזוי אין אַ געוועב: יעדער טראַכט פֿון אַ סך, און אַ סך טראַכטן פֿון יעדן.

איז פֿאַראַן אַ סובטילע נעץ וווּ מיר ליגן געפֿאַנגען, אַ מאָל ווי אַ פֿליג אין שפּינוועבס, אַ מאָל ווי אַ פֿישעלע אין נעץ, ווי אַ פֿייגעלע אין אַ שטײַג, און אַ מאָל ווי אין די אָרעמס פֿון אַ געליבטער. ס'קען זײַן אַ גאָלדענע נעץ, אַ גאָלדענע שטײַג, אַ וווּנדערליכע געליבטע, אָבער דאָך – געפֿאַנגען. אַבסאָלוט פֿרײַ זענען מיר קיין מאָל ניט, און קיינער קען עס ניט זײַן. צו וואָס, כּ'לעבן, די פֿרײַהייט, אויב ניט זײַן פֿאַר קיינעם און מיט קיינעם ניט? אַפֿילו דער נזיר, דער ערמיט, דער פּרוש, דער פֿאַרשלאָסענער אין זײַן העלפֿאַנדביין-טורעם, איז בשום-אופֿן ניט אַליין. ער איז אָפּגעשיידט פֿון דעם, וואָס רייצט אים, אָבער געוואַכט צי ניט – ער טרוימט פֿון דעם צי די, וואָס זענען אים נאָענט; אַפֿילו פֿון די, וואָס ער וויל פֿאַרגעסן. אַפֿילו מיט גאָט צי מיטן טײַוול – אָבער אַליין איז מען בשום-אופֿן קיין מאָל ניט.

~❁~

קליינע מענטשעלעך האָבן קליינע געטער. וואָס גרעסער און טיפֿער דעם מענטשס מחשבֿה – אַלץ גרעסער און אומבאַגרײַפֿליכער זײַן גאָט. אָבער געטער האָבן אַלע. טייל רופֿן זייער גאָט „אַטעיִזם". דער וואָרער גאָט שמייכלט מסתּמא פֿון די נאַיִווע לײַט. אַז דו ווערסט רופֿן די זון „גאָרניט" – נו, איז זי דען ניט קיין זון? מיט דער רגע וואָס מע פֿאַרלירט די אמונה, איז מען אַ פֿאַרלוירענער. מע קען בײַטן דעם נאָמען פֿונעם גלויבן צי פֿון גאָט, אָבער מע מוז אים האָבן. דאָס ניט געפֿינען מער גאָט, איז דער אָנהייב פֿון אומקום.

זאָרגט אָבער ניט, לײַט: גאָט איז אַ גוטער פֿאָטער. דער פֿאַסטעך

היט און זאָרגט אַפּילו פֿאַר די בלינדע שאָף, וואָס זעען אים ניט. אַז מע דאַרף, נעמט ער אַן אײַער געשטאַלט און איר ראַטעוועט אײַער נשמה מיט אַ באַוווּסטזײַן, אַ וויסנשאַפֿט, אַ פֿילאָזאָפֿיע, אָבער תּמיד מיט אַ גלויבן אין זיך זעלבסט. אויב איר פֿאַרלירט חלילה דעם באַגריף פֿון אײַער אַזוי־גערופֿענעם עקזיס־טענציאַליזם, איז עס דער אָנהייב פֿון אײַער טאָטאַלן אומקום.

~❀~

ידנס, יעדנס וועג איז תּמיד משופּע, קיין מאָל ניט האָריזאָנטאַל. יעדער, יעדער האָט זײַן משופּעדיקן וועג. בײַ איינעם פֿירט עס אַרויף, בײַ אַ צווייטן פֿירט עס אַראָפּ, אָבער מאַטעמאַטיש איז אוממעגליך צו געפֿינען ס׳זאָל זײַן געאָמעטריש האָריזאָנטאַל גלײַך. עפּעס פּראָוואָצירט שוין אַזוינס, וואָס שטערט דעם גלײַכגעוויכט. אין איין זײַט איז אָט וויניקער, אָט מער, דאָ נידעריקער, דאָ העכער.

ווייל איז די, וואָס קענען געפֿינען אַ מיטלפּונקט, און ניט דאַרפֿן באַשיידן פּראָבלעמען מיט קריכן אויף פֿעלדזן און מאַכן אומוועגן. און נאָך בעסער איז די, וואָס זעען אין אַלץ דעם וועג אַרויף, תּמיד אַרויף. דאָס לעבן איז פֿאַר זיי אַן אייביקער לוין און ניט קיין שטראָף, קיין אָפּקומעניש, ווי פֿאַר אַנדערע, וואָס פֿילן זיך צוגעצויגן צום נידעריקן, צום אָפּגרונט, תּמיד אַרונטער.

יעדנס, יעדנס וועג איז משופּע, געשאַפֿן בלויז אפֿשר אַ מאָל ווי אַ ברעט אויף אַ מין מיטלפּונקט, אַ וואָגשאָל, און דו אפֿשר קענסט זײַן דאָס צינגל דערפֿון, וועגט אַריבער ווי דיר גלוסט. וואָס געוועזן איז נידעריק – ווערט הויך; דערמיט דערהויבן אויך. ערשט אַז איינער איז געצוווּנגען צו גיין אויף אַ וועג וואָס איז תּמיד משופּע, און מ׳האָט צו טון מיט אַ סיזיף־שטיין וואָס וועט תּמיד אַרונטערפֿאַלן און מע מוז אים תּמיד אַרויפֿשטופּן – פֿאַר דעם איז עקזיסטענץ אַן אייביק גיהנום.

~❀~

מיינען, אַז אַלץ איז שוין מעגליך צו קענען און צו וויסן, איז אַ באַליידיקונג סײַ פֿאַר גאָט, סײַ פֿאַרן מענטש. די מענטשהייט איז נאָך אין די וויקעלער. סײַ גאָט און סײַ דער מענטש האָבן זיכער גרעסערע אַמביציעס ווי דאָס. ווי נאַריש די גרויסע מאַטעמאַטיקער, אַסטראָפֿיזיקער, פֿילאָזאָפֿן, וואָס פּאַטשן זיך אין די בײַכלער באַשר זיי איז געלונגען דורך אַ שפּאַרונקע עפּעס צו דערזען; מיינען זיי אַז שוין: מע מעסט דעם קאָסמאָס, מע קען די סיבה פֿון אַלץ, מע ווייסט דעם תּכלית מיט די גענויע פּלענער פֿונעם באַשאַף! דער — מיטן אָמעגאַ-פּונקט, יענער מיטן פֿאַרמירן זיך פֿון אַנטישטאָף, אַנטיקראַפֿט, אַנטיצײַט, פֿאַר וואָס נישט?

זעט מען דען ניט אַז אונדזערע אַלע מעגליכקייטן זענען בשום-אופֿן ניט מסוגל צו פֿאַרברייטערן אונדזער שטײַג, צו פֿאַרלענגערן ס׳שטריקל וואָס האַלט אונדז, מאַלפּע, לעבן דער קאַטערינקע? אַ שטײַג קען זײַן מיליאַרדן ליכטיאָר די גרייס — איז זי אויך אַ שטײַג; אַ שטריקל פֿון טויזנט אייביקייטן איז דאָך אַ דויער-שטריקל. מיט יעדער דערפֿינדונג, מיט יעדער אַנטפּלעקונג, מיט יעדן דערגאַנגענעם עפּעס פֿון אַ סוד, דערזעט מען ערשט נײַע געהיימענישן, נײַע האָריזאָנטן. מיט וואָס-זשע איז דאָס שטיין אין גרויסן? באַשיידנקייט, געלערנטע לײַט!

∾❁∾

מע קען קרײַזן אין אָפּגעזונדערטע ספֿערן, אין עליפּסן, אָן אָנהייב, אָן סוף, אַרום זונען אַפֿילו ווי סאַטעליטן, און דאָך זאָל אַלץ צוזאַמען גיין ערגעץ פֿאָרויס. ניטאָ קיין קאָסמישע סטאַטיק. אַלץ, אַלץ רוקט זיך ערגעץ אין רוים, אין דויער, געקומען פֿון ערגעץ און געצויגן צו ערגעץ. אַלץ איז תּמיד, אין קלענערע צי גרעסערע ציקלען, אין גלײַכגעוויכט מיט געשאַפֿענע כּוחות, אָבער מיט דער זיכערקייט צו גיין פֿאָרויס, אין אַ פֿאָרויס באַשטימטן וועג.

דאָס צווײפֿלען אינעם גיין פֿאָרויס איז דער ערשטער סימן פֿון

אָפּשטיין. און היט זיך, מענטש: שטיין איז טאָטאַלער, אַבסאָלוטער טויט; טויט יעדנפאַלס פאַר דעם, וואָס דו ביסט עס באַוווסטזיניק: אַ פאָרם, אַ רעלאַטיוו זעלבשטענדיק ווערק. כאַאָס איז אייביק. אָבער היט זיך, מענטש, פון צו זיין אַ טויטער עפּעס, טאַקע ניט מער ווי אַ שטויב, אָבער דאָך אפשר אַ לאַסט פאַר דעם וואָס וויל, וואָס מוז גיין פאָרויס צו אַ באַשטימטן ציל.

~❀~

דיין אייגן לעבן מוז זיין אַ מייסטערווערק, קינסטלער־פריינד. אַלע תּירוצים וואָס דו קענסט געפינען רעכטצופאַרטיקן די פעלערן, די חטאָים פון דיין זיין, זענען ניט גילטיק. ווען ניט — פאַרלאָז די אַרענע, די סצענע, די טריבונע ווו דו שטעלסט זיך אַליין אַוועק קומענדיק צו דער עפנטליכקייט.

דיין אייגן לעבן טאָר ניט זיין דער פאַלשער קלאַנג אין דער סימפאָניע, דער פלעק אויפן בילד, דער ליגן אין דיין דענקען. עס מוז זיין אויסגעהאַלטן און פולקום. קינסטלער! די וועלט באַטראַכט דיין וואָרט און זשעסט. נאָר אונדז ניט און אַנטויש אונדז ניט. אַ שאָד פאַר דיר און פאַר אונדז, וואָס באַגערן דיין שלמות ווי אַ טרייסט פאַר אונדזער נישטיקער אומבאַהאָלפנקייט.

~❀~

הערט אַ מעשה. אַ יאָרליכט־דיסטאַנץ איז פונקט ניין טויזנט פיר הונדערט איין און זעכציק מיליאַרד קילאָמעטער. דער דיאַמעטער פון אונדזער אוניווערס איז אַן ערך צוואַנציק מיליאַרד יאָרליכט. די עלטער פון אונדזער אוניווערס איז עפּעס צווישן צען און טויזנט מיליאַרד יאָרן. אונדזער גאַלאַקציע האָט אַ דיאַמעטער פון הונדערט טויזנט יאָרליכט, און דרייט זיך אין אַ קרייז וואָס דויערט צוויי הונדערט און פופציק מיליאָן יאָר, און באַשטייט פון צוויי הונדערט מיליאַרד זונסיסטעמען, חוץ פלאַזמעס און שטויב. די זון־טעמפּעראַטור איז פונקט פופצן מיליאָן גראַד היץ. ס׳וועט דויערן נאָך אַ פינף מיליאַרד יאָרליכט און די היץ

אויפֿן פּלאַנעט וועט ניט דערמעגליכן קיין שום לעבן. ווער ווייסט וויפֿל פּלאַנעטן, מעטעאָרן -געזעענע און אומגעזעענע קרײַזן אַרום אונדזער זונסיסטעם.

ס׳רובֿ פֿון זיי זענען געניי געמאָסטן-געוויגן אין דיסטאַנץ. די זון פֿון דער ערד איז הונדערט נײַן און פֿערציק מיליאָן פֿינף הונדערט פֿיר טויזנט קילאָמעטער ווײַט, אַזוי. דאָס אַלץ גענוי, פּונקט. איך גלייב זיי אויפֿן וואָרט, די אַסטראָנאָמען, די אַסטראָפֿיזיקער. איר זענט פֿרײַ צו מעסטן און ציילן, אויב איר צווייפֿלט אין זייער פּינקטליכקייט.

ערשט אַ פּשוטער מענטש וואָס וועגט זיבעציק קילאָגראַם באַשטייט פֿון 45,5 פּראָצענט זויערשטאָף; קוילנשטאָף: 12,6%; הידראָגען: 7%; אַזאָט: 2,1%; קאַלציום: 1%; פֿאָספֿאָר: 0,7%; פּאָטאַסיום: 0,214%; שוועבל: 0,175%; סאָדיום: 0,1%; כלאָר: 0,7%. חוץ דעם, מאַגנעזיום דרײַ גראַם, אײַזן דרײַ גראַם, צינק צוויי גראַם, מאַנגאַנעז 0,2 גראַם, קופּער 0,15 גראַם, יאָד 0,03 גראַם. חוץ דעם, סימנים פֿון קאָבאַלט, ניקעל, אַלומיניום, מאָליבדען, וואַנאַדיום, בלײַ, בראָם, פֿלואָר, אַרשעניק, סיליציום און אפֿשר נאָך עפּעס, אפֿשר גאָלד און זילבער אויך. חוץ דעם אַלעמען: 50% וואַסער, 49% ליפּידן, פּראָטידן, גלוצידן, און 1% מינעראַלע זאַלצן. דאָס אַלץ געמאָסטן און געוויגן ניט דורך מיר. נאָר דורך ספּעצן וועמען כ׳גלייב אַלץ אויפֿן וואָרט.

מיטן דאָזיקן צוזאַמענשטעל, אין פֿאַרגלײַך מיטן אוניווערס, מוז מען שטוינען ווי אַזוי קען אין דעם קאָקטייל זיך מאַניפֿעסטירן אַ באַגער אַרײַנצונעמען אין אַזאַ מין מענטשל אַזעלכע גרייסן וואָס ציילן און מעסטן זיך מיט מילי-מיליאָסן יאָרליכט. נו, איז עס ניט אָן אויסטערלישער וווּנדער-שבוווּנדער? וואָס פֿאַר אַ ווערט האָבן אַלע רעליגיעס מיט זייערע מיטאָלאָגיעס און פֿאַרמענטשלטע טעאָגאָניעס? ווי אַזוי איז מען ניט באַשיידן און פֿרום, מיט אָפּשײַ פֿאַר דעם, וואָס האָט געקענט טון אַז דאָס זאָל זיך קענען מאַניפֿעסטירן? בפֿרט אַז אַ מאָלעקול אין אַ מוח איז מער קאָמפּליצירט און בעסער ווי די פּערפֿעקטסטע אָרדינאַטאָרן, וואָס

קענען מאַכן אַ מיליאַרד אָפּעראַציעס אין אַ סעקונדע.

אפשר וואָלט געווען גלייכער זאָלסט ליגן איינגעלייגט, חכם מענטש, ניט געקראָכן אויף די קאָסמישע ווענט און זיך געגריבלט אין נוקלעאַרע נישטיקייטן; מאַך אַ ביסל אָרדענונג אין דיין פּלאַנעטאַרער היים און לאָז אוניווערסן פאַר גאָט צי געטער. יעדן זיין אָרט און פליכט. ווען ניט – וועסטו אומקומען אין אַ צוואַנגיאַקע, ווי עס פּאַסט פאַר אַ משוגענעם.

~❀~

ווייסט עפּעס אין מיין געוויסן וואָס ס'טראַכט אַן אַטאָם צי אַ קעמערל אין אַ נאָגל צי אין אַ האָר, אַז כ'וועל עס אָפּשניידן און וואַרפן אין מיסט; קענען דען נוקלעאָנען אין אַ מאָלעקול באַגרייפן עפּעס וואָס איך האָב־בדעה צו טון מיט זיי; ניט איך פיל עפּעס פון זייער פּסיכיזם, און זיי – ניט עפּעס פון מיינעם. קען איך האָבן אַן אַנונג וואָס ס'קען מיט מיר געשען; קען איך וויסן וואָס גאָט טראַכט פון מיין אומקום, דורך אים באַשלאָסן אָן מיין באַגער; און דאָך, איז מיין געוויסן עפּעס פון מיינע אַטאָמענס סטרוקטור. און אפשר איז עס אַזוי אויך מיט געטליכקייט, עפּעס פון אַטאָמען וואָס שטעלן אַלץ צונויף. און דאָך קען אַ טייל דערפון, ווי נאָך אין אַ סטרוקטור, באַשטימען דעם גורל פון דעם, וואָס האָט זיי צונויפגעשטעלט. האָט דען שמואל הנביא ניט געוואָרנט: באַגערט ניט אַ קעניג!

~❀~

וואַרשיינליך ווערט אַלץ אינעם אוניווערס, פון אַן אַטאָם ביז אַ גאָט, געוועלטיקט מיט די זעלבע געזעצן, די זעלבע מעגליכקייטן און דעם זעלבן גורל; ס'איז נאָר אַ פראַגע פון דימענסיעס אין אָרט און אין צייט. אַ מיני־דויער פאַר אַן אַטאָם, אַן אייביקייט פאַר אַ גאָט. עפּעס אין יעדן אַספּעקט און גרייס איז אונטערגעוואָרפן אַ צענטראַליזירטן סיסטעם, וואָס דערמעגליכט צו הערשן פריי אין אַ באַגרענעצטקייט, און איז גלייכצייטיק נאָר

עפּעס אין גרעסערס, פֿון וועלכן ער איז אַ פֿראַגמענט. מע קען נעמען פֿאַר אַ בײַשפּיל אַ מוראַשקע-נעסט, אַ בינשטאָק און אַ גוף פֿון אַ באַשעפֿעניש, מיט אַ מענטש בתוכם, וואָס געוועלטיקט איבער מיליאַרדן מאָלעקולן, מיט דריזן, איבֿרים פֿאַר וועלכע אַ מוח אין קאָפּ באַשטימט דעם גורל פֿון לעבן און אומקום, אַפֿילו מיט משוגעתן און זעלבסטמאָרד. פֿאַר וואָס זאָל אַזוינס ניט גילטן אין קאָסמישע דימענסיעס?

דאָס טאָר ניט אָנגיין ווי אַטעיִזם, הערעזיע אָדער הפֿקר-אַנאַר כיזם. פֿאַר מיר איז מײַן גאָט, אַפֿילו אויב אַ באַגרענעצטער מײַן אַבסאָלוטער האַר, וואָס געוועלטיקט אין אונדזער קאָסמאָשן, כאָטש באַגרענעצטן, אַלץ, ווי איך קען עס באַגרײַפֿן. כ׳האָב אים ליב ווײַל ער לאָזט מיך זײַן ווי מיר געפֿעלט. און אויב כ׳פֿאָלג זײַנע באַגערן אויספּירנדיק מײַנע פֿליכטן מיט מײַן באַטירליכער עקזיסטענץ, קען איך געניסן פֿון תענוגים אין אַ סך הינזיכטן, פֿיזיש און פּסיכיש, און כ׳וועל נאָך אַ לאַנגן דויער אײַנשלאָפֿן מיט מנוחה און צופֿרידן צו דעם, וואָס קען און וועט געשען מיט דעם, וואָס שטעלט צונויף מײַן גוף, מײַן גײַסט און נשמה. כ׳מוז ניט וויסן וואָס און ווער איז העכער פֿון אים, ביז ווי ווײַט סיגרייכט דער סיסטעם פֿון איינס אין אַנדערן. כ׳בין געגנוג יוצא מיט מײַן אוניווערס, מיט מײַן גאָט, מיט מײַן דויער, מיט מײַן פֿרײַהייט, מיט מײַנע מעגליכ קייטן צו טון מיט מיר און אַרום מיר ווי כ׳געפֿין פֿאַר נייטיק.

כ׳דאַרף ניט קיין מעקלערס און פֿאַרמיטלערס צווישן אים און מיר. ווײַל לאַגיש דאַרף ער מיך האָבן אַזוי ווי איך דאַרף אים. אַלץ זאָל קענען זײַן ווי געהעריק, ווי באַגערט. ווען ניט וואָלט איך דען עקזיסטירט? איז עס ניט אַזוי מיט יעדן מאָלעקול אין מײַן גוף?

אַ שאָד וואָס לײַט האָבן ניט די זעלבע השׂגות און נעמען ניט ווי אַ בײַשפּיל טאַקע אַ בינשטאָק, אַ טערמיטן-נעסט צי אַ גוף פֿון אַ באַשעפֿעניש, און אָרגאַניזירן זיך ניט לאַגיש לטובֿת אייגענעם און אַלגעמיינעם אינטערעס, אָן קלאַסן-פּריווילעגיעס, פּאַראַזיטיזמען און מעגאַלאָמאַניעס. זאָל דער מענטש זײַן אַזוי משוגע, אַז ער מוז

זיך שלאָגן קאָפּ אין וואַנט און זיך שאַפֿן אַזעלכע קריפּלעניש, אויסטערלישע פֿירונגען, זיך סמען פֿיזיש און פּסיכיש, און דערמיט לעסטערן די געטליכקייט וואָס געוועלטיקט איבער אונדזער אוניווערס? אַ געטליכקייט וואָס איז זיכער באַוווסטזיניק, קלוג, און וועט ניט טאָלערירן אַז עפּעס צי עמיץ זאָל צעשטערן די באַגערטע האַרמאָניע, וואָס דאָס איז גלײַכצײַטיק אַ געפֿאַר פֿאַר איר זעלבסט, ווי פֿאַרן פּלאַנעט מיט זײַן בײַאָספּערע. ווי אַזוי האָט אַ פּאַטאָלאָגישער עלעמענט זיך געקענט אַרײַנבאַקומען אינעם מענטש?

לײדער קען מען פֿעסטשטעלן אַז עפּעס אַנדערש איך צעשטערט די האַרמאָניע פֿונעם אוניווערס. אַזוי פֿיל טעלורגישע און אַסטרישע קאַטאַסטראָפֿעס, אַזוי פֿיל אַגרעסיווע שטראַלונגען, אַזוי פֿיל סאַטעליטן געפֿאַנגענע אין אָרביטן, חוץ יעדנס עקזיסטענץ וואָס מוז זיך נערן מיט אַנדערע לעבנס! האָב איך דען ניט געלייענט צי געהערט אַז ס׳זענען פֿאַראַן אַזעלכע שוואַרצע תּהום-עפּעסן וואָס שלינגען אײַן גאַלאַקציעס? זעט מען ניט אַזוי זי פֿאַר וואַלפֿיש זענען דאָ וואַלפֿיש-גרויסע אַגרעסאָרן? אַלץ איז צוגעפּאַסט צו דימענסיעס און דויער. ווער ווייסט וואָס פֿאַר אַ שׂונאים עס לויערן אויף געטער!

לײדער, אָדער אפֿשר בעסער, זענען דאָס אַזעלכע פּראָבלעמען, פֿון אַזעלכע דימענסיעס, אַז ס׳איז גלײַכער מע זאָל דערפֿון ניט טראַכטן. ווען ניט — פֿירט דאָס זיכער גלײַך אָדער אין משוגעים-הײַזער, אָדער מיט פֿריצײַטיקן אומקום אין אַ קבֿר.

דאָס שרײַבן פֿון רעכטס אויף לינקס איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר ייִדן און אפֿשר אויך פֿאַר אַראַבער. ווי דאָס וואָלט געווען אַ פֿאָלגן דעם פּלאַנעט מיט זײַן ראָטאַציע פֿון לינקס אויף רעכטס. דער לאַטײַנישער צי גריכישער אופֿן שרײַבן איז ווי אַ ווידער-שטאַנד, אַ רײַסן זיך, אַ לויפֿן צו דער זון, כאָטש זעענדיק, אַז דער פּלאַנעט ווערט געטראָגן אויף צוריק. אפֿשר איז דאָ פֿאַראַן אַ

צוטרוי, אַ וויסן אַז די ערד, כאָטש זי דרייט זיך אַוועק פֿון דער זון, איז מען זיכער אַז זי קומט מאָרגן צוריק, און ס'ניצט ניט קיין רעוואָלט קעגן דער נאַטור.

די שריפֿט פֿון כינעזער, מיט זייער ווערטיקאַלן אופֿן, איז ווי געמיטן פּראָבלעמען, כאַראַקטעריסטיש פֿאַרן קאָנפֿוציוסיזם. ניט רעליגיע, ניט פֿילאָזאָפֿיע – סאָציאַלע אָרדענונג. זייער אופֿן שריפֿט איז די ווערטיקאַלע סטאַביליטעט פֿון דער כינעזישער מאָראַל.

~❂~

קיין שום פֿילאָזאָפֿישע און רעליגיעזע דאָקטרינע וואָס נעמט ניט אין אַכט, איידער וואָס און ווען, דעם היסטאָרישן מאַטעריאַליזם –דאָס אַלץ וואָס האָט אַ שייַכות מיט דער עקאָנאָמיע, מיטן קלאַסן-קאַמף, קלאַסן-פּריווילעגיעס, קלאַסן-עגאָיזם און פּאַראַזיטיזמען, און די יחידישע און סאָציאַלע פּסיכאָלאָגיע וואָס איז ממילא אַ טייל דערין– קען ניט זייַן וואָר. אַזאַ דאָקטרינע מוז זייַן ווי אַ געבייַדע אָן גילטיקע פֿונדאַמענטן. אַלע אירע אויספֿירונגען, סענטענצן, אַקסיאָמען – זענען געפֿעלשט. דער שׂכל ווערט געלעסטערט; דער באַוווסטזייַן מיטן געוויסן – גענאַרט, בכן: היפּאָקריטישער בלאָף.

אָפֿן צי ניט-ווילנדיק אפֿשר, לײדער, איז דער דאָזיקער אינטע לעקטואַליזם תּמיד לטובֿת אַ סאָציאַלן רעזשים וואָס האָט ניט קיין שייַכות מיט ערליכקייט, פֿרייַהייט, גלייַכהייט און ליבשאַפֿט, וואָס מוזן זייַן די יסודות פֿון יעדער עטיק און אַפֿילו פֿון יעדער פֿרומקייט. אַלע קולטורן און ציוויליזאַציעס, זינט מע געדענקט און מע געפֿינט עפּעס אַ זכר אין דער געשיכטע פֿון מענטשליכער עקזיסטענץ, זענען סוביעקטיוו געלערנט און קאָמענטירט טענדענציעז. אין דער הינזיכט איז דער מאַרקסיזם, מיט זייַן עקאָנאָמישן מאַטעריאַליזם, דער איינציק-גילטיקער פּרוּווּשטיין, דער איינציק-מעגליכער אַנאַליז-סיסטעם צו זען דעם אמת, דעם וואָרן אַספּעקט פֿון די באַציִונגען צווישן לייַט, פֿעלקער, נאַציעס,

זינט תמיד, אָן שום מעגליכן אויסנאַם.

שקלאַפֿעריַי, קרבנות, פּראָסעליטיזם, יחסנות, טיראַניעס, רעוואָלטן, מלחמות, ציוויליזאַציעס, קולטורן, מאָראַל, עסטעטיק — אַלץ וואָס וואָלט געווען אַנדערש קען נאָך הײַנט זײַן אַנדערש, ווען אמת, פֿרײַהייט, גלײַכהייט, ליבשאַפֿט, אָרנטליכקייט און עלעמענטאַרער לאָגישער שכל-הישר וואָלטן געווען גילטיק. אַלע קאָנסטיטוציעס, קאָדעקסן, רעליגיעס, זענען געווען און זענען נאָך הײַנט תמיד אונטער די השפּעות פֿון פּריווילעגיעס, קלאַסן-אינטערעסן, קאַריערעס, פּאַראַזיטיזמען. איידער די וויסנשאַפֿט, די מעטאַפֿיזיק מיטן גריבלען זיך אין נוקלעאָנען, קריכן אַסטראָפֿיזיש און ווענדן זיך צו הימלישע טעאָגאָניעס, וואָס און ווען — דאַרף מען קודם-כּל מאַכן אַ ביסל אָרדענונג מיט דער טאָג-טעגליכער עקזיסטענץ. ניט קומען רייניקן הימאַלאַיאַס לאָזנדיק קופּעס מיסט און רינשטאָקן מיט קויט אין דער אייגענער היים. דערנאָך וועט מען, פֿיזיש און פּסיכיש געזונט, קענען אַ טראַכט טון פֿון נשמה-פּראָבלעמען. און ס'איבעריקע איז בלאָף. ליטעראַטור, וואָס האָט גיכער אַ שײַכות מיט פֿיזישער און סאָציאַלער פּאַטאָלאָגיע ווי מיט פֿילאָזאָפֿישע און רעליגיעזע פּראָבלעמען.

די עקאָנאָמישע און גײַסטיקע פּאַנאַטיזמען צעשטערן די נאַטירליכע אייגנשאַפֿטן פֿון לײַט. זייערע כאַראַקטערן. זיי זענען אַלע אָן אויסנאַם צעחושט, מיט פֿאַרשיידענע **איסטן און איזמען**, פּאַראַנאָיע-אַמביציעס און אויסטערלישע דראָגן. דאָס אַלץ מוז זיך ענדיקן. אויב ס'וועט אַזוי ווײַטער אָנגיין, מיטן טאָטאַלן אומקום פֿון דער ביָאָספֿערע.

די געטליכקייט וואָס געוועלטיקט זיכער מיט אונדזער אוניווערס, וואָס באַדויערט אַפֿשר די פֿרײַהייט וואָס זי האָט באַוויליקט צו געבן דעם מענטש, מוז צוזען מיט טרויער וואָס דאָ געשעט. בכן, שיקט זי פֿאַרשיידענע סידאַ-מגיפֿות צו וואָרענען די מעגאַלאָמאַנישע האָמאָ-סאַפּיענסן, ווײַל די געטליכקייט איז זיכער ניט נאַרישער פֿון אַ פּשוטן מענטש. ווער ווייסט וואָס פֿאַר אַן אַמפּוטאַציעס טשאַטעווען אויף אונדז? וועלכער וואָרער גאָט

וואָלט עס גלײַכגילטיק צוגעזען ווי אַזאַ שײנער, בלויער פּלאַנעט ווערט פֿאַרפּעסטיקט און צעשטערט! אַפֿילו אַ גולם מענטש, אַ טיפּש, וועט דאָך ניט לאָזן זיך צעשטערן אָן פּרוּוון זיך צו ראַטעווען!

האָב רחמנות, גאָטעניו! אויב דו ביסט אָמניפּאָטענט, ווי ס׳איז וואָרשײַנליך, באַווײַז עס, און אַנשטאָט אַ ווירוס צי וויבריאָן שיק אונדז אַ שׂכל-מיקראָב, אַן אַנטי-אידיאָטישקייט באַקטעריע, אַן אַנטידאָט קעגן די קאָמיקאַדזע-היסטאַמינען וואָס שטעלן אין געפֿאַר עפּעס פֿון דײַנע קאָסמאָסן! אַ ווירוס געפֿינט אַ קעגן מיטל קעגן פּעניצילינען, און אַ גאָט זאָל עס ניט קענען באַוויַיזן צו טון?!

~❂~

איך, אהרן הקטן, בין ניט מסכּים מיטן שפּינאָזישן גדולס אויספֿיר, אַז דער פּאַנטעיִזם איז אַ מאַטעריעלער קאָסמישער אַלץ, און גײַסטיקייט איז אַן אַספּעקט פֿון דער דאָזיקער סובסטאַנץ. פּונקט פֿאַרקערט! לויט מײַן השגה, איז דער אוניווערס כּולו-גײַסטיקייט, עסענץ וואָס איז לעבן, און אַלע מעגליכע סובסטאַנצן, פֿאָרמען, פֿענאָמענען, זענען נאָר אַספּעקטן פֿון דעם דאָזיקן לעבן.

צווייטנס געפֿעלט מיר ניט דער פּלאַטאָניש-מענדעלסאָניסטישער פֿעדאָניזם וועגן דער אומשטערבליכקייט פֿון דער נשמה, וואָס פֿירט זיך ווי אַ דיבוק: אַרײַן און אַרויס פֿון אַ גוף, און ווי נאָר פֿרײַ – צו רעאַליזירן אירע אידעאַלע באַגערן. גוף איז אויך נאָר אַן אַספּעקט פֿון לעבן. סובסטאַנץ און נשמה אָדער גײַסט דאָס זענען תּמיד נאָר אַספּעקטן. דאָס אַלץ זענען ציגל וואָס שאַפֿן דאָ איין געבײַדע, דאָ אַ צווייטע. ווער ווייסט צי הײַנט בין איך מענטש און מאָרגן בין איך ניט פֿויגל, וואָרעם צי בלום?

מענדעלסאָן איז געווען צו פֿרום מיטן ייִדישן פֿאַנאַטיזם און האָט ניט געטאָרט אין זײַן צײַט טראַכטן אָדער זאָגן עפּעס ראַציאָ-נעלס. זײַן זיכער קלאָרער שׂכל איז געווען געפֿאַנגען סײַ אין

יידישע פֿאַנאַטיזמען, סײַ אין אַלע גוייִשע פֿאָראורטיילן פֿון די קריסטליכע טעאָקראַטן, פּאָטענטאַטן און סטאַיעס פֿון די אָנגערייצטע המונים. ניט צו פֿאַרשטיין אָבער ווי די יורשים זײַנע זענען אַלע געוואָרן אָפּטריניקע, זיך געשמדט, זיכער ניט צוליב די עוואַנגעלישע אמתן, נאָר צוליב פּטור צו ווערן פֿון די פֿאַרפֿאָלגונגען, לעבנס־געפֿאַרן אַפֿילו, אָדער גאָר צוליב אינטערעסן. ניט מעגליך אַז אַ קאָמפּאָזיטאָר ווי בערטאָלדי אָדער אַ פּאָעט ווי הײַנע זאָלן ווערן מיצקע דערינען פֿרומע, איבערגעצײַגטע קריסטן. ליידער האָט מען דאָך אויך געזען ס׳דאָזיקע מיט אַזאַ מין חכם־פּאָעט ווי מאַקס זשאַקאָב. פֿאַר וועמען די געטליכע בתולה האָט זיך באַוויזן פּלוצלינג אויף דער וואַנט. אָדער די קאַרמעליטן־שוועסטער סימאָן וויַיל, וואָס איז ניט נאָר געוואָרן אַ פֿרומע קריסטן, נאָר אויך אַ שונא־ישראל, ווי ס׳רובֿ כּלומרשטע נאָכפֿאָלגערס פֿון אונדזער גוטן ישו, וואָס האָט קיין שום שײַכות ניט מיטן קאַטאָליציזם, פּראָטעסטאַנטיזם, צי נאָך אַזעלכע צדיקים ווי פּאַסקאַל, טאָרקוועמאַדאַ, טשענסטאָכאָווער גלחים אָדער אוקראַיִנישע הײַדאַמאַקעס. נאָר דאָס איז אַן אַלטע געשיכטע, תּמיד באַנײַט.

נו, ווי געווינטלעך, בין איך פֿאַרקראָכן, אָנגעהויבן מיט אַן אַנטי־שפּינאָזיזם און פֿאַרקראָכן אין אַן אַנטי־גוייִשיזם מיט זייער קריסטליכקייט. מע קען זאָגן דאָס זעלבע אויך פֿון איסלאַם. אָבער אַזוי ווי איך וויל ניט אָנגיין פֿאַר קיין פּעדאַנט, וועל איך איבער־לאָזן די אַלע פּראָבלעמען און זיך פֿאַרנעמען מיט אַנדערע טעמעס.

~❀~

עמיץ צי עפּעס וואָס איז אין אַן אינעווייניק, וועט קיין מאָל ניט קענען תּופֿס זײַן, ניט מסוגל זײַן צו באַגרײַפֿן דעם דרויסנדיקן אַספּעקט פֿון זײַן שטײַג, געפֿענגעניש, הויז צי ווי איר ווילט עס רופֿן.

מיר זענען אין אַן אוניווערס וואָס געפֿינט זיך, ווי מיר, אין

ספּערעס, ווי די רוסישע קוקלע־אייער. ס׳דאָזיקע איז גילטיק פֿאַר אַן אַטאָם ווי פֿאַר אַ קאָסמאָס. איז פֿאַראַן אַ געוועלטיקער דערין, צי איז פֿאַראַן אַ געטליכקייט אין דרויסן? גיי ווייס! מע מוז זיך באַגענוגענען מיט דעם, וואָס מע קען תּופֿס זײַן. ווען ניט איז דאָ אַן אויסוועג: ווערן משוגע.

~❁~

אוי, דער קאָפּ! ווער דאַרף אַזוי פֿיל לאַסט, אַזוי פֿיל באַגאַזש, קענטעניש, אינטעלעקטועלקייט, ספּיריטואַליזם, אַזעלכע סיזיף־פֿעלדזן וואָס מע שלעפּט תּמיד אַרויף מיינענדיק אַז דאָס איז פּראָגרעס, אָבער ס׳פֿאַלט תּמיד אַרונטער און ניזוקט לײַט. נאָך קיין מאָל ניט געווען אַזאַ מין שרעקליכע עפּאָכע מיט אַזוי פֿיל מערדערײַ, טעראָר, געפֿאַנגענשאַפֿט־קאָמפּלעקסן, קלאַסן־פּריווילעגיעס, הונגער, אַרבעטסלאָזיקייט, רעוואָלטן, עקספּאַנסיעס, נײַע ווירוס־מגיפֿות, משוגעתן, דראָגן, אידעאָלאָגיזיקייט, רויבערײַ, היטלערס, סטאַלינס, כאָמייניס, אַראַבישע מאָרד־אָרגאַניזאַציעס. דאָס שטײַגט איבער אַלץ, וואָס האָט געקענט געשען אַ מאָל אינעם מיטלעלטער מיט די אינקוויזיציעס, קרײַצפֿאָרערס און טיראַנען.

ווי אַזוי זעט ניט די כּלומרשט קלוגע וועלט אַז מע קײַקלט האַסטיק זיך אַרונטער צום נוקלעאַרן אומקום? אַלץ איז אַנאַרכיש, איבערגעטריבן: די עקאָנאָמיע, דעמאָגראַפֿיע, שאָוויניזם, עגאָפֿאָביע — די גאַנצע מענטשהייט איז קאָמיקאַדזיש. פֿאַר וואָס? ווי אַזוי קען אַ מענטשן־מין ווערן טאָטאַל משוגע אין אַבסאָלוט אַלע היגזיכטן, עטיש און עסטעטיש? ווי אַזוי קען אַ געטליכקייט צי עפּעס פֿון דעם אָמנימעכטיקן דערלאָזן, אַז ס׳זאָל קענען אַזוינס געשען? ווי אַזוי קען אַ סידאַ־ווירוס גובֿר זײַן אַלע ווינסנשאַפֿטליכע חכמות און ממיתן ווי מיט אַ חוזק, אויסגעלאַכט זיך פֿון אַלע מיקראָסקאָפּן, לאַבאָראַטאָריעס, אַקאַדעמיעס מיט זייערע פּראָפֿעסאָרן און קענטענישן? ניט צו פֿאַרשטיין!

די ביִאָספֿערע פֿאַרטיידיקט זיך אפֿשר, שטראָפֿט אונדז,

ציוויליזירטע לײַט. פֿאַרן צעשטערן די נאַטירליכקייט פֿון דער עקאָלאָגיע מיטן פֿאַרסמען טײַכן און אָקעאַנען. פֿאַרפּעסטיקן די לופֿט און אויסהאַקן וועלדער כּדי צו שאַפֿן ליטעראַטור. דערפֿאַר פּלאָנצט מען דראַג-געוויקסן וויפֿל ס'לאָזט זיך. דאָס מוז זיך אויסלאָזן מיט קאַטאַסטראָפֿעס. דאָס אַלץ, באַגלייט מיט ליטעראַטור, מיט אַזוי פֿיל נײַע צײַטשריפֿטן, מיט אַזוי פֿיל ביכער, פֿאַרפּעסטיקט דעם פּסיכיזם און איז ווי אַ לאַסט אויפֿן קאָפּ, אויפֿן מוח. ווי אַזוי באַפֿרײַט מען זיך פֿון די אַלע ציוויליזאַציעס, קולטורן: ווי אַזוי קריכט מען אַרויס פֿון די זומפּן וווּ מ'איז אַליין פֿאַרקראָכן, מיינענדיק אַז מע וועט געפֿינען נײַע וועגן וואָס זאָלן פֿירן צו אַ מנוחהדיקער עקזיסטענץ?

~❀~

קען מען האָבן טענות צו עמיצן פֿאַר זײַן באַגערן זײַן צי ווערן אַן איבערמענטש? אויב ניט מיט פּריווילעגיעס, נאָר מיט טאַלאַנט, ווירטואָזיטעט, ליבשאַפֿט, שיינקייט און חן. פֿאַר וואָס ניט? אַ בוים נעדט מיט זײַנע וואָרצלען דעם שטאַם מיט אַלע שפּראָצן, פּירות, אַפֿילו, ביזן מינדסטן בלעטעלע. פֿאַר וואָס ניט איינזען די גילטיקייט פֿון זײַן באַגער, אַז צווײַגן / זאָלן תּמיד שטײַגן,/ שטײַגן ביז אפֿשר קענען גרייכן / אַזורס מיט זון באַשטראַלטע הייכן: איבערמענטש ווי אַן אידעאַל? פֿאַר וואָס ניט אויב ניט מיט עגאָיִזם און אויפֿן חשבון פֿון אַ צווייטנס ווילזײַן?

~❀~

אינטערעסאַנט צו וויסן וווּ געפֿינט זיך דער קאַרל מאַרקס פֿון די בינען, דער ענגעלס פֿון די טערמיטן, די דאָקטרינעס פֿונעם היסטאָרישן מאַטעריאַליזם מיט זייער סיסטעם, און קלאַסן-פּריווילעגיעס מיט קלאַסן-קאַמף בײַ די מוראַשקעס. זיי אַלע, וואָס זענען מיט צענדליקער, הונדערטער מיליאָן יאָר דווער עלטער פֿון אונדז, וואָלט געווען גוט ווען מע קען זיך אויסלערנען זייער

שפראַך, זייערע רעליגיעס, זייערע פילאָזאָפיעס, כּדי מע זאָל קענען זיך צופּאַסן צו אַ גילטיקן לעבנס-שטייגער. אָן די פאַרשיידענע צרות וואָס עס זענען גורם אונדזערע כּלומרשטע ציוויליזאַציעס און אונדזערע פאַרקריפּלטע קולטורן.

~❀~

קיינער איז ניט מסוגל צו באַווייזן אַז מע קען נעמען אַן אַטאָם, לויט דעמאָקריטס גריכישן „אַטאָמאָס" — ניט צעטיילעוודיק, און אים צעשניידן נאָך אַנאַנד ביז פאַרוואַנדלען אים אין אַ נישטיקייט, אין אַ מאַטעמאַטישער עקוואַציע צי אַ פיקציע פון אַ פענאָמענאָלאָג, ביז פאַרשווינדן טאָטאַל. עפּעס מוז תּמיד בלייבן, און אויב געבליבן — מוז מען דאָס קענען טיילן אין צווייען. טאָטאַל פאַרשווונדן ווייל מע זעט עס ניט? מע זעט ניט קיין פאָטאָנען, ניט קיין אַטאָמען, אָבער מע מאַניפּולירט זיי, פּראַגמאַטיש ניצט מען זיי דאָך. בכן, זענען זיי דאָ. ווי אַזוי קען מען דערגיין די גרענעץ פון מינידיקן? איז עס ניט דאָס אייגענע מיטן גרעסטן? מיט אונדזערע מעגליכע חושים זענען מיר תּמיד אין אַ מיטן, אין אַן אינעווייניק, אין אַלע היבזיכטן. געפאַנגענע וואָס טראַכטן פון אַ דרויסן, אַ יענע-זייט, אַ פרייהייט, אָבער וואָס מע קען בשום-אופן ניט גרייכן, אַפילו ניט מיט אונדזער דמיון, מיט אונדזערע השגות.

~❀~

באַריש, לעכערליך די אַלע, וואָס פילן זיך נישטיק, תּמיד זינדיק מיטן בלויזן פאַקט פון זיין אַפילו, אין אַ וועלט פון כּלומרשטן הבֿל-הבֿלים, און נאָך גע׳על-חטאוועט אין געפאַלנקייט, געליטן מיט אסקעטיזמען, געתּפילהט נאָך אַנאַנד יום-כּיפּורדיק, געבעטלט ביי אַן אומבאַגרייפן גאָט מחילה, און אַזוי ווייטער.

ווי נאַריש, די דאָזיקע געפאַלנקייט! אדרבא, דער באַוווּסטזייניקער ערליכער מענטש מוז זיין שטאָלץ און פילן זיך ניט נאָר אַ וויכטיקער עפּעס אינעם באַשאַף וואָס עוואָלוירט אַ דאַנק אויך זיין

עקזיסטענץ, דורכן עטעמען, מיטן פֿאַרדײַען, מיט יעדער באַוועגונג אפֿשר, נאָר טאַקע ווי אַ שותּף, און פֿאַר וואָס ניט עפּעס מער דערפֿון – מיט דעם וואָס ער וויל עפּעס און טוט, כּדי ס׳דאָזיקע זאָל קענען זײַן, און ניט נאָר בלויז דאָס – ער קען אויך אורטיילן, קריטיקירן, פּראָטעסטירן, זיך רעוואָלטירן קעגן אַ קאָסמישן סיסטעם וואָס מוז אָנקומען צו שלעכטס, צו אַגרעסיעס, מאָרד און אַנגסט פֿאַר דעם אויסטערלישן סדר-העולם פֿון כּולו-פּאַראַזיטיזם, מיטן מוזן פֿאַרטיליקן עפּעס צי עמיצן כּדי צו קענען אַליין עקזיסטירן. אויב אַפֿילו אין זעלטענע סימביאָזן עקזיסטירט מען צוזאַמען מיט אַנדערע, איז עס דאָך קעגן עפּעס צי עמיצן.

טאַקע עפּעמעריש, אומבאַהאָלפֿן קעגן נאַטור-קאַטאַסטראָפֿעס, שטראָלונגען, מאַגנעטיזמען און אומבאַגרײַפֿטע דעטערמיניזמען – אָבער דער מענטש טראַכט דערפֿון, זעט, פֿילט ס׳דאָזיקע, און ער קען האָבן טענות: פֿאַר וואָס באַשאַפֿן רשעים? פֿאַר וואָס קען בכלל זײַן שלעכטס צי מיאוסקייט?

ערשט די זיכערקייט אַז ער איז ניט נאָר אַ וויכטיקער עלעמענט ווי מענטש, נאָר באַשטייט אפֿשר אויך פֿון סובסטאַנצן וואָס קענען ניט אומקומען טאָטאַל, נאָר בײַטן אַספּעקטן, און אויך פֿון ספּיריטועלע עפּעסן וואָס זענען אפֿשר אויך אייביק, און שטעלן מיט זיך פֿאַר זיכער אַ טייל, ווי קליין ער זאָל ניט זײַן, פֿונעם אוניווערסאַלן גײַסט וואָס פּראָגראַמירט קאָסמאָסן, אומענדן און אייביקייטן, ווען אַפֿילו ער, דער מענטש, איז דערווײַל ניט מסוגל דאָס צו באַגרײַפֿן אָדער פֿאַרשטיין.

אויב אַ ווערק איז פּעלערהאַפּטיק, איז עס די שולד פֿון מײַסטער. וואָס אָלמעכטיקער דער ווירטואָז, אַלץ גרעסער די שולד. ער דאַרף בעטן מחילה בײַ זײַנע שאַפֿונגען. אַז מע טראַכט אַז ניט געקוקט אויפֿן כּי-טובֿ, קענען זײַן –מוזן זײַן– אַ שלאַנג אין גן עדן, פֿאַרבאָטענע פּירות, אַ מעגליכקייט צו זינדיקן, אַ קין זאָל קענען אומברענגען דעם אייניציקן ברודער, און דערצו נאָך זאָל גאָט שיצן דעם רוצח, דראָענדיק יעדן איינעם וואָס וועט טשעפּען דעם מערדער!

פֿאַר וואָס זאָלן לײַט קענען זיך פֿאַרקריפּלען פֿיזיש און פּסיכיש מיט רעליגיעזע צי פֿילאָזאָפֿישע דאָקטרינעס, און אין נאָמען פֿון ליבשאַפֿט ממיתן זיי זייערס גלײַכן, חוזקן פֿון יעדער עטיק און עסטעטיק? אַז מע קען שטעלן די אַלע פֿראַגעס, איז דאָס אַ באַווײַז, אַז דער באַוווסטזיניקער מענטש איז ניט קיין נישטיקייט, נאָר מאָראַליש וויכטיקער פֿון געטער זעלבסט, וואָס דאַרפֿן בעטן מחילה בײַ אים, דעם האָמאָ-סאַפּיענס, און ניט ער מוז קומען בעטלען פֿאַרצײַונג.

דער מענטש זינדיקט? פֿאַר וואָס איז ער מסוגל צו זינדיקן? בכן איז דאָך לײַכט אײַנצוזען אַז ער איז עפּעס וויכטיקס, שיינס אינעם קאָסמישן אַלץ. פֿאַר וואָס זשע ניט זײַן קודם באַוווסטזיניק שטאָלץ, און אויפֿהערן זיך צו פֿאַרקריפּלען פֿיזיש און פּסיכיש? פֿאַרקערט! ער, דער מענטש, איז מסוגל אויסצובעסערן דעם באַשאַף, אָנהייבנדיק פֿון זיך אַליין, און ווירקן אויף דער גאַנצער ביִאָספֿערע, באַווײַזנדיק די גילטיקייט פֿון וואָרן כּי-טובֿיזם.

~❂~

„דינאַמיזם איז לעבן, סטאַטיק איז טויט“. טויט איז אפֿשר אַ רעלאַטיווער צושטאַנד. מיטן באַוווסטזײַנס אומקום איז אַ באַשעפֿעניש טויט. אָבער צי זענען די אַטאָמען אין איר סטאַטיש? קען עפּעס זײַן אָן דער באַוועגונג פֿון עלעקטראָנען, פּראָטאָנען, פֿאָטאָנען אד״גל?

דער גוף וואָס באַשטייט פֿון אַטאָמען ווערט אויפֿגעגעסן פֿון ווערעם, באַקטעריעס צי אַנדערע באַשעפֿענישן, איז טאָטאַל טויט. אָבער צי לעבט עפּעס ווײַטער אין די פֿראַגמענטן פֿאַרדײַעטע פֿון אַנדערע עקזיסטענצן?

פֿאַר וואָס דילעמען דינאַמיזם-סטאַטיק? לעבן איז דינאַמיזם – אַן אײַגנשאַפֿט פֿון קאָסמישן אַלץ, מיט אַלע מעגליכע עוואָלוציעס און פֿאַרוואַנדלונגען אין פֿאַרשיידענע אַספּעקטן, דערפֿון – עסענץ, סובסטאַנץ אד״גל. ניט פֿאַרגלײַכן דינאַמיזם מיט מעכאַניזם. אַ מעכאַניזם קען בלײַבן שטיין;

דינאַמיזם — קיין מאָל ניט! קען מען זיך פֿאָרשטעלן אַז עפּעס אין אַן אַטאָם זאָל זיך ניט כּסדר באַוועגן? דער נירוואַניזם איז אַן אַבסורד!

~~

אזוי גוט ווי פֿאַראַן פֿאַרן גוף אַ רייצונג, אַן איריטאַציע, איז פֿאַראַן אַ נשמה-בייסעניש, וווּ ס'גלוסט זיך אַ קראַץ טון צי אַ רייַב טון. אָבער אויב אַפּילו צו דער פֿלייצע קען מען צוקומען: אַ מאָל מיט דער האַנט, אַ מאָל מיט אַ שטעקעלע — ווי אַזוי קען מען צוקומען צו דער נשמה? איי-איי-איי, ווי גוט וואָלט געווען אַ שווייצבאָד פֿאַר נשמות מיט אַ רייַב פֿון אַ בעזעמל אויף דער אייבערשטער באַנק, מיט אַ „דאַוואַי פּאַרע, מיקיטאַ סערדצע!". אפֿשר אַזוי וואָלט מען געקענט לייַכטער אָפּעטעמען און געפֿינען אַ ביסל מנוחה!

~~

וי לאַנג אָדער ווי נאָר אַ זוים געפֿינט איר אָנהאַלט אין דער ערד, הייבט זי גלייַך אָן זיך צו הייבן צו דער הייך, צו הימלען. איז דער מענטש דען אַנדערש? דער אונטערשייד איז נאָר דאָס, וואָס ביי טייל לייַט איז דער דראַנג צו הימלען אַזוי גרויס, אַז זיי פֿאַרנאַכלעסיקן דעם אָנהאַלט אין דער ערד. זייער גאַנצער קיום איז אַזוי אָרום אָפּהענגיק פֿון מינדסטן ווינט, און דער ערשטער שטורעם באַדייַט פֿאַר זיי אומקום.

~~

ואָרשייַנליך זיכער איז, אַז וואָס העכער געשטיגן אַלץ ברייטער דער האָריזאָנט, אַלץ ווייַטער איז דער פֿאַרנעם, אַלץ גרוימער פֿילט זיך דער געדאַנק, און אַלץ קליינליכער זעט דיר אויס דאָס תּיכּף-נאָענטע, רייַכער איז דייַן גייַסט. פֿאַרשטייט זיך: יעדער באַרג האָט אַ שפּיץ; ווייַטער קען מען ניט. און געטער ערגעץ אין די הימלען, תּמיד אייפֿעריק, בלייַבן ניט-דערגרייכט.

אָבער דערווײַל דראַפּעט מען זיך אויף קלײנשטעטלדיקע בערגלער. אַפּילו אײראָפּעיִשע אַלפּן זענען נאָך ניט אַלע באַטרעטן; ווער רעדט פֿון הימאַלאַיִשע שפּיצן! מענטש איז אַזוי קלײן, לעבנסדויער אַזוי קורץ! מע טאָר זיך אָבער ניט לאָזן דרימלען אין טאָלן צי אין טראָגלאָדיטישע היילן. העכער, תּמיד דאָך געשטיגן, ברודער מענטש! די ערד ציט צו זיך, נאָר דײַן נשמה, וואָס האָט עפּעס הימלישס אין זיך, זוכט זיך צו דערהייבן. ווייס-זשע, אַז דו ביסט ווערט דעם נאָמען מענטש.

~֍~

די קריסטליכע טעאָלאָגן שטעלן אַוועק דאָס וואָרט, דעם ווערב, אויף אײנעם פֿון די העכסטע שטאַפּלען פֿון זײערע געטליכע השׂגות. זײ באַגײַסטיקן דעם באַגריף. בײַ זײ ווערט אַפּילו גאָטס זון, גאָטס גײַסט – פֿאַרוואַנדלט אין וואָרט, אין נאָמען, אין דער מעגליכקייט עפּעס אָנצורופֿן. אָבער אַפּילו בײַ ייִדן, דאַכט זיך מיר, טעאָלאָגיזירט מען אויך וועגן יהי-אור: צו ערשט האָט מען געזאָגט „זאָל זײַן ליכט!", און ליכט איז געוואָרן דערנאָך.

געבנדיק דעם וואָרט אַזאַ גרויס אָרט אין מענטשליכע באַגריפֿן, פֿאַראָרעמט מען די וועלט פֿאַר זיך. הייסט עס, אַז דאָס וואָס האָט ניט קײן נאָמען – איז ניט! די מענטשליכע שפּראַך איז אַזוי אָרעם! דאָס איז קלײן-קעפּלדיקע פֿילאָזאָפֿיע פֿון קלײנע מענטשעלעך. מעגן זײ הייסן סענט-אויגוסטין און אַפּילו פּלאַטאָן. אַזוי ווי כ׳פֿאַרשטײ שלעכט מעטאַפֿיזישע מאַטעמאַטיק צי מאַטעמאַטישע מעטאַפֿיזיק, פֿאַרשטײ איך שלעכט דעם פּלאַטאָנישן אידעאַליזם.

דו, מײַן זון, ווייס אַז דײַן גאַנץ קענען, פֿאַרשטײן און באַגרײַפֿן איז ווי ס׳וואַסער וואָס קען אַרײַן אין דײַן גלאָז. טראַכט דאָך אַז פֿאַראַן זענען אָקעאַנען! שעם זיך ניט מיט דײַן גלעזל. האָף אַ מאָל צו האָבן פֿעסער, ציטערנעס. אָבער דעם גאַנצן ים וועסטו אין זיך קײן מאָל ניט אַרײַננעמען. זײַ-זשע ווי דער פֿילאָזאָף פֿון גלעזל וואַסער בײַם ברעג פֿון אָקעאַן, וואָס באַנוגנט זיך מיט זײַן

טרונק. פֿאַרגעס ניט, אַז אַלע טײַכן פֿליסן סוף־כּל־סוף אַרײַן אין ים, און דאָס קוועלעכל דערקענטעניש וואָס ריזלט אין דײַן געמיט, וועט סוף־כּל־סוף זיך פֿאַרוואַנדלען אין שטראָמען וואָס וועלן גרייכן אַפֿילו די גרעסטע אָקעאַנען. איז לאָמיר זיך פֿאַרלירן אין זייערע אַביסן / אָן פֿון סוד פֿון זייער טיפֿעניש עפּעס צו וויסן.

~❀~

כ׳פֿאַרשטיי ניט פֿאַר וואָס די פֿענאָמענאָלאָגן פֿרעגן זיך צי עפּעס איז, אַז ס׳דריקט זיך אויס אין אַ פֿענאָמען אָדער דער פֿענאָמען איז שוין דאָס זײַן זעלבסט. לאָגיש זעט מיר אויס, אַז דער פֿענאָמען איז דער אויסדרוק פֿון אַן אייגנשאַפֿט פֿון עפּעס, און טאַקע אפֿשר אַ צײַטווײַליקע, בכן עפֿעמעריש: נאַסקייט, פֿליסיקייט, פֿאַרע, אײַז – זענען פֿענאָמענען פֿון וואַסער. בלויז וואַסער עקזיסטירט. נאַסקייט, היץ צי האַרטקייט זענען אַן אויסדרוק פֿון אַ צושטאַנד. אונדזערע חושים באַגרײַפֿן נאָר צײַטווײַליקע אייגנשאַפֿטן פֿון אַ צושטאַנד.

קען זײַן, אַז אויך אַ צײַטווײַליקייט פֿונעם זעלבן מין שאַפֿט דעם אויסזען פֿון אונדזער גאַנצער באַגרײַפֿטער וועלט. פֿאַר אונדזערע חושים, ווי מע זעט, איז אַלץ געקניפּט און געבונדן. זוכן אַ באַשייד פֿאַר אַ שרײַפֿל אין אַ ריזיקן מעכאַניזם איז נאַריש און לעכערליך. וואָרן וואָס איז וואַסער, מער ווי אַן אויסזען פֿון הידראָגען, צײַטווײַליק געאייניקט מיט זויערשטאָף, און ביידע – אויסדרוקן פֿון אַן אַטאָמען־צוזאַמענשטעל. וואָס איז אַליין אַן אויסדרוק פֿון... ווער ווייסט וואָס!

~❀~

כ׳האָב ליב אָרום מיר די אַלע ביכער־פֿרײַנד,/ אויף טיש, אויף פּאָליצעס, וווּ נאָר אַן אָרט,/ וווּ כ׳טו זיך נאָר אַ קער, אַ ווענד, וווּ כ׳שטרעק נאָר אויס אַ האַנט –/ געפֿין איך באַלד אַ קלוג און וואַרעם וואָרט.

תּמיד גרייט, קיין מאָל ניט מיד,/ אין פּראָזע צי אין ליד,/ אין

וויסנשאַפֿט, עסיי, צו יעדער שעה / זענען זיי תּמיד דאָ.

איך בין אין זייער סבֿיבֿה זיך מחייה./ כ'באַטראַכט זיי, די וואָס זענען דאָ,/ און מיט אַ שמייכל ברענג איך תּמיד נײַע.

~❁~

כ'ווייס, כ'ווייס, פֿאַראַן אָדלערס מעכטיקע וואָס קרײַזן אין די הויכע ספֿערעס איבער ריזנבערג, קענען ברייטע האָריזאָנטן, זיך חבֿרן מיט שטורעמס און מיט כמאַרעס. פֿאַר זיי איז די זון ליכטיקער: זיי זעען זי פֿריִער דערשײַנען, און פֿאַר זיי לײַכט זי לענגער.

אָבער מיר, שוואַלבן, גרויע וואָראָבעלקעלעך, שפּערבערלעך, טשיזשיקלעך, וואָראָבייטשיקלעך – וואָס קומט אונדז אַרויס דערפֿון? מיר נעסטן ניט אויף פֿעלדזנשפּיצן; מיר זוכן קערנדלעך און ווערעמלעך וואָס קריכן אויף דער ערד. קרישקעלעך אין שטויב. דאַרפֿן דעכער מענטשליכע זיך צו קענען נעסטן. מוזן מיר זיך באַנוגענען מיט קליין-קעפּלדיקע השגות, באַגריפֿן און אידעאַלן, צוגעפּאַסטע צו אונדזערע קליינטשיק- קעפּלדיקע מעגליכקייטן. אונדזערע פֿליגעלעך זענען שוואַך; אונדזערע שנעבעלעך – אָן כּוחות. קיין נעגל, קיין מײַלנבליק, האָבן מיר ניט. מיר לעבן נאָר איין זומער צי צוויי. מוזן מיר זיך צופֿרידנשטעלן מיט אונדזער קענטעניש, מיט אונדזער וויסן, מיט אונדזערע השגות, מיט אונדזער אופֿן פֿאַרשטיין און באַגרײַפֿן.

מיר זענען פּראָסטע, פּשוטע לײַט. אין פֿאַרגלײַך מיט די גרויסע געלערנטע, טיפֿע קענערס, וויכטיקע פֿילאָזאָפֿן, טעאָלאָגן און אפֿשר שטערן-זעערס צי אַסטראָלאָגן. און מיר זענען אויך באַשיידן און צופֿרידן, און מאַכן שבת פֿאַר זיך. ווער ווייסט – אפֿשר זענען מיר גאָר גליקלעכער פֿון יענע פֿענאָמענאַלע אַלצווייסערס?

~❁~

ענגלאַנד – אַ לאַנד וווּ ס'איז ענג. וווּ איז ברייטלאַנד? וווּ איז גערוימלאַנד? וווּ איז אומענדלאַנד?

פֿראַנקרײַך – ניט אַזוי רײַך ווי מע מיינט. דרײַפֿוס, ווישי-פּעטעניזם האָבן עס באַוויזן. רײַך אין וואָס? רײַך מיט וואָס?

פּוילן – פּה לין: דאָ גערוט אַ טויזנט יאָר, און... היידאַ, לך-לך! וווהין? קיין אוישוויץ, מײַדאַנעק, טרעבלינקע – דורך אַ קוימען גלײַך אין הימל אַרײַן.

מײַן שיינער בלאָער פּלאַנעט! נעבעך – פֿון וואָס? ווו, אויף וועלכן קאָנטינענט, געפֿינט זיך דער כּלומרשטער גן-עדן, מיטן כּי-טובֿ פֿון באַשאַף, ווי ס'שטייט אין חומש?

~❁~

ווען אַלע געטער, נבֿיאים, פֿילאָזאָפֿן, שאַפֿערס פֿון רעליגיעס, מיטאָלאָגיעס, מחשבֿהדיקע דאָקטרינעס, וואָלטן אויפֿגעשטאַנען תּחית-המתים און דערזען וואָס זייערע פֿרומע חסידים און נאָכפֿאָלגערס האָבן געמאַכט פֿון זייערע לערעס, וואָלטן זיי תּיכּף צוריק געשטאָרבן. ווען ניט – וואָלטן שוין זייערע שטעל פֿאַרטרעטערס, פּריסטערס און אַנדערע גורוס געזאָרגט מע זאָל זיי אַראָפּרוימען פֿון וועג ווי איבעריקע, ווי שטערערס. אין דער הינזיכט וואָלטן זיכער אַלע קאַריערע־יסטן, סטראַפּטשעס און פֿרײַדענקערישע גורוס אײַנגעשטימט, און אפֿשר צוגעהאָלפֿן אויך. ווער דאַרף זיי, די אמת-זוכערס?

סוף כּל סוף, טראָץ די שיינע רייד אין קאַטעכיזמען, דאָגמעס, קרעדאָס, אני מאמינס, סוראַטס און אַפֿילו פֿילאָזאָפֿישע דאָקטרינעס – מאַכן אַזוי פֿיל לײַט אַ לײַכט לעבן דערמיט. און וואָס פֿאַר אַ לעבן! מ'איז יוצא מיטן בלויזן ניצן די שאָכטלער, וואָס טראָגן דעם שיינעם נאָמען, דרויסנדיק געפּוצט, מיט סימבאָלן און דעוויזן, אָבער דערין – איז לחלוטין גאָרנישט פֿאַראַן.

און אַזוי פֿירן זיך ניט נאָר פֿרומע טעאָלאָגן, נאָר אַפֿילו פֿרײַדענקערישע פֿיזיקער און מעטאַפֿיזיקער. זיי שאַפֿן ווערק וועגן

נישטיקייט, וואָס איז איצט געוואָרן אויך אַ סובסטאַנץ און דינט פֿאַר לאַבאָראַטאָרישע עקספּערימענטן.

~❁~

ווי אַזוי קען זיך עמיץ דערוועגן אַפֿילו בלויז צו פּרוּוון עפּעס צושרײַבן, צוזאָגן, צו דעם שוין געזאָגטן און געשריבענעם פֿון אַזוי פֿיל חכמים זינט אַזוי פֿיל דורות? אויסער אַז מ׳איז באַהערשט פֿון אַ נאַרישער פּוסטער גאווה, און מע האַלט זיך, שטויב לעבן בערג, פֿאַר עפּעס גרעסערס און וויכטיקערס ווי מ׳איז אַליין.

ניט נײַע חכמה, ניט נײַע וויסנשאַפֿט, ניט נײַ געזאַנג דאַרף מען. ס׳איז שוין דאָ אַזוי פֿיל צו זינגען און לערנען! אַפֿילו דאָס וואָס איך זאָג דאָ איז מסתּמא שוין אויך פֿון עמיצן ווען עס איז געזאָגט צי געשריבן געוואָרן. מע דאַרף נאָר מינטערן, וועקן לײַט און אפֿשר זיך זעלבסט, צו דערקענען דאָס, וואָס איז שוין דאָ, אַנשטאָט דווקא שאַפֿן נײַס, וואָס איז שוין סך־הכּל געוואָרן איבער געחזרט און איבערגעשריבן און איבערגעדענקט פֿון אַ סך אַנדערע.

~❁~

אָמר שפּינאָזע — זאָגט שפּינאָזע („עטיק", טייל 3, אַנמערקונג צו דער דריטער פּראָפּאָזיציע): „מיר האַלטן פֿאַר גוט עפּעס ווײַל מיר שטרעבן דערצו, ווילן עס און באַגערן עס". אויב אַזוי, קען מען דאָך רעכטפֿאַרטיקן אַלע סאַדיסטישע און בעסטיאַלישע באַגערן פֿונעם אכזר, פֿון אַ המן, אַ היטלערן, אַ סטאַלינען צי אַנדערע משחיתים. קען דאָך זײַן אַז מאָראַל און עטיק זאָלן זײַן רעלאַטיווע באַגריפֿן, און גוטס זאָל זײַן אַנדערש בײַם וואָלף און בײַם שעפּס, אָבער פֿאַר יעדערן פֿון זיי — גילטיק?

עס טאָר אַזוינס ניט זײַן! גוט איז דאָס וואָס שטערט ניט אַנדערע. יעדעס גוטס וואָס איז נאָר עגאָצענטריש — איז ניט גוט אין אַבסאָלוטן זין; עס איז שוין געגנוג טרויעריק, וואָס כּדי זיך צו

דערהאַלטן בײַם לעבן מוז מען אומבערעכנגען אַנדערע לעבנס. מע קען ניט, אויסער דורך זעלבסטמאָרד, טון אַנדערש. מוז מען דאָס דאָזיקע שעדיקן פֿאַרמינערן ביז סטריקט מינימום, און באַדויערן יענעמס פּײַן. אָבער ניט אַ פּריאָרי אָנערקענען ווי גוט דאָס באַפֿרידיקן אייגענע באַגערן.

ווײַטער זאָגט שפּינאָזע („עטיק" טייל 5, פּראָפּאָזיציע 21): „דער גײַסט קען זיך פֿאָרשטעלן עפּעס, זיך דערמאָנען, אַזוי לאַנג ווי דער גוף עקזיסטירט". דאָס איז אויך ניט גילטיק. ניטאָ קיין אַבסאָלוטע גרענעץ צווישן גוף און גײַסט. דער גוף קען האָבן פֿאַרשווונדן, און דער גײַסט קען בלײַבן, ווײַל ניטאָ קיין אַבסאָלוטע גרענעץ, וואָס טיילט אָפּ איין לעבן פֿונעם אַנדערן. שוין ניט רעדנדיק וועגן איבערגעגעבענע ירושה-אייגנשאַפֿטן, זענען פֿאַראַן אַזוי פֿיל אויסווירקונגען דורך מחשבֿות, זכרונות, ווערק, רייד וואָס בלײַבן נאָך עמיצנס אומקום און מאַניפֿעסטירן זיך אין אַנדערע ווירטועלע לעבנס. אויב איך לייען עמיצנס אַ בוך, צי זינג עמיצנס אַ ליד, צי כ'בין באַאײַנדרוקט פֿון עמיצנס אַ בילד, אָדער כ'ניץ אַ דערפֿינדונג פֿון עפּעס אַ פֿאַרשווונדענעם טעכניקער צי אַרטיסט — לעבט דען ניט עפּעס פֿון יענעמס נשמה אין מיר?

~❁~

דאָ וועל איך זיך ווידער טשעפּען צו שפּינאָזען. ער זאָגט אַזוי, לפֿי-ערך, דאַכט זיך מיר: דורך דעם האָבן אַדעקוואַטע אידייען, איז מען אַקטיוו, און דורך האָבן ניט-אַדעקוואַטע אידייען איז מען פּאַסיוו. נאָר דאָס זאָל גורם זײַן לייד צי פֿרייד. לויט מײַן השגה זעט דאָס ניט אויס צו זײַן גילטיק. האָבן אידייען, פֿילן עמאָציעס — איז איינס, און אַקטיוויטעט צי פּאַסיוויטעט איז עפּעס אַנדערש. מע קען לײַדן פֿון צו פֿיל אַקטיוויטעט אָן שום אידייען, און מע קען פֿילן תּענוג פֿון פּאַסיווער אומבאַוועגליכקייט.

פֿאַרגלײַכן לײַדנשאַפֿטן מיט אומאַדעקוואַטע אידייען, אָדער

פּאַסיוויטעטן איז אויך ניט ריכטיק. די אייגנשאַפט פֿון מוח איז צו דענקען, צו רעגיסטרירן, פֿאַרגלײַכן און ציִען קאָנסעקווענצן פֿון די פֿאַרשיידענע אײַנדרוקן וואָס קומען צו אים דורך חושים צי אינסטינקטן. דער פּסיכיזם איז דאָס, וואָס ס'איז דער עקזעקוטיוו פֿון אַ רעגירונג בײַ אַ דעמאָקראַטיש פֿאָלק. די רעגירונג ווערט געשאַפֿן פֿון פֿאָלק, און ס'פֿאָלק ווערט פֿון איר רעגירט. איינס איז געבונדן מיטן צווייטן. אויב עפּעס צעשטערט די האַרמאָניע, איז עס גורם קרענק, און ענדיקט זיך מיט אַ געמיינעם אומקום.

זאָגן אַז דער גוף קען ניט דעטערמינירן אַז דער גײַסט זאָל דענקען, און דער גײַסט ווידער קען ניט דעטערמינירן אַז דער גוף זאָל זיך באַוועגן, איז אַן אַבסורד! גוף און גײַסט זענען זיכער איינס, ווי האַרץ און בלוט מיטן קערפּער. אָן אַ באַפֿעל פֿון מוחס נערוון- סיסטעם, וועט זיך קיין פֿינגער ניט טון קיין ריר.

ווי-זשע איז מיט קאָנוואולסיעס? ווי-זשע איז מיט עפּילעפּטיק? אין דעם פֿאַל איז דאָך די אַקטיוויטעט ניט גורם פֿרייד, נאָר אַנגסט. אין דעם פֿאַל איז דאָך די אַקטיוויטעט פֿון דעם אבֿר, וואָס באַוועגט זיך צי וואָס ציטערט, פֿרײַ פֿון יעדער באַגערטער אידיי פֿונעם מוח, און חוץ דעם, פֿאַרשאַפֿט עס זיכער ניט קיין תּענוג.

אין דער זיבעטער פּראָפּאָזיציע איז דער פֿילאָזאָף זיך סותר מיט זײַן אייגענעם ערשטן זאָג. מיר דאַכט זיך אַז אַזוי זעט עס אויס. נאָר איך בין דאָך ניט קיין פֿילאָזאָפֿישער ספּעץ, און ספּיריטועלע, מעטאַפֿיזישע האָר-שפּאַלטעניש איז ניט מײַן פֿאַך. האָב איך אפֿשר שלעכט פֿאַרשטאַנען, צי שלעכט געזאָגט וואָס איך מיין. טײַערער לעזער- אָשמנו, פּאַרדאָן, פּשעפּראַשאַם, אַנטשולדיקט, איזוויניטע. אויב ס'וועט זיך אַרויסווײַזן, אַז כ'האָב געהאַט אַ טעות, וועל איך מער זיך ניט טשעפּען צו אַזעלכע גרויסע פֿילאָזאָפֿן ווי אַ שפּינאָזאַ, למשל.

זאָל דײַן לעבן זײַן אַ דענקענדיק-באַוווּסטזיניקע שאַפֿנדיקע עקזיסטענץ: אַ מין בריק צווישן לײַט איבער די סאָציאַלע תּהומען, וווּ נשמות בלינדע, אומבאַהאָלפֿענע, געשטרויכלטע און פֿאַרפֿירטע פֿאַלן אָפֿט אַרײַן, קומען אום פֿאַרקרימט מיט פֿאַלשע השׂגות און לעבנס-שטײַגערס. אין אַ באַוווּסטזיניקן, דענקענדיקן, שעפֿערישן מענטש אַנטפּלעקט זיך עפּעס פֿון אַ געטליך ליכט, וואָס באַשטראַלט עפּעס אַ וועג. אַ לעבן וואָס האָט ניט געדינט צו באַלײַכטן עפּעס, באַווײַזן, פֿירן אַ ביסל מער פֿאָרויס, העלפֿן שטײַגן, באַגערן, גרייכן — איז אַן אומזיסט געלעבטער דויער.

~❀~

באַוווּסטזיניקער, גוטער מחבר! מיט דײַנע מחשבֿות זײַ ניט דער רעגן וואָס פֿאַלט אויף נאַקעטע פֿעלדזן, וווּ קיין שום קערן / וועט קיין מאָל ניט באַגערן / אַ שפּראָץ צו ווערן. מײַד, / דו, פֿולער וואָלקן מיט לעבנספֿרייד, / די סטערילע ערד, וווּ פֿון דײַן גוטער מי און שפֿע קיין מאָל גאָרנישט ווערט. / דו, זײַ ווי דער זומער רעגן, וואָס טרינקט אָן און דערקוויקט, געדענק אַז ערגעץ עמיץ תּמיד דיך באַגערט. מײַד די טויטע פֿעלדזן, האַרט און קאַלט, / וווּ אָן שום ניצן טוי צי מבול פֿאַלט.

~❀~

בענטש דעם, וואָס קען נאָך זאָגן ניין, / סײַ יענעם און סײַ זיך אַליין. / טראָץ צער פֿון ניט געפֿילטער פֿרייד, טראָץ צער פֿון זעלבסט זיך שאַפֿנדיקער פּײַן — / בענטש דעם, וואָס קען נאָך אַזוי זײַן, / כאָטש שווער — אַנטקעגן מעכטיקערן קעגנן שטיין. / און זאָגן: ניין! / דאָס וואָרט וואָס איז אָפֿט קרוין פֿון רייד, / סימבאָל פֿון ווידערשטאַנד, רעוואָלטן. / ניין, פּרעה, טיראַן! ניט מער פֿאַרשקלאַפֿט! / אין וועג צו פֿרײַהייט — ים געשפּאָלטן! / אַזוי אַ פֿאָלק מיט ווירדיקייט זיך שאַפֿט.

~❀~

אויב ס'איז פֿאַראַן אַ גאָט, וואָס לאָזט זיך נאַרן פֿונעם מענטש, איז אַדרבה! ס'איז אַ ספּאָרט אים צו פֿאַרטשאַקען מיט פֿאַלשע חרטות, מיט פֿאַלשע תּפֿילות, מיטן על-חטאווען נאָך אַנאַנד און פֿירן אים אין באָד. אַ גאָט וואָס לאָזט זיך בלאָפֿן, איז טאַקע ווערט, אַז היפּאָקריטן, כּלומרשט פֿרומע לײַט, זאָלן צו אים דינען, ווי ס'פּירט זיך טאַקע מיט אונדזער האָמאָ-סאַפּיעניזירטער מענטשהייט, משטיינס געזאָגט, וואָס מאָרפֿיניזירן דעם עולם גולם, וואָס לײַדט נעבעך, און מע זאָגט זיי צו רעליגיעזע רפֿואות, וואָס דאַרפֿן קומען אויף יענער וועלט.

מע קען דעם אַטעיִסטישן פֿאַנאַטיזם ארײַננעמען אין זעלבן קרענצל: טעאָקראַטיע, דעמאָקראַטיע, פּלוטאָקראַטיע, מיט אַטעאָקראַטיע און ווער ווייסט וויפֿל נאָך קראַטיעס – אַלץ דער זעלבער בלאָף, די זעלבע דעמאַגאָגיע, די זעלבע אינטערעסן, די זעלבע עגאָיִזמען, אוניווערסאַלע לעסטערונג, אָן שום שײַכות מיטן וואָרן גאָט, דעם אומבאַגרײַפֿטן גײַסט וואָס געוועלטיקט מיטן אוניווערס און טאָלערירט אַזוי פֿיל היפּאָקריזיע, נאַרישקייט, שלעכטס און מיאוסקייט. ווי אַזוי קען אָבער אַ באמת ערליכער, אויפֿריכטיקער מענטש ביט זײַן דאַנקבאַר און פֿרום, און ליב האָבן דעם, וואָס טאָלערירט דאָך די אַלע קאַריערעסטן, וואָס חוזקן פֿון אים מיט יראת- שמימדיקע דאָגמעס, מיט כּלומרשטער הייליקייט, צבֿועקיש, היפּאָ- קריטיש, גנאָסטיש צי אַגנאָסטיש, אַפֿילו די ניהיליסטן, די פּאָזיטי- וויסטן, די ראַציאָנאַליסטן, די מאַטעריאַליסטן און נאָך אַזעלכע איסטן.

רעליגיעז, פֿרײַזיניק, אַפּיקורסיש, הערעטיש – ניטאָ קיין וואָרע פֿרומקייט, קיין וואָרע רעליגיע. אַלץ איז געצן-דינעריש, שאַמאַניזם, עבֿודה-זרה, פּאַגאַניזם. לײדער אַ מאָל, צו די פֿאַלשע געטער, פֿלעגט מען ברענגען אַ קרבן עטליכע שאָף און רינדער; הײַנט גילט אַ האָלאָקאָסט פֿון גאַנצע פֿעלקער.

אוי, גאָטעניו, ביסט טאַקע אַ גוטער, אָבער ווי לאַנג קענסטו

טאָלערירן אַז ס׳זאָל קענען אָנגיין אַזאַ מין סדר-העולם, און לײַט זאָלן זיך ·פירן ווי די אויסטערלישע משוגעים!

~❀~

אונדזער השגה פון טויט, מיטן פחד פון אומקום, איז אפשר פאַלש באַגרײַפס. וואָרשײַנליך איז פאַראַן אַ געזוכטע פאַר-לענדונג כדי אויף ס׳ניי צו דערשײַנען. ווי אַ בײַשפיל לאָמיר נעמען דעם עפל.

ווי לאַנג ער איז ניט צײַטיק, רײַף, איז ער גרין, די זעלבע פאַרב ווי די צווײַגן און בלעטער, און בלײַבט אומבאַמערקט. אָבער ווי נאָר דערפילט אַז די זוים איז צײַטיק, ווייסט ער, אַז זײַן צײַט איז געקומען, און ער זוכט דעם מאָמענט צו ווערן אויפגעגעסן. ער פּראָוואָצירט מיט זײַן רויטן אויסזען, מיט זײַן ריח – דעם אַפּעטיט, און אַז עמיצער עסט אויף דעם באַטעמטן עפל, בלײַבן ס׳רובֿ די קערן מיטן זוים בשום-אופן ניט פאַרדײַט. די מאָגן-זאַפטן האָבן אויף דעם ניט קיין שליטה. די זוימען פאַלן אַרויס גאַנץ, געפינען זיך אויף דער ערד אין אַ געמיסטיקטן עלעמענט, וואָס דערלויבט עס זאָל קענען שפּראָצן און שאַפן נײַע עפל.

פאַר וואָס זאָל דער דאָזיקער סיסטעם גילטן בלויז בײַ פלאַנצן? ווער ווייסט צי דאָס געשעט ניט אויך מיט באַשעפענישן, און דער מענטש איז ניט קיין אויסנאַם? ווער קען וויסן וואָס ס׳געשעט מיט אים נאָך זײַן גופישן אומקום?

~❀~

אלץ, יעדער, איז תמיד אַ סאַטעליט פאַר עמיצן צי עפּעס. דאָ אַרום אַ זון אין דרויסן, און דאָ, פּאַראַדאָקסאַל, אין זיך. תמיד דאַך דאָ אַ מיטלפּונקט וואָס איז וויכטיק, צו וואָס מע ווערט צוגעצויגן, אַרום וואָס מע קרײַזט אין די תמיד זעלבע אָרביטן. פאַראַן אַ מאָל אַ דילעמיזם: זײַן צענטריפּעטיש, אָדער צענטרי-פוגיש? אָבער מע בלײַבט תמיד אינעם זעלבן סיסטעם. זאָל עס זײַן אַ האַר, אַ טיראַנישער דיקטאַטאָר, אַ פּראָגרעסיווער קעניג,

אַ מײַסטער, אַן אידעאַל, אַ קאָמפּלעקס, אַ מחשבֿה, אַ מיינונג, אַ השגה, אַ מאַנקאָליע – אָבער עפּעס מוז זײַן. דאָס איז דער אוניווערסאַלער דערווישיזם אין פֿאַרשיידענע אַספּעקטן, דימענסיעס, היגזיכטן, און וואָרשײַנליך איז עס אַ נאַטור-געזעץ וואָס גילט אין אַטאָמען ווי אין אוניווערסן.

קרײַזט דען ניט אַבסאָלוט אַלץ, אַפֿילו דער כּלומרשט פּאַסיווער פּראָטאָן אינעם אַטאָם, וואָס איז צופֿרידן מיט זײַנע עלעקטראָנען, וועלכע קרײַזן סאַטעליזירט אַרום אים? ער ווייסט אפֿשר ניט, אַז אַלץ, צוזאַמען מיט אים, איז אויך געפֿאַנגען אין עפּעס צי עמיצנס אַן אָרביט, געקרײַזט פֿלאַך ווי אַרום סאַטורן צי ספּיראַליש, ווי אין געוויסע גאַלאַקציעס.

דאָס דאָזיקע קרײַזן איז אפֿשר דער הוירא-טאַנץ פֿון לעבן: אַ ריקוד, אַ קאַראַהאָד, טאַנץ געקראַנצט צוזאַמען האַנט אין האַנט, אָרעם מיט אָרעם, און אַ הימן דעם באַשאַף. אין דעם פֿאַל איז אָרביטן-קרײַז ניט געפֿענגעניש, נאָר פֿרייד, דאַנק. מע קען סימבאָליזירן ס'דאָזיקע סילאָגיזמיש פּאַראַבאָליזירט: דאָס לעבן זאָל קענען זײַן באמת אַ תּענוג- קאַראַהאָד.

מע מוז זיך אָבער האַלטן צוזאַמען, ווי למשל עלעקטריציטעט, וואָס קען זיך מאַניפֿעסטירן נאָר אין אַ קרײַז. אָפּגעהאַקט איז אויס מיט דער ענערגיע. דעם מוז זיך צוזאַמענצוטרעפֿן זעט מען, ווען הימלען געכמאַרעט זוכן אויף ס'ניי דעם קאָנטאַקט פֿון דער ערד, מיט בליץ-באַגערן, וואָס זענען אָפֿט גורם קאַטאַסטראָפֿעס. אַזוי אפֿשר אויך מיטן מענטשן-מין אין דער בײַאָספֿערע: וואָלטן אַלע יחידים, פֿעלקער, ראַסן זיך געהאַלטן צוזאַמען ווי אין אַ גירלאַנדע טאַנץ אַרום דעם פּלאַנעט, וואָלט די וועלט געוואָרן צוריק אַ גן-עדן.

נאָר ווײַל צעשפּליטערט, צעטיילט – מאַניפֿעסטירן זיך בליץ-באַגערן מיט אַנטאַגאָניזמען, מיט אַ געהיימען אפֿשר באַגער צוריקצוגעפֿינען זיך אין איינעם אינעם לעבנסטאַנץ. דערפֿאַר אַזוי פֿיל שטורעמס, שׂריפֿות, אַנגסט און פּײַן, יחידיש און סאָציאַל.

קום איך צוריק צום אוניווערסאַלן דערווישיזם, וואָס קען זײַן ווי

עמיץ וואָס דרייט זיך אויפֿן אָרט אין אַ באַן צי אַ שיף, וועלכע טראָגן אים פֿאָרויס אין זייער קרײַזן אַרום דעם פּלאַנעט. כ׳האָב מורא צו פֿרעגן וועמענס סאַטעליט קען זײַן אַ גאָט, אַרום וועמען צי וואָס איז ער —צי זענען זיי— אָרביטירט? מע קען אַזוי ווײַס פֿאַרקריכן.

ווײַט? ניט אַזוי ווײַט! משוגעים-הײַזער זענען דאָ נאָענט, אומעטום! דערווײַל וועל איך נעמען אַן אַספּירין מיט אַ קאַלטן קאָמפּרעס — די איינציקע עוועגטועלע רפֿואה פֿאַר פֿילאָזאָפֿן אָדער פֿאַר לײַט וואָס מיינען, אַז זיי זענען עס.

~֍~

אַן איינצל קעמערלעך פֿון אַ נאָגל צי פֿון אַ האָר ווייסן דען עפּעס פֿון אויג, פֿון קאָפּ צי פֿון עפּעס אַ דריז, וואָס כאַטש אַ שפּילקע-קעפּעלע די גרייס, האָט זי אַ השפּעה אויפֿן גאַנצן מענטש?

קען זײַן ס׳קומט אויף, לעבט זײַן אייגענע עקזיסטענץ און פֿאַרשווינדט, און דינט דאָך ווי אַ שותּף צו אַ גרעסערן עפּעס, וואָס אַליין איז עס ניט מער ווי אַ פֿראַגמענט פֿון אַ משפּחה, אַ פֿאָלק, אַ נאַציע, אַ ראַסע, פֿונעם מענטשן-מין צי פֿון דער ביִאָספֿערע, אָדער גאָר פֿון גאַנצן אוניווערס.

ווער ווייסט דאָס אָרט, די פּאָזיציע וואָס אונדזער גאַנצער פּלאַנעט, זונסיסטעם צי גאַלאַקציע פֿאַרנעמט אין קאָסמאָס, וואָס איז אפֿשר איין גאַנץ ווען מיט אַ גײַסט פֿון בינשטאָק, וואָס איז פֿאַר אונדז גאָט?

און ערשט — וויפֿל קאָסמאָסן זענען פֿאַראַנען בכלל? וואָס זענען קאָסמאָסן, אומענדן, אייביקייטן אין אָרט און דויער פֿון דעם, וואָס כ׳ווייס אַליין ניט וואָס דאָס איז צי קען זײַן?

~֍~

אָט האָב איך געפֿונען צווישן מײַנע כּתבֿים אַזאַ פּאַפּירל. דאָס איז דער אינהאַלט:

„הײַנט, דעם 21טן מערץ 1960, הייב איך אָן דעם נײַעם סיסטעם צו פֿאַרצייכענען נומערירטס מײַנע שריפֿטן, כ'זאָל זיך קענען אויסגעפֿינען מיט מײַנע כּתבֿים. ווי אַ חדר-ייִנגל מיט אַ נײַעם העפֿט – שווער איך צו האַלטן ריין די ציטלער, ניט פֿאַרצייכענען קיין שום נאַרישקייטן... הלוואַי, אָמן!

ס'הייבט זיך אָן אָבער מיט אַ שלעכטן סימן: די נומערן זענען געשטעלט אויפֿן גויִישן שטייגער, פֿון לינקס צו רעכטס. אַזוי ווי כ'וויל ניט איבערלייגן אַזוי פֿיל ציטלער, אָן ערך 20.000, בלײַבט עס אַזוי. זאָל עס מיר ניט שאַטן; כ'וועל ניט ווערן פֿאַרגויִישט איבער אַזאַ קלייניקייט.

דעם אמת געזאָגט: קלייניקייטן, זינדשטויב – שאַפֿן סוף-כּל סוף גרויסע חטאָים. מ'הייבט אָן מיט אַ ווונק, אַ גאַרניטל – און מע געפֿינט זיך אין גיהנום."

הײַנט, דאָס הייסט דעם 22סטן אַפּריל 1988, ווײַזט זיך אַרויס אַז יענער גוטער פּלאַן איז קיין מאָל ניט געוואָרן רעאַליזירט. און איך געפֿין זיך אינעם זעלבן כאַאָס פֿון אָנגעשריבענע פּאַפּירלעך. פּונקט ווי אַ מאָל. אויב דאָס האָט געקענט געשען נאָך 28 יאָר, וועל איך שוין אין מײַן עלטער ניט באַווײַזן עפּעס צו ענדערן.

מילא, זאָל זײַן ווי עס גייט. איך נעם עס אַרײַן אינעם בוך וואָס איך פּרוּוו פֿאַרעפֿנטליכן, כּדי מע זאָל זען ווי ווײַט ס'איז פֿון אַ באַגער ביז צו אַ רעאַליטעט.

~❀~

דאָס פֿעלד זיפֿצט ווען ס'מעסער שנײַדט די זאַנגען. אַלע וואָרצלען וויינען אין דער טיפֿעניש: געשפּראָצט, געגרינט, געבליט, גאָלדיק זיך געפֿאָליעט אונטערן גלעט פֿונעם ווינט, זיך אָנגעפֿילט מיט צײַטיקע רײַפֿע קערנער. און דאָ קומט די קאָסע

אָן רחמנות — שנײַדט, שנײַדט, שנײַדט!

— ווייַן ניט, פֿעלד! זאָנג פֿאַרוואַנדלט זיך אינעם מענטש, קומט צו ערד צוריק. ווי רעגן און טוי קומען תּמיד צוריק צום ים. אַלץ וואָס קומט פֿון דער ערד קערט צוריק צו דער ערד. וועסט געפֿינען דײַנע זאַנגען, כאָטש אין שטרוי צי מיסט, ווי אַ צולאָג צו דעם חכם מענטש, וואָס וועט דיר אָפּצאָלן מיט זײַן גוף פֿאַרן שלעכטס וואָס זײַן מעסער האָט דיר געטון.

— גוף? אפֿשר! אָבער איך, ערד, פֿעלד, וויל נקמה נעמען אין זײַן נשמה, אין גײַסט וואָס טראַכט אויס מעסערס!

— זאָרג ניט, ערד! זײַן נשמה איז ניט מער ווי אַ ביסל שטויב, וואָס קומט סוף־כּל־סוף צוריק צו דיר, זײַן היים.

~❀~

פּאָעט, דײַן יעדע פּאָעמע, ווי אין אַ פּערל־מושל, מוז זײַן עפּעס פֿון דײַן נשמה־ים, אַ געהיימער רויש פֿון איריזירטע פֿאַליעס וואָס ס׳אויער הערט. אויב ס׳איז ניט אַזוי, איז עס דערפֿאַר וואָס דײַן מושל איז ערזאַץ, סינטעטיש, אַ נשמה־סוראָגאַט, און דײַן פּאָעמע קומט ניט פֿון די פּאָעטישע אָפּגרונטן, די טיפֿענישן וווּ ס׳רײַפֿן פּערל.

~❀~

„**א**ון אַז דער רבי זינדיקט?" איז געשמיסן דעם רבין! זאָלן ווײַסע חבֿרהביקעס זען, אַז געזעץ מוז זײַן געזעץ; בענקעלע איז בענקעלע, קאַנטשיק איז קאַנטשיק. אַלעמען איין בורא און אַלעמען איין תּורה!

~❀~

וירטועל לעבן מײַנס! איך האָב דיך קיין מאָל ניט פֿאַרראַטן. גוט צי שלעכט, אין פֿרייד צי פּײַן, כ׳האָב דיך קיין מאָל ניט פֿאַרלאָזט, קיין מאָל ניט געפּרוווט פֿאַרגעסן צי פֿאַרלירן דיך.

אָדער באַדויערן. געליטן און געקעמפּט כּדי צוזאַמען קענען גובֿר זײַן אַלע שטרויכלונגען. יעדן ווידערשטאַנד. פֿון וואַנען זיי זאָלן ניט האָבן געקומען. און אַזוי – אין אונדזער לאַנגן וועג צוזאַמען.

אַנטלויפֿן! אין אַ פֿיקציע. אין אַ פֿרעמדער עקזיסטענץ. אין שיכּרות. אין אַ טרוים צי סתם אילוזיעס! לעבן מײַנס. אַזוינס איז קיין מאָל ניט געשען. דו ווייסט עס גוט. און איך ווייס אַז דו פֿילסט: איך בין דיר טרײַ. איך בין פֿאַרליבט אין דיר. לעבן מײַנס. ווי קען איך זײַן אַנדערש! באַוווסטזיניק. מיט שׂכל צי עמאָציע כ׳בין תּמיד דײַן.

לעבן מײַנס: אַפֿילו אין מײַן קבֿר וועל איך דיך מיטנעמען מיט זיך. ווי קען געמאָלט זײַן אַז כ׳זאָל טויט אַפֿילו זײַן אָן דיר! אויף אַ יענער וועלט זײַן אָן דיר! ס׳איז ניט נאָר עפּעס אַבסטראַקטס. פֿיקטיווס. נאָר אַ קאָשמאַר! איבעריקנס. בין איך ניט אַזוי פֿיל נאָר. כ׳זאָל דערפֿון מיר מאַכן אַן עקזיסטענציעלן צער!

~❀~

די געטליכע השגחה פֿאַר דער מענטשנוועלט איז ווי דער גײַסט פֿון בינשטאָק פֿאַר די בינען. ער טוט אַכטונג. אַז די האַרמאָנישע אָרדענונג זאָל ניט ווערן צעשטערט. ניט דורך אַנאַרכיע. ניט דורך אַטראָפֿיע. ניט דורך היפּערטראָפֿיע. אַ משל אויך: דער מענטשליכער גײַסט וואָס געוועלטיקט אין דער אימפּעריע גוף: די מיליאַרדן אַטאָמען. מאָלעקולן. קעמערלעך. דריזן. אבֿרים. בלוט-געפֿעסן און נערוון-סיסטעמען.

אָבער: שאַפֿן די בינען דעם בינשטאָקגײַסט. צי דער גײַסט פֿון בינשטאָק – די בינען! ווי מע קען זען. לײַד איך פֿון האַמלעטיזם. און בין ניט מסוגל צו ליגן אײַנגעלייגט אָן זיך צו שאַפֿן פּראָבלעמען וואָס קענען ניט ווערן דערקלערט ניט דורכן שׂכל. ניט דורך אַן אַנדער סיסטעם.

~❀~

אינטערעסאַנט צו וויסן, ביז וועלכער מדרגה קען זיך עפּעס איינשרומפּן און ביז וועלכער מדרגה קען זיך עפּעס פונאַנדער־שפּרייטן. וואָס ווערט דערמיט אין ביידע עקסטרעמע אַספּעקטן?

~❀~

האָב ניט קיין פּאַריבל, גוטער אומבאַקאַנטער פריינד, וואָס וועט אפשר נישטערן אַ מאָל אין מיינע פּאַפּירענע שיריים. כ'בין אַ שרייבערישער שליאָר, און קען ניט רוימען מיין באַלעבאַטישקייט ווי געהעריק. פּרווו דערגיין אַ טאָלק, און שעלט מיך ניט חלילה, ס'איז ניט מיין שולד.

יעדעס מאָל ווען כ'פּרוו מאַכן אַ ביסל אָרדענונג אין די פריערדיקע שרייבערייען, שרייב איך תמיד צו עפּעס נייע. דאַרף דאָס דאָזיקע גריבלען זיך זיין אַ שאַמפּאַליאָן־עול – איז לאָז עס אַלץ שוויצן. באַלעסטיק ניט דיין געמיט מיט מיינע דענקענישן און בענקענישן.

~❀~

דער פּאָעט פאַרמאָגט אַ פילבאַרן נשמה ראַדאַר. מיט זיין פּאָעמע, ווי אַ בלינדע פלעדערמויז וואָס שוועבט אין דער נאַכט און געפינט איר וועג, אַזוי געפינט ער דעם וועג דורכן עכאָ וואָס קומט פון דיין נשמה, דו, טאַלאַנטירטער פּאָעזיע־לייענער, זיין אינטימער פריינד.

מע נעמט ניט געווג אין אַכט אַז דער לייענער פון פּאָעזיע מוז האָבן טאַלאַנט, ווי דער מחבר. נאָר צוזאַמען זענען זיי שלימותדיק. אַן אַרכיטעקט וואָס בויט עפּעס און ס'קומט קיינער ניט דערין; אַ שיינער גאָרטן, פון קיינעם ניט באַוווּנדערט – דאָס אַלץ איז אומעטיק!

~❀~

אין די לאַבאָראַטאָריעס נעמט מען אייער צו שאַפֿן די אַנטי־ווירוס סערומס. און מיליאָנען עופֿות ווען זיך ניט אויספּיקן. מיליאַרדן ווירוסן וועלן אומקומען. מיליאָנען מענטשן וועלן לעבן לענגער. דאָס אַלץ צוזאַמען קומט צעשטערן אַ פֿאָרויס באַשטימטן דעטערמיניזם. בכן קען דער מענטש מיט זײַן פֿרײַען ווילן זיך אַנטקעגנשטעלן אַ קאָסמישן פּלאַן.

ערשט – אפֿשר געשעט עפּעס ענלעכס בײַ אַנדערע אָרגאַניזמען מיט זייער אָריגינעלער חכמה צי אינסטינקטן. און אפֿשר אויך בײַ אַנדערע עלעמענטן? זאָל דאָס זײַן אַלץ אַ טייל פֿון זעלבן אוניווערסאַלן פּראָגראַם? ווער קען זאָגן אַז עפּעס צי עמיץ טוט ניט אַזוי מיט זון־סיסטעמען, קאָסמאָסן און אפֿשר געטער?

~۞~

דער מענטש, ווי יעדע אַנדערע באַשעפֿעניש, מוז אינסטינקטיוו הערשן, געוועלטיקן איבער עפּעס, און אפֿשר גלײַכצײַטיק זיך פֿילן באַהערשט און באַוועלטיקט. ווי אַלע אַנדערע באַשעפֿענישן, מוז ער האָבן זײַן טעריטאָריע, זײַן האַרעם צי סעקס־פּאַרטנער, זײַן סיטואַציע אד״גל. דאָס קען אָננעמען פֿאַרשיידענע אַספּעקטן. ער איז באַליבט, ער איז שטאַרקער, שענער, בעסער, קליגער, ער איז שעף – אויב ניט איבער אַ מענטש, איז איבער אַן אידייע, אַ קאַץ, אַ הונט, אַ קענטעניש, אַ קינד. ס׳איז זיכער עפּעס בעסערס פֿון אַ צווייטנס, כאָטש אָפּט ווייסט נאָר ער אַליין דערפֿון. זײַן פֿאָלק, זײַן נאַציע, זײַן שפּראַך, זײַן רעליגיע, זײַן געשמאַק, זײַנע זיטן, זײַן... זײַן... זײַן... זײַן – אַלץ וואָס איז זײַן איז ממילא בעסער.

דאָס מוז זײַן אינטימע איבערצײַגונג, וועגן וועלכער ער וויל אַפֿילו ניט דיסקוטירן מיט עמיצן. צו וואָס, אַז יענער וועט סײַ ווי סײַ ניט פֿאַרשטיין? אָבער אין אַ צווייטער הינזיכט איז אים גוט צו וויסן, אַז ער ווערט געשיצט, פֿאַרזאָרגט דורך עמיצן צי עפּעס. זײַן גאָט, זײַן פֿירער, זײַן רעגירונג, זײַנע געזעצן, זײַן ליבשאַפֿט – דאָס אַלץ זענען פֿעסטונגען, שלעסער, מויערן הינטער וועלכע ער

קען רויִק דרימלען. וויפֿל אַרבעטער ווילן בעסער האָבן אַ באַלעבאָס, אַ מײַסטער, איידער זײַן זעלבסטשטענדיק? וויפֿל גאַסנפֿרויען מוזן האָבן דעם שמײַסער?

ס'איז זיכער נאָך דאָ אַ סך צו זאָגן וועגן די דאָזיקע ביידע פּראָבלעמען. כ'פֿיל עס, אָבער ס'גלוסט זיך מיר ניט צו גריבלען און זוכן באַגרינדונגען און אַרגומענטן. כ'האָב נאָר געוואָלט באַרירן די דאָזיקע וויכטיקע ענינים און טון אַ שטויס עמיצנס געדאַנקען, וואָס וועלן ווײַטער מחשבֿותן אין די ריכטונגען און אפֿשר אויסגעפֿינען פּסיכישע באַרעכטיקונגען אָדער סיבות דערצו.

דער פּרינציפּ פֿון לעבן איז נעמען און געבן. אויב אַלץ וואָס איז בלײַבט סטאַטיש, אַזוי ווי ס'איז, איז אַ קאַטאַסטראָפֿע, ווײַל סטאַטיק איז טויט. יעדער מוז נעמען עפּעס און גלײַכצײַטיק געבן, אין אַ מין סימביאָז, ניט נאָר פֿון סובסטאַנץ, נאָר אַפֿילו פֿון אָרט. רופֿט עס אויסשפּרייטונג, מעטאַבאָליזם, צי ווי איר ווילט. ס'איינציקע וואָס איז פֿאַראַן געגנוג פֿאַר אַלעמען, אָן קיינעמס אינטערוועגץ, איז דויער, צײַט, ווײַל פֿאַרשיידענע זאַכן קענען דויערן גלײַכצײַטיק, ניט שטערנדיק איינס דעם אַנדערן. אַזוי דאַכט זיך מיר...

בכן, אויב אַפֿילו נאָר באַוועגט זיך – אין אַ וועלט וואָס איז פֿול, מוז מען זײַן תּיכּף אין קאָנפֿליקט, אַגרעסיוו קעגן עמיצן. דאָס קען געשען אָדער מיט געוואַלד, אָדער מיטן גוטן ווילן: דו גיב מיר עפּעס פֿון דײַן אָרט, און איך שענק דיר אויך עפּעס פֿון מײַנעם. אין אַזאַ פֿאַל איז דער בײַט סינאָנים פֿון אַ תּענוג. דער אמתער סימביאָז. ליידער, געשעט ניט אַזוי. דער יסוד פֿון יעדער נערונג, פֿון יעדער באַוועגונג, איז געוואַלט-טאַט: מע שטויסט, מע צערײַסט, מע פֿרעסט און מע צעשטערט נאָך אַנאַנד עפּעס, וואָס געהערט צו אַ צווייטן.

ווי אַזוי רירן זיך פֿון אָרט און ניט שטערן עמיצנס רו? ווי אַזוי נערן זיך, עטעמען אָן עפּעס צו פֿאַרוואַנדלען? און אפֿשר גיב איך צי

באקום עפעס גוטס ניט וויסנדיק דערפון! פאר וואס-זשע אזוי פיל אנגסט, פיין און חרטה? מע קען באגרייפן אז מ'איז, און ס'איז תמיד אויף עמיצנס חשבון. דאס דערפירט ביי געוויסע עגאפאבן צו זעלבסטמארד. נאר דער קאפיטאליזם, מיט זיין ציניש פאראזיטיזם, מאכט זיך ניט קיין זארגן דערמיט. ער עקספלואטירט און ניצט אויס אלץ ארום זיך, ניט בלויז צו קענען עקזיסטירן, נאר צו זאמלען פארמעגן וואס וועט אים קיין מאל ניט קענען ניצן, סיידן פאר זיינע מעגאלאמאנישע יחסנות-קאמפלעקסן.

~❀~

אויב ס'זאל געלינגען א מאל די וויסנשאפטלער צו דערגרייכן די פאזע פון אומשטערבליכקייט פונעם מענטש, וועט די ביאספערע ניט האבן קיין קיום, און מוזן סקלעראזירט אומקומען די סובסטאנץ פונעם טויטן איז נייטיק צו שאפן דאס נייע לעבעדיקע. פאראן איין סומע ציגל; אויב מע וועט ניט צעשטערן קיין געביידעס, וועט מען ניט קענען בויען קיין נייע, און נייע זענען אומבאדינגט נויטווענדיק פארן אינטערעס פונעם גאנצן זיין, ווייל נאר אין כסדרדיקער באנייונג קען לעבן דויערן און זיין אינטערעסאנט.

זיין איז גילטיק נאר מיט ווערן. אין עקסטאז פון שעפערישן ווערן מוז דאס, וואס איז, פארשווינדן און לאזן ס'ארט פאר דעם, וואס קומט: פארן מער אונטערנעמעריש, קעמפעריש און עקשנותדיקערן. אלץ וואס שאפט זיך ניט כסדר איבער און עוואלויִרט ניט, איז ווי געשטארבן, טויט, אבער איז סובסטאנץ וואס ניצט תיכף פאר נייע עקזיסטענצן, נייע אספעקטן. נאר די דאזיקע אומשטערבליכקייט פאר עפעס איז א באגריף, וואס איז ניט פשוט. דויערן – פאר וועמען, פאר וואס, צוליב וואס און ווי אזוי? און הלמאי דער גאנצער אויפטו?

~❀~

ניט געהאַט געגוג קאָפּ־דרייעניש האָב איך איצט אַ נײַעם פּראָבלעם. וואָס איז מיט דער יענע־זײַט פֿון שפּיגל? איז זײַן לערקייט נאָך עפּעס ווייניקער ווי דאָס וואָס דו זעסט אין אים? אין שפּיגל געפֿינסטו כאָטש זיך זעלבסט. בכלל געפֿינסטו אין אַ שפּיגלס טיפֿקייט ס׳רובֿ נאָר דאָס, וואָס דו קומסט זען. יעדער שאַפֿט ־זיך דעם שפּיגלסווירקליכקייט. אָבער אַז קיינער קוקט ניט דערין — וואָס ווערט מיט יענער זײַט? איז עס ניט ווי מיט דעם פֿענאָמען, ווו נאָר די, וואָס קענען עפּעס זען, זעען עפּעס ווירקליכס?

דער וואָס איז ניט גענוג אַלכעמיקער צו קענען אַלץ פֿאַרוואַנדלען אין גאָלד, וועט תּמיד זײַן אָרעם. לײַדער זענען פֿאַראַן אַפֿילו אַזעלכע אַנטי־אַלכעמיקער, וואָס גאָלד פֿאַרוואַנדלען זיי גאָר אין בלײַ. אַזוי ווי ס׳רובֿ לײַט געהערן צו דער דאָזיקער קאַטעגאָריע, דעריבער איז פֿאַר זיי די יענע זײַט פֿון שפּיגל תּמיד ליידיק. קום צום שפּיגל מיט אַ צופֿרידן שמייכעלע, וועסטו תּמיד זײַן צופֿרידן צו געפֿינען דערין גליק. פֿאַרקערט, קום מיט אַ קרומער מינע, און וועסט געפֿינען עמיצן מיט אַ טרויעריקן אויסזען.

אָבער דאָס איז אַלץ פּלפּוליזם, און ס׳האָט ניט קיין שײַכות מיט דעם. וואָס כ׳וואָלט געוואָלט וויסן: וואָס איז מיט דעם שפּיגלס טיפֿקייט. אַז קיינער צי עפּעס האָט זיך ניט וואָס אָפּצושפּיגלען? ס׳קען דאָך ניט זײַן עפּעס, וואָס איז ניט?

ערשט איז נאָך דאָ אַ גרעסערע געהיימעניש: וואָס טוט זיך אַז איין שפּיגל שפּיגלט זיך קעגן אַ צווייטן? די טיפֿקייט פֿון אַזאַ אָפּשפּיגלונג איז אָן שום מעגליכן סוף. דאָס האָט שוין אַ שײַכות מיט מאַטעמאַטיק, מיט אייביקייט, אומענד און מעטאַפֿיזיק.

~⊛~

כ׳בין איבערצײַגט און זיכער, גאַטעניו, אַז דו לאָזסט ניט קיין שום טרער אויף קיינעמס וויִע, אַ צאַרטער גלעט זאָל זי ניט טרייסטן; קיין וווּנד, ווי טיף פֿאַרבאָרגן זי זאָל ניט זײַן, דו זאָלסט

ניט קענען פּרוּוון היילן; קיין פֿאַלן, דורך יעדער שטרויכלונג, ס׳זאָל דײַן געטער־אָרעם ניט העלפֿן צוריק זיך צו הייבן; קיין האַנט, וואָס שטרעקט זיך אָפּן צו אַ פֿרײַנד. ס׳זאָל אַ צווייטער זי ניט דריקן; קיין ליפּנבלום וואָס בעט אַ קוש, זי זאָל דעם קוש אין ערגעץ ניט באַקומען. און ניט קיין בליק פֿאַרלוירן אין דער נאַכט, און ניט קיין רוף פֿאַרלאָזט אָן אַן עכאָ. אַ טאָטאַלער יתום איז זעלטן דער, וואָס ווענדט זיך צו דיר און באַגערט דײַן מוטער־ליבשאַפֿט און דײַן פֿאָטערשוץ.

ווי אַ קינד אין טרײַער היים־מנוחה עפֿן איך די אויגן יעדן מאָרגן און פֿאַרשליס זיי יעדע נאַכט, זיכער מיט דער ריכטיקייט און תּמיד גוטער שיינקייט, פֿון דעם אַלץ וואָס איז, מיט מיר בתוכם. כ׳טו ניט תּפֿילה, פֿאַל ניט כורעים, בעטל ניט קיין רחמנות. כ׳פֿיר זיך ווי ס׳וואָלט אַלץ געווען פּשוט און נאַטירליך. און היט זיך בלויז פֿון זינדיקן מיט שלעכטע מעשׂים, מיאוסע מחשבֿות. איך מיין אַז די ערשטע שלעכטע מעשׂים און מחשבֿות זענען דאָס קענען טראַכטן אַז ס׳קען זײַן אַנדערש, אויב מע לעבט מיט אַ רויִק געוויסן און מיט צוטרוי צו דיר־און צו דײַן באַשאַף.

~֍~

דאָס וויסן אַז מע קען זײַן אַ קלאַנג אין אַ סימפֿאָניע, אַ וואָרט אין אַ פּאָעמע, אַן אַטאָם —און ווער רעדט שוין אַ קערן זאַמד— אין אַ ציגל פֿון אַ בית־המקדש, אַ פּונק מחשבֿה פֿון אַ געטליכקייט; דאָס קענען טראַכטן ס׳דאָזיקע אַפֿילו — און מײַן לויִן איז גרויס פֿאַר יעדן מין פּײַן, וואָס עס קען גורם זײַן אַ לאַנגע עקזיסטענץ.

כ׳פֿאַרשטיי ניט ווי אַזוי אַזוי פֿיל לײַט קענען זײַן גלײַכגילטיק צום פֿענאָמען וועלט, לעבן, דאָס קענען טראַכטן, געניסן פֿון אַזוי פֿיל עקסטאַזן און ליבשאַפֿטן, זען אַזאַ פּרעכטיקן פּלאַנעט, אַזאַ וווּנדערליכן הימל מיט אַזוי פֿיל שיינקייטן: אַ פּריזמענשפּיל אירייזירט אין אַ טראָפּן טוי אויף אַ בלימל, אַ קינדיש שמייכעלע, אַ חנעוודיק קעצעלע, ווער רעדט שוין פֿון אַ באַרג און טאָל, זון

און רעגן-בויגן און אַזוי פֿיל פּראַכט און מעגליכע ליבשאַפֿטן. מײַסטערשאַפֿטן, ווירטואָזיטעטן, טראַץ עפּעמעריש שלעכטס, וואָס וועט אַ מאָל פֿאַרשווינדן.

שוין באַלד נײַנציק יאָר ווי כ׳פֿאַרכלינגע זיך מיט דער שיינקייט פֿון די רעאַליטעטן און טרוימען אַפֿילו, און קען ניט זעטיקן מײַן באַגער נאָך צו זען, פֿילן, הערן. ווי אַזוי קען מען ניט-זײַן פֿרום? ווי אַזוי קען מען זײַן שלעכט צי מיאוס? ווי אַזוי קען מען ניט דאַנקען דעם מײַסטער פֿון באַשאַף פֿאַר זײַן דערמעגליכן דאָס אַלץ צו קענען זען, טראַכטן, פֿילן און אַפֿילו איבערגעבן אַנדערע מיט וואָרט און שריפֿט?

~❀~

די מענטשהייט, מיט אירע ציוויליזאַציעס, קולטורן, פּראָגרעס, האָט אָפּגענאַרט, באַשווינדלט און אַנטוישט דעם באַוווסטזיניקן מענטש אין אַלע הינזיכטן, אויב ס׳האָבן זיך געפֿונען אַזעלכע אַ מאָל, און אפֿשר אויב ס׳געפֿינען זיך אַזעלכע הײַנט.

דער סאָציאַליזם איז געוואָרן נאַציאָנאַל-סאָציאַליזם. די סאָוועטישע פֿאָלקס-דעמאָקראַטיע איז געוואָרן אַ דיקטאַטור מיט אַ נ.ק.וו.ד., מיט איר אַנטיסעמיטיזם, און האָט טויזנטפֿאַכיק פֿאַרבעסערט די אַמאָליקע איוואַן דעם גרויזאַמענס און אָכראַנאַ-סיסטעמען, מיט פּערזענליכקייט-קולטן אַ-לאַ סטאַלין, מיט זײַנע כּלומרשט נײַע ריכטונגען.

די וויסנשאַפֿט איז דערגאַנגען צו קאָבאַלט- אָדער פּשוטע הידראָגען-באָמבעס, וואָס פֿאַרתּכלעווען מיליאַרדן פֿאַרמעגן און מי. פֿאַרפעסטיקן די סבֿיבֿה מיט טויטאָפּפֿאַל, און שטעלן די גאַנצע בײַאָספֿערע אין רשות פֿון עפּעס אַ מעגליך משוגענעם פּרעזידענט, מיניסטער, גענעראַל צי אַ פּילאָט פֿון אַ דער-שראָקענער אוויאָן-קאָמאַנדע, גענאַרט פֿון אַ שלעכט-פֿונקציאָנירן פֿון עפּעס אַן עלעקטראָנישער מאַכערײַקע, וואָס קען אַראָפּלאָזן אַן אַטאָם-באָמבע און פּראָוואָצירן די קאַטאַסטראָפֿע וואָס וועט אומברענגען דעם גאַנצן פּלאַנעט.

די דערציִונג פלומרשטע האָט געבראַכט צו די כוליגאַנישע „שוואַרצע קורטקעס", מיט דער אַלץ-שטײַגנדיקער צעקראַכנקייט און פֿאַרברעכערישקייט פֿון דער יוגנט, אָן קיין שום אידעאַל.

די קונסט האָט דערגרייכט די פֿאַרקריפּלטקייט אין אויסטערלישן געמיש פֿון פֿאָרמען און קאָלירן אונטער פֿאַרשיידענע איזמען און איסטן. פֿון אַמאָליקע מײַסטערס נוסח דע-ווינטשי צי רעמבראַנדט, איז דער באַרימטסטער – היעראָנימוס באָש. אַן אויסשטעלונג פֿון קונסט איז אַ קאָשמאַר, אַ זעונג פֿון אַ משוגענעם.

די ליטעראַטור האָט דערגרייכט אַ הייך פֿון ניבול-פּה, פּאָרנאָגראַפֿיע, אַלע מינים שפּיאָנערײַען, מערדערײַען, פּאַסקודסטווע-אינטריגעס, אומפֿאַרשטענדליכקייטן; זי פּראָדוצירט קאָמיקס-צייכענונגען וואָס דײַדזשעסטעווען אַפֿילו די אַמאָליקע ווערק, כּדי דער לעזער זאָל זיי גיכער פֿאַרשטיין. ערשט דער פּעסימיזם פֿון די פֿילאָזאָפֿן, די עסטעטיק פֿון די סעלינס...

דער סאָציאַלער פּראָגרעס האָט דערפֿירט צום פֿאַשיזם, צום רוצחישן היטלעריזם, ווו דאָס פֿאָלק פֿון מאָצאַרט, בעטהאָווען, געטהע, שילער, קאַנט און העגעל, מיט די פֿעלקער פֿון די מיצקעוויטשעס, טאָלסטויס, פּושקינס און שעווטשענקאָס האָבן דערגרייכט אַזאַ מין מדרגה פֿון שלעכטס און ווילדער רציחה, משוגענע אײַנפֿאַלן פֿון מאָרדן, רויבן, דערנידעריקן און אומברענגען, וואָס קיין שום ווילדע חיה וואָלט אַזוינס גאָר נישט געקענט אויסגעפֿינען, תּופֿס זײַן צי באַווײַזן צו טון.

די מאָדערנע געזעלשאַפֿט, מיט איר קאָמפֿאָרט, האָט באַוויזן צו דערגרייכן אַזאַ ניוואָ, אַז קיין מאָל זענען נאָך ניט געווען אַזוי פֿיל משוגעים אין די שפּיטעלער און קליניקס, אַזוי פֿיל אַרעסטאַנטן אין די תּפֿיסות. מ׳האָט נאָך קיין מאָל ניט דערפֿונדן און פֿאַרקויפֿט אַזוי פֿיל באַרויִקונגס-מיטלען, און מ׳איז ניט זיכער צי דער שכן אײַערער, אַ פֿאַרנאַרקאָטיקער צי סתּם אַ צעדרייטער, קען נישט אומגעריכט, באַהערשט פֿון זײַנע געהיימע מחשבֿות און אינסטינקטן, אַרויפֿשפּרינגען אויף אײַך מיט אַ מעסער צי פּשוט

מיט די צײַן ־ס׳רוב פֿאַלשע — און אײַך איבערבײַסן דעם גאָרגל.

קיין מאָל איז די שטערבליכקייט דורך אַלקאָהאָל, ניקאָטין, אויטאָמאָביל-קאַטאַסטראָפֿעס און פֿאַרשיידענע פֿיזישע און פּסיכישע פֿאַרגיפֿטונגען ניט געווען אַזוי גרויס. אַ פּראָסט יאָר פֿאַרטיליקט מער לײַט ווי אַ לאַנגדויערדיקע מלחמה פֿון אַ מאָל.

די רעליגיעס, די תּורות פֿון די אַמאָליקע נבֿיאים און פֿילאָזאָפֿן האָט מען צוגעפּאַסט צו מאָדערניזם, צו דעם הײַנטיקן מענטש, און דאָס האָט דערפֿירט צו טאָלערירן שלעכטס און מיאוסקייט, מאָרד און שווינדל. אַלץ איז געוואָרן אַן אַרטיקל פֿון מאַכט-זוכעניש, געשעפֿט, דעמאַגאָגיע און פֿאַרבלענדעניש. ציניש, קאַלטבלוטיק, זעט מען נאָר אינטערעסן. אַלע מעסערס און קאַנאָנען זענען געבענטשט פֿון הייליקע גאָט-שליחים. יעדער שלעפּט גאָט בײַ די פּאָלעס צו זײַן קרעמל.

מע האָט נאָך קיין מאָל ניט אָנגענומען דעם מאָדערנעם מענטש פֿאַר אַזאַ מין בהמה ווי איצט. פֿאַר וואָס זאָל מען זיך זשענירן, אַז ער וואַלגערט זיך דווקא אין מיסט און פּאַטשט בראַוואָ צו אַלע נבֿלישע שטיק, פּאַרדאָן: קונסטן, ליטעראַטורן, וויסנשאַפֿטן? ער פֿאַרכליניעט זיך מיט לבֿנה-פֿליִעכישן און פֿאַלט אין דער בלאָטע פֿון זײַן שטינקענדיקער סאָציאַלער אָרדענונג, מיט אַלץ וואָס דאָס איז גורם.

דער ציניזם פֿון דער מאָדערנער וועלט דערגרייכט ביזן גרייסן זיך מיטן פֿאַרטאָפּלטן דויער פֿון מענטשליכן לעבן, ווי דאָס וואָלט געווען עפּעס אַנדערש ווי ס׳פֿאַרלענגערן אַ מאַטערן זיך אין אַנגסט און אומרו פֿון לײַט, וואָס באַדויערן אפֿשר דאָס קורצע אָבער פּשוטע געזונטע לעבן פֿון די אור-זיידעס.

ליידער האָט דאָס אוניווערסאַלע משוגעת פֿאַרפֿלייצט דעם גאַנצן פּלאַנעט. אַלץ איז פֿאַרקריפּלט, אַלץ איז שלעכט געטײַטשט. די סעמאַנטיק איז געפֿעלשט. מע ווענדט אָן, מע קאָמענטירט אַפֿילו די בעסטע מחשבֿות אויף אַזאַ אופֿן, אַז זיי זענען גורם תּמיד אומגליק, קאַטאַסטראָפֿעס, אַנגסט און שלעכטס מיט מיאוסקייט.

וואָס טוט מען ? צו ווענדן זיך ווענדן? זאָל עמיץ קומען עפּעס

קריטיקירן און באַווײַזן אַז די אַלע רעזשימען זענען געפֿערליך און מע דאַרף עפּעס ענדערן, איז ער ניט זיכער מיטן לעבן, ווײַל צו פֿיל אינטערעסן, צו פֿיל אוזורפּאַטאָרן, צו פֿיל טיראַנען, צו פֿיל פּאַראַזיטיזמען מאַניפֿעסטירן זיך תּיכּף. דער וואָס האָט די חוצפּה און דעם קוראַזש צו רופֿן לײַט זיי זאָלן זיך רעוואָלטירן, פּראָטעסטירן צי זיך אַנטקעגנשטעלן די הײַנטיקע רעזשימען, ווערט באַלד באַטראַכט פֿאַר אַ פּסיכאָפּאַט צי סתּם אַ משוגענעם און מע פֿאַרשליסט אים אין אַ משוגעים־הויז צי אין אַ תּפֿיסה, אָדער מע רוימט אים אַראָפּ פֿון וועג. ערגער איז אָבער, אַז די אַלע וואָס לײַדן האַלטן גאָר אַז זיי איז גוט אין זייער לאַגע. זיי ווילן גאָר ניט קיין אויסבעסערונגען. משיחס צײַטן? זיי ווילן גאָר ניט קיין שום משיח זאָל קומען. זאָל חלילה זיך באַווײַזן עמיץ אַן אויסלייזער, אַ משיח, און פּרוּוון עפּעס ענדערן, וועט ער האָבן דעם זעלבן סוף ווי אַנדערע משיחים, וואָס זענען שוין געקומען אַ מאָל, און מע ווייסט וואָס ס׳איז מיט זיי געשען.

~❁~

דער ווינט גלעט דעם בוים צאַרט, ווי אַ מאַמעס האַנט, מיט ליבשאַפֿט. אָבער יענער ציטערט געהיים, מיט פּחד; געדענקט דעם שטורעם וואָס האָט געבראָכן צווײַגן און אים שיעור ניט אויסגעריסן מיט די וואָרצלען. יעדן בוים, כאָטש גרויס און שטאַרק, איז יעדעס בלעטעלע דאָך טײַער. קען ניט מוחל זײַן דעם, וואָס קומט מיט עפּעס אומברענגען אַ מיני־פֿראַגמענט פֿון זײַן שטאַם, פֿון זײַנע וואָרצלען צי פֿון זײַנע פּירות. דעריבער איז אים יעדער גלעט פֿונעם ווינט, יעדער ריר פֿון אַן אינסעקט פֿאַרדעכטיק, ווי דאָס וואָלט געווען אַ באַריר פֿון אַ האַק צי אַ זעג. און ער היט זיך אַפֿילו פֿון אַ האַנט וואָס קומט אים גלעטן. די איינציקע באַגערטע פֿרײַנד זענען נאָר די טרילענדיקע געסט וואָס קומען זיך נעסטן אויף זײַנע צווײַגן. וויפֿל לײַט בכלל, און וויפֿל ייִדן בפֿרט קענען נעמען דאָס דאָזיקע פֿאַר אַ משל!

~❁~

קומען לײַט / ציניש און פֿאַרשײַט / מיט הימלישקייט באַגריפֿן, / מיט סודות עזאָטערישע, געהיימע טיפֿן, / קאַבאַליסטישן צירופֿישן באַשייד — / כּולו-קריפּטאָמאַניעס., רזין דרזין רייד, / גמטריות, סימבאָלן וואָס מע קען ניט און מע טאָר ניט וויסן / סוועט די פּריסטער, גורוס, שאַמאַנען פֿאַרדריסן / אויב עמיץ נײַגעריק וועט זײַן / און פּרוּוון עפּעס פֿון דעם אַלעמען פֿאַרשטיין. /

דו, פֿרומער, לאָז די הייליקייט פֿאַר זיי אין זייער ווײַרער-וואָלקן! / זײַ נאָר די בהמה: / מיט הכנעה און מיט אימה / פֿאָלג, ברענג קרבנות, / ברענג מתּנות, / זײַ גליקלעך וואָס דו וועסט געשוירן און געמאָלקן. / אַני-מאַמינס, קרעדאָס, דאָגמעס: / זיכער גוט און קלוג! / פֿאַר פֿרומע לײַט איז דאָס גענוג. / אויב דערווײַל געליטן, / איז נאָכן טויט — אויף׳ אַ גן-עדן-גליק געהאָפֿט. /

דו, הערעטיקער און אַפּיקורס, / אויף דער וועלט וועסט געשטראָפֿט, / און אויף יענער וועלט — ס׳גיהנום ניט געמיטן! /

זינט תּמיד, אומעטום אַזוי זיך פֿירט כּסדר / און ווי אַזוי נאָר געטליכקייט זאָל זײַן פֿאַרשטאַנען. / אָבער לײדער, לײדער, זענען איצט דאָך אַטעיִסטן-סקעפּטיקער פֿאַראַנען, / מיט פֿילאָזאָפֿיעס, דענקעניש, פּראָגרעס. / איז געשען אַ נס: / די עזאָטעריעס קריפּטאָמאַניעס-לאַזער-טראָגלאָדיטן, / האָבן אַני מאַמינס פֿרום מיט דאָגמעס וויסנשאַפֿט געביטן. / הימלען, יענע וועלט: אַלטמאָדיש און באַנאַל. / מאָלעקול און אַסטראָמעטאַפֿיזיק, נוקלעאָנען, / פֿאָטאָנען מיט פּראָטאָנען, / עקוואַציעס און נאָר אַזעלכע אָ־נ ע ן. / מאַטעמאַטיק קאַבאַליסטיזירט מיט טעאָרעמען, / אויסגעפֿונען אויסטערלישע נעמען. / אַלץ איז פּאָליטעכניש, אַקאַדעמיש און סאָציאַל. / און דער רעזולטאַט, ווי תּמיד, איז פֿאַטאַל! / הײַנט בײַם עולם גורו און שאַמאַן / הייסט פּראָפֿעסאָר, רעקטאָר און דעקאַן. /

וויסנשאַפֿט, וועלטס אידעאַל! / פּסיכאָפּאַטיע צי פּסיכאָז? / מע בויט ניט טעמפּלען — אוניווערסיטעטן, / אינזשעניערן נאָך אַנאַנד מע שאַפֿט. / אָבער לײַט — ראָבאָטיזירט, ווי אַלע מאָל

פֿאַרשקלאַפֿט. / אָדער פשוט אַרבעטסלאָז. / מיט שטײַערן דאָס מעלקן ווערט פֿאַרטרעטן. /

עולם-גולם, פֿרום אַ מאָל און וועלטליך הײַנט, / לאָזט זיך פֿירן ווי בהמות פֿאַר די נעז. / פּריווילעגירט ווי תּמיד, הייסן אַנדערש דאָך די זעלבע קלאַסן. / ס׳גילטן דעמאַגאָגיע מיט טעראָר און קראַפֿט. / מיט שאָוויניזם גערייצט זיך פֿעלקער האַסן. / כאָטש אָרעמע – זיך ממיתן כסדר נאָך אַנאַנד. / ניט איין מוטער הונגעריק און קראַנק / מיט אירע קינדער ווײנט, / און דער באַשאַף געלעסטערט ווערט אַזוי / מיט מיאוסקייט און מיט שאַנד.

~

די הײַנטיקע מאַטעמאַטיק האָט דערגרייכט אַזעלכע מדרגות וואָס קיין פּשוטער מענטש קען גאָר ניט תּופֿס זײַן. עקוואַציעס, טעאָרעמעס, מיט אַזעלכע פֿאָרמולעס, סימבאָלן און לאָגישע אָדער כּלומרשט לאָגישע אויספֿירונגען זאָל פֿירן דעם מענטש צום סוד פֿון קאָסמישן מהות. ניטאָ מער קיין פּראָבלעמען! ניט אין דער פֿיזיק, ניט אין דער מעטאַפֿיזיק, ניט אין דער כעמיע און ניט אין דער אַלכעמיע. ביאָפֿיזיק, פּסיכאָפֿיזיק, פֿיזיאָסינטעז און נאָך אַזעלכע וויסנשאַפֿטליכע פּאָזיטיווע פֿענאָמענאָלאָגיעס צי פּסיכישע האָקוס-פּאָקוס-טעאָריעס, מעסטן קאָסמאָסן ווי נוקלעאָנען, שטודירן סטרוקטורעל מאָלעקולן, גאַלאַקציע ספֿערעס, סאָציאַלע גרופּעס און... און... און...

פּאַרדאָן! ניט פֿאַר מיר געדאַכט די דאָזיקע וויסנשאַפֿט מיט די אײַנשטײנישע עקוואַציעס. הכּלל, די מאַטעמאַטיקערס, די נאָבל-טרעגערס, די... די ווי זיי הייסן דאָרט – זיי ווייסן שוין אַלץ! זיי האָבן נאָר פֿאַרגעסן, אַז צוויי מאָל צוויי איז פֿיר. ווי די פּסיכאָלאָגן, פֿילאָזאָפֿן, סתּם דענקער, בענקער און גן-עדן שענקער – אַלע קרענקער וואָס שטעלן צונויף קאָמפּליצירטע פֿילאָזאָפֿישע סיסטעמען, דאָקטרינעס מיט עטיק און עסטעטיק-סאָסן, זיי ווייסן אָבער ניט מער וואָס הייסט אַזוינס זײַן אַ פּשוטער אָרנטלעכער מענטש, אָן קאָמפּלעקסן, ליבידאָס און

פסיכאָפּאַטישע שאַלעמויזן.

טעכניקערס שטעלן צונויף אַן אַסטראָנאָמישע מאַכערײַקע וואָס לאָזט זיך אין די ווײַטע סטעלאַרע ספּערעס מיט דער פּינקטליכקייט פֿון אַ מעכאַנישן גולם. וואָס פֿאַר אַ ווערט האָבן דאָ גרענעץ-באַרמעס פֿון גראַוויטאַציע פֿון אַ פּלאַנעט מיט 40.000 קילאָמעטער אַ שעה? אַזוינס איז נאָר אַ טשערעפּאַכע-קריכעניש אַנטקעגן די 300.000 קילאָמעטער אַ סעקונדע! אָבער דאָ, אויף די פּשוטע גאַסן און סטראַדעס פֿון אונדזער בידנעם פּלאַנעט קען מען ניט מײַדן שטויסעניש מיט קאַטאַסטראָפֿעס. מע שטויסט זיך צופֿעליק צו פֿוס אַפֿילו, ערשט מיט אויטאָמאָבילן, מיטן שיפֿן, אַוויאָנען — מע פֿאַלט ווי פֿליגן. די שפּיטעלער און באַגרעבער זענען פֿאַרוואָרפֿן מיט אַרבעט — ביזי! מע מאַכט אַ לעבן פֿונעם טויט. ווײַל לײַט זענען שיכור מיט אַזוי פֿיל אַלקאָהאָלן, אַזוי פֿיל ראַפֿינירטע קאָקטיילן, קאָמפּליצירטע געטראַנקען, אַז מע פֿאָרט משוגענערהייט אַלץ גיכער, אַלץ האַסטיקער.

אוי, ווו נעמט מען אַ טרונק קלאָר מחיהדיק וואַסער? גענוג טראַנזיסטאָרירטע טעכנאָקראַטן! לאָזט אַ ביסל עטעמען אָן פּלאַניפֿיקאַציעס! גייט אײַך, איר גײַסטיקע וואַטעלס און וויסנשאַפֿטליכע ברייִאַ-סאַווארענס! אַ רעפֿטל ברויט מיט פּוטער, אַ פֿרישע געשמאַקע קאַרטאָפֿליע, אַ זאַפֿטיקן עפּל!

אוי, נאַרישער האָמאָ-סאַפּיענס, האָמאָ וואָס סאַפּעט קוים מיט דער נשמה אין גרויסן מאַטעמאַטישן אימפּעט, געיאָגט אין אַנגסט פֿון פֿאַרשיידענע מאַטעריעלע און גײַסטיקע בעטאַטראָנען! מע וואָלט געדאַרפֿט האָבן מאָדערנע מעטאַפֿאָרן, מע זאָל קענען מאַכן עפּעס אַ משל מיט אַ נמשל, לײַט זאָלן קומען צום פּשוטן און קלאָרן שׂכל. אפֿשר וועט דאָך אויפֿקומען עפּעס אַ חכם וואָס זאָל באַווײַזן דאָס צו טון.

פֿון אַלע באַשעפֿענישן איז זיכער דער מענטש דער אולטראַ-שלימזלדיקסטער בעל-חי. מיט זײַן כּלומרשטן באַוווּסטזײַן, מיט זײַן דיאַלעקטיק, מיט זײַנע אינטראָספּעקציעס און פּסיכאָאַנאַליטישע קאָמפּלעקסן. אַ בוים, אַ גרעזל, אַ לייב, אַ פֿלוי, אַ מיקראָב – דויערן אָפּ זייער חלק עקזיסטענץ און פֿאַרשווינדן נישט האָבנדיק צו טון ניט מיט פֿיזישע, ניט מיט פֿילאָזאָפֿישע פּראָבלעמען. און פּטור! דער מענטש, דער חכם, ער מיט זײַן אומרו-דיבוק, מוז באַרעכטיקן זײַן עקזיסטענץ, מוז וויסן געווי דעם קאָסמישן פּראָגראַם, קענען דעם מהות פֿונעם מײַסטער. גאָט צי ווי מע וויל עס אָנרופֿן לויט דער מאָדע פֿון דער געגעבענער עפּאָכע. ער האָט אַפֿילו דערגרייכט אַ באַזונדערע קאַטעגאָריע לײַט וואָס זאָלן זיך ספּעציאַליזירן אין די דאָזיקע פּראָבלעמען.

כ׳ווייס ניט צי אַפֿילו בײַ די אַזוי ראַפֿינירטע מוראַשקעס, וואָס זייער ציוויליזאַציע איז עלטער און קליגער פֿון אונדזערע מיט הונדערטער מיליאָנען יאָרן, זענען פֿאַראַן טעאָלאָגן, טעאָגאָניעס, ראַציאָנאַליסטן, אידעאַליסטן און רעליגיעזע. יעדער איינער מיט כ׳ווייס אַליין ניט וויפֿל דאָקטרינעס, מיסטיציזמען, וויסנשאַפֿטן: סואַמיס, גורוס, הייליקע פֿאָטערס און רביים. אין אַלע הינזיכטן איז דער מענטש ווי פֿאַרשאָלטן מיט סקעפּטיציזם, פּעסימיזם, צווייפֿל און פֿאַרצווייפֿל.

אָט האָב איך אַ באַוויַז מיט מײַן אייגענער עקזיסטענץ, מיט מיר זעלבסט, מיט מײַן אייגענעם שרײַבן. אַליין, ניט געצוווּנגען פֿון קיינעם, האָב איך הנאה צו שרײַבן. נו, איז דאָך גוט? וואָלט איך דאָך געדאַרפֿט טראַכטן: ס׳גלוסט זיך דיר שרײַבן – שרײַב דיר געזונטערהייט! האָסט די מעגליכקייט צו לאָזן לייענען אַנדערע? אָוושעם, אַדרבה! אַנדערע טוען אויך דאָס זעלבע. אײַ, זאָגסטו, לײַט פֿאַרתּכלעווען זייער לעבן מיט דער דאָזיקער מאַניע, און ליגן אין דר׳ערד לעבעדיקערהייט? נו, איז דאָך אַזוי מיט עפּל צי מיט ווײַנשל, וואָס וואַקסן אויף ביימער, און פּיעטרישקע צי קאַרטאָפֿל, וואָס צײַטיקן אין דער ערד – אָבער אַלע טוען אַ

נאַטירליכע זאַך. אפֿשר וויל עמיץ צי עפּעס ס'זאָל אַזוי זײַן. אָבער ניין, דאָס איז ניט געננוג. דאַרף איך האַלטן אין איין אַנאַליזירן צי ס'איז גוט אָדער שלעכט, געשריבן אויסגעהאַלטן צי נישט. פֿרעגט אַ רעטעך עמיצן צי ער געפֿעלט? ער איז אַ רעטעך, ביטער אינעווייניק, פֿאַרשוואַרצט פֿון דרויסן, אָבער פֿאַראַן אַמאַטאָרן דווקא צוליב זײַן טעם. טראַכט איך אָפֿט: וואָס זוכסטו, לעקיש? ניט יעדער בוים קען דאָך שאַפֿן מאַראַנצן, פֿײַגן צי מילגרוימען. ציבעלעס איז דאָך אויך אַ פּרי. און ווייץ צי קאָרן – טאַקע אַ סך שטרוי און ווייניק מעל, אָבער מיטן מעל מאַכט מען דאָך קרעפּלעך און קוכנס, און פֿון שטרוי – שעצקע פֿאַר בהמות און שעניקעס פֿאַר חכמים.

בכן, איז דאָך אַלץ ניצליך! דאָס איז גערעדט ווען מע האָט צו טון מיט אַ נאַטירליך באַשעפֿעניש. אַ מענטש אָבער, די איינציקע בריאה וואָס האָט פֿאַרזוכט פֿון עץ-הדעת, האָט אַ באַוווסטזײַן, וויל דאָך פערפֿעקציע, האָט ליב אַז מע זאָל סמאַטשקען מיט די ליפּן לייענענדיק זײַנע ווערק, און קינד און קייט זאָלן טײַטלען מיט די פֿינגער: אָט גייט ער, דער-און-דער-און-דער! או-וואַ! או-וואַ וואַ! זע נאָר, זע נאָר דעם פּיש-פּיש-פּיש!

נו, איז דאָך טאַקע ביטער. האַלט איך אין איין אַנאַליזירן, קריטיקירן, קאָמענטירן און דעשיפֿרירן וואָס, ווען, פֿאַר וואָס, צוליב וואָס איז די גאַנצע פּאַטשקערײַ. גאָט איז מײַן עדות אַז כ'האָב געפּטרט אַ העלפֿט פֿון מײַן לעבן אין פּרוון דערגיין אַ טאָלק דערין, און ווער ווייסט וויפֿל די וועלט האָט פֿאַרלוירן מיט די אַלע מײַסטערווערק וואָס כ'האָב צעריסן און אַוועקגעוואָרפֿן! נאָך אַ נס, וואָס מײַן וואַסער-לייטונג איז חלילה ניט פֿאַרשטאָפּט, און כ'האָב עטליכע קראַנקען. ניטאָ חלילה קיין ריזיקע, מע זאָל בלײַבן דאָרשטיק.

כ'האָב נאָר געוואָלט פֿאַרצייכענען ס'דאָזיקע מע זאָל וויסן די צרות פֿון אַ בוים וואָס צווייפֿלט אין זײַנע פּירות. דאָס איז איינס. צווייטנס – זאָל זײַן מיט נאָך אַ שריפֿט מער! כ'האָב געזען בוכהאַנדלונגען און ביבליאָטעקן מיט ליידיקע פּאָליצעס. נו, איז

דאָר דאָ אַן אָרט פֿאַר ליטעראַטור! איז האָב איך אָנגעשריבן ס׳דאָזיקע, און זאָל זײַן מיט מזל און מיט ברכה!

***

ניט די נשמה איז אַן אַספּעקט פֿונעם גוף, נאָר דער גוף אַן אַטריבוט פֿון דער נשמה. די נשמה מאַניפֿעסטירט זיך דורך דעם גוף, אין דעם גוף. זי איז אַ טייל פֿונעם עלעמענט לעבן, פֿון דעם אײנציקן עלעמענט פֿון קאָסמישן באַשאַף וואָס מאַניפֿעסטירט זיך אין אַלע אַספּעקטן, אין אַלע פֿענאָמענען, אין אַלע דימענסיעס. אַלץ וואָס איז צי קען נאָר זײַן איז אַן אַספּעקט, אַן אויסדריק פֿון דעם דאָזיקן קאָסמישן לעבן, וואָס מע קען ניט תּופֿס זײַן ניט מיט חושים און ניט מיט אינטויִציעס, אויסער נאָר עפּעס דערפֿון.

ווי דער געדאַנק קען זיך נאָר אויסדריקן דורך מוזיק, וואָרט, זשעסט צי בליק, דריקט זיך די נשמה אויס אינעם גוף. גוף קען פֿאַרשווינדן; נשמה איז אייביק און איז אַ טייל, ווי עפּעס טאָטאַלס, אין אייביקייטן און אומענדן, **אין** צי **אויסער** עפּעס; זי האָט אַ שײַכות מיט געטליכקייט צי מיט עפּעס אַנדערש פֿאַר וועלכן ס׳איז ניטאָ קיין טערמינאָלאָגיעס. גלײַכער איז, אַז מע באַשעפֿטיקט זיך ניט דערמיט. דאָס פֿאָרשן פֿירט אין אַ משוגעים-הויז.

***

די ראָלע פֿון קריטיקער, איז ווי די ראָלע פֿון די פֿייגל וואָס וואַרעמען אויס פֿרעמדע אייער. דאָס דערמאָנט מיך אָפּט דעם קוקו אָדער די הינער וואָס פּאָרען זיך אַרום מיט אויסגעפּיקטע קאַטשקעלער.

***

בראשית איז גאָרניט געווען, אָדער איז געווען גאָרניט. ס׳הייבט זיך באַלד אָן מיט אַן אַבסורד. אויב געווען, קען עס דאָך ניט זײַן גאָרניט. גאָרניט איז דאָך בכלל ניטאָ. אויב געווען, איז

דאָך זיכער שוין אַן עפּעס. פון גאָרניט קען עפּעס ניט ווערן. ווי עפּעס קען זיך ניט פאַרוואַנדלען אין גאָרניט. ממילא איז אונדזער קאָסמאָס עפּעס פון דער אייביקער נישטיקייט, אָדער נישטיקייט איז עפּעס פון דער מעגליכער אייביקייט.

דאָס איז געזאָגט לויט אונדזער אויפנעם-פעיִקייט, אונדזער מעגליכע פאַרשטענדעניש עפּעס צו באַגרייפן. אַלץ איז אָבער אַזוי רייך, אַז זיכער זענען פאַראַן אַזעלכע מעגליכקייטן וואָס מיר קענען גאָרנישט פאַרשטיין. אַ ווונדער וואָס דער געדאַנק דערפון בלאָנקעט אין אונדזער מוח. דאָס איז אַ גוטער סימן. אונדזער בראשית הייבט זיך אָן מיט אַן עפּיזאָד, און אונדזער סוף וועט זיך ענדיקן מיט אַן עפּיזאָד. דאָס גאַנצע זיין און ווערן וועלן מיר קיין מאָל ניט קענען. דאָס איז אויסער אונדזערע השגות. ווי עס האָט שוין געזאָגט דאַכט זיך מיר ספּענסער, דער פילאָזאָף.

~@~

ניט דער מייסטער שאַפט דאָס ווערק, נאָר ס׳ווערק — דעם מייסטער. ווערק האָט זיין אייגענע עקזיסטענץ, און דער מייסטער דערשיינט אפשר ווי אַ מעדיום, דורך צי מיט וועמענס אינטערווענץ ס׳קען זיך אַנטפּלעקן. מע קען דאָס זעלבע זאָגן וועגן עקזיסטענציאַליזם. ניט דער מענטש שאַפט זיין וועזנטליכקייט, נאָר די חושים שאַפן דעם מענטש, מיט אַלע זיינע באַגערן און אינסטינקטן, מחשבות און אַספּיראַציעס. און אויב זיי טוען עס, איז עס זיכער ניט על-פּי צופאַל.

ניט מעגליך די השערה, אַז עפּעס אינעם אוניווערס זאָל זיין צופעליק. אָפּפאַל - יאָ. טויזנט מיליאָן זאָמען און איין בלום זאָל קענען בליִען. אָבער ס׳איבעריקע בלייבט אייביק שטאָף. ס׳איז ווי מיטן ליים וואָס דער סקולפּטאָר נעמט אַוועק פון דער סטאַטוע און וואַרפט עס אין דער ליממאַסע, פון וואַנען אַ ניי ווערק קען דערשיינען.

דער עצם געדאַנק פון באַשאַף איז דער ווילן פונעם ווערק צו ווערן. מענטש איז אפשר נאָר אַ ווערק אין עמיצנס הענט און לויט

עמיצנס באַגער. כאָטש ניט מער, איז עס שוין אַ סך. און דער דאָזיקער באַגער קען זײַן געטליכקייט, וואָס איז אפשר שפּינאָזיש אַלץ צוזאַמען — ווערק און מײַסטער.

~❂~

ליגט די פּאָעזיע אַ געפּאַנגענע אין די זײַד און סאַמעט-האַרעמס פון די אַקאַדעמיעס, און חלומט, בענקט נאָך פרעכע לאָבוסעס, יונגע ווילע יאַטן, צו קענען פרײַ אַ וויעווע טון, אַ שטיף טון, אַ לאַך מיט כאַליאַסטרעס... ס׳נודיעט פון די לאַקריץ-זיסע קלוגע שיינע רייד, דאָס עלעגאַנטע גלעטן, ס׳צאַרטע קושן, שעפּטשען פײַן, רעטאָריש.

ווי גוט וואָלט געווען צו קענען טון אַ פרײַען זאָג ווי די פראַנצויזן: Merde! די אַלע געקראָכמאַלעטע לײַט מיט די עסטעטישע טראַדיציעס און פײַנע מאַנירן: Merde! וואָס פאַר אַ שיינע מחשבה-מוזיק קען זײַן אין דעם פרײַען וואָרט! אָבער אַלע פענצטער זענען פאַרגראַטעט, און די קריטיקער-יעוונוכן היטן טיר און טויער.

~❂~

ווײַטער, העכער, מערער, טיפער! נאָך, נאָך, נאָך! נאַרישער מענטש! האָסטו שוין פאַרדײַט דאָס וואָס ליגט אין דײַן טעלער? טויזנט שפּײַכלער קאָסמישער אַפעטיט: נאָך, נאָך, נאָך! יהעכער, ווײַטער, טיפער, מערער!

איז ניט לאָגישער קודם אָרגאַניזירן זיך אויפן אָרט ווו מ׳איז, בעטן זיך ס׳געלעגער ווו מע מוז איבערנעכטיקן, און יוצא זײַן בלויז מיטן טרוים פון ווײַטע רײַזע-אַוואַנטורעס? קאָסמישער דאָן-קיכאָט! ביסט שוין ,פאַרטיק מיט דײַן פּלאַנעט? אַנדערש ניט, נאָך יענע זײַט גרענעץ פון קאָסמישן אַלץ פעלט אים, דעם רוימפרעסער!

~❂~

כ׳געדענק ניט וועלכער גריכישער חכם האָט געזאָגט, אַז דער מענטש איז די מאָס פֿאַר אַלץ. בכן, דער מענטשליכער שכל זאָל זײַן אַן אוניווערסאַלע קריטעריע פֿאַר אַלץ בכלל, און פֿאַר פֿילאָזאָפֿישע, מאָראַלישע, עטישע און עסטעטישע השגות בפֿרט. דאָס זעט אויס אַן אַבסורד, און געפֿערליך. ס׳וועלן דעמאָלט זײַן אַזוי פֿיל אמתן, וויפֿל לײַט.

זענען דען מעגליך צוויי ענליכע מענטשן? אַזוי גוט ווי זייערע פֿינגער אָפּדרוקן זענען אינדיווידועל-איינציק, איז עפּעס אַזוינס אויך מיט זייער פּסיכיזם און זייערע חושים. אַפֿילו ווען מע זאָל האָבן אַ קריטעריע-מאָס פֿאַר אָרט צי דויער – קען דער זעלבער מעטער אויסזען קירצער אין מײַנע אויגן ווי אין אַ צווייטנס. במילא וועט דער באַגריף פֿון גרייס זײַן געפֿעלשט. פֿאַר עמיצן קען אַ הויז זײַן ריזיק, און פֿאַר אַ צווייטן דער קאָסמאָס – ענג. ס׳זעלבע קען מען זאָגן וועגן דויער. פֿאַר עמיצן קען אַ טאָג פֿאַרבײַ גיך, און פֿאַר אַ צווייטן, אויב ער נודיעט זיך, קען עס דויערן ווער ווייסט ווי לאַנג.

קומט דעקאַרט און דערקלערט: „אויב איך דענק, ממילא בין איך״, פּונקט ווי אַפֿילו ניט-דענקענדיק וואָלט מען ניט געווען. צווייפֿלען ווי אַ קריטעריע פֿון חכמה, מעשׂה סקעפּטיקער, איז אַ נעגאַטיווער צוגאַנג צו וועלט און מענטש. עס מוזן זײַן פֿעסטע יסודות פֿאַר גײַסטיקער מנוחה, און ס׳מוז גילטן אַ סאָציאַלע מאָראַל. עס מוז זײַן אַ זיכערקייט פֿון רעליגיע אַפֿילו אין דער האַרמאָנישער אָרדענונג פֿון באַשאַף; אַ באַשיידנקייט אין די אייגענע מעגליכקייטן; אַ צוטרוי, אַ ליבשאַפֿט, אַן אויפֿריכטיקע ערליכקייט צו זיך ווי צו יענעם, און אפֿשר אַ וויסן, אַז ס׳קען זײַן אַז אַלץ וועט מען אַ מאָל דערגיין, ווײַל ס׳ליגט אין אונדזער באַוווסטזײַן וואָס מיר קענען נאָך ניט באַשיידן איבער דער פֿאַרקריפּלטקייט פֿון אונדזערע לעבנס-שטייגערס.

דעם מענטשס ספּיריטועלע מעגליכקייטן און פֿעיִקייטן ליגן נאָך אין די וויקעלער. אפֿשר אַ מאָל, אַ מאָל, וועט עס זײַן אַנדערש. דערווײַל דאַרף מען צו פֿיל ניט פֿאַרלאַנגען, צו פֿיל זיך ניט מיִען.

צו פֿיל זיך ניט אָנשטרענגען אַפֿילו; זיך באַגענוגענען מיט דער פּערמאַנענטער עוואָלוציע פֿון אַלץ אין אַלע הינזיכטן, און געלאַסן, קלאָר און ערליך טון די פֿליכט, דאָס הייסט: לעבן ווי אַ טייל פֿון קאָסמישן אַלץ, זיכער מיט אַ שליחות.

~❂~

די הײַנטיקע מאַטעמאַטיקער מיט זייער זיכערקייט, זייער לאָגיסטיק, סימבאָליק, מאָדערנע קאַבאַליסטיק, זייער נײַע עזאָטעריק, שרעקן דעם פּשוטן מענטש ווי דער כּישוף-מאַכער בײַ די פּרימיטיווע צי מיטלעלטערליכע לײַט. בײַ זיי קומט אויס אַלץ אַזוי איינפֿאַך און באַנאַל, אַז אַ זשאָרזש בול, מיט זײַן אַלגעברישע לאָגיק צי לאָגישע אַלגעברע, קען באַשיידן פּשוט אַלע פֿילאָזאָפֿישע, ספּיריטועלע און מאַטעריעלע פּראָבלעמען. אַ באַווײַז: מע ניצט עס אין די סכעמעס פֿאַר טעלעפֿאָן-אײַנריכטונגען אָדער עלעקטראָנישע צירקוויטן.

כ'האָב געפּרוווט מיט אַלע אָנשטרענגונגען צו פֿאַרשטיין די אַלגעברישע לאָגיק, און כ'קען עס ניט תּופֿס זײַן. דאָס זעלבע איז מיט לויִס קאַראָלס און זײַן „אַליס אין וווּנדערלאַנד״. אַזוי ווי דער מחבר איז אַ מאַטעמאַטיק-פּראָפֿעסאָר, קען ער מיט דער סימבאָלישער לאָגיסטיק באַווײַזן אַז אַלע ניסים פֿונעם וווּנדערלאַנד, און אויב עס זעט אויס נפֿלאָותדיק, איז עס אַ פֿראַגע פֿון טאָפּאָלאָגיע. אַ פּראָפֿעסאָר פֿון קאָלומביע-אוניווערסיטעט, ערנסט נאַגעל, האָט איבערגעזעצט דעם דיאַלאָג פֿון ווײַסן ריטער פֿון יענער זײַט שפּיגל אין אַ סימבאָליסטישער טערמינאָלאָגיע, און אַלץ קומט בײַ אים אַרויס קלאָר און פּשוט, אַז מע דאַרף זײַן אַ גראָבער-יונג, אַ שאינו-יודע-לשאול, ניט צו זען באַשײַמפּערליך, אַז וווּנדערלאַנד האָט גאָרניט צו טון מיט מעטאַפֿיזיק, נאָר מיט טאָג-טעגליכע פֿענאָמענען, וואָס יעדער איינער קען באַגרײַפֿן אָן שום אָנשטרענגונג.

כ'זע ניט פֿאַר וואָס די ראַציאָנאַליסטן, וואָס זענען פֿאַרברענטע

חסידים פֿון מאַטעמאַטיק, באַקעמפֿן דאָך דעם פֿאַנטאַסטישן רעאַליזם. קענען זיי ניט גיכער אַלץ רעכטפֿאַרטיקן מיט לאָגיסטישער אַלגעברע צי נאָך אַזעלכע קונצן אָדער קונסטן? דאַכט זיך, פֿאַר זייערע יערליכע בודזשעטן קענען אַלע רעגירונגען די האָקוס-פּאָקוסן פֿון דער דאָזיקער לאָגיסטישער אַלגעברע, און פֿאַר אַ סך טעאָגאָניעס, טעאָלאָגיעס, פֿילאָזאָפֿיעס — איז דאָס דער הויפּט-עלעמענט פֿאַר זייערע דאָקטרינעס.

~❀~

וואָס וועט דער מענטש טון מיט די באַפֿרייטע פּסיכישע ענערגיעס וואָס ער וועט האָבן אין זײַן רשות אַ דאַנק די אַלץ מער קאָמפּליצירטע אָרדינאַטאָרן? לאָמיר זיך פֿאָרשטעלן אַז מיליאָנען אָרדינאַטאָרן וועלן טון די אַרבעט פֿון אַלע טעכניקער, מאַטעמאַטיקער, וויסנשאַפֿטלער און אַפֿילו פּשוטע אינדוסטריעלער צי אַדמיניסטראַטאָרן. לאָמיר זיך פֿאָרשטעלן אַז די אָרדינאַטאָרן וועלן זײַן פֿאַרבונדן מיט די מאַשינען וואָס פֿירן אויס די אַרבעט, און לײַט וועלן באַקומען פֿאַרטיקע, פֿאָרויס פֿאָרמולירטע פּליכטן, מיט מעגליכקייט זיי צו רעאַליזירן אָן שום מי: באַפֿעלן, אינסטרוקציעס, נײַעסן אַד־גל. דער אָרדינאַטאָר וועט אַלץ באַזאָרגן.

וואָס וועט דער מענטש טון מיט די באַפֿרײַטע ענערגיעס? וועט ער בלײַבן אַטראָפֿירט, אַ מין פּסיכיש-פֿיזיאָלאָגישע שמאַטע, אָן ווילן און מעגליכקייטן: אַפּאַטיש, פֿויל, אַמאָרפֿיש, שוואַך, צעקראָכן — צי מיט נײַע אַמביציעס, נײַע האָפֿענונגען, נײַע מעגליכקייטן, נײַע קוריאָזיטעטן? צי וועט ער — באַפֿרײַט פֿון מאַטעריעלע פּליכטן — לאָזן פֿרײַ דעם גײַסט אויפֿן וועג צו אַ נײַער מדרגה אין עקזיסטענציאַליזם — ניט נוסח סאַרטרן צי הײַדעגערן, נאָר עפּעס וואָס זאָל זײַן מלאָכיש צי געטליך?

~❀~

די מעגלאָמאַנישע מאַטעריאַליסטן, ראַציאָנאַליסטן און אַנדערע איסטן פֿון דעם מין, זענען זיכער אַז מאַשינען וועלן אַ מאָל פֿאַרטרעטן דעם מענטש מיט זײַן באַוווסטזײַן אַ דאַנק אָרדינאַטאָרן, קאָמפּיוטערס אד״גל. וואָס וועלן אַליין באַשטימען וואָס צו טון לטובֿת דעם מענטש. ווי אַזוי קען מען פֿאָרן טאָטאַל־ראָבאָטיזירטע פּיזיק מיט אַלטערנאַטיוויטעט? אויב עפּעס קען מאַכן אַן אויסוואַל, איז שוין דאָ פּסיכיזם. און ווי באַלד פּסיכיזם קען האָבן ווילן — הערשט ער איבער די פּיזישע געזעצן. ווען ניט, וואָלט דאָך ניט געקענט זײַן קיין מעגליכקייט פֿון מאַכן אַן אויסוואַל.

אויב עפּעס פֿאַלט אַרונטער, באַהערשט פֿון גראַוויטאַציע־פּרינציפּ, און אַ ווילן דערין קען באַשטימען: אַנשטאָט דאָ, צו פֿאַלן דאָרט, אָדער גאָר צוריק זיך אויפֿצוהייבן און אַוועקשוועבן — ווי אַזוי דערקלערן ס׳דאָזיקע אָן עפּעס מעטאַפּיזישס? אַלץ וואָס לעבט, —און וואָס לעבט ניט?— מאַניפֿעסטירט זיך דאָך מיט אַלטערנאַטיוון וואָס קיין שום טעכניק קען ניט תּופֿס זײַן.

אויב אַזוי, איז ניט די מאַטעמאַטיק דער האַר פֿון דער וועלט, נאָר עפּעס סובטעלערס, שטאַרקערס און פֿולקומערס פֿון אַלץ, וואָס די גרעסטע וויסנשאַפֿטלערס זענען ניט מסוגל עס צו באַגרײַפֿן. קיין שום מאַשין וועט קיין מאָל ניט פֿאַרטרעטן אַ מאַמעס וויגליד מיט אַ גאָלדן ציגעלע אונטערן קינדס וויגעלע, אַ מאָצאַרטן צי אַ פּאָל וואַלערי, אָדער אַ דע־ווינטשין, צי אַפֿילו אַן אַקענאַטאָן, און פֿאַרשטייט זיך — אַן אַרן מיעדניקן.

~❁~

זענען זינד נאַרישקייט און שקר? איז שקר זינד און נאַרישקייט? אָדער איז נאַרישקייט שקר און זינד? די פֿראַגע וועגן די אַלע דרײַ פֿאַרברעכנס —פֿאַרברעכנס קעגן זיך זעלבסט און דעם באַשאַף— דערמאַנט מיר ווי אַ פֿרומער ייִד פֿאַרן שלאָפֿן גיין זאָגט: „לישועתך קיוויתי ה׳״, „ה׳ לישועתך קיוויתי״ אָדער „קיוויתי ה׳ לישועתך״. זינד, שקר, נאַרישקייט, צעשטערן די עלעמענטן אין

האַרמאָנישן זײַן. וואָס אַ מענטש מיט זײַן פֿרײַען כאַטש באַגרענעצטן ווילן קען אויסמײַדן. מע קען טון מיט די דרײַ באַגריפֿן טאַקע ווי מיט יענעם פּסוק: דרייען אַהין, דרייען אַהער, און אַפֿילו זיך אײַנרעדן עפּעס ווי איין געשטאַלט אין אַ מין דרײַ אייניקייט. דער רעזולטאַט איז תּמיד דער זעלבער.

קיין שום אַרגומענט קען ניט רעכטפֿאַרטיקן ניט זינד, ניט נאַרישקייט, ניט שקר. אָבער דאָ שטעלט זיך די פֿראַגע: זינד, נאַרישקייט און שקר זענען ניט דאָס זעלבע בײַ שאָף און וועלף. בײַם וואָלף איז אַ נאַרישקייט דאָס מיינען אַז פֿאַרטיליקן אַ שעפּס איז אַ זינד; בײַ שאָף, פֿאַרשטייט זיך, קען ניט זײַן קיין גרעסערע זינד, קיין מיאוסער פֿאַרברעכן ווי ממית זײַן אַ שאָף. אָבער גלײַכצײַטיק האַלטן די שאָף אַז ס'איז נאָרמאַל צו צופּן און קײַען גרעזלעך אין מיטן שפּראָצן, און צופּן בלימלעך אין זייער לעבנספֿרייד. אמת טאַקע, באַקטעריעס, ווערעם און מיקראָבן וועלן צעפֿרעסן דעם וואָלף; ער מיט זײַן גוף וועט מיסטיקן ס'פֿעלד, גראָז וועט וואַקסן און שאָף וועלן זיך פּאַשען; פֿון די שאָף וועלן לײַט מאַכן קאָטלעטן און זיך נערן דערפֿון; חכם מענטש וועט ווערן באַגראָבן, נערן מיט זײַן גוף דאָס גראָז; שאָף וועלן ווידער מעלה גרהן די גרעזלעך. די וועלף וועלן באַפֿאַלן די שאָף, און ס'וועט אַזוי זײַן אַ פֿאַרכישופֿטער קרײַז פֿון וועלכן מ'איז ניט מסוגל אַרויסצוקריכן.

אָבער ווי מע זאָל זיך ניט דרייען זענען זינד, שקר און נאַרישקייט אַ פֿאַרברעכערישע דרײַ-אייניקייט. ניטאָ מיט וואָס צו קאָמפּלימענטירן דעם באַשאַף און זײַן באַשעפֿער.

~❀~

אַ פֿיזישע שיינקייט מיט אַ מאָראַלישער מיאוסקייט איז זיכער ערגער, ווי אַ פֿיזישע פֿאַרקריפּלטקייט מיט אַ מאָראַלישער שיינקייט. מאָראַלישע שיינקייט, גוטסקייט און חכמה, אָט די דרײַ אייניקייט אין זעלבן געשטאַלט, גלײַכט אויס פֿיזישע הויקערס.

אָבער קיין שום פּיזישע פּראַכט איז ניט מסוגל גוט צו מאַכן מאָראַלישע נבלה. חכמה באַשטייט אין זײַן מאָראַליש גוט און פּיזיש שיין, און מיט גוטן ווילן קען מען עס אפשר באַווײַזן. משה מענדעלסאָן איז געווען הויקער, אָבער דאָך חכם, און מיט שמייכלענדיקן חן, און להבדיל, טויזנט מאָל להבדיל, היטלער און סטאַלין זענען געווען פּיזיש שיינע לײַט, אָבער וואָס פֿאַר אַ פּסיכיש שטינקענדיקע, געמיינע נבלות!

~❀~

ניט האָבן אָפּשײַ פֿאַרן באַגריף מענטש, דערנידעריקן אים אין זיך זעלבסט צי אין יענעם מיט שלעכטס צי מיאוסקייט, אין וואָס פֿאַר אַן אויסדריק דאָס זאָל זיך ניט מאַניפֿעסטירן, איז באַליידיקן, זינדיקן קעגן באַשאַף און באַשעפֿער. וויפֿל פֿרומע לײַט לעסטערן אַזוי געטליכקייט!

עס איז ניט וואָרשײַנליך אַז דער מענטש זאָל זײַן סתם ווי דורך עפּעס אַ צופֿאַל געקומען אויף דער וועלט, אָדער ווי עפּעס אַ שפּילעכל פֿון געטער צי פֿון די נאַטור-כּוחות. גאָט איז אינעם, דורכן מענטש. ער מאַניפֿעסטירט זיך דורכן מענטשס מחשבֿות, דורך זײַנע עמאָציעס, אין זײַן דמיון, זײַן באַגער, זײַן באַגײַסטערונג, זײַנע שעפֿערישע עקסטאַזן, זײַן ווערן געשאַפֿן כּסדר אין אַלע עוואָלוציעס. פּונקט אַזוי ווי אַ קעמערל אין אַ גוף: כאָטש געצוימט אין מעגליכקייטן, אין דויער – איז עס דאָך, אָן שום צווייפֿל, אַ טייל פֿונעם גאַנצן מענטש. דער מענטש קען זײַן, ווײַל אַ קעמערל איז. בכן איז יעדער מענטש אַ קעמערל פֿון דער געטליכקייט, און דעריבער – הייליק און גרויס.

דערמיט וואָס מע קען אַזוינס טראַכטן און פֿאַרשרײַבן כּדי אַנדערע זאָלן עס קענען תּופֿס זײַן, קען מען פֿעסטשטעלן, אַז אַ געטליכער באַוווסטזײַן אַנטפּלעקט זיך אינעם מענטש. דעריבער טאָר מען ניט זינדיקן מיט ניט שוינען אַלע פּיזישע, מאָראַלישע און גײַסטיקע אייגנשאַפֿטן און מעגליכקייטן, וואָס דער מענטש שטעלט מיט זיך פֿאָר.

אויב גאָט האָט ניט באַשאַפֿן דעם מענטש דווקא אין זײַן געשטאַלט, האָט ער דאָך באַוווסטזיניק צי ניט, געלאָזט עפּעס פֿון זיך זעלבסט אין אים. יעדער מײַסטער לאָזט עפּעס פֿון זיך אין זײַן ווערק. ווערק זענען אויסשטראַלונגען פֿון אייגענער פּערזענלעכקייט. ווי יעדער זונענשטראַל טראָגט אין זיך עפּעס פֿון דער גאַנצער זון, אַזוי טראָגט ס׳ווערק עפּעס פֿונעם מײַסטער.

אוניווערס, דויער, זײַן, ווערן – דאָס זענען געטלעכע אַטריבוטן. די געטלעכקייט מאַניפֿעסטירט זיך, דריקט זיך אויס, אין כּסדרדיקן ווערן, אין דער עוואָלוציע פֿון אַלץ. מע קען אָבער זאָגן אַז, כאָטש אַלץ קען זײַן ראַדיאַאַקטיוו, זענען פֿאַראַן עלעמענטן מיט מער-ווייניקער פּאָטענץ-מעגלעכקייטן. די דאָזיקע אייגנשאַפֿט, דער געטלעכקייט-באַוווסטזײַן, די גײַסטיקייט וואָס אַנטפּלעקט זיך אינעם חומר, איז זיכער אין אַ גרויסער מאָס צוגעטיילט, געשאָנקען ווי אַ מתּנה, און דריקט זיך נאַטירלעך אויס אינטענסיווער אינעם מענטש.

כ׳ווייס ניט צי ס׳איז גילטיק דער באַגריף פֿון אַ היעראַרכיע אינעם באַשאַף, ווײַל מיר זעען דאָך אַז דער געניאַלער קינסטלער-פֿילאָזאָף-נבֿיא ווערט פֿאַרוואַנדלט אין שטויב, און נערט די פּשוטסטע באַקטעריעס צי ווערעם. און מיר ווייסן ניט צי די גאַנצע חכמה ווערט ניט באַטראַכט, פֿונעם קוקווינקל פֿון אַ פּשוט ערד ווערעמל, ווי אַ קרענק, אַ מין היפּערטראָפֿיע פֿון אַ מוח. מיר ווייסן ניט ווי אַזוי דריקט זיך אויס ווירטועל די געטלעכקייט אינעם באַוווסטזײַן פֿון אַן אַמיב צי אַנדערע פּרימיטיווע באַשעפֿענישן. אפֿשר ווייסן זיי מער וועגן גאָט און קאָסמאָס ווי מיר, כּלומרשטע אָדער טאַקע דענקענדיקע חכמים. אָבער ווי ס׳זאָל ניט זײַן, מוזן מיר האָבן אָפּשײַ פֿאַרן מענטש, ווײַל ער קען טראַכטן פֿון דעם אַלעמען.

אויב אַ מענטש קען מיינען אַז גאָט אַנטפּלעקט זיך אין אים, דאַרף ער זיך היטן מיט יעדער מחשבֿה, מיט יעדן זשעסט: ניט שענדן, ניט באַפֿלעקן די דאָזיקע הייליקייט. ער דאַרף טון זײַן פֿליכט פֿון ריינעם, שיינעם, אויפֿריכטיק-ערלעכן דויער. סײַ לגבי

זיך ווי לגבי זײַנס גלײַכן, ווי אויך צו דעם גאַנצן אַלץ אַרום אים. נאָר דערין ליגט דער סוד פֿון פֿרייד, מנוחה און וואָרע פֿרומקייט.

*

יעדע עפּאָכע האָט איר ציוויליזאַציע, איר קולטור, איר עסטעטיק און איר מאָראַל — ווי זי איז עס ווערט. אין עקאָנאָמישער וויסנשאַפֿט קען מען זען און מישפּטן דעם ווערט פֿון מענטש אין דער געגעבענער צײַט. קען זײַן אַז אַ מאַגנעטישער שטורעם, אַ טײַפֿון, אַ געוויסער, אַן ערד-ציטערניש, אַ ווולקאַנען-אויסבראָך, זענען צופֿעליקע —פֿאַרן מענטש אפֿשר נאָר— אומקאָנטראָלירטע דערשײַנונגען. אָבער קונסט, מאָראַל, עקאָנאָמישע קריזיסן, פֿיקציע-וויסנשאַפֿטן — אויב זיי דריקן זיך אויס אין שלעכטס, זענען דאָס כּשר-פֿאַרדינטע צרות פֿאַר אים, דעם חכם מענטש, און מע קען נאָר זאָגן: אַ שיינע, ריינע כּפּרה!

דער מענטש איז ניט ווי אַ פֿויגל אין שטײַג, ווי אַ הונט אויף אַ קייט: ער איז גענוג פֿרײַ צו קענען מאַכן און האַלטן אין אָרדענונג און אין ריינקייט זײַן פּלאַנעט, זײַן היים. נאָר ער פֿירט זיך מעשׂה-בהמה אין, דער שטאַל: ער וואַרט מע זאָל אים אָנפֿילן די קאָריטע, אַוועקנעמען ס׳שמוציקע שטרוי, מע זאָל קומען מעלקן, שערן, פֿירן אין שעכטהויז. אַבי זיך פֿאַרלאָזט אויף יענעם. און פֿאַראַן שוין תּמיד אַ פּיפּיקער „יענער“ וואָס ניצט היפּאָקריטיש און ציניש אויס די דאָזיקע אייגנשאַפֿטן.

אַוועק מיט די מעקעדיקע זיפֿצן און די בהמישע אומעטבליקן אין די נאַרישע אויגן! די גלײַכגילטיקייט, דער „לאָז-מיך-געמאַך“, די פֿוילקייט, די צעקראָכנקייט, די טאָלעראַנץ צו שלעכטס און מיאוסקייט, שטאַרקט, פֿאַרטאָפּלט צי פֿאַרטויזנטפֿאַכיקט דעם ציניזם און די מאַכט פֿון אוזורפּאַטאָרן, טיראַנען, דיקטאַטאָרן און הערשער. אין יעדער עפּאָכע מאַניפֿעסטירט זיך דאָס זעלבע אין פֿאַרשיידענע אַספּעקטן. תּמיד זענען פֿאַראַן טשאַמפּיאָנען פֿון גערעכטיקייט, אידעאַליסטן וואָס שטרעבן צו אַ פֿרײַער וועלט, גרעסערע ליבשאַפֿט און אַלע גוטע זאַכן, אָבער טוען ניט

פראַקטיש קיין ריר מיט אַ פינגער דאָס זאָל זיך קענען רעאַליזירן. אַזוי איז געווען אַ מאָל, און אַזוי איז אַפילו איצט.

ניט צו פאַרשטיין אויף וואָס וואַרטן די משוגענע לײַט וואָס האַלטן זיך פאַר עוואָלויִרטע, ציוויליזירטע חכמים, קענען אַלע היסטאָרישע קאַטאַסטראָפעס. די געשיכטע פון אַלע פיזישע, מאַטעריעלע און פסיכישע מגיפות, און בלײַבן אומבאַהאָלפן, גלײַכגילטיק און לעקישעוואַטע, לאָזנדיק אַז דאָס זאָל קענען ווײַטער אַזוי אָנגיין. קען זײַן אַז אַ מאָל, אין אַ שפּעטערדיקער עפּאָכע, וועלן לײַט זיך וווּנדערן, ווי אַזוי דאָס האָט געקענט געשען אַפילו מיט אונדז. אָבער מע קען זײַן רויִק: ווער ווייסט וואָס פאַר אַ נײַע משוגעתן עס וועלן אויפקומען שפּעטער!

⁂

וואָרשײַנליך האָט גאָט פײַנט שקלאַפן און שלימזלען. אַ מענטש מוז זײַן פרײַ אָדער טויט. שקלאַפערײַ איז אַ באַליידיקונג, סײַ פאַרן באַגריף מענטש און סײַ פאַרן געטליכן באַשאַף. דער שקלאַף וואָס האָפט אויף גאָט ער זאָל אים באַפרײַען, וועט די פרײַהייט קיין מאָל ניט זוכה זײַן צו קענען, און ער איז די פרײַהייט ניט ווערט. אַ גאָט וואָס האָט ליב שוואַכע, אָרעמע, פאַרשקלאַפטע דאָס האָבן שטאַרקע, רײַכע און טיראַנען אויסגעטראַכט, כּדי צו טרייסטן, פאַררעדן די ציין און נאַרן דעם לעקישעוואַטן המון, וואָס זיי ניצן אויס.

און דו, שטעל זיך פאַר אַ שפּיגל; קוק זיך גלײַך אין די אויגן, ניט געפינטלט, און טראַכט: וואָס האָסטו געטון אין דײַן לעבן ניט צו זײַן קיין שקלאַף, קיין שלימזל, קיין בלינדער גלייבער אין אַ גאָט פון די אָרעמע, שוואַכע, באַליידיקטע נעבעך!

⁂

דערנער שיצן רויזן, צי רויזן צירן דערנער? דאָס איז די פראַגע וואָס ס׳שטעלן זיך די עטישע און עסטעטישע האַמלעטן. חכמים מאַטערן זיך ניט מיט אַזעלכע פּראָבלעמען. זיי האָבן הנאָה

פֿון רויזן און טוען אַכטונג זיך ניט צו צעשטעכן מיט דערנער. עס געפֿינען זיך אַזעלכע וואָס זעען איין, אַז דערנער זענען גאָר ניט קיין קללות פֿון באַשאַף. אַדרבא, באַטראַכט אַ דאָרן דורך אַ פֿאַרגרעסער־גלאָז, וועט איר זען ווי שיין זיי זענען.

~❁~

כ'האָב אַנגעצונדן ס'ליכטל, מײַן ליכטל, פֿון בײדע זײַטן, און כ'באַדויער וואָס כ'קען ניט אָנצינדן קיין דריטע. אויסניצן דאָס לעבן ווי לאַנג מע קען, ניט ווי אַ קאַרגער, וואָס ציילט זײַנע טראָפּנס חלבֿ אָדער סטעאַרין. ברענט אַלע קנויטן! / איין רגע ליכט פֿאַרריכט דעם צער / פֿון אַלע נעכט און אַלע טויטן!

~❁~

מאָסקווע איז באַרימט מיט אירע „סאָראָקאַ סאָראָקאָוו", ד״ה, פֿערציק מאָל פֿערציק צערקוועס. זעט דאָס ניט אויס פֿאַרדעכטיק? אויב מע דאַרף אַזוי פֿיל צערקוועס מיט זייערע פּאָפּן, מיט אַזוי פֿיל בוקן און קניקן זיך, ווײַזט, אַנגעצונדענע ליכט אד״גל, קען מען זיך דאָך לײַכט פֿאָרשטעלן וויפֿל זינדיקע ס'זענען פֿאַראַן אַפֿילו איצט אין דער מאַטיושקאַ ראַסיִאַ מיט אירע אָנגעבראָנפּנטע מוזשיקעס, וואָס דאַרפֿן תּמיד אַ סאַמאָדיערזשאַוונעם, אַ שוואַרצן צאַר צי אַ רויטן סטאַלין.

און דאָס איז נוגע איין שטאָט און איין רעליגיע. ערשט, פּרוּווט מאַכן אַ חשבון וויפֿל צערקוועס, קלויסטערס, מעטשעטן, סינאַגאָגעס, טעמפּלען, סטופּאַס, מיט דעם ריזיקן פֿונקציאָנאַריזם און תּפֿילה־ליטעראַטור וואָס איז בײַטיק, אַזוי אויפֿן גאַנצן פּלאַנעט זינט תּמיד – קען מען זיך פֿאָרשטעלן וויפֿל חטאָים דער מענטשן־מין איז מסוגל צו באַגיין, .וויפֿל ס'ווערט גע'על־חטאוועט און וויפֿל מע נאַרט היפּאָקריטיש גאָט צי געטער מיט כּלומרשטע חרטהס. ווען אַ גאָט, צי אַלע געטער, זאָלן האָבן וואָלקן־קראַצערס־בילדינגען אין די הימלען, מיט מיליאָנען מלאָכישע סעקרעטאַרן און אָרדינאַטאָרן, וואָלטן זיי ניט באַוויזן

צו האַלטן ווי געהעריק די בוכהאַלטעריע פֿון אַזוי פֿיל עבֿירות, זינד, געמיינע שטיק, מיט זייערע פּראָשעניע-תּפֿילות, כּאַבאַר קרבנות, קאַראָבקע-מיצוות ווי אַזוי זיך אויסצוקויפֿן און באַקומען די, געהעריקע לוינען, צי מיַידן שטראָפֿן.

האָט רחמנות אויף אייַער גאָט צי געטער, געמיינע יאַטן, הולטייַעס אד־גלו! לאָזט זיי אַ ביסל פֿרייַ אָפּעטעמען, בפֿרט אַז ניטאָ מער קייַן אָרט אין די גיהנומס, און ניטאָ קיין גענוג פֿייַערדיקע ריטער פֿאַר אַזוי פֿיל זינדיקע. די טייַוואָלאָנישע מחבלים זענען מיד פֿון שמייַסן. זיי וועלן זיך אפֿשר די טעג סינדיקירן און מאַכן אַ שטרייַק. די גיהנומס זענען אָנגעשטאָפּט, און דער גן-עדן פּוסטעוועט: ניטאָ קיין קליִענטן!

~❀~

אַ שיינע, גוטע, זאַפֿטיקע פּרי אויף אַ געזונטער צווייַג פֿון אַ גרויסן, שיינעם, שטאָלצן בוים, אין אַ גוט-געפֿלעגטן גאָרטנסאָד, צווישן אַנדערע מינים ביימער און בלומען, און קיין איינער ניט קרום, צעבראָכן, פֿאַרוועלקט, און ניט געריסן — גענומען ווערט די צייַטיקע פּרוכט מיט צאַרטע, שיינע הענט, געקושט מיט יעדן ביס פֿון שמייכלענדיקע מייַלער. אַזוי איז עסן ניט אומקום פֿאַר פּירות, נאָר אַ ווידערקערן מיט זוימען צוריק צו זייער היים, די ערד, כּדי צו ווערן אַ מאָל נייַער בוים. און אַזעלכע ציקלען אייביק זיך אַנטוויקלען. דאָס קען זייַן אַ משל מיט אַ סך נמשלים. זאָל יעדער זיך צופּאַסן זייַן אייגענעם.

~❀~

די ייִדישע ליטעראַטור איז אַ ליטעראַטור אַן אל-מלא-רחמימדיקע, אַ פּנקסדיקע, אַ נאַראַטיווע, אַ יאַכנע-פּלאָטקערישע, אַן אַ-מאָל-איז-געוועזענע, מיט אַ פּאָעזיע אויסגעווייקט אין בענקשאַפֿט, מיסטישע אָנדייַטונגען און בלויז ווינקעלישן, קוועטשענישן מיט אויג-פֿינטלדיקייטן, און אַ מאָל מיט בליץ און בלענד-קונצנמאַכערייַ פֿון דער גראַמאָלאָגיע מיט

פאַטשערקע-פּראַזן. אַלץ וואָס האָט אַ שייכות נאָר מיטן געוועזענעם, נאָר מיט צרות און נאָר מיט קאַטאַסטראָפעס.

וואָס זאָלן טון היינטצייטיקע געזונטע יונגעלייט מיט דעם אַלעמען? ווו איז דער נייער עלע-מעלע-יאָסקע? מע קען דאָך ניט אוועקגעבן ס'אייגענע לעבן כּדי ווידער און אָבער זיך איינצולעבן און אויסלעבן מיט אַמאָליקע טעגליכע דאגות, אַנגסטן און פּראָבלעמען אַפילו. ווער קען זיך נערן בלויז מיט שילדערונגען פון אַמאָליקע מאכלים? דערלאַנגט עפּעס צום טיש, ס'זאָל רייצן און וועקן די יונגע אַפּעטיטן, געשמאַק, שיין און גוט צוגעגרייט, סיי פאַרן אויג, סיי פאַר די פינגער, סיי פאַרן גומען! די נשמה וועט זיך אַן עצה טון מיט די חושים און באַקומען ס'איריקע.

ס'איז אוממעגליך צו באַגרייפן אַזוינס. טויזנט יאָר געווען יידישע שעפערישקייט, יידישע אייגנאַרטיקייט אַפילו פאַר אוניווערסאַלע פּראָבלעמען. און פּלוצלינג איז דאָס אַלץ פאַרשוווּנדן, אויסגעריסן, אָפּגעמעקט ווי ניט געווען. טאַקע, ניטאָ מער דער וואַלד, דער סאַד, דער גאָרטן. אָבער געבליבן איז נאָך עפּעס. וואָס וויל ניט זיין בוים, נאָר ווי אַ ליאַנע, צוגעאייגנט צו פרעמדע שטאַמען. זאָל ס'וואָרע יידישע יידישקייט האָבן פאַרלוירן סיי זיין זעלבסט-באַוווּסטזיין, סיי זיין שטאָלץ, סיי זיין דינאַמיזם? ס'איז אַבסאָלוט אוממעגליך אַזוינס צו באַגרייפן!

***

ס'וואָלט אַזוי גוט געווען, ווען מע זאָל קענען טראַכטן, אַז ווערק מיט זיין שעפער מוזן לעבן בשלום! ס'וואָלט אַזוי גוט געווען – וועמען? דעם ווערק צי דעם מייסטער? דילעמיזירטע, וואָס ליידן ביידע זיכער דערפון. עס איז אומעטיק אַז דער מענטש זאָל אַזוי קענען טראַכטן פון זיין גאָט. ווי האָט אַזוינס געקענט געשען אין אַ וועלט פון כּי-טוב? ניט אַנדערש – גאָט וויל אויספּרוּוון די נשמה פון זיין אפשר באַליבט ווערק, און ער מאַטערט עס מיט ספקות און נסיונות.

אָבער אַ באַוווּסטזיניקער מענטש טאָר זיך ניט לאָזן פאַנגען פונעם

אַשמדאיס ווענדקעס. מע מוז זיך איבערציַיגן אַז דאָ גייט בלויז אין אַ מיספֿאַרשטענדעניש: אַ נעפּל פֿאַרשטעלט פֿאַרן אויג די שטראַליקע זון. און זון איז אַזוי פּרעכטיק, אַז אַפֿילו אַ בלינדער קען באַגרײַפֿן און פֿילן איר שיינקייט און דעם ווילזיַין וואָס זי איז מסוגל צו פֿאַרשאַפֿן. גאָט איז אונדזער זון, און מענטש איז נאָר אַ פֿונק פֿון אירס אַ שטראַל. ערשט, אַז מענטש איז מסוגל צו טראַכטן אַז זונען זענען אפֿשר נאָר שטויב אין נעבולאָזעס! אַליין שטויב אין קאָסמאָסן – און אַ מענטש קען טראַכטן אַזוינס! איז עס ניט וווּנדערליך?

~❀~

אומעט, טרויער, פֿינצטערע מחשבֿות! / איר וועט חלילה ברענגען מיך צו קבֿר-אָבֿות. / וואָס לאָזט איר ניט מײַן קאָפּ מיט אײַער טראַכטן? / געגנוג געגנעסטיקט אינעם דמיון ביז אַהער! / זאָל זיך, געסט אײַך מרה-שחורהדיקע, דאַכטן / אַז כ'בין ניט אײַער גוטער ברודער מער. / גייט צו אַל-די רוחות, פּעסימיסטן! / אויסגיין צו אַ חלום זאָלט איר, צו אַ וויסטן! / און מיר, אַ פּשוט מענטשל, ס'לעבן ניט פֿאַרמיאוסן. / לאָזט מיט ווילזיַין פֿון מײַן לעבן מיך געניסן. / קומט ניט נאָך אַנאַנד מיט אַנגסט צעשטערן / דאָס ביסל עקזיסטענץ וואָס קען מיר נאָך געהערן!

~❀~

ים, ווינט און רעגן לײַדן ניט קיין פֿעלדזן, בערג. אַלץ מוז ווערן אויסגעגלײַכט, אָפּגעריבן ווו נאָר אַ רעליעף. פֿעלדז – אין זאמד פֿאַרוואַנדלט. זאמד – אין ים פֿאַרטראָגן. מיט דעלטאַס טײַך קומט אונטערברענגען טיפֿקייט. מיט פֿאַליעס ים רײַבט. קאָלערט שטיין נאָך שטיין. אַז אַלץ זאָל בלײַבן שטויב און קליין און פֿלאַך און גלײַך. וועלט קען ניט פֿאַרטראָגן אייגנאַרטיקייט, אַזוינס וואָס קומט זיך הייבן, אַנטקעגנשטעלן כּוחות סטיכישע. וועלט פֿאַרלאַנגט נאָר אוניפֿאָרמירטקייט, גלײַכגעשטאַלטיקטע מאַסע.

אַזוי איז אפשר אין דער בּיִאָספֿערע מיטן מענטשן-מין, וואָס לײַדט ניט קיין אָריגינעלקייט, און פֿאַרוואַנדלט יחידים אין המון. אָבער געטליכקייט, דעם אייביקן באַשעפֿערס גײַסט, אַנטפּלעקט זיך דווקא אינעם יחיד, אינעם קאַמף פֿאַר פּערזענליכקייט, פֿאַרן אינדיווידועלן, מיט ווידערשטאַנד קעגן מאָנאָטאָנעם אוניפֿאָרמיזם.

אַן אַטאָם, אַ קעמערל, אַ מאָלעקול – זוכט זיך אָפּצוטיילן פֿונעם אוניווערסאַלן שטאָף, פֿון די אוניווערסאַלע ענערגיעס, מיט אַ ווילן צו זײַן עפּעס אַליין; צאָלן דער מאַסע, פֿון וועלכער ס'איז אַ טייל, ס'איריקע, אָבער זײַן דאָך עפּעס פֿאַר זיך. בכן, מוז מען זײַן מסוגל, אין דער מענטשהייט, צו זײַן אַ מענטש אַ ייִד – אָריגינעל, ניט דורכויס קאָנפֿאָרמיסטיש, ניט שטויב. שטויב פֿאַרוואַנדלט לײַכט זיך אין קויט. אַ פֿעלדז – קיין מאָל ניט. מע מוז זיך באַמיִען צו פֿילן זיך ווי גראַניט קעגן אַלע שטורעמס, אַלע רעגנס, אַלע אָקעאַנען מיט זייערע כוואַליעס.

אַפּשר איז אונדזער גאַנצער אוניווערס אַ זייפֿנבלאָז, וואָס ס'לעבן –אַ זונענשטראַל– איריזירט; אַ בלעזל ווי אין סאָדע-וואַסער, געבליבן הענגען אין דער מיט; אַ טראָפּן טוי אויף אַ גרעזל ווו ס'שפּילט די זון גינגאָלדן-דימענטירט בײַם אויפֿגאַנג צי פֿאַרגאַנג.

אַ ריר, אַ מינדסטער שטויס / און מיט אַלץ איז אויס.

ווער ווייסט וועלכער מײַסטערישער גאָט שפּילט זיך אַזוי מיט קאָסמאָסן ווי מיט זייפֿנבלאָזן. און מיר –- מיר זענען דערינען!

איבער מיר איז אַ סופֿיט. איבער דעם סופֿיט – אַ דאַך; איבערן דאַך – אַ וואָלקן; איבערן וואָלקן – אַ הימל; איבערן הימל – ווער ווייסט?... ערשט, לאָמיך זען וואָס ס'טוט זיך אונטער מיר. דער דיל. אונטערן דיל – דער הויף, די גאַס; נידעריקער נאָך – דער קעלער, די ערד. אונטער דער ערד? דאָ בלײַב איך

ווידער מיט מײַן פֿראַגע.

ווו זשע בין איך? צווישן צוויי אומבאַגרײַפֿטע דימענסיעס. ניט נאָר ווייס איך ניט וואָס איך בין, נאָר אַפֿילו ווו איך בין. שוין ניט רעדנדיק פֿאַר וואָס, צו וואָס, הלמאי... אוי, דער קאָפּ!

אפֿשר פֿרייט זיך ס'ברויט אַז ס'ווערט געגעסן, ס'וואַסער אַז ס'ווערט געטרונקען דורך אַ פּאָעט, אַ פֿילאָזאָף, אַ נביא? שטאָף פֿאַרוואַנדלט זיך אין פּאָעמע, חכמה, שײנקייט צי גאָטס וואָרט. אויב ס'וואָלט אַזוי געווען, וואָלט דער מענטש געקענט, געדאַרפֿט זײַן גליקליך צו ווערן פֿאַרוואַנדלט אין עפּעס, וואָס ער קען נאָך ניט באַגרײַפֿן דערווײַל, אָבער וואָס מע קען זיך משער זײַן אַז ס'מוז זײַן וויכטיקס, שיינס און גרויס. ער אַליין עפּעס שוין אַ פֿאַרוואַנדלטער אין צי דורך מחשבֿות, מיט עמאָציעס, געפֿילן — זײַן אומקום מוז זײַן אַ העכער מדרגה.

קען דער מענטש אָבער ניט גובֿר זײַן דעם צווייפֿל. הלמאי דער אַנגסט פֿאַרן טויט? הלמאי קערט זיך אום זײַן גוף צום וואָרעם, צו באַקטעריע, צו קויט און שטויב? ווער קאָן אָבער וויסן די מחשבֿה וואָס ליגט אין די כּלומרשטע נידעריקערע עלעמענטן? מע מוז האָבן צוטרוי!

העזה, נאַרישקייט, חוצפּה! לעכערלעך איז פּרוּוון אַרײַננעמען די באַגריפֿן פֿון געטליכקייט אינעם מענטשליכן שׂכל. מענטשליכע השׂגות צי בכלל מענטשליך וואָרט. קלאַסירן גאָט, געבן אים אַ פּאַטראָנים, טאַקע ווי עפּעס אַ זאַך? ווי מוז ער חוזק פֿונעם מענטש, דער באַשעפֿער? און אפֿשר האָט ער טאַקע הנאה פֿון מזיניקל וואָס דרייט זיך אַרום מיט אַזעלכע מחשבֿות?

עסענץ שאַפֿט סובסטאַנץ צי סובסטאַנץ שאַפֿט עסענץ? דאָס גײַסטיקע שאַפֿט ס׳מאַטעריעלע אָדער ס׳מאַטעריעלע שאַפֿט ס׳גײַסטיקע? די ראַציאָנעלע אומשטאַנדן פֿאָרמירן דעם אופֿן דענקען וואָס צווינגט אויף פֿילאָזאָפֿישע ריכטונגען און ווענדונגען. אָדער דער גײַסטיקער צושטאַנד שאַפֿט אַזעלכע באַדינגונגען, אַז דאָס מאַטעריעלע זײַן און טון זאָל זיך קענען מאַניפֿעסטירן אַזוי און אַזוי? דאָס איז די פֿראַגע. וואָלט געזאָגט אַ דענישער פּרינץ.

לויטן מאַרקסיזם, שאַפֿט דער מאַטעריאַליזם דעם גײַסטיזם. דאָס פֿיזישע שאַפֿט דאָס מעטאַפֿיזישע. לויט... איך געדענק שוין ניט וועמען, איז דאָס פֿיזישע נאָר אַן אַספּעקט, אַ פֿענאָמען פֿונעם מעטאַפֿיזישן. ס׳וואָלט זיכער ווײַטער געטראַכט אונדזער האַמלעט. און איך וואָס זאָל טראַכטן? כ׳זאָל אַזוי ניט וויסן פֿון בייז .ווי כ׳הייב ניט אָן צו וויסן!

לאָמיר מאַכן אַ קאָמפּראָמיס. אפֿשר זענען דאָס גלײַכצײַטיקע מאַניפֿעסטאַציעס? אפֿשר זענען מענטש, געזעלשאַפֿט צי בכלל וועלט שלאַכטפֿעלדער פֿאַר קעמפֿנדיקע עלעמענטן, ענערגיעס צי עפּעס אַנדערש נאָך? אפֿשר אַ מין שולטאָוול ווו געטער פּראָפֿעסאָרן שפּילן זיך אין צייכענען פֿאָרמולעס, טעאָרעמעס. און לאָזן אונדז, קינדער, באַשיידן און טרעפֿן, דרייען זיך די קעפּ מיט מעטאַפֿיזישע טעאָריעס, פּראַקטישע אינדיווידואַליזמען, סאָציאַליזמען, גאָט, מענטש, קאָסמאָס און נעכטיקע טעג? טראַכט מען אַז גליק פֿון לײַט איז געווענדט אפֿשר אינעם אופֿן ווי דאָס אַלץ צו באַגרײַפֿן און אָנווענדן, און אַז דאָס אַלץ לאָזט זיך גאָר אויס סוף-כל-סוף מיט לעבן, מיט טויט, דאָ מנוחהדיק, דאָ מיט אַנגסט – נעמט טאָקע אָן אַ פּחד און מע ווייסט ניט ווו, צו וועמען זיך צו ווענדן.

~❀~

קומען וועט אַ מאָל אַ צײַט / ווען אַ גרענעץ וועט זײַן אָן באַדײַט / אויפֿן פּלאַנעט פֿאַר ענדליך פֿרײַע לײַט. גרענעץ היטן? / אַפֿילו דעם באַגריף געמיטן / פֿאַר פּלאַנעטן – שכנים אין

אָרביטן / אָרום דער זעלבער זון. / ערשט אין אַ גאַלאַקציע – איז זון / דען עפּעס מער ווי אַ פראַגמענט דערפון? / און גאַלאַקציעס? טראַכטן קען מען ביז העט-העט! / און איצט, פּרוּוו פילן זיך אַסקעט, / באַרציס-פּאָעט, / אינעם אוניווערס צו זײַן / עפּעס אַליין.

~❁~

וואָס ווערט מיט אָפּ- צי אויסגעדענקטע מחשבֿות, פאַרשווונדענע חלומות, ניט-רעאַליזירטע באַגערן, פיקציעס, מיראַזשן, פאַנטאַזיעס פון קינדער, פּשוטע לײַט, פאַרליבטע, משוגעים אפילו? עפּעס געווען, מעג זײַן נאָר אין אַ דמיון – צי קען עס דען נעלם ווערן אָן שום זכר? ווו זאַמלט זיך דאָס אַלץ? וועלכע געטער נעמען דערפון זייערע עלעמענטן צו שאַפן וועלטן און אפשר לײַט אפילו?

~❁~

כ'האָב ליב ווערטיקאַלן, וואָס שטייען זיכער, פעסט, מסוגל צו זוכן ריכטונגען וואָס שטײַגן, צו גרייכן הייכן. כ'האָב פײַנט האָריזאָנטן, פלאַכקייטן, אַפילו ווען מיט בערגהויקערס, אָבער סטאַטיש; פלאַטשיקייטן, אַפּאַטיע, נירוואַניזם, צופרידן-אָלרײַטערישע השגות. כ'קען ניט פאַרטראָגן קרומע צי היפּאָקריטיש-שלאַנגעדיקע וועגן, אָפּווײַך, דעזאָריענטאַציע, אומוועג, זיגזאַגן, אָפּנייגן, בלאָנקענישן, וואָגלען אָן אַ ציל, קירעווען אָן רעפלעקסן, און – פאַרשטייט זיך: צוריקגאַנג, רעגרעסיע, בומעראַנגיזם. שיין איז אַלץ וואָס האָט אַ שייכות מיט אַמביציעס, פּלענער, באַגערן און האָפענונגען אפילו. עסטעטיש שיין קענען זײַן ספּיראַלן, וואָס קענען מאַכן אַן אומוועג, אָבער מיט איין ציל: צו שטײַגן אַלץ העכער. דאָס קען אַ מאָל זײַן אויך טיפער, צו להכעיס ווידערשטאַנד: עגבערן און זיגן, אין געפעכט אַפילו מיט גראַניט!

~❁~

פֿאַר געדאַנקען גרענעץ ניט געליטן! / פּאָעט, זײַ גרויס מיט זין און לשון. / מיט אייפֿער קאַרליקיזם געמיטן. / אין אַלץ זײַ עוג-מלך-הבשן, / און כאָטש דײַן ווערק מיט ווערטער קליין, קאָנציז, / מיט דײַן מחשבֿה זײַ א. ריז!

~❀~

לאָז, קינסטלער-ווירטואָז דאָס נידעריקע, ס'געמיינע, מאָנאָטאָנע, קויטיק-גראָע — לאָז עס פֿאַר די, וואָס געמויזעכץ איז פֿאַר זיי ציל, קאַריערע און תענוג. דו שטײַג, באַגער ברייטערע האָריזאָנטן, זײַ העכער, ווײַטזעעוודיקער, גרויס אַרומנעמערישער, פּאַנאָראַמיש-גרעסער.

כאָטש אומבאַגרײַפֿט דער ים פֿאַר טראָפּנס, ניט טרוימען פֿון אַ בלאָטקעלע, אַ רינשטאָקל, אַ זומפּ; אַפֿילו ניט פֿון ריזלשטראָמען, קאַסקאַדן צי טײַכן וואָס טראָגן שפּענער און שיפֿן. טרוים און טראַכט פֿון אָקעאַנען: גרויס, אומגעהײַער, שיין, דינאַמיש, שפּילנדיק מיט שטורעמס צי מיט פֿאַליעס' איריזירטע און פּריזמענשוים אַנטקעגן זון, לבֿנה, שטערן!

טראַכט תּמיד פֿון מײַסטערישע געטער אָדער געטערישע מײַסטערס, און ווייסט פֿון עקסטאַז די סודות וויסן: ווי אַזוי פֿון קרעאַטיוון תענוג צו געניסן.

~❀~

אַזוי פֿיל געזאָגט שוין, געשריבן, געפּלאַפּלט, געדיאַלעקטעוועט, פֿילאָזאָפֿירט: רעליגיעז, פֿרײַדענקעריש, וויסנשאַפֿטליך... אַזוי אומעטום און זינט תּמיד. ביבליאָטעקן זענען פֿול מיט ווערק. אַן אָקעאַן מיט טינט וועט ניט זײַן גענוג; אַלע וועלדער, פֿאַרוואַנדלט אין פּאַפּיר, וועלן ניט סטײַען צו קענען פֿאַרענטפֿערן, באַרעכטיקן די ברוטאַלע רעאַליטעטן פֿון מענטשליכן שלעכטס, מיט זײַן געמיינקייט, היפּאָקריזיע, נאַרישע עגאָפֿאָביע צי סתּם משוגעתן.

וואָס ווילן מיליאַרדן לייַט? פֿאַר וואָס זיך אַזוי כּסדר נאָך אַנאַנד געסמט פֿיזיש און פּסיכיש? וואָס קען זייַן נאָרמאַלער, נאַטירליכער, ווי אָפּדויערן אַ מעגליכע עקזיסטענץ אויפֿן פּלאַנעט, וווּ פֿאַראַן אָרט און אַל-דאָס גוטס פֿאַר אַלעמען, ניט נאָר פֿאַר פֿינף מיליאַרד, נאָר פֿאַר הונדערט מיליאַרד אַפֿילו! אויב נאָר געפֿירט זיך לאָגיש, ניט פֿאַרתּכלעוועט אַזוי פֿיל מי און דויער מיט אידיאָטישע פֿירונגען, אַנטאַגאָניזמען, שאָוויניזמען, אַגרעסיווע מעגאַלאָמאַניעס, און זיך נאָך אַנאַנד געהאַסט, געממיתט, פּראָגרעס – צו פֿאַבריצירן טויטע נוסח אוישוויץ; וואָס מער עקספּלואַטירט לייַט, וואָס מער הונגער, אַרבעטסלאָזיקייט, רעוואָלטן מיט אַלץ נייַע עפּידעמיעס, נייַע דראָג-מגיפֿות פֿאַר יונגע, אויסגענאַרטע אַרבעטס-כּוחות בייַ עלטערע, און אַזוי פֿיל מיליאָנען קינדער וואָס קומען אום פֿון הונגער, ניט געהיילטע, ניט..., ניט...

טאַקע, טאַקע, שוין אַזוי פֿיל מאָל דאָס געזאָגט, געשריבן. כּוועל עס אָבער נאָך טויזנט מאָל איבערחזרן, כּוועל עס ווידער פּראָקלאַמירן, שרייַען, רופֿן. ווי אַזוי זאָל דאָס קענען געשען מיט אַזוי פֿיל לייַט, פֿאַרפֿירטע, גענאַרטע, באַשווינדלטע מיט אַזוי פֿיל רעליגיעס, פֿילאָזאָפֿיעס, אויסטערלישע לאָזונגען, מיט פֿאַרשיידענע איזמען און לאָגיעס?

אויף וועמען וואַרטן זיי, די אַלע לעקישעוואַטע יאָלדן? גאָט, צי געטער, האָבן אַנדערע פּראָבלעמען ווי זייערע משוגעתן. אויף משיחן? מע לאָזט אים ניט אַרייַן, אין ערגעץ ניט! אויף יענע וועלטיקע גן-עדנס נאָכן טויט? טויטע נערן ווערעם! עס בלייַבט וווּ-ניט-וווּ אַ טיביאַ-ביין צי אַ שאַרבן וואָס לאַכט קריציק מיט ציין, אויב ער האָט זיי ניט איבערגעלאָזט בייַ אַ דענטיסט, ווי געחוזקט פֿון די נאָך לעבעדיקע דערווייַל בהמות, ווי פֿון די וואָס מעלקן זיי און פֿירן אין די שעכטהייַזער. ווייַל די שוחטים, מיט זייערע מאַטעריעלע און ספּיריטועלע חלפֿים, אַזוי גוט ווי די, וואָס פּאַסמאַקעווען זיך מיט די דורך קצבֿים צוגעשטעלטע קאָטלעטן, האָבן דאָך אויך דעם זעלבן סוף. דער מעכטיקסטער

דיקטאַטאָר-טיראַן, ווי דער לײַזיקער שלעפּער – טויט, זענען ביידע די זעלבע פּגרים, ווי די טויטע לייבן, אייזלען, חזירים און שטשורעס.

בײַ די ווערעם, מיקראָבן און באַקטעריעס וואָס נערן זיך מיט זיי, איז זיכער פֿאַראַן אַ פֿאַר אונדז ניט-באַגרײַפֿטע ליטעראַטור, מיט אַ באַציל-שלום-עליכם, אַ וויבריאָן-מאַרק טווען, אַ סידאַ-מאָליער צי אַנדערע נאָך ספּיריטועלע פּיער ד'אַקן, וואָס פּאַסמאַקעווען זיך מיט די פֿעט-בײַכלדיקע געלטזעק ניט ווינציקער ווי מיט אַ פּראָסטער פּגירה פֿון אַ פֿאַרוואַלגערט באַשעפֿעניש ערגעץ אין אַ וואַלד צי אַ וויסטעניש. אַז כ'זע אַ מאָל אויף אַ בית-עולם די שיין-באַקרענצלטע קבֿרים, דאַכט זיך מיר אַז פֿון אַ ווינקל ווינקט צו מיר אַ ווערעמל וואָס טראַכט מסתּמא:

„אַנו, לעקישעוואַטער האָמאָ-ערעקטוס צי האָמאָ-סאַפּיענס! קום, חכם מענטש! מיט דיר אין גיכן וועט זײַן בײַ אונדז אַ פֿעסטיוואַל-באַנקעט, / ניט דווקא שמאַלציק-פֿעט, / אָבער מיט אַן עפּיטעט / פֿון אַ פּאָעט! / אַ באַשעפֿעניש, וואָס וואָרעם הייסט, / אויך עפּעס ווייסט / דעם טעם פֿון גײַסט!"

~❀~

הימאַלאַיאַ! אָפּשײַ פֿאַר דעם מיני-קערן פֿעלדז צי קערן זאַמד! נאָר אַ דאַנק זיי ביסטו אַ ריזנבאַרג.

אָקעאַנען! כּבֿוד דעם טראָפּן! אָן אים זענט איר הוילע טאָלן, אָפּגרונטן.

גאָט! אָפּשײַ פֿאַר די נוקלעאָנען און אַטאָמען! ווען ניט זיי, זענען הימלען לער!

און מענטש! ביסטו ניט קערן זאַמד, טראָפּן צי נוקלעאָן פֿאַר עמיצן צי עפּעס גרויס און וויכטיקס, וואָס מיר זענען ניט מסוגל צו באַגרײַפֿן, און וואָס לײַט רופֿן מיט פֿאַרשיידענע טעאָלאָגישע צי וויסנשאַפֿטליכע נעמען?

~❀~

אוי, טײַערע, געניאַלע, גרויסע נבֿיאים, פֿילאָזאָפֿן, פּאָעטן! איר רעדט שוין טויזנטער יאָרן צו דער ווּאַנט. אמת, מע זאָגט אַז ווענט האָבן אויערן. אפֿשר הערן זיי. אויב זיי הערן יאָ, הערן זיי אײַך אַלע ווי דעם קאָטער!

פֿאַר מיט אים אויס אַ וועלט; דערצייל אים די שענסטע מעשׂיות; פּריידיק אים די שענסטע דרשות – אַ פֿערד בלײַבט אַ פֿערד. אַלץ הייבט זיך אָן און ענדיקט זיך מיט שעצקע-ווירקליכקייט און האָבער-אידעאַלן. טו עס אַ גלעט, גיב עס אַ שטיקל צוקער – עס וועט דיר אַ מאָל אָפּדאַנקען מיט אַ בריקע אין די זשעברעס. וועט דיך אָרונטערשלײַדערן מיטן זאָטל מעשׂה ראָדעאָ-שפּיל. אמת, דער הײַנטיקער סדר-העולם הייסט דיר תּמיד רײַטן אויף עמיצן צי עפּעס. אָבער ווער הייסט דיר שפּאַנען צי ניצן בײַטשן און לייטשן קעגן גאָטס באַשעפֿענישן?... דאַכט זיך, איך בין שוין ווידער אַראָפּ פֿון גלײַכן וועג.

ווי ס׳זאָל ניט זײַן, בין איך דאָך זיכער אַז צווישן די מיליאַרדן מענטשן וואָס טומלען אוןווימלען אויפֿן פּלאַנעט, וועלן זיך דאָך געפֿינען עטליכע חכמים, כאָטש ווי איך למשל. פֿאַר זיי שרײַב איך דאָס דאָזיקע בוך. דו, לייענער, ביסט זיכער איינער פֿון די דאָזיקע חכמים. ווען ניט וואָלטסטו דאָך אַפֿילו דאָס דאָזיקע אויך ניט געלייענט. לאָמיר-זשע אַ שמועס טון צוזאַמען, איך שרײַבנדיק און דו לייענענדיק. כּוויל בשום אופֿן ניט מאָנאָלאָגירן ווי גערעדט קעגן אַ שפּיגל. מחבר, געפֿאָרט מיטן לייענער, זענען עפּעס טאָטאַל. פֿאַר מיר איז דאָס ניט סתּם געשריבן, מיט צי אָן אַ גראַם: דיאַלאָגיזם – מײַן אידעאַל!

~❀~

דער ער מוז תּמיד אויפֿצווינגען, פּאַראַדירן פֿאַר דער פּאַסיִווער זי, וואָס וויל כּלומרשט ניט, מײַדט אים – ביז זיי אייניקן זיך ביידע אין העכסטן גליק פֿון אָרגאַזם. ס׳איז אפֿשר אַן אַבסורד, נאָר מיר דאַכט זיך, אַז ס׳קען אפֿשר אַזוי אויך זײַן מיטן טויט.

ווער ווייסט, וואָס אונדז איז באַשערט אין די לעצטע רגעס פֿונעם לעבן, און אין די ערשטע רגעס פֿון דער נײַערווירקליכקייט, ווען ס'אַנטפּלעקט זיך עפּעס פֿון אונדז, וואָס מע קען רופֿן נשמה, נאָכן לאָזן דעם גוף אומבאַוועגליך דאָ אויפֿן פּלאַנעט? ווער ווייסט צי אונדזער עקזיסטענץ איז עפּעס אַנדערש, ווי ס'פֿלירטעווען מיט אַן אומבאַגרײַפֿטן, אומבאַקאַנטן קאָסמישן עלעמענט, און טויט איז די באַהעפֿטונג?

פּחד? דאָס פּרוּוון אַנטלויפֿן, מײַדן? מוז יעדע זי ,ניט ווערן באַצוווּנגען, אויסגעקעמפֿט, לאָזט זיך ניט כּדי זיך אונטערצוגעבן אין אַ באַגערטער פֿאַרגוואַלטונג פֿון כּולו-תּענוג? טראַכט ניט פֿונעם מאַטעריעלן גוף וואָס בלײַבט און פֿוילט, וואָס איז ווי די שאָל פֿון איי פֿאַרן אויסגעפּיקטן פֿויגל, דער כריזאַליד אין שטויב פֿאַרן זומער-פֿייגעלע צווישן בלומען. פֿילט עפּעס דער מענטש פֿון אָפּגעשניטענעם פּיצל נאָגל, צי אָפּגעשוירענע האָר וואָס פֿאַלן אין מיסט? מע וואָלט געדאַרפֿט בכלל ענדערן די השגה פֿון שטאַרבנדיקן אומקום, האָבנדיק דעם באַוווּסטזײַן, אַז קיין שום זאַך קען ניט טאָטאַל אומקומען. בכן, די בעסטע זאַך וואָלט געווען ווען לײַט וואָלטן זיך געדאַרפֿט לערנען שטאַרבן אַזוי גוט ווי זיי דאַרפֿן זיך לערנען לעבן.

~❀~

היט זיך פֿון דעם טיגערס אָדער קעצלס גלעט. לאַפּעס אָדער לאַפּקעלער סאַמעט-צאַרט; דערין פֿאַרבאָרגן נעגל, וואָס מיט אַ ריר רײַסט עס עפּעס בלוטנדיק פֿון דיר.

היט זיך פֿונעם וואָלפֿס צי הינטלס לעק. טרײַ געלאָזט זיך צערטלען ווי מיט תּענוג פֿון אַ גוטער האַנט. אָבער אומגעריכט קענסטו דערגיין צו מעסערדיקע ציין וואָס בײַסן זיך אין דיר.

ליידער, ליידער איז אָפֿט מענטש קאַץ און טיגער, הונט און וואָלף, און באַדויערסט דאָס חבֿרן זיך מיט זיי.

~❀~

קיינעמען וועט קיין מאָל ניט געלינגען איבער זיך זעלבסט איבערצושפרינגען. מי און סיסטעם וועלן גאָרניט העלפֿן, און ס'איז אַ שאָד דאָס פֿאַרלירן לעבנס-דויער מיט גריבלען זיך אין אַזעלכע פּראָבלעמען. דאָס איז גילטיק פֿאַר כּמעט אַלע פֿילאָזאָפֿישע דאָקטרינעס און סאָציאַלע רעזשימען. און פֿאַרשטייט זיך - אויך אייגענעם לעבנס-שטייגער.

~❀~

כ'קען בשום אופֿן ניט פֿאַרשטיין, הלמאי אויב עמיצער האָט עפּעס צו זאָגן אָדער צו שרײַבן זאָגט ער עס אָדער שרײַבט ניט פּשוט, קלאָר, פֿאַרשטענדליך פֿאַר יעדן. אָן אויסטערלישע מעטאַפֿאָרן, אינטעלעקטועלע פֿאַרגלײַכונגען, מיט כ'ווייס אַליין ניט ווי אָנצורופֿן די מאָדנע אָנצוהערעניש, גערעדט און געשריבן מיט פּינטעלעך. אוי, די פּינטעלעך פֿון די ספּיריטועלע מחברים, מיט זייערע סימבאָליזמען, ווי געוווּנקען מיט אַן אויג: איר פֿאַרשטייט? איר זענט אַ „מבֿין" ווי קלוג איך בין? אאַז"וו א"וו.

האָט מען ניט עפּעס אַ מחשבֿה, אָדער עפּעס וויכטיקס צו זאָגן – איז דאָך בעסער געשוויגן? אָבער ניין! מע דאַרף האָבן ליטעראַטור, ליריק, פֿילאָזאָפֿיעס, און – זעט וואָס כ'בין! הערט וואָס איך זאָג! וואָס האָט מען צו די ביימער נעבעך, וואָס מע פֿאַרוואַנדלט אין פּאַפּיר?

~❀~

הלמאי זאָל אַ גאָט דאַרפֿן אָנקומען צום מענטש מיט זײַן וועלנטועלן גוטן ווילן, אָדער צו אַנדערע באַשעפֿענישן מיט בלויזע אינסטינקטן, כּדי דער פּלאַנעט און דער אוניווערס זאָלן קענען עוואָלויִרן, זיך פֿאַרוואַנדלען – ווי וואָרשײַנליך באַגערט – אין עפּעס, לויט אַ באַשטימטן פּלאַן? אָמנימעכטיק, האָט איבער אַלע קאָסמישע ענערגיעס, קען ער ניט רעאַליזירן תּיכּף ס'פּערפֿעקטע, נאָר מוז אָנקומען צו עוואָלוציעס נוסח לאַמאַרק, דאַרוויניזם אָדער אַפֿילו אַן עוועלנטועלן טעיאַר-דע-שאַרדעניזם?

הלמאי דער ווידערשטאַנד כּדי עס זאָלן פֿאָרקומען אַזוי פֿיל מאָרד-אַגרעסיעס, מיט אַזוי פֿיל אַנגסטן, יסורים און כּלערליי צרות און פֿאַרקריפּלונגען פֿון דער עקאָלאָגיע, ניט רעדנדיק פֿון די מיליאַרדן פֿאַרלוירענע זוימען, ספּערמאַטאָזאָ־דן? הלמאי געדאַרפֿט אָנקומען צום אַמיב און דורכגיין דינאָזאַרן און איכטיאָזאַרן-פֿאָרמען כּדי צו קענען שאַפֿן דעם חכם מענטש, וואָס זאָל אים שטעלן קלאָץ-קשיות מיט אַלערליי פֿאַרוואָסן און סאַרקאַזמען, ספֿיקות און רעוואָלטן?

אויב די אָריענטאַלישע חכמים זענען אין גאַנצן זיכער אַז גליק ליגט אין טאָטאַלער נירוואַנאַ-מנוחה, אין אַן אינטעגראַלער נישטיקייט — צו וואָס-זשע דער גאַנצער טאַראַראַם מיט אַ יהי, מיט עוואָלוציעס-רעוואָלוציעס און מאָרד-קאַרנאַוואַלן, וואָס איבלען יעדער באַוווסטזיניקער באַשעפֿעניש, ווי למשל דעם האָמאָ-סאַפּיענס?

אפֿשר האָט דער רבונו-של-עולם אויך אַ באַגער צו געניסן פֿון מייסטערשאַפֿט, קרעאַטיוון תּענוג, און שאַפֿן עפּעס, וואָס זאָל אים גורם זײַן עקזטאַז און סאַטיספֿאַקציע? אפֿשר טיילט ער זיך דערמיט מיט זײַן מיניקל, דעם מענטש, וואָס קען אויך געניסן דערפֿון שאַפֿנדיק אין זײַנע דימענסיעס פֿאָרמען און מחשבֿות, עטיק און עסטעטיק?

לײדער האָט עפּעס אַ טײַוואָלאָנישער ציוויליזאַציע-ווירוס פֿאַרקריפּלט סײַ דעם מענטש, סײַ די נאַטירלעכע האַרמאָניע פֿון זײַנע השגות, און ער צעשטערט אַלץ וואָס נאָר ער באַרירט. און ס׳קומט אַרויס אַן אויסטערלישער כאַאָס, אַ קאַקאָפֿאָניע אין אַלע הינזיכטן, אַז מע קען משוגע ווערן. מע ווערט טאַקע משוגע, מ׳איז שוין טויט-משוגע, אין געפֿאַר אַלץ זאָל פֿאַרשווינדן אין אַ קאַטאַסטראָפֿע אַנטקעגן וועלכער אַ מבול צי אַ סדום-סאַנקציע זאָל אויסזען ווי אַ קינדערשפּיל.

גאָט האָט איצט אַ מעגלעכקייט צו באַווײַזן זײַן אָמנימעכטיקייט. וועט ער עס טון? וועלן די אַטעיִסטן, די סקעפּטיקער און אַנדערע עקזיסטענציעלע מאַטעריאַליסטן און פֿענאָמענאָלאָגן ניט בלײַבן

פֿאַרשעמט און נשתומם! אנו, רבונו-של-עולם, ווײַז וואָס דו קענסט!

איך בין ווי אַ גיטאַרע צי אַן אַנדער אינסטרומענט מיט פֿילבאַרע סטרונעס. דער מינדסטער ריר האָט תּיכּף אַ רעזאָנאַנס. אַן עכאָ וואָס האָט אויך די פֿעיִקייט צו געפֿינען אַקאָרדן, און איז אַפֿילו מסוגל צו זײַן די סיבה פֿון ווײַטערדיקע קלאַנגען. כ'מיין דערמיט צו זאָגן אַז געוויסע טעקסטן צי אַנדערע עסטעטישע עמאָציעס זענען מיר תּמיד גורם אינספּיראַציעס און נײַע מחשבֿות. עמיצנס ווערק עוואָלויִרט און לעבט ווײַטער. און אַלע מאָל אינטענסיווער, מיט מײַן קאָנטאַקט. אַנשטאָט צו בלײַבן סטאַטיש און גלײַכגילטיק, איז עפּעס אין מיר תּמיד גורם קרעאַטיווע עכאָס.

אַ וואָרע פּאַסירונג וואָס איך געדענק פֿון ווען כ'בין נאָך געווען אַ ייִנגל, און וואָס קען זײַן אַ טעמע פֿאַר עמיצנס אַ ווערק צי אַ פֿילם. ס'איז וועגן אַ גערטנערס פֿרײַנדשאַפֿט, צי טאָקע ליבשאַפֿט, מיט אַן עפּלבוים. ער האָט אים געפֿלאַנצט און געפֿלעגט, און צווישן ביידע איז אַנטשטאַנען, ווי מיר דאַכט זיך, אַן אינטימע באַקאַנטשאַפֿט. געוואָרן אַ רײַפֿער בוים, פֿלעגט דער גערטנער זיך פֿילן מנוחהדיק אין זײַן שאָטן, מיטן קאָנטאַקט פֿון זײַן שטאַם, זײַנע צווײַגן און אַפֿילו מינדסטן ריר פֿון אַ בלעטעלע. און דער בוים פֿלעגט דאַכט זיך היימישער רוישן און בייגן זיך צום גערטנער, אָפּצאָלן אים מיט שיינע, גוטע עפּל.

פֿלעגט זיך טרעפֿן, אַז דער גערטנער האָט ניט געקענט קומען צו אים אַ געוויסע צײַט, פֿלעגט דער בוים אויסזען מיד און ראַכיטיש; דער צוויט פֿלעגט דעמאָלט ניט זײַן יום-טובֿדיק ווי נײַער מײַ, און די עפּל פֿלעגן ניט זײַן אַזוי באַטעמט און שיין ווי אַלע מאָל. דער גערטנער פֿלעגט אויך בענקען און טראַכטן פֿון זײַן אײַנגעפֿלאַנצטן גוטן פֿרײַנד. און אַז זיי זענען צוריק געווען

צוזאַמען, פֿלעגן ביידע אויפֿלעבן מיט תענוג, און מיר דאַכט זיך אַז די פֿרייד פֿון עפּלבוים פֿלעגט צוציִען סאָלאָווייען מיט אַנדערע טרילערס און צווטשערס, וואָס האָבן זיך דאָרטן געפֿונען בעסער ווי ערגעץ אַנדערש. אַפֿילו בינען און זומער-פֿייגעלעך פֿלעגן קומען באַגריסן און גראַטולירן דעם בוים מיט זייַן צוויט און זייַן גליק. קיין ווערעמל פֿלעגט דעמאָלט ניט טשעפּען זייַנס אַן עפּל. פֿולע מיט זאַפֿטיקער פֿרייד פֿונעם פֿילן זיך אין איינעם אָדער נאָענט פֿון אַ באַגערטן.

האָט עס אַזוי לאַנג געדויערט ביז דער גערטנער איז געשטאָרבן. און ווי געבעטן, האָט מען אים באַגראָבן לעבן זייַן פֿרייַנד, דעם עפּלבוים. יענער האָט דערפֿילט דעם אומקום, און זינט ער האָט געזען דעם קבֿר לעבן זיך, האָט ער געכומען וועלקן, דאַרן. כאָטש דער נייַער גערטנער האָט אים געפֿלעגט אויך מיט ליבשאַפֿט און התמדה -זייַנע עפּל האָבן געהאַט אַ נאָמען!- האָט גאָרנישט געהאָלפֿן. דעם נאָענטן פֿרילינג איז שוין קיין צוויט ניט געווען; ס'גרינס האָט קוים זיך באַוויזן, און ניט וואַרטנדיק אויף האַרבסט איז דער עפּלבוים געבליבן טרוקן, דאַר, אַן אַ סימן פֿון לעבן, פֿאַרוואַנדלט אין האָלץ.

אַז די דאָזיקע געשיכטע איז ניט עפּעס אַן אויסגעטראַכטע מעשה, האָט עס אַ באַווייַז – אַ מין פֿאָטאָגראַפֿיע פֿון עפּלבוים מיטן קבֿר פֿון גערטנער אים צו פֿוסנס. און ווי איך געדענק, איז אויך אַרום דעם קבֿר און דער פֿאַרטריקנטן עפּלבוים געבליבן רעספּעקטירט פֿון אַלעמען. קיינער איז ניט געקומען טשעפּען ניט דעם בוים, ניט דעם קבֿר. ווי איך געדענק, איז די גאַנצע געשעעניש פֿאָרגעקומען מיט אַ אַכציק יאָר צוריק. מיר פֿלעגן יעדן זומער אַרויספֿאָרן אינעם זעלבן דאָרף און צו דעם זעלבן גאָרטן. כאָטש דאָס אַלץ זעט אויס ווי אַ מין לעגענדע, קען איך אייַך פֿאַרזיכערן אַז ס'איז אַ וואָרער פֿאַקט.

~❀~

װי אַזױ קען מעגליך זײַן אַז אַ זײפֿנבלאָז, אַ שטױבעלע, אַ פֿלױ, אַ פֿלאַטערל, און טאַקע אַן אװיאָן צי אַ ראַקעט זאָלן קענען גובֿר זײַן די ריזיקע צוציִונגס־קראַפֿט פֿונעם פּלאַנעט? לאָגיש, אין שײַכות מיט דער מאַסע־פֿאַרהעלטעניש נוסח אײַנשטײן, װאָלט דאָך אַלץ געדאַרפֿט זײַן פּלאַטשיק אויף דער ערד, און די ערד װאָלט געדאַרפֿט זײַן אײַנגעשרומפּן און געפֿאַלן צו דער זון, װי יענע אויף דער גאַלאַקציע, אאַז״װ. װי אַזױ קען מען באַרעכטיקן די מעגליכקייט בײַצוקומען די דאָזיקע גראַװיטירונגס־ענערגיע? זאָל עס זײַן, אַז לעבן קען גובֿר זײַן גראַװיטאַציע? פֿאַר װאָס־זשע פֿאַלט אַ מענטש אַרונטער פֿון דער הייך און װערט טויט? װי אַזױ באַגרײַפֿט מען, אַז ניוטאָן און אײַנשטײן זענען גערעכט, אַפֿילו װען עקספּערימענטאַל, אין אַטאָם װי אין אַסטראָפֿיזיק, איז עס ריכטיק מיט גראַװיטירונג און גראַװיטאַציעס?

איז לעבן אַן עלעמענט שטאַרקער פֿון אַלע קאָסמישע ענערגיעס? אַ פֿאַקט איז, אַז אַ לעבעדיק באַשעפֿענישל, מענטש, מאַניפּולירט, עקספּערימענטירט און פֿילאָזאָפֿירט װעגן אַטאָמען און גאַלאַקציעס. ניט נאָר עקספּערימענטירט ער און װענדט אָן פּראַקטיש די אַלע ענערגיעס, נאָר טראַכט אַפֿילו װעגן מעטאַפֿיזיק, װעגן ספּיריטועלע פּראָבלעמען און װעגן גאָט אַלײן.

װאָס קען אַ גרעזעלע ערגעץ אין אַ װינקל װיסן עפּעס פֿון אַמאַזאָניע־װעלדער? אַ טראָפּנדל, צי אַ לעבעדיק גאָרנישטל אין אַ זומפּ – װעגן אָקעאַנען און װאַלפֿישן? אַ נישטיק װערעמל אין אַ גרוב װעגן הימאַלאַיאַ־בערג; צי אַן עופֿעלע, קוים אַרויס פֿון איי אין הינערשטײַג – װעגן אָדלערס און װאָלקנס מיט האָריזאָנטן פֿון אין־סוף? װאָס קען איך, מענטשל נישטיקס, װיסן װעגן װעלטן, פּלאַנעטן, קאָסמאָסן? אַ שטױבעלע אין אומענדן, אַ רגעלע אין אײביקײטן...

אָבער פֿון װאַנען קומען דאָך באַגערן צו אַ נישטיקן מענטש, צו

וועלן דאָך דערגיין דעם סוד פונעם גאַנצן באַשאַף, און אַפילו מיטן באַשעפער, ווער ס׳האָט אים אַליין באַשאַפן?

~❀~

דער קיניזם איז דער עצם-עלעמענט אינעם קאָסמישן פסיכיזם. היות אַלץ איז וואָרשײַנליך פון איין שורש – איין עסענץ. נאָר צעטיילט אין פאַרשיידענע אַספּעקטן – איז אַלץ אונטערגעוואָרפן דעם אַגרעסיוון ברודערמאָרד-קאָמפּלעקס. און דאָס מאַניפעסטירט זיך תמיד, אומעטום.

אַזוי גוט ווי זשאַוועך פרעסט אײַזן, פרעסן זיך באַשעפענישן איינס דאָס אַנדערע. מיטן מענטש איז עס נאָך געמיינער, ערגער. ער פאַרטיליקט זײַנס גלײַכן. ניט נאָר סתּם באַשעפענישן, ווײַטע קוזינען, נאָר טאַקע נאָענטע, אייגענע, פון זעלבן מין, פון זעלבן שטאַם. דערמיט איז ער נאָך ערגער פון כלומרשט ווילדע חיות. זיי מאָרדן כּדי זיך צו נערן.

דער מענטש פאַרטיליקט צוליב סנאָבישע אַמביציעס, צוליב כּלומרשטן ספּאָרט און סתּם מאָרד צוליב מאָרד, שוין ניט רעדנדיק פון די רציחות אין נאָמען פון אידיאָטישע אידעאָלאָגיעס, משוגענע דאָקטרינעס און סתּם פּאַטאָלאָגישע קריזיסן.

~❀~

פאַראַפראַזירן אַן אוקראַיִניש שפּריכוואָרט: ביסטו אַ נאַר – שטאַרבסטו; ביסטו אַ חכם – שטאַרבסטו אויך. צו וואָס-זשע טויג די חכמה, און הלמאי זאָל דער נאַר זיך מיִען און פילן זיך מינדערווערטיק?

אַנו, האַמלעט, וואָס זאָגסטו דערצו? דער נאַר שטאַרבט מיט אַנגסט, דער חכם מיט מנוחה? קיינער איז נאָך ניט צוריקגעקומען פון יענער וועלט צו דערקלערן ווי עס האָט אַקוראַט פּאַסירט.

~❀~

ווער, וואָס אַזוינס אין דער נאַטור קען האָבן אַן אינטערעס, אַז איך זאָל זײַן דאָס וואָס איך בין צי וויל זײַן, מיט מײַנע שרײַבערישע קאָמפּלעקסן צי פֿילאָזאָפֿישע פסיכאָזן? הלמאי זאָל איך מוזן פֿאַרלירן צײַט מיטן טראַכטן און פֿאַרצייכענען די אַלע שאַלעמויזן, וואָס ווערן מיר אינספּירירט כוויס אַליין ניט פֿון וועמען, און באַגערן אַז אַנדערע זאָלן זיי לייענען? ווי אַזוי באַרעכטיקן לאָגיש אַזאַ מין פֿענאָמען בײַ אַ כלומרשט געזונטן מענטש? אָבער – וואָס איז אַזוינס אַ געזונטער מענטש?

~❀~

דער ריטם פֿון קאָסמישן עטעמען איז אפֿשר אַן אויף און אָפּ וואָס דויערט מיליאַרדן ליכטיאָרן און מאַניפֿעסטירט זיך אין ציקלען, פּעריאָדן, אפֿשר אייביקייטן. קען זײַן אַז דאָס וואָס די וויסנשאַפֿטלערס שטעלן פֿעסט ווי אַן אויפֿרײַס, אַן עקספּלאָזיע אָדער אַן עקספּאַנסיע פֿון אונדזער קאָסמאָס, איז נאָר אַן אויסעטעמען פֿון עפּעס אומגעהײַערס.

פֿאַר מיני אָרגאַניזמען וואָס לעבן אין אונדז, אויף אונדז, אַרום אונדז איז אונדזערס אַ הוסט, אַ נאָס צי אַ פּשוט עטעמען אפֿשר אַ שטורעם וואָס קען גורם זײַן פֿאַר זיי קאַטאַסטראָפֿעס אין זייערע סבֿיבֿות. מיר זעען ס'עטעמען פֿון אָקעאַנען מיט אויף־און אָפּפֿלוסן; מיר זעען ערד־ציטערנישן דורך אַ פֿיבערישן ריר פֿון פּלאַנעט.

ערשט, וואָס קען געשען אַז אַ קאָסמאָס טוט אַ הוסט, שוידערט אויף אָדער ווערט אין כעס? זונסיסטעמען צי גאַלאַקציעס קענען פֿאַלן ווי די פֿליגן!

~❀~

לײַכט צו פֿאַרשטיין ווי אַזוי ס'היילט זיך אַ ווונד. געזען אַ פֿילם ווי עמיץ מאַכט אַ לאָך אין אַ טערמיטן־נעסט. תּיכּף קומען טערמיט ספּעציאַליסטן און הייבן אָן צו פֿאַרבויען די עפֿענונג; מע זעט עס לײַכט, ווי זיי וואָלטן געלייגט אַ ציגל אויף אַ ציגל.

גלײַכצײַטיק שטייען אַרום די פּאַרטיידיקער וואָס לאָזן ניט אַרײַן קיין אַגרעסאָרן, און ס'גייט אָן אַ קאַמף. ביז איינס פֿון די ביידע: אָדער די עפּענונג ווערט צוריק פֿאַרמאַכט און די אַרײַנדרינגערס ווערן ליקווידירט, אָדער יענע זענען שטאַרקער און די נעסט קומט אום.

ס'איז פּונקט אַזוי מיט אַ גוף. וואָס איז ענלעך צו אַ טערמיטן-נעסט. די געפֿאַלענע אין די שלאַכטן זענען די מאַטעריע וואָס שאַפֿט זיך בײַ אַ וווּנד – פּאַגאָסיטן-העלדן. פּאַרטיידיקער וועמען מע דאַרף אָפּגעבן כּבֿוד ווי די זעלנער אין אַ מלחמה.

~❁~

אוניווערס איז אַן אָרגאַניזירטע סטרוקטור ווי אַ קאָמפּיוטער, און בשום אופֿן ניט קיין גורל-צופֿעליקייט ווי אַ טאָמבאָלע. אַ קאָמפּיוטער קען עלעקטראָניש-צופֿעליק מאַכן אַ פֿעלער, אָבער אַ צופֿאַל קען קיין קאָמפּיוטער ניט שאַפֿן. בכן, מוז מען פֿאַראַפּראַזירן וואָלטערן: אויב די וועלט איז ווי אַ זייגער, מוז זײַן אַ זייגער-מאַכער. אויב פֿאַראַן אַ קאָמפּיוטער, מוז ער זײַן פּראָגראַמירט, און אויב פּראָגראַמירט – מוז זײַן אַ פּראָגראַמירער, וואָס טוט אַכטונג דער פּראָגראַם זאָל זײַן ווי געהעריק.

אין וועמענס רשות זענען זיי ביידע? מיטן פֿרעגן קען מען אַזוי ווײַט פֿאַרקריכן אָן שום מעגליכן ענטפֿער. יעדנפֿאַלס – איינס איז זיכער: אַלץ און יעדער איינער איז אַ ציפֿער צי אַ סימבאָל דערין; די וועלט איז ניט סתם אַ ראָבאָט-גולם, און אויב יאָ אַ גולם, איז פֿאַראַן אַ שם-המפֿורש, וואָס מוז אַרײַן אין אים. אַזוינס קען נאָר באַווײַזן אַ צדיק, גאָטס אַ באַפֿולמעכטיקטער.

ערשט וואָס איז אַזוינס אַ גאָט, וואָס זײַן בלויזער שם-המפֿורש מאַכט לעבעדיק אַ גולם? איז ווידער די זעלבע מעשׂה. לאָמיר זאָגן אַז דאָס איז אַ לאָקאַלער כּבֿיכול פֿאַר אונדזער קאָסמאָס און פֿאַר אונדזערע השגות. אָבער אין אַ דערפֿל איז האַר אַ סאָלטיס, פֿאַראַן אַ גובערנאַטאָר, אַ רעגענט, אַ קעניג... פֿאַר

אונדזער דאָרף איז דער סאָלטיס מיט זײַן דיסציפּלין און זײַן סטראַזשניק — גענוג.

~※~

„טראַדוטאָרע — טראַדיטאָרע". איבערגעזעצט מוז זײַן געפֿעלשט. פֿון ייִדיש אויף פֿראַנצייזיש, פֿון פֿראַנצייזיש אויף ענגליש, פֿון ענגליש אויף שפּאַניש, פֿון שפּאַניש אויף דײַטש, פֿון דײַטש אויף כינעזיש, פֿון כינעזיש אויף פּאָרטוגעזיש און סוף־כּל־סוף אויף שוועדיש צו באַקומען טאַקע דעם נאָבעל־פּרײַז. אָבער דער מחבר מוז זײַן דערשטוינט, ניט דערקענענדיק זײַן אייגן ווערק. ס'האָט אבסאָלוט קיין שום שײַכות מער ניט מיטן אָריגינאַל.

וואָס זשע טון? אויב אַ ווערק האָט מחשבֿות, מוזן זיי ווערן איבערגעמחברט אין דעם באַגערטן דיאַלעקט, אין דער שפּראַך מיט אירע אייגנאַרטיקייטן: סינטאַקס, ווערטערשפּילן, סילאָגיזמען און מעטאַפֿאָרן און שפּריכווערטער אַפֿילו, צו אילוסטרירן די דאָזיקע מחשבֿות לויט די השׂגות פֿון די, וואָס וועלן זיי לייענען. אָבער די מחשבֿה טאָר מען ניט פֿאַרקריפּלען. ס'איז ווי עפּעס אין פֿאַרשיידענע שאַכטלען, אָבער תּמיד דער זעלבער עפּעס; ווען ניט איז עס געפֿעלשט.

~※~

אַ טעמע פֿאַר עמיצן וואָס זאָל מאַכן דערמיט אַ קאָשמאַר־פּאָעמע וועגן ד״ר מענגעלע. זײַנס אַ מיטאַרבעטער, ער אַליין צי זײַנס אַן אָפּטאַלמאָלאָג, וואָס פֿאָרשט, מאַכט עקספּערימענטן מיט אויגן, מיט ייִדישע אויגן פֿון קינדער, עלטערע און זקנים, אויסגעשטאָכענע פֿון די קעפּ צי לעבעדיקע כּמעט סקעלעטן־שאַרבנס, אָבער אויגן, נאָך מיט צי אָן די ראיות.

שוואַרצע, ברוינע, גראָע, בלאָע אַפּלען, מאַניפּולירטע מיט אַ סקאַלפּעל, מיט עלעקטרישע דראָטן, מיט פֿאַרשיידענע עלעקטראָנישע מכשירים. אויגן, אויגן, צענדליקער,

הונדערטער, טויזנטער אויגן אויפֿן טיש, אין שאַכטלען, אויף פּאַליצעס, אין פֿלאַקאָנען...

און פּלוצלינג נעמט אים שווינדלען אין קאָפּ. אַלע אויגן קוקן געווענדט אויף אים, צו אים, אין אים. מיט פּחד, מיט אַנגסט, מיט פֿאַרוואָרף, מיט געבעט, מיט רחמנות אַפֿילו, מיט טרויער, מיט אַנטוישונג, מיט צאָרן, מיט פֿאַראַכטונג, מיט סאַרקאַזם, מיט נקמה-בליקן, מיט גלײַכגילטיקייט אַפֿילו, און אומגעריכט — מיט טרערן. ווי אַזוי קומען טרערן אין אויסגעשניטענע, אויסגעריסענע, אויסגעשטאָכענע קינדער-אייגעלעך וואָס קוקן דערשטוינט צי צאַרט, אָבער מיט שרעק, אָדער מיידל-אויגן חנעוודיקע, וואָס וואָלטן דערפֿרייט אַ געליבטן, און אויגן וואָס שליסן זיך ווי בײַם בענטשן ליכט, ווי בײַם זאָגן קדיש, ווי בײַם טראַכטן פֿון דער שיינקייט פֿון מעגליכער ליבשאַפֿט צווישן לײַט. אויגן אין עקסטאַז בײַם אינספּירירן ווערק. אויגן, אויגן, אויגן. וווּ ער ווענדט זיך שפּיזן בליקן, רופֿן, מאָנען, שרײַען, שטראָפֿן, שטעכן זײַנע. אַ קאָשמאַר. אויגן דאַכט זיך קומען אויף אים. אַ מבול פֿון אויגן מיט שרעק.

אַנטלויפֿט ער פֿון זײַנע לאַבאָראַטאָריעס אַהיים. די דײַטשקע, זײַן פֿרוי, די בלאָנדע אַרישע קינדער-קעפּלעך זײַנע, זעען עפּעס אַז דער הער דאָקטאָר איז ניט מיט אַלעמען. ער ציטערט עפּילעפּטיש. אָבער אים באַפֿאַלט אַ פּחד אַפֿילו פֿאַר די בליקן פֿון אייגענע. אַנטלויפֿט ער אין זײַן צימער. פֿאַרהאַקט טיר-און-פֿענצטער, שטאָרן, אָבער אויגן, אויגן פֿאַרפֿאָלגן נאָך אַנאַנד, דרינגען אים אין קאָפּ, אין כּלומרשטן האַרץ, אין גוף, ווי גליִענדיקע שפּיזן. אויגן, אויגן, אויגן אומעטום און נאָך אַנאַנד. „הילף! הילף!" — און ער פֿאַלט אין חלשות, דער ס.ס.-אָפֿיציר פֿון די גלאָריעדיקע וויסנשאַפֿטן בײַם דריטן רײַך.

די אַלע אויגן וועלן אייביק וואַכן אין די געוויסנס, אויב אַזעלכס איז פֿאַראַן, בײַ די כּלומרשטע זיגפֿריד-העלדן, בײַ אַלע די וואָס האָבן געלעבט אין היטלערס רײַך און בײַ זייערע מיטהעלפֿערס, און אפֿשר אויך בײַ די גלײַכגילטיקע קולטורעלע לײַט, צי טאָקע

די באַכטוערס, נוסח סטאַלין, לאַוואַל, און ווער קען אַלץ אויסרעכענען...

אַז כ'שרײַב ס'דאָזיקע הייבט מיר אָן צו שווינדלען אין קאָפּ, און מיר דאַכט זיך אַז אויפֿן פּאַפּיר וואַלגערן זיך אויך אויגן, אויגן וואָס קוקן אַפֿילו אויף מיר. כ'לאָז די פֿעדער אויפֿן טיש און טו אַ קוק אין שפּיגל, אָבער כ'זע גאָרניט, אַפֿילו ניט מײַן אייגן פּנים, ווײַל טרערן לאָזן מיך ניט זען...

~⊛~

איך האָב ליב, פֿאַר מײַן מחברישן געברויך, צו זײַן אָפֿן און קלאָר, ניצן פּראָסטע רייד, אַ פּשוטער בשׂר־ודם, אַ קינד אַפֿילו אויך, פֿאַרשטיין זאָלן אָן מיט געדאַנקס באַשייד. למשל: הלמאי בין איך העטעראָדאָקס און טראָגלאָדיט? ווײַל כ'וויל ניט זײַן באַנאַל העטעראָקליט? דאַכט זיך איינפֿאַך, לאָגיש, צו דער זאַך, אַפֿילו בלויז דערפֿאַר וואָס סנאָב־באַגריפֿן כ'מײַד – נו, קומט מיר ניט דערפֿאַר אַ שבֿח? אַז מע שמועסט: זײַן פּשוט, איז דאָך נישטאָ וואָס צו פֿרעגן!

~⊛~

מע געפֿינט תּמיד דעם וואָרצל „מיסט" אין „מיסטיקער", „מיסטיציזם", „מיסטיק", „מיסטעריע", „מיסטיפֿיקאַציע", „מיסטעריעז". מיסט איז דאָס, וואָס מע וואַרפֿט אָפּ, וואָס מע וואַרפֿט אַרויס; מיסט איז ס'איבעריקע, דאָס וואָס טויג ניט צי טויג ניט מער. אַ מחשבֿה, אַ וואָרט, אַ באַגריף, אַ פּלאַן, אָן אידעאַל, אַ ציל, דאַרף — מוזן — זײַן פּשוט, קלאָר, אָפֿן, פֿאַרשטענדליך, אָן עזאָטערישע סימבאָלן, באַהאַלטענע מיינען, סודות פֿאַר יחידים — אומבייטיקע קאָמענטאַטאָרן, וווּלגאַריזאַטאָרן און מפֿרשים.

ווי האָט געזאָגט, דאַכט זיך, דער פֿראַנצויז בוּאַלאָ: ווילסט זאָגן „עס רעגנט"? זאָג: „עס רעגנט"! ווילסט זאָגן „עס שנייט"? זאָג: „עס שנייט"! מע וואָלט געקענט אײַנבערענגען אַזוי פֿיל צײַט און רייד מיטן פּשוטן קלאָרן זאָגן, און ראַטעווען אַזוי פֿיל וועלדער,

אַז מע זאָל ניט פֿאַרטכלעווען אַזוי פֿיל פּאַפּיר פֿאַר יאַכנע-ליטעראַטור און מוטל-ליריק. וואָס וועלן אָבער טון די מויל- און פען-קאַריעריסטן וואָס זייער פֿאַך איז רעטאָריק, קונסט-שילדערונגען, פּסיכאָלאָגישע האָר-שפּאַלטענישן? וואָס וועלן טון אַנדערע ווערבמײַסטערס אָדער קאָנפֿערענצן-פּלאַפּלערס?

פֿאַרשטייט זיך: גראָבן קוילן, פֿלאַסטערן וועגן, בויען היימען צי מאַכן עפּעס אַן אַנדער ניצלעכע מלאָכה איז שווערער ווי זייערע אינטעלעקטואַליזמען, מיט זייערע פּרעטענציעזע אַמביציעס צו פֿאַרלאַנגען פּריווילעגיעס און אָפּשײַ מיט דאַנקבאַרקייט פֿאַר ראַטעווען די לײַדנדיקע מענטשהייט. איז דאַוואַי, מיסטיק, מיסטיציזם, מיסטעריע מיט עזאָטערישע סימבאָלן, קאַבאַליסטיק, מעטאַפֿיזיק אד־גלי!

~❂~

א שרײַבעריש ווערק מוז זיך שאַפֿן ווי אַ סטאַטוע בײַם סקולפּטאָר. קודם אַ וויזיע אינעם דמיון, וואָס זעט אין דער שטיינגרודע די געפֿאַנגענע פֿאָרם. באַלד מאַניפֿעסטירן זיך סכעמיש קאָנטורן, מיט דלאָטע און האַמער, דאָ ענערגיש און דאָ צאַרט, אָפּגעהאַקט וואָס איבעריק איז, ביז פֿרײַ דערשײַנט די פֿאַרגעפֿילטע זעונג, נעט, קלאָר און פּרעציז.

בײַ אַ שרײַבער איז קודם: דערזען אַ מחשבֿה, אַ טעמע, אַן עמאָציע אין ווערטער-כאַאָס; דאַן ביסלעכווײַז אָפּגעטיילט באַגערטע ווערבן און מיט עקשנות, מײַסטער ווירטואָז, באַפֿרײַט דעם זין פֿון דער איבעריקער לאַסט פֿון רעטאָריק און עלאָקווענץ. איין מאָל, און צען, און הונדערט – קאָרעגירט, געבעסערט, ביז אַנטפּלעקט דאָס ענדגילטיקע: נעט, קלאָר, פּרעציז; מחשבֿה אין אַדעקוואַט האַרמאָנישע אַספּעקטן, מיט תענוג פֿאַר אַלע חושים און אינטויִציעס.

ווי אַלע ווייסן, בין איך צו באַשיידן צו זאָגן אַז איך ווענד אָן אַזאַ מין סיסטעם פֿאַר אַלע מײַנע מײַסטערווערק, און פֿאַרשטיי ניט

וואָס ס'טועז אַזוי פֿיל לײַט מיט זייערע קאָמפּלימענטן און אָוואַציעס.

~❀~

קיין שום עפּעס אין דער נאַטור, פֿון אַן אַטאָם צי אפֿשר נאָך קלענערס, ביז אַ פֿלאַנץ צי אַ באַשעפֿעניש, אַ מיקראָב, אַ ווירוס, אַ וואַלפֿיש צי וואָס מע וויל – טוט ניט ס'מינדסטע, אויב ס'איז ניט אַ נויטווענדיקייט צוליב אַ ציל, אַ צוועק. קען מען זיך פֿאָרשטעלן אַן אוניווערס מיט אַלץ וואָס געשעט דערין, זאָל עקזיסטירן סתּם אַזוי, אַנאַרכיש, מיר-ניט דיר-ניט, אַ געטליכקייט זאָל ניט באַהערשן די קאָסמישע אַלצן, נאָר זאָל זײַן אונטערגעוואָרפֿן צופֿעליקייטן מיט פּראָבאַביליטעטן? ס'איז דאָך אַן אַבסורד אַזוינס תּופֿס צו זײַן! זאָל גאָט זײַן אַן אומבאַהאָלפֿענער –ווי אַ ווירוס, אַ ווערעמל– מיטן חכם מענטש, זיך אײַנרעדן אַז ער איז נאַרישער פֿונעם האָמאָ-סאַפּיענס? ס'איז דאָך לעכערליך!

זאָגט מען אַז ס'גילטן געזעצן אין אַספּעקט, דויער אד״גל – טאָ ווי אַזוי וואָלט געקענט אַ חכם מענטש ווי איך, למשל, טראַכטן פֿון דעם אַלעמען: פֿון וואַנען קום איך? ווו וועל איך פֿאַרשווינדן? פֿאַרגלײַכן דעם פֿענאָמען וועלט, מיט אַלץ וואָס געשעט אין אוניווערס, צו דער מעגליכער פֿעיִקייט פֿון מענטשליכע השגות און שׂכל. איז דאָך פּשוט קאָמיש! אַ מינדסט גרעזל קען דעם אופֿן צו ניצן די זון דירעקט מיט פֿאַטאָסינטעז, און פֿאַרוואַנדלט ליכט אין כלאָראָפֿיל, מיט גרינס, בלומען און פּירות, צוקונפֿטיקע פֿלאַנצן. אַ ווירוס פֿון סידאַ איז קליגער פֿון אַלע אַקאַדעמישע חכמים וואָס קענען אים ניט בײַקומען. מע קען אַזוי אײַנזען אַז דאָס וואָס מע קען באַגרײַפֿן איז נישטיק אין פֿאַרגלײַך מיט דעם, וואָס קיינער קען בשום אופֿן ניט וויסן. ניט דעם וואָס, דעם פֿאַרוואָס, ווי אַזוי, פֿאַר וועמען, צוליב וועמען, דורך וועמען, זינט ווען, ביז ווען אד״גל.

איינס ווייסט מען יאָ: דער, צי דאָס, וואָס באַגערט און

דערמעגליכט דאָס אַלץ זאָל קענען זײַן — איז דאָר באַשײַמפּערליך אַז ער איז אַ גוטהאַרציקער: ער טאָלערירט אַפּילו אַטעיִסטן, הערעטיקער, און אַפּילו די, וואָס קומען צעשטערן אַרום זיך עפּעס פֿון זײַן באַשאַף.

פֿאַר וואָס ניט אײַנזען די נאַריש-מעגאַלאָמאַנישע מי פֿון דווקא וועלן זען די מעטריקע מיטן פּאַספּאָרט פֿון אַ גאָט? פֿאַר וואָס ניט קענען באַגרײַפֿן די ראָלע, ס'אָרט און די פּשוטע פֿליכטן פֿונעם מענטש מיט זײַן עקזיסטענץ אינעם אוניװערס, און אויפֿהערן פֿאַרתּכלעוועט אַזוי פֿיל מעגליכן ווילזײַן אומזיסט און אומניט, ווערנדיק געשטראָפֿט דערפֿאַר מיט אַנגסטן, צרות, פּחד, פֿיזישע און פּסיכישע פֿאַרקריפּלונגען?

אַרײַננעמען געטליכקייט אין רעליגיעס מיט קליינקעפּלדיקע אַנטראָפּאָמאָרפֿיזמען, צי אין וויסנשאַפֿטליכע טעאָריעס מיט עקוואַציעס, געמאָסטן און געוויגן מאַטעמאַטיש-קרעמעריש — ווי נאַריש דאָס אַלץ! פֿאַר וואָס ניט אײַנזען אַז מיט אַ צוגעפּאַסטן פּשוטן לעבנס-שטייגער, אָן קאָמפּלעקסן, לויט דער וואָרשײַנליך באַגערטער ראָלע וואָס איז באַשטימט פֿאַר יעדן מין, קען מען אָפּדויערן אין אָפּטימע באַדינגונגען די באַשטימטע לעבנסצײַט, און ניט אומקומען פֿריצײַטיק, לעקישעוואַטע, נאַריש, מיט אידיאָטישע אַמביציעס, פּאַראַנאָיע-אַגרעסיעס און עגאָיִזמען.

טערמיטן, מוראַשקעס, בינען — זענען זיכער קליגער, פּראַגמאַטישער ווי דער כּלומרשטער חכם מענטש, מיט זײַנע וויסנשאַפֿטן, קענטענישן, סאָציאַלע רעזשימען און גײַסטיקע זיכערקייטן. ווי לאַנג דאָס וועט ניט ווערן באַגרײַפֿט, וועט אונדזער פּלאַנעט זײַן אַ גיהנום מיט צרות, אַנגסטן און פּײַן, ביזן נאָענטן נוקלעאַרן אומקום פֿון דער ביִאָספֿערע. די דאָזיקע געפֿאַר הענגט איבער אונדזערע קעפּ ווי אַ דאַמאָקלעס-שווערד.

~❀~

אַזוי פֿיל פּאָליצעס מיט ביכער אַרום מיר, און מיר דאַכט זיך: פֿון אַלע עפּעס שרײַט, רופֿט, מאָנט: „נעם מיך! לייען מיך! פּאָלעמיזיר מיט מיר! זײַ אײַנשטימיק צי ניט, אָבער ניט גלײַכגילטיק. פֿאַר וואָס געלאָזט אונדז פֿאַריתומטע, געפֿאַנגענע אין טאָוולען? מיר ווילן לעבן אַ דאַנק דײַנע מחשבֿות, וואָס אונדזערע וועלן פּראָוואָצירן. זאָלן מיר האָבן אומזיסט געלעבט, געטראַכט, געשאַפֿן, און בלײַבן סקלעראָזירט ווי מומיעס, וואָס פֿילן ניט קיין ריר, קיין באַגער?"

טויזנטער זענען זיי בײַ מיר, און איך פֿיל דעם פֿאָרוווּרף און דאָס רופֿן פֿון די אַלע ספֿרים, אין וועלכע ס'ליגט דאָך עפּעס פֿון די מחברים. דאָ בײַ מיר האָבן זיי כאָטש עמיצן וועמען דאָס אַלץ פֿאַרצוואַרפֿן, בײַ וועמען עפּעס צו מאָנען, עמיצן צו רופֿן, ווי אפֿשר צו אַ חבֿר, אַן אייגענעם. וואָס זאָלן זיי טאָן אין די גרויסע ביבליאָטעקן, וווּ זעלטן עמיץ קומט, אויסגעשטעלטע אין רייען, מיליאָנען אפֿשר: זיי פֿילן זיך דאָרט נאָך מער פֿאַרלאָזט, נאָך מער פֿרעמד.

קען זײַן אַז דער דאָזיקער רוף קומט ניט נאָר פֿון די ביכער, נאָר אויך פֿון די שטיינער מיט פֿלעקלקריץ, די פּאַפּירוסן, סטעלעס און שמות פֿון אַ מאָל.

ביכער מײַנע, טײַערע פֿרײַנד! ווי אַזוי אײַך צו ליב טון, אַז אַליין בין איך פֿאַרכּישופֿט אין מחברישקייט, און פֿיל און ווייס אַז נאָענט איז די צײַט, ווען כ'קום צו אײַער מחנה און בלײַב באַליידיקט ערגעץ אויף אַ פּאָליצע, צי גאָר אין מיסט? ניט אַלעמען אַפֿילו איז אַ פּאָליצע באַשערט. פֿאַרתּכלעוועט אַזוי מחברימס לעבן ווערט.

~❀~

ניטשע, גאָגאָל, אַנטאָנין אַרטאָ, קאַפֿקאַ, האָלדערליין, טשײַקאָווסקי און אַזוי פֿיל נאָך כּלומרשט צי וואָר געניאַלע קינסטלער זענען פֿאַרקראָכן אין משוגעת. אַראָפּ פֿון לאָגישן זינען, אויב ניט געוואָרן אַגרעסיוו און געפֿערליך פֿאַר זייער

סבֿיבֿה, איז געזונקען אין כאַאָטישע דמיונית; קאָשמאַרן, און זייערע מײַסטער־קאָמפּלעקסן, מײַסטער־קריזיסן, ווערן עקזעגעטיש אָנגענומען פֿאַר מײַסטערווערק.

לאָגיק, האַרמאָניע, חן, סימעטרישקייט און שׂכל זענען סינאָנים פֿון וווּלגאַריטעט, מעדיאָ־וואַסערדיקייט, פּראָסט־פּשוט, אײנפֿאַך — הייסט גראָביונגעריש, בשעת אַ פֿרויען־פּאָרטרעט פֿון אַ פּיקאַסאָ צי אַ סטאַטוע פֿון אַ דזשאַקאָמעטי זענען קריטעריעס פֿאַר עסטעטיק און פֿײַנשמעקערישן אינטעלעקטואַליזם. די דאָזיקע פֿאַרקריפּלעניש איז גילטיק אין אַלע הינזיכטן, אומשטענדן און מאָמענטן, יחידיש און סאָציאַל, פֿיזיש און פּסיכיש.

יידער איז ניטאָ גענוג משוגעים־הײַזער און צוואַנגיאַקעס. פֿאַרקערט; זיי פּרוכפּערן און מערן זיך, און אַ היטלער קען שאַפֿן אַ מײַסטערווערק וואָס ווערט פֿאַרשפּרייט אין דער גאַנצער וועלט; אַ מאַרטין הײַדעגער קען — נאָך אַלע קאַטאַסטראָפֿעס שרײַבן וועגן הומאַניזם, און פֿאַרשטייט זיך, אַ סטאַלין קען פֿילאָזאָפֿירן וועגן דיאַלעקטישן מאַטעריאַליזם.

ערשט אומעטום די עקאָנאָמישע רעזשימען מיט זייער כּלומרשטן פּראָגרעס, מיט זייערע ליבעראַליזמען און דעמאָקראַטיעס, כּלומרשטע רעוואָלוציעס און רעליגיעזע פֿאַנאַטיזמען, מיט לײַט וואָס ממיתן זיך איינע די אַנדערע כּדי צו פֿאַרטיידיקן כּלומרשט דעם זעלבן גאָט.

אָט נעמט למשל: איצט איז געקומען די צײַט פֿון מאַטורעס. ווײַזט זיך אַרויס, אַז בלויז אין דער געגנט פֿון פּאַריז זענען דאָ קנאַפּע 600 קאַנדידאַטן פֿאַר פֿילאָזאָפֿיע. ווער דאַרף אַזוי פֿיל פֿילאָזאָפֿן? און ס׳איז נאָר גערעדט בלויז אין דער געגנט פֿון פּאַריז! אַז מע זאָל מאַכן דעם סך־הכּל פֿון אַזעלכע קאַנדידאַטן איבער גאַנץ פֿראַנקרײַך און אומעטום, און צורעכענען די סאָציאָלאָגן, די ליטעראַטוריסטן, קלאַסישע, מאָדערנע, מיט דער יוריספּרודענץ, האַנדל, פֿינאַנס, קונסט, סכאָלאַסטיק, סעמינאַרן און ישיבֿות, מיט די אַלע אוניווערסיטעטן, פֿאַקולטעטן, אַקאַדעמיעס, קאַטעדרעס, דיסערטאַציעס, דאָקטאָראַטן וואָס עס

גרייטן צו די צוקונפטיקע סאָציאַלע פּאַראַזיטן אָדער אומבאַהאָלפּענע ליידיקגייערס אין אָרעמקייט מיט זייערע דיפּלאָמען, וואָס זענען מסוגל, צי געצוווּנגען כּמעט, זיך צו פאַרוואַנדלען אין בראָדיאַגעס אָדער פאַרבּרעכערס. ווי אַזוי זאָל ניט איבלען פון אַזעלכע לעבנס-שטייגערס וואָס לייט רופן ציוויליזאַציע און קולטור?

~❁~

ס'קען זײַן, און ס'איז וואָרשײַנליך אַזוי, אַז דאָס, וואָס איך וועל דאָ פאַרצייכענען, איז באַנאַל, נאַריש, צי קאָמיש. לויט מײַן טבֿע קען איך אָבער אַנדערש ניט טון. כ'בין אַ שרײַבער, יאָ צי ניין?

מיר דאַכט זיך אַז אַלע באַשעפענישן, אַפילו פלאַנצן, קאָמוניקירן זיך צווישן זיך דורך קאָלירן, ריחות, שטראַלונגען, זשעסטן, און קולות פאַרשטייט זיך. מילא, וועגן געררוכן, דאָס קען מען דאָך זען ווי חיות צייכענען מיט זייער אורין אַ דורכגאַנג, צי די גרענעצן פון זייער טעריטאָריע, אָדער רופן צו פּאָרן זיך. מיט שטראַלונגען? זיכער ווערן די אַנטענעס פון אינזעקטן, אָדער כּלומרשטע וואָנצעס ווי בײַ קעץ למשל, גענוצט פאַר עמיסיעס און אויפנאַמעס. קען זײַן אַז האָר און פעל, צי בערד, זענען לאָקאַלע צי טאָטאַל-גופישע אַנטענעס. אינטערעסאַנט צו זען, אויב אַ בערדיקער איז סענסיטיווער צו טעלעפּאַטיע. מילא, אַז בלומען קאָמוניקירן זיך מיט אינזעקטן וואָס זיי באַדאַרפן פאַרן קאָנטאַקט, און רייצן זיי מיט ריחות, פאַרמען און קאָלירן — איז דאָך ניט מעגליך צו צווייפלען. כ'האָב באַמערקט שוין זינט לאַנג, אַז פייגל האָבן זייער אופן זיך צו קאָמוניקירן דורך אַ מין פאָנעמען-אַלפאַבעט. אַ קראָ צי אַ טויב, וואָס כ'האָב בעסער געקענט אָבסערווירן, ניצן איבערגעחזרטע פאָנעמען לויט דער צאָל און לויטן דויער, סײַ פון קלאַנג, סײַ פאַרן טאָן, סײַ פאַר דער פויזע צווישן די פאָנעמען. יעדער קען עס פעסטשטעלן, און לײַכט פאַרשרײַבן דעם סדר פונעם איבעררופן זיך בײַ די

פֿאַרשיידענע פֿייגל. קען זײַן, אַז ס׳איז אַזוי בײַ חיות מיט זייער וויען אָדער מרוקען. די קאָד-סיסטעמען פֿון די באַשעפֿענישן קענען זײַן פֿאַרן אויג אַזוי גוט ווי פֿאַרן געהער. בינען ניצן זייערע זשעסטן-טענץ צו דערקלערן ווו ס׳געפֿינען זיך רעזערוון מיט נעקטאַר: דאָס האָט מען דאָך שוין לאַנג פֿעסטגעשטעלט און פֿילמירט אַפֿילו. עס קען אויך זײַן אַז אַחוץ דעם רוף פֿון באַגערטן פּאָרן זיך אָדער וואָרענען קאָנקורענטן צי שונאים, איז אויך פֿאַראַן אַ סיסטעם פֿון טעריטאָריעס-גרייס. די דאָזיקע גרייס קען זײַן לויט דער ווײַטקייט פֿון געהערטן קול.

כ׳האָב ניט די מעגליכקייט און אויך ניט די צײַט נאָכצוקוקן צי עפּעס פֿון די באַמערקונגען מײַנע איז שוין געוואָרן שטודירט אָדער סיסטעמאַטיזירט. ווען ניט, וועט עס דאָך אפֿשר אַ מאָל ניצן עמיצן. יעדנפֿאַלס, קען עס קיינעם ניט ברענגען קיין שאָדן, אויב אַפֿילו דאָס אַלץ איז אַן אַבסורד.

דעריבער איז אפֿשר ניט קיין וווּנדער אַז כ׳זאָל זײַן באַהערשט פֿון אַ באַגער זיך צו קאָמוניקירן מיט עמיצן צי עפּעס פֿון וועלכן כ׳בין אַ טייל צי אַ פֿראַגמענט – דורך שריפֿט. ס׳איז אַן אופֿן צו מאַניפֿעסטירן עקזיסטענץ. קען זײַן אַז יעדעס קול זוכט זײַן עכאָ. אפֿשר איז עס אויך ווי געוואָרפֿן אַ פֿלאַש אין אָקעאַן מיט אַ רוף צו עמיצן. ס׳מוז אַ מאָל דערגרייכן אַ ברעג און געפֿינען אַן אָפּנעמער. ווי ס׳זאָל ניט זײַן – קיין שום לאָגיק צי קריטיק וועט דאָ ניט העלפֿן. כ׳וועל זיכער שטאַרבן מיט אַ פֿעדער אין האַנט, בײַ אַ האַלב-דערשריבענער פֿראַזע. ווי עמיץ וואָס וויל תּמיד זײַן אין וועג און קיין מאָל ניט אָנקומען צו קיין ציל, גלייב איך, אַז מיט מײַן שרײַבן וועל איך קיין מאָל ניט קומען צו אַ מאָמענט ווען כ׳וועל מאַכן אַ פּונקט און זאָגן: פֿאַרטיק, כ׳האָב אַלץ אָנגעשריבן. מײַן גראַפֿאָמאַניע איז כראָניש, און וועט נעמען אַ סוף מיט מײַן ווירטועלער, דאָ-וועלטיקער עקזיסטענץ. וואָס וועט געשען שפּעטער? עפּעס פֿון מיר וועט אַרײַנגיין ווי אַ דיבוק אין עמיצן און ווײַטער אָנגיין מיט שרײַבערישע קאָמפּלעקסן.

ווי אַזוי האָבן לײַט, כּלומרשטע חכמים, געקענט זינט תּמיד, און קענען נאָך הײַנט אַפֿילו שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז זיי זענען עס באַשטימט און באַרעכטיקט זיך אָנצונעמען זייער גאָטס קריוודע, אים צו פֿאַרטיידיקן, נקמה צו נעמען פֿאַרן שלעכטס וואָס לײַט האָבן אים געטון — אַז ס׳קומט שוין צו דעם, זענען דאָס ייִדן פֿאַרשטייט זיך — אָדער ווײַל מע גלייבט ניט אין זײַן עקזיסטענץ?

דער דאָזיקער גאָט דאַרף אומבאַדינגט האָבן, אַז עמיצער זאָל זײַן ווי אַ פֿאַרמיטלער צווישן אים און די זינדיקע, אָדער די וואָס זוכן זײַן חסד, און חוץ דעם ווערבירן אָנהענגער, קליִענטן, מיט מיסיאָנער סיסטעמען, פּראָסעליטיזמען אד״גל.

אויב אַן אייביקער, אַמנימעכטיקער גאָט מוז אָנקומען צו אַזעלכע מיטלען, קען אַליין ניט באַשטיין זײַן וועלטל און — טראָץ דער הימלישער מלאָכים־אָרגאַניזאַציע — דאַרף ער דווקא זיך ווענדן צום עפּעמערישן מענטש נעבעך — טאָ ווי אַזוי זאָל מען ניט זײַן קיין אַטעיִסט, צי כאָטש אַ העראַטיקער, אָדער גאָר טאַקע סתּם אַ ציניִשער אַפּיקורס?

פֿרעג איך — כ׳ווייס אַליין ניט בײַ וועמען — וואָס איז דער תּכלית פֿון דײַן שרײַבן, פֿון דײַן מוזן נעמען פֿעדער און פּאַפּיר און פֿאַרצייכענען מחשבֿות און עמאָציעס, רעוואָלט־געשרייען, פּראָטעסט־רופֿן, קריטיק צי סאַרקאַזמען, אַפֿאָריזמען, סענטענצן און וואָס ניט? אין שטוב, אין דרויסן, בײַ טאָג, בײַ נאַכט, געוואַכט, געטראַכט, געלאַכט, חוזק געמאַכט און אָנגעזאַמלט פּעק מיט שריפֿטן, ניט פֿאַר קיין שום קלאָרן מענטש געדאַכט!

וואָס איז דער מער מיט דעם גראַפֿאָמאַניע־קאָמפּלעקס? וואָס זוכסטו? כּבֿוד? געלט? ווילסט לײַט זאָלן טײַטן אויף דיר מיט די פֿינגער? זעסטו ניט אַז ביסט שוין נאָענט צום סוף? וואָס קענסטו האָפֿן, אַזאַ נײַנציק־יעריקער טשודאַק, אויפֿצוטון מיט דײַנע פּאַטשקערײַען? איז ניט אַ זינד דאָס ניט גיין שפּאַצירן, ווען די זון גאָלדיקט אָדער די לבֿנה זילבערט אַלץ אַרום דיר? און נאָך

אזעלכע קלאָץ-קשיות, ריכטיקע טענות, לאָגיש-אויסגעהאַלטענע, געפּרעגטע מעשׂה-לעקיש. ווייס איך ניט ווען כ׳פּרעג, און כ׳ווייס ניט ווער ס׳וועט מיר ענטפערן.

ס׳געפעלט דיר שרייבן? ס׳פאַרשאַפט דיר תענוג א געלונגענער, קונציקער אויפטו? האָסטו הנאָה פון איבערלייענען כ׳ווייס אַליין ניט וויפל מאָל דיינע פּאַפּירן און פּאַפּירלעך? געפעלט דיר דיין אויטאָקריטיק: דאָס אויסבעסערן, דאָס ענדערן, פאַרלענגערן, קירצן, קלאַסירן און גרייטן, אַליין ניט וויסנדיק צו וואָס, פאַר וועמען אד״גל? פּאַפּיר און צייט האָסטו? פּרעג-זשע ניט, און שרייב, שרייב. האָב ניט קיינעמען אין זינען. זוך ניט קיין צוועקן, צילן, סיבות, פליכטן, איבערהויפּט ניט קיין שום באַרעכטיקונג פאַר דעם וואָס דו טוסט. זיי נאָר ערליך און אָפנהאַרציק, און נאָר ניט קיינעם, ניט זיך זעלבסט, מיט איינרעדענישן, מיט ליגן און פאַרדראָס קעגן אַלץ און אַלעמען.

קיינער האָט ביי דיר גאָרניט געפּרעגט, און דו דאַרפסט ניט קיין שום לויב, ניט קיין נאָבל-פּרייזן צי גאָלדענע מעדאַלן. בכן: שרייב, שרייב. אַפילו ס׳דאָזיקע ווענן וואָס מ׳האָט דאָ גערעדט פאַרשרייב איך אויך, גוטער חבר. וועט זיין מיט א זייטל אָדער צוויי מערער אַרויסגעוואָרפן אין מיסט, אַז מ׳עט מאַכן א ביסל אָרדענונג אין דיין היים, אויף דיינע פּאָליצעס און שרייבטיש, ווי נאָר מ׳עט פאַרגעסן דיין לוויה.

~❀~

טאַקע גוט און וואָר דער זאָג: „אַז מע קען ניט אַריבער, מוז מען אַרונטער״. דאָס איז גילטיק ווען ס׳גייט אין א באַריערע, א שטריק, א דראָט. אָבער אַז ס׳האַנדלט זיך וועגן א וואַנט? דאָ קען ניט גילטן דער „אַרונטער״, סיידן מע זאָל מאַכן א טונעל. מוז מען אַרומגיין? וואָס-זשע טוט מען אַז מ׳איז אין א קאַמער? איז טאַקע ביטער. דערפאַר זענען תּפיסות תּמיד פול.

מע קען דאָס אָנווענדן צו אַלע אַנדערע פּראָבלעמען: פיזישע, מעטאַפיזישע, ספּיריטועלע צי ווי מע וויל דאָס אָנרופן. פאַראַן

סיטואַציעס, אומשטאַנדן, און מעגליכן אויסוועג. בכן מוז מען זיך קענען אָרגאַניזירן פֿון **דער** זײַט. מע מוז עס, און שום ברירה, סײַדן אויב מ׳איז פּסיכאָפּאַטיזירט מיט אינזיכיזמען, אין פּערמאַנענטן רעוואָלט קעגן רעאַליטעטן.

~❀~

דער דימענט ווייסט ניט עפּעס פֿון זײַן ווערט. זײַן ווערט איז אַ רעלאַטיווער באַגריף אין שײַכות מיט מענטשליכע השגות וועגן פּרײַז, באַטרעף, מקח – פּרעטענציעזע אָבער ליידער וועזנטליכע מעגליכקייטן צו געניסן פֿון מאַטעריעלע פּריווילעגיעס אין קאַפּיטאַליסטישע רעזשימען.

עמיץ ניצט אים, דעם דימענט, ווי אַ סימבאָל. ער לײַדט אפֿשר גאָר דערפֿון, ווײַל געשליפֿן און געמײַסטערט ווי אַ בריליאַנט רײַסט מען אים קודם-כּל אויס פֿון זײַן היים, מע פּאַסט אים אין צירונג. און אַזוי ווי די מענטשהייט איז פֿאַרפּירט מיט פּערווערזע באַגריפֿן פֿון מערווערט, דינט ער פֿאַר פּריווילעגירטע קלאַסן מיט זייערע מעגאַלאָמאַנישע פּסיכאָזן און פּרעטענציעזע סנאָביזמען.

פֿאַרן מענטש איז דער היסטאָרישער מאַטעריאַליזם, גענומען ווי אַ סימבאָל, אַ באַווײַז, ווי מע ניצט אים פֿאַר עקאָנאָמישע פֿינאַנציעלע אינטערעסן און אַמביציעס, אַגרעסיעס און טיראַניעס און ווייס איך וואָס נאָך וועלכע פֿינאַנציעלע משוגעתן פֿונעם האָמאָ-סאַפּיענס. ס׳קען זײַן אַז זײַענדיק אפֿשר עפּעס לעבעדיקס ווי קרישטאָל, לײַדט ער פֿון ווערן געשליפֿן, גענוצט, פֿיגורירט אין סטאַטיסטיק, אין עקאָנאָמיע, און ווי אַ סחורה פֿאַר קאָנסומענטן. ער קען זיך אָבער ניט רעוואָלטירן, געפֿאַנגען תּמיד אין אַ שאַכטל, אין אַ רינג צי אין אַ קרוין אַפֿילו.

פֿאַראַן נשמות וואָס זענען ווי דימענט, לײַט פֿאַר וועלכע ניט געאַנט איז זײַן פֿאַר קיינעמען בריליאַנט.

~❀~

אַז די קינס פֿון אַלע צײַטן, אויף אַלע קאָנטינענטן, װעמענס זיך מערנדיקע האָרדעס, מיט זײערע קינאה-שינאה אינסטינקטן, מאָרד- און רויב-פּסיכאָזן, האָבן תּמיד און אַפֿילו הײַנט געמוזט האָבן תּירוצים צו קענען באַרעכטיקן זײער װילד משוגעת, האָט מען תּמיד געפֿונען און מע געפֿינט נאָך איצט דעם ייִד. דעם ייִד אין אַלע אַספּעקטן, אין אַלע אומשטאַנדן, אין אַלע היגזיכטן, דעם פֿאַנאַטיש-פֿרומען װי דעם װעלטליכן, דעם געשמדטן מה-יפֿיתניק װאָס פֿאַרראַט זײַן שטאַם װי דעם טרײַען מאַראַן, דעם באַװוסטזיניק-אָפּענעם װי דעם גלײַכגילטיקן צי אַפֿילו עגאָפּאָבישן, װאָס איז זיך אַליין ניט מוחל זײַן גורל, װאָס אים איז באַשערט צו זײַן אַ ייִד. אַ ייִד ניט דורך זיך און פֿאַר זיך, נאָר דורך אַנדערע.

אַזאַ פֿאַרביטערניש, אַזאַ סקאַנדאַל! זיך אַסימילירט, זיך אינטעגרירט — און אָנגיין װי אַ פּשוטער כּניאָק, װי אַ שאָקלדיקער חסיד! קאַפּאָטע, סמאָקינג, צילינדער, שטרײַמל אַלע אין איין מײַדאַנעק!

זענען מיר דאָך עפּעס אין 20סטן יאָרהונדערט פֿון פּראָגרעס, ציוויליזאַציע און קולטור מיט הומאַניזם. סטײַטש?! ראַדיאָ-טעלעסקאָפּן, .קװאַרץ, טראַנזיסטאָרן, אָרדינאַטאָרן, ספּוטניקס, פּאַסן זיך דאָך ניט מיט טאָרקװעמאַדישע, צאַרישע צי איסלאַמישע טערמינאָלאָגיעס פֿאַר מאָדערנע לײַט אין זײערע דזשעטן צי קאַדילאַקס. נו, איז „ייִד" געװאָרן „ציוניסט", און דאָס באַפּרידיקט די סטאַליניסטישע סאָציאַליסטן, די היטלעריסטישע בעסטיע-ראַסיסטן, די אײַאַטאָלישע אַראַפֿאַטיסטן און דערװײַל - דעם אוניװערסאַלן „בע זשידאָװ ספּאַסײַ די װעלט".

— לײַכטער, שטיי ניט אין גרויסן! ניט דו ביסט גובֿר פֿינצטערניש, נאָר איך מיט מײַן ליכט.

— ליכט! דאָס װאָס הייסט ליכט בין איך דאָך: חלבֿ, סטעאַרין.

חלב, שמײלעװו — בײדע גאָרניט, טויט. איך בין דאָס װיכטיקסטע, דער יהי־אור. אַלץ איז חושך אָן מיר, קנויט.

נאַרישקײט דאָס אַלץ געפּלאַפּלט. װען ניט איך, שװעבעלע, װאָס צינד אָן, װער װאָלט אײַך בכלל געזען?

אַ שװעבעלע! אַ שװעבעלע קען ליגן אינעם שאַכטל, זיך װאַלגערן װער װײסט װי לאַנג. נאָר איך, האַנט, מיט פֿינגער נעם און טו אַ רײַב, און אַלץ צינדט זיך אָן!

ניט געגרײסט זיך, האַנט! און װוּ איז קאָפּ מיט װילן? װער באַפֿעלט די האַנט זאָל קענען זיך טון אַ ריר?

און אַזױ װײַטער, אַזױ װײַטער, טאַקע, טאַקע! רימט זיך אַלע: אַלע לײַכטער אויפֿן טיש, אין שטוב, אין הויז, אין שטאָט, לאַנד צי קאָנטינענט, פֿאַר װאָס ניט פּלאַנעט, זונסיסטעם, גאַלאַקציע, אוניװוערס?

קײנער טאָר ניט קומען מיט זײַן װיכטיקײט און יִחוס. אַלץ, פֿון אַטאָם ביז גאָט, צי פֿאַרקערט: פֿון גאָט ביז אַטאָם, איז געקניפּט און געבונדן, גורם אײנס ס׳אַנדערע, מסוגל צו זײַן אי סיבה, אי רעזולטאַט. און נאָר אַזױ װעלט איז פֿאַראַנען. און דער כּי־טובֿ פֿונעם באַשאַף װערט פֿאַרשטאַנען.

בין איך געקומען זיך אָפּרוען אויף װאַקאַציעס אין אַ פֿײַן אָרט, מיט ים, מיט װאַלד און מיט אַלע גוטע זאַכן, אָבער פֿול מיט קאָמאַרעס און מיט זײער זשום, װאָס לאָזט ניט שלאָפֿן. האָב איך זיך געװענדט צו אָרטיקע לײַט, װאָס קענען דעם מין מחבלים װאָס בײַסן אין דער פֿינצטער. נו, האָט מען מיר רעקאָמענדירט אָן אַפּאַראַט װאָס זשומט שטילערהײט: אַזאַ מין סיגנאַל װאָס קאָמאַרעס כאַפּן אויף און װערן נעלם. אָן אַפּאַראַט אין אַ פֿײַן שאַכטל, מיט אַ באַשרײַבונג װי אַזױ, פֿאַר װאָס, װי אַזױ מע ניצט עס אױס.

כ׳האָב אַלץ געלײענט און זיך נוהג געװען װי עס שטײט געשריבן,

טראַכטנדיק: „איצט פּײַף איך אויף אײַער זשום, זלידניעס. איך שלאָף!" אָבער די קאָמאַרעס – זיי קענען ווײַזט אויס ניט לייענען. האָבן זיי דערפֿון גאַרניט פֿאַרשטאַנען, און מיך ווײַטער אַזוי לאַנג דערקוטשעט, אַז כ'האָב געמוזט אַנטלויפֿן אַ צעביסענער. מיר דאַכט זיך אַז דער אַפּאַראַט האָט זיי אינטערעסירט, ווײַל זיי פֿלעגן קומען אים באַטראַכטן פֿון דער נאָענט, און טאַקע אין אים אַרײַנגעזשומעט עפּעס... נאַר גיי פֿאַרשטיי אַלץ, וואָס זייער זשומען מיינט און באַדײַט! איינס ווייס איך נאָר געוויס: אַז עס שווענדזשעט זייער מינדסטער ביס!

~❀~

גאָט אין הימל, טאַטע, פֿאָטער!
אוי, געוואַלד, געוואַלד, געוואַלד!
ווי אַזוי, און טאַקע באַלד,
ווער איך פֿון מײַן חכמה פּטור?

מיט מײַן וויסנשאַפֿט, טאַלאַנט,
פֿאַרגעפֿילט איז מיר, באַקאַנט,
אַז מײַן בעסטער אידעאַל
איז – ניט זײַן שוין מער געניאַל.

כ'פֿיל: מײַן פֿילאָזאָפֿיש שרײַבן
וועט מיך יונג אין קבֿר טרײַבן.
איך וועל דאָך –עס איז מיר קלאָר–
איבער מײַן שׂכל נאָך, חלילה,
ניט האָבן זיך דערלעבט אַפֿילו
ביז צו הונדערט יאָר.

~❀~

רוף אָן אַ סאָסנע „פּאַלמע", „דעמב" צי „רויזנבוים" – ס'וועט גאָרנישט ענדערן. אַזוי איז מיט אַסימילאַציעס, מימעטיזמען אד"גל. וועסט קיינעם ניט נאַרן, און אַ געשמדטער ייִד איז ניט

קיין גוי, נאָר פּשוט אַ געשמדטער ייִד. אַ שאָד וואָס פֿרעמדע קומען עס דערמאָנען די פּאַרפֿירטע פֿון זיך אַליין און פֿון אַנדערע. וואָלטן דאַכט זיך היטלעריזם און סטאַליניזם געדאַרפֿט דינען ווי אַ לעקציע – איז אַ נעכטיקער טאָג! סאָסנע וויל דווקא אָנגיין פֿאַר פּאַלמע, אַאַז״וו.

~❀~

ביט אומזיסט האָבן די סאָוועטישע גדולים פֿײַנט ישׂראל. דער קיבוץ איז אַ ווּנדערלעכע אילוסטראַציע פֿון וואָרן קאָמוניזם לטובֿת דעם מענטש, מיט בעסערע רעזולטאַטן און ווייניקער צײַט ווי זייערע אויפֿטוען אין אַלע הינזיכטן, זינט כמעט שוין אַ יאָרהונדערט. דער קרעמל איז בײַ זיי אַ קרעמל מיט פֿאַלשע סחורות, און ישׂראל איז אַ מין קאָנקורענט. „דעמאָקראַטישע רעפּובליקן", „פּראָגרעסיווע רעזשימען" – אַלץ סוראָגאַט-סאָציאַליזם. איינס גילט בײַ די לײַט: אימפּעריאַליסטישע אַמביציעס. די פֿירערס מעגן הייסן: פּאַרטיי-סעקרעטאַרן צי באַיאַרן, פּיאָטר, קאַטערינע, ניקאָלײַ צי סטאַלין, דער סאָוועטישער סאַמאָדיערזשאַוויעץ – דער ציל איז אַגרעסיע, אַרײַנכאַפּן, הערשן, אונטערדריקן, אויסניצן ציניש דעם שוואַכן אומבאַהאָלפֿענעם.

און דאָ קומט אַ נעבעכדיק הײַפֿל אומדערפֿאַרענע לײַט אין אַ ווינקל, און ניט נאָר זיי באַווײַזן אָרויסצובאַקומען שפּײַז פֿאַר זיך, נאָר עקספּאָרטירן עס אומעטום, בשעת יענע, מיט אַ זעקסטל פֿון אַלע טעריטאָריעס פֿון פּלאַנעט, אומגעהײַערע רײַכקייטן און מענטשנהענט, מוזן נעבעך קויפֿן בײַ די קאַפּיטאַליסטן שפּײַז פֿאַר זייערע פֿעלקער און בהמות.

~❀~

לויט דער לעצטער סטאַטיסטיק זענען בלויז אין פֿראַנקרײַך געשטאָרבן פֿון אַ לונגען-קאַנסער דורך טאַבאַק 20.000 מענטשן אין 1985, און די צאָל האַלט אין איין שטײַגן. מע

זעט פֿאַר אַז אין 1990 וועלן שטאַרבן 30.000. זינט 1950 איז די דאָזיקע חולאת זיך פֿונאַנדערגעוואַקסן מיט 231 פּראָצענט. און ערגעץ אַנדערש איז נאָך ערגער. ערשט, וואָס הערט זיך מיט אַלקאָהאָל?

אין אַזוי פֿיל לענדער, אָרעמע, וואָס פּגרן פֿון הונגער, פּראָדוצירט מען בלויז אָפּיום, דראָג-גיפֿטן, מאַריכואַנאַ און אַנדערע אַנשיקעניש. אַפֿילו די כּלומרשט ציוויליזירטע מדינות, קאַפּיטאַליסטישע ווי סאָציאַליסטישע, האַלטן אויף און -אונטער אינדוסטריעל, אין גרויסן פֿאַרנעם, די פּראָדוקציע פֿון אַלקאָהאָל און טאַבאַק, און מע היט זיך, ס'זאָל חלילה ניט צו טײַער קאָסטן. דער תּירוץ: די עקאָנאָמישע לאַגע. עס שאַפֿט אַרבעט און ברענגט ריווחים.

און פֿאַר דאָקטוירים, אַפּטייקערס און באַגרעבערס, גייען טאַקע די ביזנעס מיטן גאַנצן ברען.

~❁~

ס'איז וואָרשײַנלעך ניט מעגלעך אַז וואָס ס'זאָל ניט געשען, פֿיזיש צי פּסיכיש, זאָל ניט האָבן עפּעס אַ סיבה און זאָל פֿאַרשווינדן ווי ניט געווען. מעג עס זײַן אַ וואָרט, אַ מחשבֿה, אַ חלום, אַ גוט געשעעניש צי אַ קאַטאַסטראָפֿע - געקומען דורך עפּעס און גורם געווען עפּעס. עטעם איך אײַן - עטעם איך אויס עפּעס אַנדערש. אַזוי אויך מיטן נערן זיך.

מיט מײַן יעדער באַוועגונג צעשטער איך עפּעס אין דער לופֿט. נאָר אַזוי ווי אַלץ איז געקניפּט און געבונדן אין אַן אָנגעשטאָפּטן „אַלץ אַרום", קאָמפּאַקט מיט קאָנקרעטע צי אַבסטראַקטע עפּעסן: אוראַניום, גראַניט צי בלײַ, אָדער גאַזן מיט שטראַלונגען טעלורגישע און קאָסמישע - איז אַלץ ווי אַ ביליאַרד-שפּיל: אַ שטויס פֿון עפּעס באַוועגט אַ צווייטן עפּעס, און ווער ווייסט ביז ווען. אַפֿילו ווען קעגן-ענערגיעס צוימען, באַגרענעצן באַוועגונגען, מוזן זיי ווערן ווי אײַנגעשלונגען דערפֿון. עס קען בשום אופֿן גאָרניט גיין פֿאַרלוירן. אַלץ ענדערט זיך, עוואָלויִרט, פֿאַר-

וואַנדלט מיט מוטאַציעס צי סימביאָזן, אָבער ס'איז זיכער ניטאָ אַזאַ מין נירוואַנאַ ווו אַלץ ווערט נישטיקייט און באַוועגונג. קען מען זיך פֿאָרשטעלן אַן עלעקטראָן זאָל בלײַבן סטאַטיש?

דאָס איז די אייגנשאַפֿט פֿון לעבן: אוניווערסאַלע ענערגיע וואָס מאַניפֿעסטירט זיך אין אַלץ וואָס איז צי קען זײַן. אַ באַוווסטזיניקער מענטש מוז זיך אָפּגעבן אַ חשבון פֿון דעם וואָס ער טוט און טראַכט. ער איז פֿאַר עפּעס צי עמיצן אַ מין געטליכקייט, און קען האָבן אַ השפּעה אינעם אוניווערס.

~❀~

ווי אַזוי האָבן וויסנשאַפֿטלער געקענט טראַכטן, אַז לעבן האָט זיך באַוויזן צופֿעליק דורך אַ מין נס, דורך אַ באַגעגעניש צי סתם אַ צוזאַמענטרעף אין אָקעאַנען צי זומפּן: געוויסע עלעמענטן זענען זיך צונויפֿגעקומען מיט געוויסע ענערגיעס, און עפּעס האָט זיך אַנטפּלעקט, גענומען זיך נערן, פּרוכפּערן, מערן און עוואָלויִרן פֿון אַ מאָנאָ-קעמערל ביז אַ חכם מענטש!? איז עס ניט אין בפֿירושער סתירה מיט פּאַסטערס פֿעסטשטעלונג, אַז ס'איז ניט מעגליך קיין ספּאָנטאַן לעבן – ס'מוז זײַן אַן עמיץ פֿריִער וואָס איז דער פֿונק וואָס צינדט אָן?

קען זײַן, אַז אין ערשטן אָמיב איז שוין פּראָגראַמירט דער צוקונפֿטיקער – כ'ווייס ניט וואָס צי ווער: דינאָזאַר, איכטיאָזאַר, בראָנטאָזאַר און אַנדערע זאָרן, וועלכע זענען שוין פֿאַרשווונדן. וואָרשײַנליך וועלן די מענטשאָזאָרן אויך אַראָפּ פֿון דער ערנע, און אַנדערע עפּעסן מיט ריזיקע מוחות וועלן זיך באַווײַזן: כּולו גײַסטיקייט, נוסח טעיאַר-דע-שאַרדען, אָדער –ווי ס'האָט פֿאָרגעפֿילט אַריסטאָטעל– אַז סובסטאַנצן פֿאַרגײַסטיקן זיך, ווערן עסענצן.

צי איז עס ניט אַ מאָל פֿאַרקערט? ערשט פֿאַר וואָס זאָלן מוראַשקעס צי אָמיבן קענען איבערלעבן דינאָזאָרן? וואָס שפּילט אַ ראָלע פֿאַר אייביקייטן אַ דויער פֿון באָר אַ מיליאַרד ליכטיאָרן? מע קען זיך פֿאַרלאָזן אויפֿן האָמאָ-סאַפּיענס. ער וועט שוין

צואײַלן די עוואָלוציע, מיטן אומקום פֿון דער ביָאָספֿערע, כּדי אַפּצוריײניקן די בינע. אַ נײַע טרופּע, מיט נײַע אַרטיסטן, אָבער ווײַטערדיקע עפּיזאָדן צי אַקטן פֿון זעלבן רעפּערטואַר. אונדזער בלויער פּלאַנעט וועט ניט ווערן אַ טויטע לבֿנה.

~❀~

ווי אַזוי באַגרײַפֿן, וואָס איז דער שׂכל, ווו איז דער לאָגישער אויספֿיר פֿון אַזוי פֿיל טראַכטן און שרײַבן, שרײַבן, שרײַבן? אַ הימאַלאַיאַ מיט שריפֿטן, פּאַפּירלער וואָס וועלן וואַרשײַנליך גיין אין מיסט. ניט מעגליך דאָס אַלץ דורכצוקוקן אָדער עס רעגיסטרירן אַפֿילו. וואָס פֿאַר אַ חולאת קען דאָס זײַן? ווי אַזוי קען זיך מאַניפֿעסטירן אַזאַ מין פֿענאָמען?

זאָל אַן אוניווערס זײַן אַזוי הפֿקר, כאַאָטיש, אַז אַ באַשעפֿעניש דערין זאָל קענען ווערן סתּם צעחושט און פֿאַרטכלעווען לעבנס-דויער מיט אַזעלכע אויסטערלישע מחשבֿות וועגן: זין פֿון לעבן - זין פֿון אומקום; געטליכקייט, אידעאַלע עקזיסטענץ כאַטש פֿאַרן מענטש?

בפֿרט אַז מע זעט באַשײַמפּערליך, אַז אַבסאָלוט אַלע, אַלע, אַלע מענטשן אומעטום זענען אומנאָרמאַל אין אַלע הינזיכטן, צי טאַקע פּשוט משוגע. האָבן זיך אײַנגעטיילט אין ראַסן, קלאַסן, נאַציעס, מיט מעגאַלאָמאַניעס, יחסנות, גרענעצן, רעליגיעס, מיטן צואייגענען זיך גאָט ווי זיי מיינען; מיט, מיט, מיט... ווער קען אַלץ אויסרעכענען די אויסטערלישקייטן, קאָמפּלעקסן און מאַניעס?

זע איך די פֿאַרשיידענע טעלעוויזיע-עמיסיעס וועגן די פֿאַרשיידענע רעליגיעס: כ'באַטראַכט, כ'האָרן זייערע פּלאַפּלערײַען, מיט אַזאַ מין ערנסטקייט געזאָגטע, מיט אַזאַ זיכערקייט אין זייערע אַרגומענטן, רייד, ציטאַטן... לײַט וואָס זענען אויס ערנסט -פֿאַראַן צווישן זיי אַפֿילו סאָציאַליסטן כּלומרשטע און כ'קען ניט באַגרײַפֿן ווי אַזוי קען אַזוינס זיך מאַניפֿעסטירן.

ווי אַזוי קענען כּלומרשט קלוגע, אויפֿריכטיקע אפֿשר לײַט, זיך אײַנרעדן אַז זייערע רעליגיעס האָבן עפּעס אַ שײַכות מיט גאָט צו

געטליכקייט, וואָס געוועלטיקט איבער אייביקייטן און אומענדן, ווי קאָסמאָסן זענען אפשר שטויבז אַרײַננעמען געטליכקייט אין דאָגמעס, קרעדאָס, אַני-מאַמינס, מיט ריטואַלן און געטעמפּלטע צערעמאָניעס, איז דאָך פּשוט לעכערליך. מע לעסטערט, מע חוזקט, מע פאַרשוועכט די הייליקייט פֿון דעם, וואָס איז איבער צי אויסער מענטשליכע השׂגות און נאַיווע פֿרומקייטן.

צרות אויפֿן פּלאַנעט: פֿיזיש-מאַטעריעלע, פּסיכישע, פּחד פֿאַרן טויטז דאָס האָט אַ שײַכות נאָר מיט מענטשליכע פּראָבלעמען. און דאָס דויערט אַזוי זינט צענדליקער טויזנטער יאָרן, אָן שום אויסזיכט לײַט זאָלן קומען צום עלעמענטאַרסטן שׂכל-הישר. אַדרבא, פֿאַרקערט, ס׳ווערט וואָס אַ מאָל ערגער, מיאוסער, פֿאַרקריפּלטער, געפֿערליכער:

פּיראַטיזם, טיראַניע, מאָרד יחידיש און אין ריזיקן פֿאַרנעם, טעראָריזם אאַז״וו; פֿאַנאַטיזמען, עגאָ- און קסענאָ-פֿאָביעס, דראַג מגיפֿות, גולאַגן, מלחמות, רעוואָלטן - און דאָס אַלץ איז גאָר נישטיקייטן אַנטקעגן דעם היטלעריזם מיט זײַן רציחה-משוגעת און אָרגאַניזירטער טויט-אינדוסטריע, כּלומרשט איגנאָרירט, טאָלערירט גלײַכגילטיק צי טאַקע אַפּלאָדירט פֿון דער גאַנצער ציוויליזירטער, פֿרומער און פֿרײַדענקערישער מענטשהייט, אָדער די רויטע איוואַנישע דיקטאַטאָרן מיטן סעמינאַריסט סטאַלין און זײַן קרעמלישן באַיאַרן-סיסטעם און די סאַטעליזירטע פֿאָלקס-דעמאָקראַטיעס!...

ווי אַזוי קען אַזוינס מעגליך זײַן אַז אין אַן אוניווערס וואָס זעט אויס צו עוואָלוירן מיט אַבסאָלוט זיכערע געזעצן, וואָס מע קען זיי לאַבאָראַטאָריש, מאַטעמאַטיש פֿעסטשטעלן, זאָל קענען זײַן אַזאַ מין אַנאַרכיע, אַזאַ מין משוגעת, אַזאַ מין מאָרד וואַקכאַנאַליע, און אַ גאָט - צי עפּעס אַנדערש - וואָס געוועלטיקט זאָל דאָס אַלץ טאָלערירן גלײַכגילטיק?

און ווידער, פֿאַר וואָס זאָלן מחשבֿות און באַגערן ס׳זאָל ווערן אַנדערש זיך צוטשעפּען צו עמיצנס געמיט, דערקוטשען מיט דענקעניש און קרענקעניש ווי אַ לאַסט וואָס דריקט און שטיקט.

וויסנדיק פֿאַרויס אַז ס'איז אומזיסטע מי. לײַט וועלן זיך ניט ענדערן!

משוגעים ווילן זיך ניט היילן; זיי האַסן די דאָקטוירים; זיי ווילן דווקא קלאַסן-אינטערעסן מיט פּאַראַזיטיזמען. קלאַסנקאַמף און וואָרן אינטערעס ס'זאָל ווערן אַנדערש; זיי ווילן דווקא זײַן צעטיילט אין נאַציעס, מיט גרענעצן וואָס זיי ווייסן ניט פֿאַר וואָס און צו וואָס דאָס באַגרענעצט טעריטאָריעס; זיי ווילן דווקא לעסטערן געטליכקייט מיט פֿאַרשיידענע רעליגיעס און אויסטערלישע פֿאַנאַטיזמען, זיך האַסן און זיך ממיתן. וואָס טויג מײַן גאַנצע מי? וואָס, ווער צווינגט מיך? גאָטעניו, זוך דיר אַנדערע יונהס און לאָז מיך ענדיקן מײַן רעשטל דווער מנוחהדיק! ווער, וואָס וויל פֿון מײַן לעבן?

~❀~

אָרעמקייט ווי רײַכקייט זענען באַרישע חטאָים. האַר און שקלאַף זינדיקן: דער — מיט זײַן דיקטאַטור, און יענער — מיטן זײַן פֿאַרשקלאַפֿט. טיראַנען און זייערע קרבנות זענען ביידע שולדיק: דער מיט זײַן טעראָר און יענער — מיטן ניט רעוואָלטירן זיך.

אין אַ נאָרמאַל-אָרגאַניזירטער עקזיסטענץ פֿאַר אַלעמען, מיט טאָטאַלן יושר, וואָרע רעכט, פֿרײַהייט, גלײַכהייט און ליבשאַפֿט — ניט ווי די סוראָגאַט-לאָזונגען פֿון די רעליגיעס און דעמאָקראַטיעס מיט זייערע ליבעראַליזמען, אויגנגלאַצערישע סטראַפּטשיזמען, זייערע פּראָגרעסן און היפּאָקריטישע רעוואָלוציעס — וועלן ניט זײַן קיין פּראָבלעמען פֿון אָרעמקייט. חולאָתן, אַנגסטן מיטן לעבן ווי מיטן אומקום; מע וועט ניט דאַרפֿן אַזוי פֿיל דאָקטוירים, נשמה-טרייסטערס, טעמפּלען מיט תּפֿילות, תּפֿיסות, שפּיטעלער און משוגעים-הײַזער, אַפֿילו ניט קיין גאַווה-מיליטער מיט זייערע טויט-מכשירים, וואָס זענען נויטווענדיק פֿאַר אויזורפּאַטאָרן פֿון אַלע מינים, אין אַלע היגזיכטן, אַלע אומשטענדן, אַנצוהאַלטן זייער פֿיזישע און גײַסטיקע אייבערהאַנט.

מע טאָר זיך אָבער ניט לאָזן פֿאַרפֿירן. די פּערפֿידיע פֿונעם

הײַנטיקן מענטשן-מין איז מסוגל זיך צו מאַניפֿעסטירן מיט פֿאַרשיידענע אַספּעקטן כּדי אויסצוגעפֿינען תּירוצים פֿאַר סעקטאַנטישע אַמביציעס. דער נוסח פֿון הינדויִזם, פֿון פּלוטאָ- צי טעאָקראַטיעס מיט דעם רעליגיעזן שאַמאַניזם — קען ווערן פֿאַרביטן אויף פֿילאָזאָפֿישן אַקאַדעמיזם נוסח פּלאַטאָן צי הײַדעגער און אַנדערע דאָקטרינעריזמען. און דאָס קען אויך געשען און געשעט טאַקע- מיט וויסנשאַפֿט און טעכנאָקראַטיע.

גענעטיזם, נוקלעאַרע פֿיזיק און אַסטראָ-פֿיזיק, מאַטעמאַטיק און מעטאַפֿיזיק זענען געוואָרן קאַבאַליסטיש-עזאָטעריש-טראָגלאָדיטיש. נעמט אַ פֿאָרמולע פֿון אַ מעדיקאַמענט — איז עס אַזוי אויסטערליש קאָמפּליצירט ווי דאָס פֿונקציאָנירן פֿון אַ קאָמפּיוטער, אַ סאַטעליט צי אַ פּשוט רעכן-מאַשינדל, מיט די פּראָטאָנען, פֿאָטאָנען, לאַזערן, פֿאַראַדעיִזמען, אײַנשטייניזמען, קוואַנטאַס און נאָר אַזעלכע שאַלעמויזן מיט **איזמען**, באַגרײַפֿליכע נאָר פֿאַר אַן עליטע איניציִירטע **איסטן**.

~❀~

מאַרק טוועגס, צי שלום-עליכמס נשמות מוזן קײַכן פֿון געלעכטער זעענדיק ווי די מאָדערנע אַדמיניסטראַציעס און זייערע קאָמפּיוטערס קאָנטראָלירן פּינקטליך אַלץ מיט לאָגיק.

עמי׳ן באַקומט אַ טשעק וואָס גיט אים צוריק די סומע וואָס ער האָט באַצאָלט ווען מע האָט אים געפּאַלמעסט! און דאָס איז ניט סתּם אַ וויץ נאָר באמת וואָר!

~❀~

פֿאַר וואָס זאָלן די גרויסע פֿיזיקערס האָבן זייער טעאָריע, און איך ניט? בכן, לויט די חכמים נוסח מאַקס פּלאַנק און זיכער נאָך אַנדערע, וואָס כ׳קען ניט, מאַניפֿעסטירט זיך ענערגיע ניט שטראָמיק-גלײַך, נאָר זי פֿאַליעט סכומיש, קוואַנטיש, פּעריִאָדיש, טאַקע ווי געטעמט ריטמיש. קען זײַן אַז די פּעריאָדישקייט מוז זײַן פֿאַר אַן עלעקטראָן אַ מיני-פֿראַגמענט פֿון אַ סעקונדע, און פֿאַר

אַן אוניווערס – מיליאַרדן ליכטיאָר-דויער. אָבער אַלץ איז זיכער מיטן זעלבן קוואַנטאַ-סיסטעם. אַלץ לעבט – מיט מער-ווייניקער פּאָטענצן, דויער, מעגליכקייטן אאַז״וו.

אַזוי ווי אַלץ איז צוזאַמענגעשטעלט פֿון די זעלבע קוואַרקן וואָס שאַפֿן פֿאַרשיידענע אַטאָמען און זיי קאָמבינירן אַלע אַנדערע אַספּעקטן, פֿאָרמען און פֿענאָמענען, מוז דאָך אַלץ האָבן די מעגליכקייט צו פֿאַרמאָגן די זעלבע אייגנשאַפֿטן. ס׳איז נאָר אַ פֿראַגע פֿון רעלאַטיוויטעט, סכום, פֿון מאָסע נוסח איינשטייניזם. איז אַ באַשעפֿעניש ניט צוזאַמענגעשטעלט פֿון אַלע מעגליכע עלעמענטן לויט מענדעלעיעווס ליסטע: מעטאַלן, מינעראַלן, און וואָס ניט?

באַשר, פֿאַראַן לעבנס-אַספּעקטן וואָס פּראָליפֿערירן, נערן זיך, און אַנדערע וואָס זענען בלויז באַגרענעצט אין פֿאָרמען, קריסטאַלן, צי עפּעסן וואָס עקזיסטירן אַ מאָל אַזוי און אַ מאָל אַנדערש, לויט די אומשטאַנדן? וואַסער קען זײַן פֿליסיק, אײַז און פּאַרע; זשאַווער פֿרעסט אײַזן... פֿאַראַן עפּעסן וואָס דויערן כּמעט ניט, ווײַל ווי נאָר געזען זענען זיי שוין ניטאָ, אָדער אַנדערש – אַ גאַלאַקציע קען דויערן מיט אַלץ דערין ווער ווייסט וויפֿל מיליאַרדן ליכטיאָר צי אפֿשר אייביקייטן. וואָס קענען באַטרעפֿן סעקונדעס פֿאַר עפּעס צי עמיצן, וואָס מיר רופֿן געטליכקייט צי **לעבנס-ענערגיע**?

ווו-זשע בין איך פֿאַרקראָכן? וועגן קוואַנטאַ-סיסטעם? קודם קען דאָס זײַן אַן עטעמען קוואַנטיש פֿון אַלץ אין אַלץ: אַ מאָלעקול ווי אַן אַטאָם, אַ באַשעפֿעניש ווי אַן אוניווערס. דער ים איז אַ מאָל צערייצט, צעשטורעמט; אַ מענטש איז אַ מאָל מנוחהדיק און אַ מאָל אויפֿגערעגט: דעמאָלט איז זײַן עטעמען האַסטיקער, זײַן האַרץ שלאָגט גיכער. פֿאַר וואָס זאָל אַזוינס ניט פֿאָרקומען מיט אַלץ וואָס איז? קוואַנטיש – אָבער מיט פֿאַרשיידענע ריטמען, און דאָס איז גורם קעגנזײַטיקע ווירקונגען אויף אַלץ וואָס איז.

אין דער הינזיכט איז אפֿשר דער פּרימיטיווער אַנימיזם גילטיקער פֿון אַלע ווויסנשאַפֿטליכע טעאָריעס, מיט זייערע אַקאַדעמיזירטע

טערמינאָלאָגיעס און מאַטעמאַטישער פּיזיק צי מעטאַפּיזישער מאַטעמאַטיק. דאָס וואָס טרעפֿט זיך אין אַ באַשעפֿענִיש קען זיך. מוז זיך טרעפֿן אין גרעסערע דימענסיעס. ממילא מוז זײַן אַ פּסיכיזם, וואָס איז זיכער דער רעזולטאַט פֿון אַ קאָקטעל־אַמאַלגאַם מיט פֿאַרשיידענע באַקאַנטע צי אומבאַגרײַפֿטע דערווײַל נאָר אפשר־ ענערגיעס און עלעמענטן. דאָס וואָס געשעט אין אַ מוח מוז זיך מאַניפֿעסטירן אין אַ פּלאַנעט, אַ זון, אַ גאַלאַקציע...

דאָ נעמט אָן אַ פּחד! אויב דער מענטש איז אין צלם־אלוהים, צי דער אלוהים אין צלם־מענטש – און זעענדיק וואָס ס'קען געשען מיטן האָמאָ סאַפּיענס – איז מען דאָך ניט זיכער מיט אַ מנוחהדיקער עקזיסטענץ. באַשעפֿענישן שלינגען זיך אײַן איינע די אַנדערע כּדי זיך צו נערן; די קאַרניוואָרישקייט מאַניפֿעסטירט זיך דאָך אין סטעלאַרע דימענסיעס. שוואַרצע תּהומען שלינגען אײַן קאָנסטעלאַציעס! אַנטאַגאָניזם פֿון שטאָף מיט אַנטישטאָף! ענערגיע מיט אַנטיענערגיע. אַלץ מיט נישטיקייט!

ווו זענען קאָסמישע צוואַנגיאַקעס? ווו זענען געטליכע פּסיכיאַטערן? ווי אַזוי שאַפֿט מען הימלישע קאַלטע דושן? ווו איז אַ געטליכע אַספּירין, מאָרפֿין, צי כאָטש אַ הימלישער טאָטער, צי אַ נעהאָרע אָפּשפּרעכער?

~❀~

בײַ קיינעם ניט פֿרעג: / געקומען פֿון וואַנען? / וווהין פֿירט דער וועג? / דײַן גורל איז: שפּאַנען. / דו ווייסט ניט וווהין / די טריט דײַנע פֿירן? / ניט ציל האָט אַ זין, / נאָר ס'פֿאַרויס מאַרשירן.

אַ בלינדער מיט שטעקן / צי זעעוודיק ס'איז – / עס העלפֿט ניט זיך שרעקן, / קיין צווייפֿל ניט טויג. / געגאַנגען אָן זאָרגן; / דעם נעכטן פֿאַרגעס. / געטראַכט נאָר פֿון מאָרגן / ווי לאַנג ניט קיין מת!

באַדויער און צאָרן, / געליבט צי געהאַסט – / באַפֿרײַ פֿון זכּרון

/ זכרונות ווי לאַסט. / גערופֿן, געטריבן, / אויב לעבן איז גאַנג
– / איין אויספֿיר געבליבן: / צו גיין מיט געזאַנג.

~❀~

רויז מוז זײַן מיט דאָרן / צו היטן זיך פֿון הענט. / ס׳וואָלט
אויס מיט איר געוואָרן: / זיך שיצן ניט געקענט.

קען זײַן – אַ רויז באַדויערט / ווען ס׳פּלעקט אַ פֿינגער בלוט, /
און ווי דער מענטש, אויך טרויערט / ווען שלעכטס אים עמיץ טוט.

געפֿעלסטו עמיצס בליקן? / ממילא, רויז, קום-אום! / מיט יענעמס
טויט זיך קוויקן – / ס׳געשעט ניט נאָר מיט בלום...

פֿאַר „איידעלע" עסטעטן / איז פֿרעמד די רויזנס פּײַן, / און
ס׳לײַדן אויך פּאָעטן / וואָס וועלט מוז אַזוי זײַן.

~❀~

כ׳בין זיך משער אַז וואָרשײַנליך וועלן לײַט חוזקן פֿון מײַנע „וויסנשאַפֿטליכע" פּאָסטולאַטן צי סתּם מחשבֿות. כאָטש איך האָב קיין מאָל ניט געלערנט עפּעס וואָס האָט אַ שײַכות מיט פֿיזיק צי אַנדערע דיסציפּלינען, און צו טון האָב איך געהאַט גיכער מיט ניימאַשינען ווי מיט לאַבאָראַטאָריעס, מיקראָ- צי טעלעסקאָפּן אָדער מאַטעמאַטישע טעאָרעמען און עקוואַציעס – כ׳האָב אַפֿילו ניט געלייענט ווי געהעריק עפּעס פֿון אַ פּלאַנק, אַ פֿאַראַדעי, אַ רענטגען אָדער אַ באָר צי זייערס גלײַכן, חוץ דאָ און דאָרט „וווּלגאַריזירטע שילדערונגען פֿאַרן פּשוטן פֿאָלק" וועגן אָט די פּראָבלעמען- דאָך טראַכט איך פֿאָרט וועגן דעם אַלעמען. און ווער ווייסט? אפֿשר קען אַזאַ ספּעץ ווי איך אויך צופֿעליק געפֿינען עפּעס וואָס זאָל אויסזען ווי אַ גילטיקע מחשבֿה.

למשל: אַזוי ווי אַטאָמען, מיט זייערע עלעקטראָנען, זענען מיני-זונסיסטעמען, מיט זייערע פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע ענערגיע-אייגנשאַפֿטן – פֿאַר וואָס זאָל אונדזער זונסיסטעם מיט זײַנע סאַטעליטן ניט זײַן אַן אַטאָם אין ריזיקע דימענסיעס? זענען

דען די סאַטעליטן אַרום דער זון ניט איינגעטיילט אין פּינקטליכע אַרביטן? קען דען אונדזער בלאָער פּלאַנעט ניט זײַן אויך עפּעס אַ גײַסטיקער עלעקטראָן, תּמיד אין רעוואָלט, און ווי אַנדערע עלעקטראָנען וויל ער דווקא אַרויס פֿון זײַן קרײַז-געפֿענגעניש, פּראָוואָצירנדיק ענערגיעס, פֿיזישע און פּסיכישע, אַזוי ווי ס׳געשעט אין פּשוטע אַטאָמען מיט עלעקטראָנען וואָס שפּרינגען פּלאַנקיש, רײַסן זיך אַרויס, קענען צעשטערן און זענען גורם נוקלעאַרע עקספּלאָזיעס?

בכן זאָל אונדזער זונסיסטעם זײַן נאָר אַן אַטאָם וואָס באַשטייט פֿון עלעמענטן אויסער דער מענדעלעיעוו-ליסטע, מיט ספּיריטועלע עלעקטראָנען פֿון אַ ספּעציעלן מין?... הידראָגען האָט איין עלעקטראָן? אוראַניום עטליכע הונדערט? אָבער אַלע מיט אויפֿגעצווונגענע אַרביטן אַרום פּראָטאָנען און נייטראָנען. ווער ווייסט צי עפּעס, וואָס מע קען נאָך ניט באַגרײַפֿן, איז ניט שטאַרקער, וויכטיקער פֿון עלעקטראָנען מיט זייערע פֿאָטאָנס. קאָטאָדן אַד״גל. זאָל זיך דאָס מאַניפֿעסטירן אַזוי, און אַפֿילו קאָסמישע שטראַלונגען זאָלן גאָרניט קענען אויפֿטון גײַסטיק קעגן דעם?...

אָדער נאָך עפּעס: זענען די דיסטאַנצן צווישן די אַרביטן ניט איינגעטיילט פּינקטליך ווי אַ מוזיק-גאַמע, פּיטאַגאָריש, און צווישן די זיבן נאָטע-ליניעס, ווי אין קלאַסישער מוזיק, זאָלן קענען זײַן גאַנצע און האַלבע טענער, צוויי-און-דרײַסיקסטלעך און אַפֿילו פֿיר-און-זעכציקסטלעך פֿון אַ טאָן, מיט מינאָרע צי מאַדזשאָרע טאָנאַליטעטן. אַזוי אַז ס׳זאָל מיטן אוניווערס זײַן ווי מיט אַ מוזיקאַלישער קאָמפּאָזיציע — מאַטעמאַטיש און האַרמאָניש. אַ מאָל אין סאָלאָ, אַ מאָל אין כאָר, מיט אינטערוואַלן נוסח מאַקס פּלאַנקס קוואַנטאַ-סיסטעם?... האָט עס פּיטאַגאָר ניט פֿאַרגעפֿילט מיט זײַן הימלישער מוזיק?

ווער קען וויסן פֿון וואָס אונדזער אַטאָם-אוניווערס איז אַ פֿראַגמענט? וועלכע ענערגיעס שטראַלן זיך אויס ספּיריטועל-ראַדיאַקטיוו? וואָס צעשטערן אָדער שאַפֿן זיי? אין

יעדן פֿאַל איז דאָך זיכער, אַז ס'זענען פֿאַראַן עלעקטראָנען, אַז זיי רעוואָלטירן זיך קעגן אָרביטן-געפֿאַנגענשאַפֿט. אפֿשר זענען לײַט, צי אַלץ וואָס איז אָדער קען נאָר זײַן, עפּעס אַ קלאַנג, אַ טאָן, אַ שטילקייט אַפֿילו, חוץ די גרויסע סאַטעליטן, און אַלץ צוזאַמען מוז ניט זײַן קיין קאַקאָפֿאָנישער כאַאָס, נאָר אַ סימפֿאָניע, אַ ראַפּסאָדיע, וואָס מוז ניט זײַן דווקא נוסח מאָצאַרט, נאָר קען זײַן סטראַווינסקי-שאָסטאַקאָוויטש, צי אַ מין ראָק!...

קען זײַן אַז אינעם מענטש געשעט עפּעס ענליכס. ס'גייט אָן אַ מין אָרטאָדאָקסישער באַגער פֿון סטאַבילע רעזשימען מיט אויפֿגעצווונגענע געזעצן, און אַנטינאָמיש – אַ מין קאָסמישער קלאַסנקאַמף פֿאַר פֿרײַהייט; אויב ניט צוריק צו כאַאָטישער אַנאַרכיע – איז צו אַן עקזיסטענץ אָן דיקטאַטורן, טיראַניעס, מעגן עס לײַט אָנרופֿן גאָט- צי נאַטור-געזעצן!...

דער דאָזיקער אוניווערסאַלער אַנטאַגאָניזם מאַניפֿעסטירט זיך דאָך אין אַלע דימענסיעס: אינעם אַטאָם, אין ביִאָלאָגיע מיטן ביסעקסועלן אָדער העטעראָ-סיסטעם פֿון גובֿר זײַן און געוועלטיקן. אַנטינאָמיע און צענטריפֿוגאַלע אָדער צענטריפּעטישע פֿענאָמענען; פֿאַר וואָס וויל הידראָגען זיך אייניקן מיט אָקסיגען? פֿאַר וואָס מוזן אַזוי פֿיל עלעמענטן זיך אָנגרײַפֿן אָדער צעשטערן?

און דער גרעסטער וווּנדער אינעם באַשאַף איז דאָך דער מענטש, וואָס קען טראַכטן פֿון דעם אַלעמען, קען זיך רעוואָלטירן קעגן דעם אומבאַגרײַפֿטן מײַסטער וואָס האָט אים אפֿשר באַשאַפֿן. און ווער ווייסט? אפֿשר ליגט אינעם מענטש טאַקע אַ ניצוץ פֿון דעם דאָזיקן קאָסמישן ווירטואָז, וואָס איז ניט מיט אַלעמען אין שײַכות מיט לאָגיק, יושר און ליבשאַפֿט? אויב ס'קען אַזוינס געשען מיט זײַנס אַ ווערק, איז דאָך אָן און ווײַ צו אונדז נעבעך! ליגט דען ניט אין יעדן ווערק עפּעס פֿונעם מײַסטער וואָס שאַפֿט עס? אויב דער מענטש קען זײַן ווי ער איז אַצינד, וואָס קען געשען מיט אַן אוניווערס?

חוץ דעם, ווײַסנדיק, לויט די ווײַסנשאַפֿטלער, אַז ניט נאָר פֿאָטאָנען, עלעקטראָנען, נאָר אַלע ענערגיעס און בכלל אַלץ

וואָס איז צי קען נאָר זײַן, מאַניפֿעסטירט זיך קוואַנטיש, פֿאַליענדיק אָדער ווי, געשלײַדערט עפּעס ריטמיש, וואָס דאָס קען פֿאַרשטאַנען ווערן ווי אַן עטעמען – פֿאַר וואָס זאָל דאָס ניט גילטן אויך פּסיכיש, ספּיריטועל, און שטימונגען זאָלן ניט זײַן אויך קוואַנטיש, מיט פּערזאָדן; אַזוי יחידיש, נוסח פֿרוידן, ווי סאָציאַל, נוסח יונגן – דער קוואַנטאַ-סיסטעם קען זײַן אַ באַווײַז אַז אַלץ לעבט און עטעמט, מיט פֿאַרשיידענע ריטמען און דויערן. דאָס עטעמען פֿון אַן אַטאָם – אַ מיני-עפּעסל פֿון אַ רגע; די עקספּלאָזיע פֿונעם אוניווערס – אַן עטעמען וואָס דויערט אייביקייטן!

נו, אַז כ'בין שוין פֿאַרקראָכן אין וויסנשאַפֿט מיט פּסיכאָלאָגיע, פֿאַר וואָס ניט לאָגיש טראַכטן, אַז אַזוי גוט ווי אין אַן אָרגאַניזם וואָס באַשטייט פֿון מיליאַרדן אַטאָמען, מאָלעקולן, קעמערלעך אד״גל, ווירקן דאָס פֿיזישע און דאָס פּסיכישע מיט קעגנזײַטיקע אײַנפֿלוסן – פֿאַר וואָס זאָל דאָס ניט גילטן אין קאָסמישן פֿאַרנעם; זון און לבֿנה ווירקן אויף אָקעאַנען. דער מענטש באַשטייט פֿון אפֿשר 70 % וואַסער. פֿאַר וואָס זאָל עס ניט האָבן אַ שײַכות מיט אים; אַפֿילו אַ טראָפּן טוי מוז אויך פֿילן עפּעס פֿון אויף און אָפּפֿלוסן אין אָקעאַנען. מאָדנע די ראָלע פֿון וואַסער אינעם אוניווערס! טראָגן מיר זיך ניט אַרום מיט אַ גרויסער קוואַנטיטעט ים, פֿון וואַנען וואָרשײַנליך מיר שטאַמען; אונדזערע אָבֿות זענען זיכער געווען פֿיש...

נו, גענוג דענקעניש און וויסנשאַפֿט פֿאַר מײַנע דיסערטאַציעס, דערווײַל!...

~❁~

„אתּה בחרתּנו מכּל העמים!...“ / מעגאַלאָמאַניש, שיין מיט טויזנט טעמים, / אָבער חוזק דאָר תּמיד יעדער וועט: / ייִד, זיך אַזוינס צו האָבן אײַנגערעדט! / סײַדן גילטיק זײַן נאָר זאָל די סבֿרה / אַז אַ פּערוועזער גאָט / דיך זינט תּמיד האָט / אויסגעוויילט, דו זײַן זאָלסט די כּפּרה / ווו ערגעץ נאָר אַ צרה; /

אַ תּירוץ פֿאַר טיראַנען, דיקטאַטאָרן / מיט דאָקטרינעס / פֿאַרשלייערטע אין שאָוויניזמען צי אמונות, / וואָס, ווי אַן אָפּלייטער פֿאַר פֿעלקערס צאָרן, / געפֿינען זיי פֿאַר דיר מיתה-משונהס, / און ווו זיך נאָר געוועגדט - / גערויבט, געמאָרדעט און געברענט. / און דו, שלימזל, מיט דײַן תּורה, / אומעטום ווו נאָר געקענט / דאַנקסט דעם בורא, / און מיט אַרגומענטן שטאָל און אײַזן / רעליגיעז צי וועלטליך קומסט באַווײַזן / אַז געבחרתּנוט דיך האָט גאָט גענומען, / ווי לאַנג דיר וועלן כּוחות סטײַען / אַלץ צו טון ס'זאָל אַ משיח קומען / וועלט מיט די רשעים צו באַפֿרײַען; / ס'זאָל זיי שלעכטס צו פֿיל ניט מאַטערן, חלילה, / און אויב געדאַרפֿט אַן אינטערווענץ ער זאָל ניט זוימען - / גרייכן הימלען ביסטו גרייט אַפֿילו / דורך קרעמאַטאָריעס קוימען.

~❁~

לעבן איז אַבסאָלוט אייביק, ניט נאָר ווי סתּם אַן עלעמענט, עפּעס פֿון דער מענדעלעיעוו-ליסטע - נאָר עוואָלוטיוו. לעבן וואָס אַסימילירט, פּרוכפּערט און מערט זיך נאָך אַנאַנד, ביז ווער ווייסט וועלכע אַספּעקטן - דאָס קען ניט זײַן עפּעס סתּם אַ מחשבֿה צי אַפֿעקטיווער באַגער, נאָר אַנאַליזירט מיט לאָגישע אויספֿירונגען קען מען, מוז מען פֿעסטשטעלן אַז עפּעס פֿון ערשטן מאָלעקול -אויב ס'קען נאָר זײַן עפּעס אַן אָנפֿאַנג פֿון לעבן, מיטן טיילן זיך כּסדר ביז מיליאַרדן-פֿאַכיק פֿראַגמענטירט - בלײַבט תּמיד עפּעס דערפֿון.

גופֿים זענען ווי בלעטער, ווי צוויט, ווי פּירות - אויך ווען זיי פֿאַלן אָפּ און פֿאַרשווינדן, איז עס צו ווערן עפּעס אַנדערש. אָבער אַ ניצוץ פֿון פּרימיטיוון מאָלעקול עקזיסטירט אייביק. דאָס קען זײַן גופֿיש מיט פֿיזישע יורשים, קינדער און אוראייניקלעך, און דאָס קען זײַן ספּיריטועל, פּסיכיש, מיט ווערק, מחשבֿות, געדעכענישן און אפֿשר נאָך אַנדערע פֿענאָמענען וואָס מאַניפֿעסטירן זיך. דערפֿילטע דורך חושים צי אינטויִציעס, אָדער אַפֿילו ניט געאָנטע.

דעריבער איז גילטיק און גוט צו האָבן אין זינען, צו זײַן איבערגעצײַגט, צו פֿילן אַפֿילו די דאָזיקע אָנגעהעריקייט צו דער אייביקייט פֿון לעבן.

וועזנטליכקייט צי עפּעמערישקייט זענען נאָר אַספּעקטן פֿונעם אייניציקן אוניווערסאַלן לעבן וואָס מאַניפֿעסטירט זיך אויך אין אַנדערע געשטאַלטן צי ניט באַגרײַפֿטע פֿענאָמענען, ווײַל אַלץ איז תּמיד לעבן. אַפֿילו אונדזער מענטשליך באַגרײַפֿטע עקזיסטענץ — אויך אַ יורש פֿון דעם, וואָס מע וויל דווקא אָנרופֿן „ערשטן מאָלעקול" — איז אַ פֿראַגמענט פֿון דעם ווירטועלן, אייביקן לעבן. שאָל, קערן, פֿאַלן אָפּ, אָבער עפּעס בלײַבט תּמיד. און בעסער נאָך: אַפֿילו דאָס אָפּגעפֿאַלענע גייט אויך ניט סתּם לאיבוד. צוגעאייגנט צו אַנדערע אַספּעקטן, פֿאָרמען, עקזיסטענצן — דויערט עס ווײַטער, ניט באַגרײַפֿט אין אונדזער איצטיקן צושטאַנד, אָבער ס'איז דאָ ערגעץ אין עפּעס.

ווי אַזוי באַווײַזט מען צו קענען תּופֿס זײַן, האָבן די זיכערקייט אַז מע ווייסט און מע פֿילט די אייביקייט אינעם באַגרענעצטן דויער, און פֿאַרלירן די אַנגסטן פֿון אומקום? דאָס קען געשען נאָר ווען דער לעבנס־שטייגער וועט זיך ענדערן אַ דאַנק נײַע סאָציאַלע רעזשימען פֿון אונדזער אופֿן זײַן, ווײַל ביז איצט שטאַרבט קיינער ניט נאַטירליך. נאָר קומט אום פֿריצײַטיק, עגאָפּאָביש, פֿאַרסמט, פֿיזיש און פּסיכיש מיד און קראַנק, געערגערט און געמאַטערט מיט קאָמפּלעקסן, פֿאָביעס, אויסטערלישע שפּײַזן, פֿאַרפּעסטיקטע געטראַנקען, שטיקנדיקע לופֿט צו עטעמען און אויסטערלישע באַדערפֿענישן וואָס זענען גורם אומזיסטע מי, שוין ניט רעדנדיק פֿון זעלבסטמאָרד, קאָנפֿליקטן, אַגרעסיעס, קאָמפּעטיציעס און, און, און... נאָר ווער קען אַלץ אויסרעכענען?

נאָרמאַל, נאַטירליך געלעבט און נאָרמאַל געשטאָרבן, ווי אײַנגעשלאָפֿן צו חלומען אַ נײַע רעאַליטעט, און וויסן אינסטינקטיוו אַז מע קען ניט בשום אופֿן טאָטאַל אומקומען. ערשט, אַז מע קען לאָזן נאָך זיך עפּעס אין לײַטס געמיטער, מיט פֿאַרשיידענע ווערק, זכרונות — איז מען, אַוודאי מסוגל צו געניסן

פון אַ סך עקזיסטענצן!...

חוץ דעם מאַרקסיסטישן אַספּעקט, מוז מען אויך נעמען אין אַכט פרוידן ווי יונגן, מיט אַלץ וואָס האָט אַ שייכות צום יחידישן ווי צום סאָציאַלן לערנען קינדער: ניט נאָר ווי אַזוי גילטיק צו לעבן, נאָר ווי אַזוי מנוחהדיק אומצוקומען, מיטן פילן זיך ווי אַ ניצוץ פונעם אייביקן לעבן, און ס'דאָזיקע ניט שפּינאָזיש, ווי מעכאַנישער פּאַנטעיזם, נאָר באַוווסטזיניק, שעפּעריש, מיט קרעאַטיווע עקסטאַזן און תענוגים פאַר אַלע חושים און אינסטינקטן, מיט דאַנקבאַרקייט פאַר דעם צי דאָס וואָס דערמעגליכט אַלץ זאָל זיך קענען מאַניפעסטירן, מע זאָל דאָס באַגרייפן אַפילו ניט-וויסנדיק ווי אַזוי דאָס אָנצורופן: לעבן, גאָט, אוניווערסאַלע ענערגיע אד״גל.

ליבן און ליבן — און נידער מיט אַסקעטיזמען! מיט נירוואַנאַס! און מיטן „ראשית חכמה יראת אדוני״! אהבת-אדוני! אדרבא, אַ טאָטאַלע אהבה צו זיך אַליין, צו אַלץ אַרום און צום פענאָמען וועלט, לעבן, אין אַלע מעגליכע דערשיינונגען, אַספּעקטן, ניט לאָזנדיק זיך צעשטערן, ווי אויך ניט אָנגרייפנדיק קיינעמען — ניט שקלאַף און ניט האַר.

יושר, רעכט, פרייהייט, גלייכהייט, ליבשאַפט — און מע וועט אײַנזען נאַטירליך פּשוט אַז דער פּלאַנעט איז אַ גן-עדן, אַז דער כי-טוב איז ניט עפּעס אַ סאָפיזם, און אַז משיח איז דאָ, ניט באַמערקנדיק אַפילו ווי אַזוי ער איז געקומען!

לויט מײַן פּשוטן שכל דאַרף און מוז אַ באַוווסטזיניקער מענטש נעמען אין אַכט, אַז קודם איז ער אַ באַשעפעניש אויפן פּלאַנעט מיט אַלע פונקציעס, מיטן זעלבן גורל ווי אַלע אַנדערע באַשעפענישן. ער קומט אויף פון אַן איי, ווערט געבוירן, נערט זיך, מערט זיך און קומט אום. חוץ דעם איז וואָרשײַנליך, אַז אַזוי גוט ווי יעדער באַשעפעניש ווערט געגעבן אַ סכום דויער, מיט אפשר אַ באַשטימטער ראָלע אינעם באַשאַף, קען מען עס פאַרגלייכן מיט אַ

משל ווי מע וואָלט עטליכע מענטשן געגעבן דעם זעלבן קאַפּיטאַל געלט מיט דער פֿרײַהייט עס צו ניצן ווי איינער וויל. קען עמיץ זײַן עקאָנאָמיש און ניט פֿאַרתּכלעווען וואָס גיכער זײַן פֿאַרמעגן, בכן דויערן לאַנג, און אַ צווייטער דאָס פֿאַרהולטאַיעווען מיט פּרעס, שאַנדהײַזער צי ווער ווייסט וואָס נאָך פֿאַר אַ משוגעתן.

דער מענטש האָט אַ קאַפּיטאַל ענערגיע וואָס קען זיך מאַניפֿעסטירן פֿיזיש אָדער פּסיכיש; דאָס זענען ווי פֿאַרשיידענע באַנקנאָטן פֿונעם זעלבן קאַפּיטאַל: איין אופֿן עס אויסצוגעבן איז תּמיד אויפֿן חשבון פֿון אַ צווייטן. צו פֿיל אינטעלעקטועל, ספּיריטועל — איז עס ווייניקער פֿיזיש אין לעבנס-דויער. ס'איז ניט מעגליך צו באַשווינדלען מיטן אופֿן עקזיסטענץ, ניט זיך, ניט די נאַטור אָדער ווי מע וויל עס אָנרופֿן, וויסנשאַפֿטליך, רעליגיעז צי פֿילאָזאָפֿיש.

אָבער דאָס וואָס אַלע באַשעפֿענישן טוען נאַטירליך, נאָרמאַל, וויל דער האָמאָ סאַפּיענס זײַן מער חכם פֿון אַלץ און אַלעמען, און ער פֿאַרתּכלעוועט צו פֿיל לעבנס-ענערגיע אין רעליגיעזע, וויסנשאַפֿטליכע, פֿילאָזאָפֿישע כּלומרשטע גײַסטיקייטן, מיט פֿאָרשן, זוכן, וועלן אַלץ וויסן, אַבסאָלוט קענען דעם „פֿאַר וואָס", „ווי אַזוי", „צוליב וואָס", „ווער איז עס", „פֿון וואַנען שטאַמט ער" — דער צי דאָס...וואָס דערמעגליכט אַלץ זאָל קענען זײַן. און ער קומט אום פֿריצײַטיק, נאָכן האָבן אָפּגעמאַטערט זיך מיט צווייפֿלען, פֿאַרצווייפֿלען, אַנגסטן און פֿאַרשיידענע פּאַטאָלאָגיעס, באַגייענדיק ס'רובֿ עגאָפֿאָביש זעלבסטמאָרד מיטן צעשטערן נאָרמאַלע עקזיסטענצן פֿאַר אַנדערע און אַלץ אַרום זיך.

ער רעדט זיך אײַן זיכערקייטן, פּרוווט זיך צואייגענען דאָס, וואָס ער מיינט אַז ס'איז געטליכקייט, דורך זײַנע רעליגיעזע דאָקטרינעס; ער „דענקט" אויס פֿאַרשיידענע פֿילאָזאָפֿישע סאָפֿיזמען; ער מעגאַלאָמאַניזירט זיך מיט קלאַסן-יחסנות און היפּאָקריטישע אידעאָלאָגיעס, אָדער ער ניצט אויס פּערפֿידע שווינדלערײַען צי דיקטאַטאָרישע טיראַניעס אָנצוווענדן רעזשימען לטובֿת נאַרישע אינטערעסן מיט אידיאָטישע אַמביציעס וואָס ער

רופט אָן: מאַכט, רום, עשירות, כּבֿוד און סנאָב־עפּיטעטן. דאָס אַלץ – ניט נאָר פֿאַרלענגערט עס ניט זײַן עקזיסטענץ צי פֿאַרבעסערט זײַן אופֿן זײַן, נאָר פֿאַרקערט. ער פּגרט פֿון איבערפֿרעסעניש צי אַנדערע היפּערטראָפּישע פֿיזיאָלאָגישע פֿירונגען – פֿריִער פֿון אַנדערע.

דאָס דאָזיקע וואָלט געדאַרפֿט זײַן אַ נאָרמאַל באַוווסטזײַן פֿון אַ נאָרמאַלן מענטש. לײדער איז דער מענטשן־מין טאָטאַל משוגע. און איך אַליין אפֿשר אויך. מיטן מײנען אַז שרײַבנדיק ס'דאָזיקע וועלן לײַט ווערן אַנדערש, ניט מער פֿאַרסמען זיך פֿיזיש און פּסיכיש, ניט האָסן און ממיתן זיך כּסדר און ניט ·קריכן אויף די גלײַכע ווענט מיט רעליגיעזע און ספּיריטועלע אָדער אינטעלעקטועלע אַספּיראַציעס.

ווי אַזוי דאַרף אַ נאָרמאַלער מענטש זיך פֿירן ניט אַנצוגײן פֿאַר אַ משוגענעם אידיאָט? ערשטנס, וויסן אַז מ'איז נאָר עפּעס אין אַן אוניוועָרס, ווי אַלץ וואָס איז בכלל, און ווי אַ באַשעפֿעניש בפֿרט, מיט אַ זיכער באַשטימטער ראָלע, מיט פֿליכטן, ווי באַשטימט פֿון עמיצן צי עפּעס מיט אַ באַגרענצטן ציל און אַ זיכערן כּי־טובֿ.

צווײטנס, פֿאַרשטײן אַז מע וועט קיין מאָל ניט וויסן ווער, וואָס ער צי דאָס איז, ·און יעדע פֿאַרמענטשליכטקײט אין שײַכות דערמיט איז לעכערליך און אומזיסטע מי.

דריטנס, אַפֿילו ניט־וויסנדיק ווער צי וואָס דאָס איז, האָבן צוטרוי, מיט ליבשאַפֿט און דאַנקבאַרקײט פֿאַרן גליק, פֿאַר דער מעגליכקײט צו קענען זײַן, אַפֿילו אין אַ באַגרענעצטן דויער. און ניט אײַנרעדן זיך נאַריש אַז מע קען עפּעס דערפֿון אַרײַנבנעמען אין רעליגיעס, מיט אַבסאָלוט אַלץ וואָס האָט אַ שײַכות מיט קלעריקאַליזם, פֿאַנאַטיזמען, טעמפּלען, צערעמאָניעס מיט פֿונקציאָנאַריזמען, שטעל־פֿאַרטרעטערס, פֿאַרמיטלערס, שתּדלנים, דיאַלאָגן, חרטות און מחילות, קרבנות און תּפֿילות, נשמה־טרײסטערס און פּראָסעליטיזמען און אַלץ וואָס האָט עפּעס נאָר אַ מינדסטן שײַכות דערמיט.

דער מענטש איז אַבסאָלוט פֿרײַ אין זײַן באַשטימטן דויער צו טון

וואָס ער וויל. קיינער וועט אים אַבסאָלוט קיין מאָל ניט העלפֿן ניט צו לעבן, ניט צו שטאַרבן, ניט אין נויט און ניט אין וואָס ס׳זאָל ניט געשען. אַלץ איז געווענדט אינעם מענטש װי אַ יחיד און אין זײַנס גלײַכן סאָציאַל אין זײַנע סביבות. געטליכקייט האָט זיכער אַנדערע פּראָבלעמען וואָס האָבן צו טון מיט ווער ווייסט וועלכע קאָסמאָסן, אומענדן, אייביקייטן, צי גאָר עפּעס אומבאַגרײַפֿליכס.

ניטאָ קיין אָרט אויפֿן פּלאַנעט וואָס זאָל ניט זײַן הייליק; ניטאָ אַזאַ מאָמענט ווען מע זאָל מעגן ניט ליב האָבן סײַ דעם באַשאַף, סײַ זײַן באַשעפֿער. יעדער חטא, יעדעס זינדיקן איז תּמיד קעגן זיך אַליין. קיינער וועט קיין מאָל קיינעם ניט נאַרן מיט היפּאָקריטישע חרטות, און ניט באַקומען פֿון קיינעם קיין מחילה.

ניטאָ קיין פּריווילעגיעס אין פֿרומקייט מיט דער צי יענער רעליגיע. אַלע מענטשן זענען גלײַכע יחסנים, און גלײַך באַליבט בײַם מײַסטער וואָס דערמעגליכט זיי זאָלן קענען זײַן אין אַ ביִאָספֿערע אויף אַ פּרעכטיקן פּלאַנעט, וווּ מע קען עקזיסטירן אין די בעסטע באַדינגונגען, ניט טוענדיק קיין שום שלעכטס, חוץ צעשטערנדיק נאָר דאָס, וואָס געמוזט כּדי צו קענען זײַן נאָרמאַל, מיט ווילזײַן און פֿרייד, אָן שום זאָרגן.

זײַענדיק עפּעס אינעם באַשאַף, מוז יעדער טון אַלץ וואָס נאָר מעגליך ניט צו ווערן פֿאַרקריפּלט, ניט צו פֿאַרתּכלעווען אידיאָטיש מי און דויער: זײַן געזונט, שיין, שמייכלענדיק אַפֿילו אין דער פֿינצטער פֿון שלאָפֿלאָזע נעכט. האָבן השׂגות פֿון עסטעטיק, ניט טאָלערירן קיין שום שלעכטס, מיאוסקייט, אומרעכט, שקלאַפֿערײַ, עקספּלואַטאַציע פֿון זײַנס גלײַכן, פּריווילעגיעס, קלאַסן־יחסנות.

דער גאַנצער מענטשן־מין — איין משפּחה, מיט פֿאַרשיידענע עטנישע אָריגינאַליטעטן, אויס מיט גרענעצן! אַלע מוזן זיך אַרויסהעלפֿן צו קענען פֿאַרוואַנדלען דעם גאַנצן פּלאַנעט אין אַ גן עדן.

נידער מיט אַלע ראַבאָטיזמען, טײַלאָריזמען, סנאָביזמען, שאַמאַניזמען, קאַפּיטאַליזמען, עגאָיזמען, ראַסיזמען אד״גל! לעבן זאָלן דער אוניווערסאַלער קיבוציזם, די אוניווערסאַלע ליבשאַפֿט

צווישן לײַט אָן שום אויסנאַם. אַנשטאָט פּטרן אַזוי פּיל מי, צײַט און פֿאַרמעגן אויף געווער, סנאָבישע מאָדעס און מעגאַלאָמאַנישע וויסנשאַפֿטן – העלפֿן אומגעלומפּערט-נאַרישע לײַט צו פֿאַרוואַנדלען אַלע וויסטענישן אין גערטנער! אָלימפּיאַדעס אָן שאָוויניסטישע פֿאַרמעסטונגען, נאָר ספּעקטאַקלען פֿון פֿאַלקלאָר און ווירטואָזיטעט צו פֿאַרבעסערן, פֿאַרשענערן מענטש און וועלט: פֿיזיאָלאָגיש, פּסיכאָלאָגיש, עקאָלאָגיש.

אַלץ מיט לאָגיש! וואָס זאָגט איר: מײַנע רייד זענען אוטאָפּיאָלאָגיש און בטלניש לעקישאָלאָגיע? נו, דאַרף מען ניט. איך טו ס׳מײַניקע. חזירים פֿילן זיך גוט אין שטינקענדיקע זומפּן! זאָל זיי ווויל באַקומען. מיר איז ליבער אַ גאָרטן. קרומע צורות מיט הונגעריקע קינדער! קריפּלען מיט טרױער און מעסערדיקע אויגן! מיר איז ליבער טאַנץ, געזאַנג, שמייכלענדיקע לײַט. קושן זיך און טרערן פֿון געלעכטער.

געפֿעלט ניט עמיצן מײַן פֿרומקייט, מײַן ליבשאַפֿט צום באַשאַף און צום באַשעפֿער, אַפֿילו אַז כ׳קען ניט וויסן ווער דאָס איז! נו, דאַרף מען ניט! האָט ניט קיין פֿאַריבל פֿאַר דער פֿאַרלוירענער צײַט מיטן לייענען ס׳דאָזיקע. און אויב איר באַדויערט דאָס באַצאָלטע פֿאַרן בוך, וועט מען שאַפֿן אַ פֿאָנד כּדי צוריקצוצאָלן די קאָסטן. זאָל קיינער זיך ניט פֿילן באַעוולט און גענאַרט.

כ׳לאָז איבער אַלע נאָבל-פּרײַזן פֿאַר אַנדערע, און באַגער ניט קיין אָרט אינעם פּאַנטעאָן פֿון די געניאַלע חכמים. ס׳טוט מיר באַנג וואָס כ׳מוז צוזען, ווי אַזאַ שיינער פּלאַנעט ווערט כּסדר אַלץ מער מיסטקאַסטן, פֿיזיש און ספּיריטועל צעשטערט דורך אַזוי פֿיל אידיאָטן וואָס שפּילן זיך אין האָמאָ-סאַפּיעניזם מיט רעליגיעזע און פֿרײַדענקערישע פֿיקציעס, אילוזיעס, פֿאַנאַטיזמען, וואָס זענען אַלע פּאַטאָלאָגישע קאָמפּלעקסן. די אינדוסטריע פֿון צוואַנגיאַקעס וואָלט געדאַרפֿט זײַן די בעסטע ביזנעס, אָבער אַז די ביזנעסלײַט זענען משוגע!...

~8~

אַ פֿאַרגראַפֿאָמאַנישטער מיט כּישופֿן געהיימע, / מוז איך שרײַבן, שרײַבן. / מײַן נשמה איז, ווײַזט אויס, בײַ מיר / פֿון פּאַפּיר, / און איך — אַן אינסטרומענט / אין אַ מכשפֿס הענט.

כ'בין זיכער: שרײַבנדיק אין קראַנקנבעט / דער מלאך-המוות מיך געפֿינען וועט. / אַזוי דויערט עס כּסדר, / און זיכער בין איך, ליידער, / אַז זאָל פֿון דעם געשריבענעם נאָר עפּעס בלײַבן / פֿאַרוואַלגערט אַ פּאַפּירל דאָ צי דאָרט, ״/ וועט עס מיט אָפּשײַ קיינער שוין ניט הייבן, / באַטראַכטן ווי אַ פֿרומער ייִד אַ שימה, / נאָר אויב צו עפּעס אַנדערש ניט באַדאָרפֿן — / אין מיסטקאַסטן עס געוואָרפֿן!

בכן, איז דאָך דאָס שרײַבן ניט כּדאַי, / און לויטן שכל — מי געשפּאָרט! / אָבער גיי / אַ חכם זײַ / און פֿון כּישוף זיך באַפֿרײַ! / איך זע מיט אימה, / אַז שווער צו דעם חולאת / וואָס הייסט גראַפֿאָמאַניע-משוגעת / צו געפֿינען אַ רפֿואה-שלימה!

פֿאַרשטייט זיך אַז מע קען זאָגן, אַז דעם מענטשס מוח איז אַ וווּנדער פֿונעם באַשאַף. אָבער ווער ווייסט וואָס ס'טוט זיך פּסיכיש אין אַ נוקלעאָן, צי אין אַן אַטאָם. זיי האָבן דאָך באַשאַפֿן דעם מוח טאַקע. פֿאַר אַ באַגערטן צוועק אין אַ באַשטימטן סיסטעם. ערשט, מוחות קומען אום, און אַטאָמען זענען ווי די אייביקייט אַליין! טראָץ זײַן גאַנצער וויסנשאַפֿט, קען דער מענטש ניט פֿאַרוואַנדלען זון אין כלאָראָפֿיל, ווי ס'געלינגט עס צו טון אַ מיני גרעזל!

אָבער דער ווילן דאָס אַלץ צו באַגרײַפֿן איז זיכער אַ באַווײַז, אַז מע קען דאָס וויסן. מענטש איז נאָך אין די וויקעלעך, און דער באַשאַף דאַרף ניט קיין סודות. ער איז ניט טראָגלאָדיטיש מיט סודות און עזאָטעריש. אַלץ איז זיכער פּשוט און קלאָר. נאָר דער מוח, ניט געקוקט אויף זײַנע ווונדערליכע מעגליכקייטן, ניצט ער זיי נאָך ניט אויס. אָבער דאָס אַלץ איז אַ נישטיקייט אַנטקעגן דעם באַגער פֿון די מיני-עלעמענטן צו קענען שאַפֿן גאַמעטן,

באשעפּעניש מיטן מענטש בתוכם, און אפשר געטער.

יוצא זײַן מיטן טראַכטן אַז מ׳איז עפּעס דעריין און דערפֿון – איז שוין אַ זכיה און אַ לוין. ערשט אַז מ׳האָט נאָך אַ פֿרײַהייט צו פֿאַרמאָגן אַן אייגענעם ווילן און קענען געניסן פֿון אייגענע קרעאַטיווע עקסטאַזן – איז עס ניט אַ באַרעכטיקונג צו שמייכלען מיט תענוג און דאַנקשאַפֿט, אַפֿילו ניט ווי‏סנדיק צו וועמען?

~❀~

אַפגעלידלט באַלד מײַן עקזיסטענץ / ניט וויסנדיק: פֿאַר וואָס? צו וואָס? פֿאַר וועמען? / מ׳עט לייגן אויף מײַן קבֿר גראַמענקרענץ / צי פּיקטיווע כריזאַנטעמען / פֿון "טיפֿזיניקע" פּאָעמען. / וואָס ווי מיר שײַנט / ס׳האָט זעלטן ווער געלייענט?

קומען עמיץ אפֿשר וועט אַ מאָל אַהער / פֿאַרלירן אויפֿן קאַלטן שטיין אַ טרער / און בית-עולם-שטילקייט שטערן מיט אַ זיפֿץ צי קרעכץ. / וואָס קען אַ לעבעדיקער פֿאַר אַ טויטן טון דען מער? / אַזוי מיט גײַסט געהאַלטן זיך פֿאַר עפּעס עכטס / און מיט דײַן גוף איצט, חכם, ווערעם נער?

~❀~

וואָס מער מענטש – אַלץ מער ייִד.

וואָס מער ייִד – אַלץ מער מענטש.

ייִדישקייט איז ניט קיין רעליגיע. ייִדישקייט איז אַן אידעאַל פֿאַרן אוניווערסאַלן ווילזײַן פֿון דער בײַאָספּערע מיט אַלץ דעריין. ייִדישקייט, אָדער דאָס ספּעציפֿישע ייִדישע פֿאָלק, וועט פֿאַרשווינדן ווי אַזאַ: לויט די רעליגיעזע- נאָך מיט משיחס קומען, און לויט וועלטליכע – מיטן סאָציאַליזם.

קיינער האָט קיין מאָל ניט געקענט און וועט קיין מאָל ניט קענען אומברענגען ייִדישקייט, ניט המן, ניט טיטוס, ניט די קריסטליכע אינקוויזיציעס, די איסלאַמישע פּאָגראָמען פֿון אַ מאָל צי הײַנט, ניט די צאַרן, ניט די סטאַלינס, ניט די היטלערס. ייִדישקייט לעבט

זיי אַלע איבער, ווײַל ס'איז ניט בלויז עפּעס פֿיזיש, נאָר ספּיריטועלס, און וואָרשײַנליך עפּעס פֿונעם אוניווערסאַלן — ממילא געטליכן — דעטערמינירטן פּלאַן אין דער עוואָלוציע פֿון קאָסמישן אַלץ, און ממילא אין דער עוואָלוציע פֿון פּלאַנעט מיט דער ביאָספֿערע.

קיינער קען ניט אומברענגען ייִדישקייט, חוץ נאָר דער פֿיזישער, עגאָפֿאָבישער זעלבסטמאָרד; דאָס קען אויך געשען גײַסטיק, פּסיכיש. דאָס איז אָבער ניט קיין טאָטאַלער אומקום, נאָר אַ מין פּסיכאָסאָמאַטישע אַגאָניע, אַ היברידיזם וואָס איז ניט אַהין, ניט אַהער, אָבער כאָטש סקלעראָזירט ווירקט עס דאָך מיט עפּעס אויף דער סבֿיבֿה.

מעג אַ ייִד זײַן פֿאַרסאַברעט, אַסימילירט, זײַן גלײַכגילטיק צום ספּיריטועלן ייִדישיזם און יוצא זײַן מיט אַ מין סאָלידאַריטעט, עקשנות, פֿילאַנטראָפּיע צי אַ כּלומרשטע פֿרומקייט, און אַפֿילו ווערן אַ קאַרדינאַל צי אַ גורו אין אַנדערע אמונות אָדער דאָקטרינעס — ווי לאַנג געאָטעמט איז מען אַן עפּעס, מיט אַ ניצוץ ייִדישקייט אין זיך.

אַ טעות איז אויך דאָס אײַנרעדן זיך, אַז ייִדישקייט איז נאָר אַ מין אָרטאָדאָקסיע, אַ מין פֿרומקייט נוסח חסידיזם, מתנגדיזם אָדער פּראָגרעסיווע צילינדער-לײַט. ניט מיט לייגן תּפֿילין, שאָקלען זיך איבער גמרות, טראָגן שטרײַמלען און קושן מזוזות איז מען נאָר אַ ייִד. דאָס איז נאָר אַן אַספּעקט פֿון אַ ספּעציפֿישן אופֿן באַגרײַפֿן ייִדישקייט.

ייִדישקייט איז אַבֿרהם-אָבֿינו, משה רבנו, די לוחות, די נבֿיאים, דער מאַרקסיזם, פֿרויד און מענדעלסאָן, אַחד-העם און גאָלאָמב, זשיטלאָווסקי און שלום-עליכם, פּרץ און גאָלדפֿאַדען, טראָצקי מיט ראָזע לוקסעמבורגן, ברוך שולמאַן ווי קאָרטשאַק, דער בעש"ט ווי טבֿיה דער מילכיקער, מאַנגער ווי סוצקעווער, לייוויק ווי גראַדע, און צוריק צום אַמאָל: דוד און שלמה המלך מיטן אײַנשטיינען פֿון הײַנט.

ייִדישקייט איז ווי דימענט אָדער גאָלד: דאָ אָפֿן, דאָ פֿאַרבאָרגן

אין גרודעס, מעטאַל וואָס זשאַווערט ניט, קרישטאָל וואָס איז האַרטער פֿון שטאָל; אָדער גאָר ווי אוראַניום — אַ ספּיריטועלער אוראַניום וואָס שטראַלט מיט ראַדיאָאַקטיוויטעט.

קריסטליכע און איסלאַמישע דאָקטרינעס וואָס פּרעטענדירן צו האָבן אַ רעמיניסענץ פֿון וואָרער מאָנאָטעיִסטישער, מאָראַלישער ייִדישקייט זענען סוראָגאַטן, פֿאַנאַטיזמען, וואָס צוזאַמען מיט כּלומרשטע ייִדישע פֿאַנאַטיזמען פֿאַרקריפּלען זיי אָפּט, פּאַראַזיטעווען אויפֿן וואָרן, עכטן שטאַם פֿון דער אמתער, ריכטיקער ייִדישקייט. אָבער דאָס שטערט ניט די אייביקע וואָרצלען, דעם אייביקן שורש, די אייביקע צילן און אייביקע אײַנפֿלוסן זאָלן האָבן אַ השפּעה אויף דעם, וואָס ס'איז באמת ייִדישקייט, אָן טעאָגאָניעס און טעאָלאָגיעס, אָן פֿאַנאַטישע אָדער אפֿשר וויסנשאַפֿטליכע קבלות.

אפֿשר איז ייִדישקייט אַ פֿערמענט, אַ וויטאַמין אינעם פֿענאָמען לעבן, וואָס איז גורם זײַן דינאַמיזם? כ'דאַרף דאָס ניט וויסן. פֿאַר מיר איז גענוג: זײַן, קענען טראַכטן דערפֿון, פֿאַרשרײַבן עס פֿאַר אַנדערע. איך בין פֿרום מיט פֿאָלגן, האָבן צוטרוי און טאָטאַלע ליבשאַפֿט צו דעם, וואָס פֿאַר מיר איז עס גאָט.

⁂

איך, כאָטש כ'געהער ניט צו קיין שום רעליגיעזער אָרגאַניזאַציע, סעקטע אָדער דאָקטרינע, בין זיכער אויפֿריכטיק פֿרימער פֿון די אַלע פּראָפֿעסיאָנעלע צי אַמאַטאָרישע אָרטאָדאָקסן מיט זייערע טעאָלאָגיעס, טעאָזמען, קדושות, פּיעטעטן, תורות, הייליקע שריפֿטן, דבֿקותן, אויגן-גלאָצעניש, בוקן זיך, גנאָסן, אני-מאמינס, דאָגמעס, יִראת-שמימדיק צי רעפֿאָרמיש, געזאַלבט, צבֿועקיש און אַלץ וואָס האָט אַ שײַכות מיט דעם אַלעמען.

איך בין זיכער אין דער פֿאַראַנענער געטליכקייט. כ'האָב ניט מורא פֿאַר איר; כ'האָב זי ליב מיט טאָטאַלער ליבשאַפֿט און דאַנקבאַרקייט פֿאַר דער זכיה צו האָבן געלעבט. כ'בין תּמיד אין

קאָנטאַקט מיט איר, אַפּילו ניט וויסנדיק ווען, וואָס און ווי אַזוי דאָס איז. איך דאַרף עס ניט וויסן. איך זינדיק ניט און דאַרף ניט בעטן קיין שום מחילה.

כ׳ווייס אַז חוץ מיט מײַן אויפקום און אומקום — איינציקע אימפּעראַטיוון — בין איך אַבסאָלוט פרײַ אויפן פּלאַנעט, כאָטש דאָס זאָל זײַן אַ באַגרענעצטע שטײַג. אויב טויג ניט עפּעס אין מײַן געזונט צי מײַן לאַגע, איז עס נאָר מײַן שולד.

כ׳בין זיכער אַז מיט מײַן זײַן, כאָטש עפּעמעריש, טו איך עפּעס אויף אינעם אוניווערס, אַפּילו מיט מײַן בלויזן עטעמען און זיך נערן. כ׳האָב אַ טאָטאַלן צוטרוי צו אַלץ וואָס געשעט אינעם אוניווערס. כ׳באַוווּנדער די שיינקייטן, די חנען, די מעגליכע עקסטאַזן, ליבשאַפטן, אָרגאַזמען אַפּילו וואָס עקזיסטענץ איז מסוגל צו פאַרשאַפן דעם באַוווּסטזיניקן, ערליכן מענטש, און דאַרף ניט קיינעם צווישן דער געטליכקייט און מיר. אַלע ריטואַלן, צערעמאָניעס, רעליגיעזע פּאַראַדן, ספּעקטאַקלען אָדער קאַריערעס, צי דאָס מוזן אָנקומען צו עפּעס אָדער עמיצן אין אַן עת צרה, פּונקט ווי אַלע פאָרמען פּחד צי אַמביציעס, זענען מיר אַבסאָלוט פרעמד.

ראשית חכמה יִראת-אַדוני? נאַריש! ראשית-חכמה אַהבֿת-אַדוני! און דאָס האָט ניט קיין שום שײַכות מיט מײַן אופן פירן זיך, עסן צי גיין אָנגעטון. ס׳האָט אָבער אַ שײַכות מיט מײַן באַציִונג צו אַלץ אינעם באַשאַף. איך מוז זײַן גוט, געזונט, ערליך, אויפריכטיק, ניט צעשטערן עפּעס מער ווי אַבסאָלוט געמוזט. נאָר אַזוי איז מען באמת פרום, אויסער אַז רעליגיע איז אַ פאַך מיט קאַריערעס און ביזנעס.

~❀~

מאָדנע ווי דער סעמינאַריסט סטאַלין, דער גראָב-יונגערישער איוואַן-גראָזנישער טיראַן-אַנטיסעמיט, האָט זיך גאָר פאַרנומען מיט אַזעלכע פּראָבלעמען ווי דער „דיאַלעקטישער מאַטעריאַליזם", מיט מאַרקס-ענגעלסישער פילאָזאָפיע אין שײַכות

מיט אידעאַליזם, "אוניווערסאַלן גײַסט", באַוווסטזיניקייט און מעטאַפיזיק ווי אַן אַנטיגאַמיע צום מאַטעריאַליזם, אַנשטאָט זיך צו פאַרנעמען מיט פסיכיאַטריע און פרוּוון זיך היילן פון זײַנע מעגאַלאָמאַנישע קאָמפּלעקסן!

זײַנע דיאַלעקטישע מעטאָדעס זענען דאָך: גולאַג, בוטירקע, דערמאָרדן מיט אַ האַק אַ טראָצקין, דעם וואָרן פראַגמאַטישן רעוואָלוציאָנער, לענינס אַקטיווער מיטהעלפער צו באַפרײַען רוסלאַנד.

זײַן סעמינאַריזם מיטן אײַנגעוואָרצלטן ייִדנהאַס, וואָס אַנשטאָט אַ מאַנאַך האָט ער אים פאַרוואַנדלט אין אַ מאַנאָמאַניאַק, האָט געפונען חן בײַ סלאַווישע פאַרכאַמטע און פאַרוואָדקעוועטע מוזשיקעס. זיי האָבן פאַראיקאָנעוועט זײַן געוואָנסעטן פאָרטרעט – און פאַרהייליקט ווי אַ רויטן ראַספּוטין.

דאָס איז איינס. צווייטנס: דער מאַרקסיזם האָט נאָר אַ שײַכות מיטן היסטאָרישן מאַטעריאַליזם און קלאַסנקאַמף. זיך פאַרנעמענדיק מיט דער עקאָנאָמיע. עס האָט אָבער ניט קיין זין צו קומען מיטן דיאַלעקטישן מאַטעריאַליזם כּדי צו באַווײַזן אַז ניטאָ קיין מעטאַפיזיק צי קיין אידעאַליזם. אַז אַלץ איז נאָר סובסטאַנץ. מע שטעלט העגעלן אויפן קאָפּ אַנשטאָט אויף די פיס. אָבער מע נעמט אין אַכט זײַן סיסטעם פון טעזע-אַנטיטעזע. מיטן באַווײַז אַז אַלץ איז אַנטיגאָמיש תּמיד אין קאַמף. ס'געווינענע מיטן צוקונפטיקן דורכן אַקטועלן זײַן. פאָרמען און אַספּעקטן ווילן זיך ניט ענדערן צי עוואָלוירן, סײַדן קעמפנדיק! ניטאָ קיין האַרמאָנישע עוואָלוציע. קיין טראַנסצענדענטאַלער דעטערמיניזם פאַר אַן ענדגילטיקן ווילזײַן. בכן איז דער קאָמוניסטישער אידעאַל אויך אַ פיקציע, עפּעמעריש. דער גורל פונעם מענטשן-מין איז טראָצקיזם, פּערמאַנענטע רעוואָלוציע, אייביקער אַנטאַגאָניזם צווישן מאַרקסיזם און נירוואַניזם, ווי צווישן מאַזדאַ און אַרימאַן. פאַר וואָס ניט פּשוט זײַן ווי ס'פירט זיך אין אַ טערמיטן-נעסט צי אַ בינשטאָק?

קאָמיש איז דאָס ניט אײַנזען אַז דער דיאַלעקטישער

מאַטעריאַליזם איז אויך מעטאַפּיזיק, און -פּאַר וואָס ניט?- מעטאַפּיזיק אויך מאַטעריאַליזם. ביַי דער יאַנוס-צוויי-פּנימדיקייט פונעם זעלבן, אפשר איינציקן עלעמענט, עסענץ אָדער ווער ווייסט וואָס דאָס איז, און וואָס ביַי מיר הייסט עס: לעבן.

אומבאַגריַיפּטער עפּעס? זאָל עס זיַין. מע מוז יוצא זיַין מיט אַ הונדערטיעריקער עקזיסטענץ אין ווילזיַין, מיט צוטרוי און דאַנק צו דעם, צו דאָס, וואָס קען ניט ווערן באַגריַיפט, און ניט מוטשען זיך פּסיכיש -וואָס דאָס מיינט: פּסיכאָפּאַטיש- מיט גריבלעניש, פּאַרשעניש, פּאַרלירנדיק דאָס איינציקע, גרעסטע, בעסטע גליק: די מעגליכקייט צו דויערן מנוחהדיק, אָן זאָרג, פּיַין און אַנגסט.

וויפל מאָל האָב איך עס שוין געזאָגט? טויזנט מאָל! נאָר רעד צו דער וואַנט: ליַיט ווילן דווקא זיַין משוגע, ווילן דווקא זיך פּאַרקריפּלען גוף און נשמה און אומקומען עגאָפּאָביש, באַגייענדיק מיטרידאַטיש אַ טאָג-טעגליכן זעלבסטמאָרד, מיטשלעפּנדיק אַנדערע אין זייערע משוגעתן, צעשטערנדיק אַפילו די ביַאָספּערע מיט דער עקאָלאָגיע, און, און, און...

נו, און איך וואָס טו? ווער צווינגט מיך צו שריַיבן ס'דאָזיקע, וויסנדיק דערצו אַז ס'איז לבטלה?

חוץ מעל אין ווייץ צי קאָרנס קערן / שעצקע, שטרוי דערינען אויך פּאַראַנען. / אַ מאַמע מאַכט מיט מעל אַ קוכן / אַ מחיה צו פּאַרזוכן; / שעצקע - אַ בהמה נערס; / אַ מאָל פון שטרוי אַ שעניק ווערט!... / פּאַר וואָס מיט יִדישקייט ניט אַנען / אַז ס'קען אַזוי / לײדער אָפּט אויך ווערן? / ניט יעדער ייִד פּאַרשטייט/ וואָס וואָרע ייִדישקייט באַדיַיט. / טאָקע געמלט און מ'איז דאָך אַ גוי. / אָבער ווען געהעריק ייִדישקייט פּאַרשטאַנען, / פילט מען באַוווסטזיניק מסתמא / טעם מיט תענוג-ראַזשינקע אין קוכן ביַי אַ מאַמע. / און מע ווייסט / וואָס זיַין אַ ייִד באמת הייסט!

געבראַטענע טײַבעלער פֿליִען ניט אין מײַלער, און ניט תּמיד פֿאַלט מן אין אַ מדבר. קיין שום פּירות פֿאַלן ניט פֿון הימלען. מע מוז אַקערן, זייען, פֿלאַנצן, פּלעגן, באַוואַסערן, האָבן געדולד צו זען שפּראָצן, בליִען, רײַפֿן.

אַלץ מוז זײַן געוואָרצלט אין דער ערד, דאָ אונטן, אויפֿן פּלאַנעט, מיט אייגענער מי. נאָר ווילדגראָז — און דאָס אויך ניט תּמיד, אומעטום — שפּראָצט אַליין. זעט פֿעלדזן און מדבריות: וואָס מע פֿלאַנצט ניט, שפּראָצט ניט. האָט מען ניט! דער רעזולטאַט איז הונגער, נויט און טויט.

מיט ניסים שפּײַזט מען נאָר לעגענדעס, און מיט רעליגיעס און מיטאָלאָגיעס נערט מען ניט קיין הונגעריקע.

לעקישעוואַטע פֿעלקער, עקספּלואַטירטע לײַט! פֿרײַהייט, גלײַכהייט און ווילזײַן קומען ניט מיט קיין ניסים!

~❀~

פֿאַר געדאַנקס אַ גילטיקן באַשייד / געזאַנג קען אויפֿטון מער ווי רייד. / וואָרט / מיט מוזיק געפּאָרט / טיפֿער אין נשמות דרינגט. / און דעריבער, / חבֿר ליבער, / באַגלייט צי ניט מיט אינסטרומענט — / ווען און ווו נאָר געקענט, / מיט אַלץ וואָס זינגט, זינגט, תּמיד זינגט!

~❀~

אויב — באַשאַף פֿון עפֿר ואפֿר — / מסוגל איז אַ מענטש / צו זײַן מחבר פֿון אַ ספֿר — / מיט אָפּשײַ קוש ערדס שטויב; / דעם מעשה־בראשית לויב / און מיט דאַנקבאַרקייט זײַן מײַסטער בענטש.

~❀~

א מאָל, געגוג געווען איין גולם אין פּראָג: אַ גולם פֿון ליים געמאַכט מיט די הענט – און פּטור.

אָבער היַינט, מיטן פּראָגרעס, מיט דער עוואָלוציע פֿון דער וויסנשאַפֿט, פֿון דער טעכנאָלאָגיע און פֿון די מעגאַלאָמאַניזירטע אַמביציעס – איז אַ גולם עלעקטראָניש, לאַזעריזירט, מיט קוואַרצן, פֿאַרשיידענע אולטראַ-שטראַלונגען, מאַגנעטיזמען, אויטאָמאַטיזירט, ראָבאָטיזירט, פּראָגראַמירט, זעלבסטשטענדיק כּלומרשט, פֿריַי צו קענען באַשטימען ריכטונג, באַוועגונג, און אויך אָנגעפֿירט פֿון וויַיטנס דורך עמיצנס ווילן, צי אויטאָמאַטיש.

חוץ דעם איז דער פּלאַנעט אין גאַנצן פֿאַרגולמט, און מיט טיילאַר-סיסטעמען שאַפֿט מען לייַכט גולמס אומעטום. אַנטקעגן דעם אַמאָליקן פּראָגער גולם איז אַ מאָדערנער גולם ווי אַ טאַטשקע קעגן אַ דזשעט-אַוויאָן. מיסיליזירטע גולמס גרייכן די לבֿנה, צי די וויַיטסטע פּלאַנעטן. איינס נאָר איז, ניט נאָר ניט געענדערט, נאָר טאָטאַל פֿאַרשוווּנדן: דער שם-המפֿורש. בכן, מיט די היַינטיקע מעגליכקייטן, אָן שום סימן גיַיסטיקייט דערין, איז דער פּלאַנעט אין פּערמאַנענטער געפֿאַר אומצוקומען מיט קאַטאַסטראָפֿעס, און די ביִאָספֿערע זאָל פֿאַרשווינדן ניט לאָזנדיק קיין זכר פֿון אַ געוועזענער גילטיקער עקזיסטענץ. קיין פּראָגער מהר״ל איז מער ניטאָ. גולמס זענען הפֿקר פֿריַי, זיי געוועלטיקן אַנאַרכיש, און די נוקלעאַריזירטע גולם-קאַטאַסטראָפֿע איז ניט וויַיט! אַ שאָד אַזאַ שיינער פּלאַנעט זאָל אומקומען!

די שענסטע רויזן זענען / די, וואָס מע וועט אַ מאָל דערקענען. / עסטעטיקס אידעאַל / מוז זיַין וואַרשיַינליך טאָטאַל / ניט אין דעם, וואָס קען געהערן, / נאָר אין עפּעס, וואָס וועט ווערן: / ניט באַגריַיפֿטס, נאָר ניט באַקאַנטס, / אָבער דאָך אינטויִטיוו געאַנטס.

די „מענטשהייט“ באַשטייט פֿון כמעט כולו בהמות. פֿאַר וואָס קען מען באַגרײַפֿן אַז ס׳קענען זײַן דיקטאַטורן, טיראַניעס פֿון שלעכטס צי מיאוסקייט (איינס און דאָס זעלבע), און ניט פֿון ליבשאַפֿט, יושר, רעכט, פֿרײַהייט, גלײַכהייט? מע קען זיכער מער באַווײַזן אויפֿצוטון מיט לאָגיק, האָבן מער רום מיט ליבשאַפֿט, זײַן פּאָפּולערער מיט אָפּשײַ, ניט טעראָריזירנדיק קיינעם, און ווערן געפֿאָלגט לײַכטער און בעסער ווי מיט דערשטיקטן ווידערשטאַנד און פּחד פֿאַר שטראָף.

זאָלן השגות פֿון כּלומרשט ציוויליזירטע לײַט זײַן אַזוי פֿאַרקריפּלט? פֿאַר וואָס זעען ניט מיליאַרדן לײַט אַז זייערע קאַטאַסטראָפֿעס, צרות, אַנגסטן, נויט און פּײַן זענען דער רעזולטאַט פֿון אַ מינדערהייט מעגאַלאָמאַנישע משוגעים, מיט עגאָיִסטישע עקספּאַנסיע־קאָמפּלעקסן, וואָס פֿאַרטשאַקען מיט פֿיקטיווע רעליגיעס, פּאַטאָלאָגישע פֿילאָסאָפֿיעס און אינטעלעקטואַליזמען וואָס מע רופֿט קונסט, עטיק אד״גל? זינט טויזנטער דורות ווערן פֿעלקער פֿאַרפֿירט, עקספּלואַטירט, געשונדן און געשאָכטן ווי שאָף און רינדער, מעקענדיק צופֿרידן פֿאַר אַ זעלטענעם גלעט נאָך באַקומענע שמיץ.

זאָל אַזוי שווער אָנקומען צו דערקענען די באַשײַמפּערליכע בלאָף־דאָקטרינעס, די פּערווערזע דעמאַגאָגישע לאָזונגען און דאָס אַלץ וואָס זוכט נאָר איינס: צעטיילן – כּדי לײַכט צו באַהערשן; רייצן איינס קעגן אַנדערן כּדי צו קענען געוועלטיקן.

ווי לאַנג וועט נאָך אַזוינס געדויערן? פֿאַר וואָס זעען ניט אַפֿילו די פּריווילעגירטע קלאַסן־טיראַנען, פֿאַר וועלכע ס׳גילט נאָר איינס: אינטערעסן, וואָס מער פֿאַרמעגן, וואָס מער מאַכט – אַז לטובֿת זייער אייגענעם ווילזײַן קען מען זײַן מנוחהדיקער, גליקליכער, געזינטער, און לעבן לענגער אין סאָציאַלע רעזשימען וווּ ס׳זאָלן הערשן נאָר ליבשאַפֿט, יושר, רעכט און פֿרײַהייט, לאָגיש און שכלדיק?

~❀~

דער מאַרגנרויט פֿון דרימלען וועקט / מיט קוראַזש און ווילן: / פֿאָרויס צו נײַע צילן! / יוגנט, גרייט! אין גאַנג! / און תמיד מיט געזאַנג!

וואָס זומפּיק קויטיק – ווײַכן! / אַ שטיין אין וועג ניט שרעקט! / שטערט אַ באַרג? איז גרייכן / מיט וועגן, שטעגן פֿרײַע / זײַנע אולטימע הייכן. / פֿאַרן אויגנבליק אַנטפּלעקט / האָריזאָנטן נײַע, / אייפֿעריק געשיצט / פֿון טיטאַנען ביז איצט / און פֿון בוסאַר-אָדלערס סטײַע.

משׂכּל מיט מחשבֿה. וואָרט מיט וואָרט. דאָ סבֿרה, דאָ השערה; אַרגומענט מיט טעזע, אָפּאָנענט מיט אַנטיטעזע. דיאַלעקטיק, משל, סילאָגיזם, פּאָלעמיק, אַנטאַגאָניזם אַפֿילו – אָבער אַלץ אָן שום מחלוקת, אַמפּערײַ, העץ צי סאָפֿיזמען, ניט דעמאַגאָגיש, היפּאָקריטיש, און מיט טאָלעראַנץ, גוטמוטיקייט און שׂכל אַזוי קוועלכל צי קוואַל, ריטשקעלע ביז מיני־טײַכעלע! און אַז טײַכל שטראָמט מיט טײַכל, ווערט טײַכבאַסיין, שאַפֿט עס אָזיערעס און וואַסערפֿאַלעכל, און אַז געמוזט – ניאַגאַרעס אינעם וועג! דאָס אַלץ דאָך סוף־כּל־סוף – צום ים, צום אָקעאַן, מיט דעלטאַס אַ יבשה אויסצובילדן.

אַזוי קען זײַן: אויב נאָר אָנגעהויבן מיט באַגער געדאַנק און רייד, און אויב באַוווסטזיניק, מיט עקשנות, דויער און פּערמאַנענטן ווילן קומען אויף רעוואָלטן, רעוואָלוציעס; עס ווערן מקוים אידעאַלן מיט באַגערטע צילן. מעגן רעזשימען זײַן אָקעאַנען; אויב נאָר ניט פֿעלדזנבערג דעלטאַס קענען זיגן!

ערשט, טײַכן קרישלען אויך גראַניט.

דאָס קען אויך געשען אַזוי מיט פֿונקען, וואָס זענען גורם שׂריפֿות!

מיט ייִדיש איז ווי מיט אַ פֿלוים: / טאָקע האַרט דער קערן. / אָבער דעם, וואָס קען די שאָל צעשטערן, / וועט דער מאַנדל מיטן זוים / ווי אַ מתּנה־לוין געהערן, / ווײַל לײַט היברידן. / כּלומרשט ייִדן / באַגרײַפֿן קוים / דעם זיסן תּענוג וואָס דאָס קען באַשערן.

~❁~

גיין, גיין, / אָבער גאַנג האָט נאָר אַ זין / אויב דער וואָס גייט / —מיט אַנדערע, צי נאָר אַליין— / ווייסט, פֿאַרשטייט / פֿון וואַנען און וווהין / זײַן קומען און זײַן ציל. / צי ער טוט עס ווײַל ער מוז, צי ווילן? / און בכלל – / וואָס איז פֿון זײַן שפּאַנען דער באַדײַט? / „וואָגל" איז אַ לך־לך, אַן אידעאַל!

~❁~

פּאַסטערס באַווײַז, צי פּרינציפּ, אַז ס׳איז ניט מעגליך, ניט פֿאַראַן קיין ספּאָנטאַן לעבן, נאָר ס׳מוז זײַן אַ רעזולטאַט פֿון אַ פֿריִערדיקס – קען מען, דאַרף מען, מוז מען אָנווענדן צו אַבסאָלוט אַלץ וואָס איז, וואָס קען זיך מאַניפֿעסטירן אין אַלע אַספּעקטן, פֿענאָמענען, קאָנקרעטע צי אַבסטראַקטע: עסענצן, סובסטאַנצן, מחשבֿות, דמיונות, אינטויִציעס, בכלל אין אַלץ. אַפֿילו די אַזוי באַגרײַפֿטע נישטיקייט איז אויך אַ רעזולטאַט פֿון עפּעס און עוואָלויִרט צו ווערן אַנדערש. זאָל ענערגיע ווערן מאַסע, וואָרט – טרוים; נוקלעאָן, אַטאָם – מאָלעקול, קרישטאָל, פֿלאַנץ צי חכם מענטש און אפֿשר געטליכקייט (האָב ניט קיין פֿאַריבל, גאָטעניו, און שטראָף מיך ניט פֿאַר מײַן אַפּיקורסות מיטן פֿאַרגלײַך) – וועט עס גאָרניט ענדערן: אַלץ וואָס איז צי קען נאָר זײַן מוז קומען פֿון עפּעס, פֿון אַן ערגעץ, האָבן אַ סיבה און גורם זײַן אַ רעזולטאַט פֿאַר אַ צווייטער.

די שווערקייט און די אויסטערלישקייט מיטן מענטש איז, אַז קודם איז ער ניט מסוגל צו באַגרײַפֿן אומענד און אייביקייט, אָנפֿאַנג און סוף פֿון עפּעס, חוץ עפּעמערישע אַספּעקטן, מעגן זיי דויערן

מיליאַרדן ליכטיאָרן. ער קען אויך ניט באַגרײַפֿן: לעבן, טאָטאַלן אומקום, געטליכקייט, אַבסאָלוטע טאָטאַליטעטן ניט אין גרויסן און ניט אין קליינעם, און ניט אין זײַנע אַמביציעס דווקא אַלץ צו װעלן באַגרײַפֿן, קענען דעם פֿונוואַנען, ביז וװ, זינט ווען, ביז ווען, ווי אַזוי, דורך װעמען, צוליב וואָס, פֿאַר וואָס ער קען טראַכטן דערפֿון און זײַן מסוגל דאָס איבערצוגעבן אַנדערע מיט וואָרט און שריפֿט אַפֿילו.

מעגן זינט טויזנטער דורות זיך לײַט גריבלען אין אַנימיזמען, רעליגיעס, וויסנשאַפֿטן, פֿילאָזאָפֿיעס – מאַטעמאַטיש, פֿיזיש, מעטאַפֿיזיש, פּאַטאַפֿיזיש, אָפֿן צי עזאָטעריש – עס העלפֿט ניט עפּעס צו דערגיין דערפֿון. אַ טראָפּן קען ניט באַגרײַפֿן אָקעאַנען, אַ פֿונק שׂריפֿות.

איינס זעט אויס צו זײַן גילטיק, נוסח בערגסאָן: ניטאָ קיין שום מעגליכע סטאַטיק. אַבסאָלוט אַלץ איז תּמיד אין עוואָלוציעס, מיט תּענוג פֿון קרעאַטיווע עקסטאַזן צי פּײַן און אַנגסט פֿון קאַטאַסטראָפֿעס וואָס צעשטערן. אָבער זײַן איז תּמיד ווערן. און ווערן קען נאָר זײַן מיט צעשטערן. דער טרוים פֿון נירוואַנאַ איז אפֿשר אַ באַגער זיך צו באַפֿרײַען פֿון אַלע כאַאָסן, פֿאַרוואַנדלונגען, אַנטאַגאָניזמען, גוטס צי שלעכטס, פֿרײַ פֿון יעדער דינאַמיק. אָבער דאָס איז אַבסאָלוט ניט מעגליך זיך פֿאָרצושטעלן אַפֿילו אין דמיון. ווי אַזוי קען אָבער זיך מאַניפֿעסטירן אַזאַ באַגער אינעם אוניווערס פֿון אייביקער באַוועגונג, מיט עוואָלוציעס, מוטאַציעס, וווּ עטעמען און נערן זיך ווערן מחשבֿות, עמאָציעס, מוזיק, ליבידאָ און ווער ווייסט וואָס נאָך?!

אידעאַליזם, מאַטעריאַליזם, טעיִזם, אַטעיִזם, דואַליזם און נאָך אַזוי פֿיל **איזמען** מיט זייערע **איסטן** – דאָס אַלץ איז זומפּ, פּלאָנטער, קנויל, כאַאָס, פֿיקציע, סאָפֿיזמאָלאָגיע, דיאַלעקטיזם מיט, מיט, מיט... עס שווינדלט אין קאָפּ! אַזוי גוט און גילטיק דער סימבאָל פֿון עץ־הדעת, וואָס איז גורם ס'פֿאַרלירן דעם גן־עדן! פֿאַר וואָס אָבער זיך גערייצט מיטן אָדם, וואָס האָט עפּעס אַ

שײַכות מיט אדמה, עפֿר-ואפֿר, און דערמעגליכט אַז אין אַ גן-עדן זאָל קענען זײַן אַן עץ-הדעת? ס'זאָלן זיך מאַניפֿעסטירן גלוסטונג און נײַגער, און דערצו אַן אַבסאָלוטע אומבאַהאָלפֿנקייט צו פֿאַרדײַען די פֿאַרבאָטענע פּרי?

אפֿשר געשעט עפּעס אינעם אוניווערס ווי מיט די עפּל וואָס רייצן דעם אַפּעטיט, לאָזן זיך קײַען און פֿאַרדײַען, אָבער אויפֿן קערן מיטן זוים האָט דער מאַגנזאַפּט קיין השפּעה ניט: דאָס פֿאַלט צוריק אַרויס אין אַן עלעמענט וואָס מיסטיקט די ערד, און עס שפּראָצט אַ נײַער עפּלבוים. ווער קען פֿאַרשטיין וואָס ס'געשעט מיטן האָמאָ-סאַפּיענזירטן חכם מענטש און זײַנע וויסנשאַפֿטן, זײַנע פֿילאָזאָפֿיעס, זײַנע רעליגיעס, זײַנע טעכנאָלאָגיעס?...

זאָלן אין אַ טערמיטן-נעסט צי אין אַ בינשטאָק זײַן ביבליאָטעקן? אינטעלעקטועלע ספּעצן? טעאָלאָגן? ניטשעאַנער וואָס ווערן משוגע פֿילאָזאָפֿירנדיק, אָדער קלעריקאַלן וואָס פֿאַרברענען לעבעדיקערהייט אַ ברונאָ? ערשט ווער רעדט פֿון קאַפּיטאַליסטישע רעזשימען מיט בערזעס, היטלעריסטישע רוצחים און סטאַליניסטישע רעוואָלוציעס צו באַפֿרײַען פֿעלקער פֿון צאַרישע טיראַניעס און זיי פֿאַרשיקן אין סיבירישע גולאַגן?

ערשט, וואָס ווילן די אַלע זלידנע מחשבֿות פֿון מײַן ביסל לעצטע יאָרן? פֿאַר וואָס מוז איך טראַכטן דערפֿון, און פֿאַרשרײַבן, און דאָס פֿאַרעפֿנטליכן אַנדערע זאָלן זיך אויך מוטשען מיט דענקעניש, אַ כראָנישע קרענק אָן שום מעגליכער רפֿואה? מוז אַן אוניווערס זײַן משוגע?

~❀~

אַ גרענעץ צו אַן אומענד, אַ סוף צו אַן אייביקייט. און אויב אַ סוף – האָט דאָך געמוזט זײַן אַן אָנהייב.

וואָס-זשע איז געווען פֿריִער?

ערשט מיט נישטיקייט – פֿון וואַנען שטאַמט אַ גאָרניט? אַ ניצוץ נישטיקייט? ממילא איז דאָך נישטיקייט אַ מאַסע.

מיר גייט ניט בלויז אין אַן ענטפֿער. נאָר כּמוז וויסן פֿון וואַנען שטאַמט די פֿראַגע און וואָס איז דער פֿרעגער אויסן! און ביי וועמען פֿרעגט מען. און וואָס וועט מען טון מיטן ענטפֿער? ערשט – פֿאַר וואָס פֿרעג איך דאָס אַלץ? פֿאַרשאָלטענער עץ־הדעת!
מיר גייט אָבער ניט בלויז אין אַ מעגליכן ענטפֿער. כ׳דאַרף וויסן: הלמאי דאָס קענען פֿרעגן.

ערשט – פֿאַר וואָס וויל איך דאָס אַלץ וויסן? ווער איז אויסטערליש: איך, צי עפּעס אינעם אוניווערס?

אוי, פֿאַרשאָלטענער עץ־הדעת!

~֍~

יוגנט, יוגנט פֿון דער גאַנצער וועלט! / נאַציעס, פֿעלקער, ראַסן און קאָלירן! / ווי לאַנג בהמות זיינען אייך נאָר געפֿעלט, / אין שעכטהייזער געלאָזט זיך נאַריש פֿירן!

ווי לאַנג נאָך וועט איר זיין אַזוי גענאַרט: / די טרוימען אייערע ווי נאַרישקייט גענומען! / אויף אייער רוף משיח תּמיד וואַרט. / רופֿט אים נאָר, און ער וועט תּיכּף קומען!

יוגנט, נאָר אַן דיר איז עס געווענדט! / ווען דו זאָלסט באמת דאָס באַגערן, / משיח תּיכּף קומען וואָלט געקענט, / וועלט זאָל קענען ענדליך דיר געהערן.

זאָלסט ניט זיין ווי עפּעס איבריקס, שלעכטס, / גוט פֿאַר אַרבעטסלאָזיקייט און דראָגן, / ווי דו געוועזן וואָלטסט ניט

אייניציק עכטס / אין אַלץ וואָס שענקען גליק קען נאָר פֿאַרמאָגן.

~֍~

זיין אַ שרייפּל אין אַ ראָד פֿון אַ וואַגאָן ביי אַ שנעלצוג – און ניט וויסן פֿאַר וואָס געדרייט זיך, פֿאַר וואָס שינעס, וואָס הייסט פֿאָרן, ווער פֿירט דעם לאָקאָמאָטיוו, ווער פֿאָרט דערין און וווהין איילט אַלץ אַזוי האַסטיק?

ערשט — ווער ווייסט צי אַ מענטש, אַ פּלאַנעט, אַ קאָסמאָס אפשר, איז ניט קוים אַ שרײַפּל אין ווער ווייסט וואָס אַזוינס, אײַלנדיק מיט אימפּעט ערגעץ ווו!!

מע דאַרף מקנא זײַן דעם שטיין וואָס ליגט און טראַכט ניט פון אַזעלכע פּראָבלעמען, אָדער אַ גרעזל וואָס שפּראָצט אין אַ ווינקל וווּ קיינער קען עס ניט צופּן.

וויל אָבער דער האָמאָ-סאַפּיענטיזירטער גולם ניט זײַן קיין שרײַפּל. ער מוז אַלץ וויסן! וואָדען! אוניווערסן זאָלן עקזיסטירן, געטער זאָלן מאַניפּולירן אומעטן און אייביקייטן, און ער, עפּעמעריש גאָרנישטל, זאָל ניט ווערן אַקוראַט אינפאָרמירט! אַ סקאַנדאַל!

פילן זיך געפאַנגען אין אַן אוניווערס און ניט קענען די ווענט און די קראַטעס פון דער תּפיסה, ניט ווי לאַנג שוין, זינט ווען און ביז ווען מ׳איז פאַראורטיילט, טראַכטנדיק דערצו פון אַ יענער-זײַט, אַ דרויסן, אַ מעגליכע פרײַהייט, אַ טענדענציעזן שופט — און דאָס אַלץ פאַר ניט-באַגאַנגענע זינד, ניט האָבנדיק געטשעפּעט קיינעם, ניט געגנבֿעט עפּעס צי באַליידיקט עמיצן.

אַזעלכע מחשבֿות זענען ווי קייטן אויף דער נשמה. ווער וויל עפּעס פון עם מענטש?

~❁~

פאַרכישופט אין געפאַנג / בײַ אַ פּערוועזער שלאַנג, / מיט תּאווה און טשיקאַווע, / האָט אַ פאַרשײַטע חווה / עפּל שיין מיט טעם / -דערין דאָך זוים מיט סם— / פאַרזוכט און — ניט צו מײַדן / / ס׳פאַרלירן דעם גן-עדן.

נסיון ניט געמיטן, / און מיר — ביז הײַנט געליטן. / אַזוי כּי טובֿ מיט שפּאַט / ווערט אויסגעלאַכט פון גאָט.

איז דען ניט אַ בזיון: / גן-עדן מיט נסיון! / און האָט עפּעס אַ זין / / אַ שלאַנג זאָל זײַן דערין!

~❁~

פֿיצל דראָט, / מיט גוטע הענט / וואָלטסטו אַ סטרונע זײַן געקענט. / אויף דיר געשפּילט – / לײַט וואָלטן עקזיסטענץ מיט תענוג פֿון מוזיק געפֿילט!

אין שטעכלדראָט / שלעכטס לײדער דיך פֿאַרוואַנדלט האָט, / פֿאַר אוישוויץ-לאַגערן, גולאַגן אין אַ צוים. / ווי געחוזקט וואָלט אַ גאָט / פֿון מענטש מיט זײַן פּערווערזן ליבשאַפֿט טרוים.

~❀~

דער וואָלף האָט ליב די שאָף; דער פֿוקס האָט ליב די הינער; די קאַץ האָט ליב די פּוטער; שאָף האָט ליב ס׳גראָז; מענטש האָט ליב ברויט מיט פּוטער, קאָטלעטן און ווײַן, ניס און ראָזשינקעס!... אַן אוניווערסאַלע ליבשאַפֿט געוועלטיקט אומעטום, מיט תענוגים און ברכות אַפֿילו. און דאָס אַלץ – מיט אַזוי פֿיל אומקום פֿאַר עפּעס צי עמיצן! אַ חרפּה פֿאַר אַ מײַסטערישן גאָט מיט זײַנע מעשׂה-בראשיתן און היפּאָקריטישע כּי-טובֿיזמען.

כ׳האָב פֿאַרגעסן: דער האָמאָ-סאַפּיענס האָט דאָך זיך אַליין אויך ליב. איז ער זיך מחיה מיט טאַבאַק, אַלקאָהאָל, דראָגן, קאָמפּלעקסן, אַמביציעס, מעגאַלאָמאַניעס, פֿאַנאַטיזמען און אַנטאַגאָניזמען קעגן עפּעס צי עמיצן.

אַז אָך און ווײ צו אַזאַ כּי-טובֿיסטישער ליבשאַפֿט!

~❀~

דער וואָס קוקט ניט, קען ניט זען; / דער וואָס האָרכט ניט, קען ניט הערן. / נאָר דאָס, וואָס איז, קען ווערן, / אַזוי הײַנט ווי תּמיד איז געווען.

אָן באַגער, עקשנות, ווילן, / גרייכן קען ניט קיינער צילן. / וואַרטסטו ס׳זאָל געשען אַ נס – / זען דײַן חלום וואָר – פֿאַרגעס!

~❀~

וואָס מע זאָל ניט טראַכטן, טון און זאָגן וועגן אַלע ווייסנשאַפֿטליך-פּראַגמאַטיש אָנגעווענדטע פֿענאָמענען, אַלע פֿילאָזאָפֿישע דאָקטרינעס ווי מע זאָל זיי ניט רופֿן: מאַטעריאַליזם, אידעאַליזם, מעטאַפֿיזיק, פּאַנטעיִזם, אַטאָמיזם, מאָנאַדיזם, ספּיריטואַליזם, מעכאַניציזם, נאַטורא-נאַטוראַנס מיט נאַטורא נאַטוראַטאַ — ווי מע זאָגט עס, דאַכט זיך, אויף לאַטייניש (מײַן מאַמע האָט קיין מאָל ניט גערעדט צו מיר אויף דעם לשון) ... רעאַליזם, פֿאַנטאַסטיק און אַלץ וואָס מע וויל צי מע וויל ניט אַרײַננעמען אין דעם, וואָס ס׳קען זיך מאַניפֿעסטירן אין אַ מענטשליכן שׂכל צי דמיון — איז דאָס תּמיד נאָר פּאָסטולאַטן, סבֿרות און השערות! אַלע אַקסיאָמען זענען עפּעמעריש. זיכערקייטן קומען אויף און פֿאַרשווינדן, ווי נײַע שפּראָצן שטויסן אַרויס פֿריִערדיקע בלעטער וואָס וועלקן און פֿאַרוואַנדלען זיך אין שטויב.

נו, און דאָס, וואָס כ׳זאָג דאָ: איז זיכער ניט אַנדערש! גילטיק פֿאַר נײַע אידעאַליזמען, מאַטעריאַליזמען און אַנדערע **איזמען**!

~❀~

קללות אויף די קעפּ און הענט / וואָס האָבן לאַכנדיק פֿאַרברענט / קינדער, אין די וויגעלער / געשאָכטן מיט די ציגעלער.

און מיט זיי צוזאַמען / דעם טאַטן מיט דער מאַמען, / די באָבע און דעם זיידע; / אַזוי די גאַנצע עדה.

קללות אויף די קעפּ און הענט / וואָס האָבן ראַטעווען געקענט, / וואָס האָבן פֿונעם מאָרד געוווּסט. / געוועז איז רוף צו הילף אומזיסט.

קללות אויף די קעפּ און הענט / וואָס האָבן באַמען מענטש געשענדט / גלײַכגילטיק צופֿרידן: / „פּטור וועלט פֿון ייִדן״.

~❀~

מיט זײַן גאַנצער חכמה איז דער מענטש ניט מסוגל צו שאַפֿן פֿיזיאָלאָגיש עלעקטריציטעט, ווי אַ לוציאָל — אַ לײַכטוואָרעם. וואָס באַווײַזט עס צו טון אָן שום דראָטן צי דינאַמאָס אָדער עלעקטראָדן. אַ מענטש קען ניט האָבן אַ נאַטירליכן קאָמפּאַס ווי פֿייגל, אָדער אַ ראַדאַר ווי אַ פֿלעדערמויז, וואָס זעט —ווי סאָוועס— אַפֿילו אין דער פֿינצטער, מיט אויגן-אַפּלען וואָס כאַפּן אויף שטראַלונגען אומגעזעענע פֿאַרן מענטש. קיין שום לאַבאָראַטאָריע קען ניט באַווײַזן צו שאַפֿן אַ פּראָטאָפּלאַזמע, כאָטש מע ווייסט גענוי פֿון וואָס זי באַשטייט! ערשט ניט צו קענען באַזיגן אַ ווירוס פֿון אַ נאָזקאַטאַר, אַ קאַנסער צי אַ סידאַ —טראָץ אַלע פֿאָרשונגען— אָדער רעאַליזירן נאַטירליך אַ פֿאָטאָסינטעז, ווי אַ גרעזל!

אַלע חושים בײַם מענטש זענען אָדער באַגרענעצט, אָדער אַטראָפֿירט, פֿאַרקריפּלט. אַ הונט הערט אַ פֿײַפֿל וואָס דער מענטש קען ניט הערן. אָבער דער מענטש שאַפֿט דאָס דאָזיקע פֿײַפֿל! דאָס איינציקע וואָס דער מענטש קען מער פֿון אַלע איז: טראַכטן, באַגערן, באַגרײַפֿן מאָראַלישע ווערטן, קריטיקירן גאָט אַפֿילו. דאָס איז אפֿשר מער אַ חולאת ווי אַ מעלה; קען זײַן גאָר אַ שטראָף!

~❀~

אָפּשײַ, כּבֿוד, רום; / רענאָמעס אומעטום;/ מיט קרענץ אַ קבֿר ציר — / דאָס אַלץ, צו וואָס דאַרף האָבן / אַז מ׳איז שוין באַגראָבן? / פֿאָסט-מאָרטעם מיליאַרדער / סטאַטועוועט אויף פּעדעסטאַלן — / דו, דאַרף ווערעם נער!

ווירטואָז, פּאָעט, / אַזוי דער סוף זײַן וועט / מיט דײַנע אידעאַלן, / יעדנפֿאַלס — פֿאַר דיר, / און ס׳איבריקע ניט מער / מיט טינט געפֿלעקט פּאַפּיר.

~❀~

קומט אַלע, לײַט, פֿון װאַנען נאָר איר זענט, / פֿעלקער, אָן שום אַסטראַציזם˙ פֿאַר קײנעם; / רעליגיעז צי װעלטליך, אַלע קומט אין אײנעם, / גענומען װי צום טאַנץ זיך פֿאַר די הענט!

דער פּלאַנעט — אײן גאָרטן, פֿון אַ זון געקומען. / איז דען ניט װי אַ בײט נאָר יעדער קאָנטינענט? / אויף זײ — מיר, כאָטש פֿאַרשײדן — אַלע בלומען, / און יעדע מיט איר שײנקײט אויגן בלענדט.

קומט אַלע, אײן משפּחה אַלץ צוזאַמען! / דעם נאָמען מענטש מיט פּײַנטשאַפּט ניט געשענדט! / װי קינדער אַלע פֿון אײן טאַטע־מאַמען, / װעלט אַ גן־עדן; ס'איז אין אײַך געװענדט!

מיט שׂכל, לאָגיק; קײנעמס שלעכטס באַגערן, / און דעם מענטש װעט תּמיד גליק געהערן!

~❀~

מאָדנע װאָס אין העברעיִש איז דער מענטש: אָדם, גענומען פֿון שורש פֿון אדמה, ערד. און אויב געזאָגט: עפֿר־ואפֿר — איז עס דאַכט זיך שטויב, אַש. ס'זעט אויס װי דער מענטש, געקומען פֿון ערד װאָס איז נאָבלדיק, קערט זיך ניט אום צו איר װי ערד נאָר װי שטויב, װי אַש, עפּעס פֿאַרברענטס. עפֿר־ואפֿר איז װי עפּעס געשענדטס, געלעסטערטס, פֿאַרשװעכטס. פֿאַר װאָס־זשע אָדם יסודו מעפֿר וסופֿו לעפֿר, ניט — יסודו מאדמה וסופֿו לאדמה?

אינטערעסאַנט אויך צו װיסן דעם ניואַנס צװישן איש און אָדם. און פֿאַר װאָס איז בײַ איש דאָ אַ מערצאָל און ניט בײַ אָדם. בײַ איש איז דאָ אישה — װײַבליך, און בײַ אָדם — ניט?

~❀~

אַרײַנגעלידלט זיך אין דער „פּאָעזיע״, איז שװער זיך אַרויסצולידלען דערפֿון. מ'איז אַרײַנגעפּלאָנטערט מיט **קאָלירן**, מיט **שטראַלן**, מיטן קונציק געגראַמטן, מאָדערניזירטן אָבער דאָך **עװיגן הערץ־שמערץ**; מע דענקט און מע בענקט, מע פֿילט, מע

טראַכט און – דאַווּאַי פּאָעטישקייט, מיט צי אָן אַ לאָגישן זין, אָבי ס׳איז ווערטיקאַל.

ווי כ׳זע, בין איך שוין אַ פֿאַרפֿאַלענער. געטראַכט צי געדאַכט, ס׳לאָזט תּמיד זיך אויס מיט פּאָנעמען, פּאָנעמענאַמאַניע מיט ריטמען, מאַרשירט, געגראַמט צי ניט: אַכטונג! סמירנאָ! מאַרש! אינס-צוויי, איינס-צוויי. און סוף-כּל-סוף? ס׳רובֿ – רעגימענטירטע פּראָזע.

~※~

פֿילאָזאָף, אידיאָט, / ניט טשעפּע זיך צו גאָט! / דו קענסט ניט, חכם, וויסן / פֿון וועמען ווערסט געשמיסן.

אויף דער צי יענער וועלט / אַ בענקל גרייט געשטעלט, / און ס׳פֿילט דער הינטן ביטער / דעם טעם פֿון פֿײַער-ריטער.

אַ גאָט ניט טאָלעראַנט / איז צו דעם אפּיקורס, / וואָס צווייפֿלט און ניט אַנט / אַז הייליק זענען תּורהס!...

הערעטיקער? עס ווערט / געצאָלט מיט שמיץ דערפֿאַר. / זײַ פֿילאָזאָף, פּאָעט, / נאָר מאַך זיך ניט צום נאַר.

ניט פֿרום זײַן איז אַ חטא / אָן מעגליכע מחילות / טראָץ לײַטס חרטה-תּפֿילות.

~※~

דער מענטש איז כּמעט טאָטאַל פֿרײַ אויפֿן פּלאַנעט, און אַ ביסל אין די ספֿערעס פֿון זײַן זון-סיסטעם. אָבער ער וועט קיין מאָל ניט ענדערן עפּעס אין די נאַטור-געזעצן: די זון וועט תּמיד אויפֿגיין פֿאַר אים אין דער זעלבער זײַט, און ער קען גאָרניט אויפֿטון קעגן סעזאָנען, ריטמען אָדער אָרביטן-סיסטעמען פֿון דער לבֿנה צי אַנדערע סאַטעליטן אַרום דער זון, שוין אָפּגערעדט פֿון גאַלאַקציעס, אָדער וויסן פֿון וואַנען ס׳קומען קאָסמישע שטראַלונגען!

ער קען אין זײַנע סבֿיבֿות צעשטערן פֿאָרמען, ענדערן אַספּעקטן,

אָבער בשום אופֿן ניט שאַפֿן דעם מינדסטן עפּעס פֿון דעם. וואָס איז דער יסוד פֿונעם באַשאַף, וויסן פֿון וואַנען דאָס שטאַמט, וואָס איז דער ציל, דער גורל, ווער צי וואָס געוועלטיקט איבער אָרט, צײַט, ענערגיעס אד״גל. ער קען נאָר אײַנס אויפֿטון מיטן אייגענעם ווילן: באַגיין, זעלבסטמאָרד אין זײַן אַספּעקט ווי אַ לעבעדיקע באַשעפֿעניש. ער קען זיך פֿאַרקריפּלען, קען ווערן משוגע און קען אָנטון צרות זיך אַליין ווי אויך אַנדערע אַרום. אָבער ער מוז אומקומען, ווי ער איז געבוירן געוואָרן: אָן זײַן ווילן. אַזוי אויך מוז ער עטעמען, זיך נערן און דערמיט עפּעס אויפֿטון, וואָס איז אַ טייל פֿון קאָסמישן פּלאַן וואָס איז פֿאַר אים פֿאַרהוילן.

ווי לאַנג ער וועט ניט באַגרײַפֿן ס׳דאָזיקע און ניט אײַנזען זײַן אָרט, זײַן ראָלע, זײַנע פֿליכטן און זײַן גורל, וועט ער זײַן אומגליקליך, לעבן מיט פּײַן און שטאַרבן מיט אַנגסטן. אַלע זײַנע ספּיריטועלע סיסטעמען, מיט זײַנע רעליגיעס, פֿילאָזאָפֿיעס זענען לעכערליך, נאַרישע פּלאַפּלערײַען, פֿיקציעס, ניט געקוקט אויף זייער השפּעה, און זיי נאַרן אים, ס׳רובֿ מיט קאַטאַסטראָפֿעס וואָס דאָס אַלץ איז גורם סײַ פֿאַר זיך, סײַ פֿאַר אַנדערע און אַלץ אַרום זיך.

ער מוז האָבן צוטרוי און דאַנקבאַרקייט צו דעם אָדער דאָס וואָס דערמעגליכט אַז ער זאָל זײַן אין ווירקליכע צי פֿיקטיווע רעאַליטעטן, און ניט צעשטערן אָדער ענדערן מער ווי נויטווענדיק צו קענען עקזיסטירן איז די בעסטע באַדינגונגען. אָבער כּדי דאָס צו קענען דערגרייכן מוז מען קומען צו איין אופֿן פֿאַרשטיין און אָנווענדן אַ ריכטיקע סעמאַנטיק, אָן שום אינטערפּרעטאַציעס און טענדענציעזע טײַטשן, ערליך, אויפֿריכטיק און אָן שום אינטערעסן צי סטראַטעגיעס.

פֿאַרשטייט זיך אַז ליידער קענען ניט זײַן קיין אוניווערסאַלע פּראַגמאַטיזמען פֿאַרן טאָטאַלן באַשאַף: שאָף און וואָלף פֿאַרשטייען אַנדערש גוטס צי שלעכטס. מוז מען נעמען אין אַכט דעם מענטשן-מין, און פֿאַרן איבעריקן זײַן ווי מעגלעך גוט

האָבנדיק אָפּשײַ און ליבשאַפֿט צו אַלץ אַרום זיך, ווי צו עפּעס פֿון דער אייגענער משפּחה!...

נאָר ווען מע וועט אָנווענדן דעם איינציק-גילטיקן טײַטש פֿאַר באַגרײַפֿן, מיט דער לאָגיק און פּינקטליכקייט פֿון מאַטעמאַטיק, אָן פּראָבאַביליטעטן און עגאָיזמען, מיט טאָטאַלער ערליכקייט און אויפֿריכטיקייט, רעזולטאַטיש ווי אַ לאַבאָראַטאָרישער עקספּערי-מענט, וועט קענען גילטן אַ גוטער לעבנס-שטייגער אין אַ נאַטירלינן סאָציאַלן סיסטעם. אַזאַ סיסטעם וועט דערמעגליכן יחידישן און קאָלעקטיוון ווילזײַן, אָן פּריווילעגיעס, עקספּלואַטאַציעס פֿון זײַנס גלײַכן, פּאַראַזיטיזמען, היפּאָקריזיעס, ציניזמען, אַגרעסיעס, טעראָרן, טיראַניעס, פֿאַרברעכנס און אַלץ, וואָס דאָס איז גורם. לײַט וועלן קענען לעבן לאַנג, גוט, טאָטאַל, מיט תּענוג פֿון קרעאַטיווע עקסטאַזן, און עקזיסטענץ וועט זײַן אַ פֿעסטיוואַל, ניט אַן אָפּקומעניש מיט פֿאָביעס, קאָמפּלעקסן, קרענק, מחלוקתן, האַס און נויט. פֿרײַהייט זאָל ניט מיינען: פֿרײַ צו מאָרדן; גלײַכהייט — גלײַך מיט וואַמפּירזם צי מיט אַ צווייטער געמיינקייט. ווי לאַנג דאָס וועט ניט געשען, וועלן לײַט זײַן אומגליקליך, סײַ די וואָס זענען רײַך ווי די וואָס זענען אָרעם, און אַלץ וועט סוף-כּל-סוף זיך ענדיקן מיט אַ נוקלעאַרער קאַטאַסטראָפֿע, וואָס וועט פֿאַרוואַנדלען דעם פּלאַנעט אין אַ טויטער ראַדיאָאַקטיווער לבֿנה.

די כּלומרשטע ציוויליזאַציעס, רעליגיעס ווי פֿרײַדענקערישע דאָקטרינעס מיט דער הײַנטיקער עטיק און עסטעטיק, מיט דער וויסנשאַפֿט, ווי אויך די היפּאָקריטישע דעמאָקראַטיעס און ליבעראַליזמען, זענען אַפֿילו ניט קיין פּאַליאַטיוון מע זאָל קענען וואַרטן אויף בעסערע צײַטן. די כּלומרשטע מאָראַל איז אַ וויסטער בלאָף. אַלע גאָט-סטראַפּטשעס מיט זייערע פֿאַנאַטיזמען לעסטערן די וואָרע געטליכקייט און פֿאַרקריפּלען געמיטער, רייצן לײַט און פֿעלקער מיט אַנטאַגאָניזמען. אַלע כּלומרשט וועלטליך-פֿילאָזאָפֿישע פּראָגרעסיווע סאָציאַליזמען זענען אַבעראַציעס, סוראָגאַטן פֿאַר וואָרער פֿרײַהייט, וואָרער

ערליכקייט. וואָרער ליבשאַפֿט. לײַט ניצן פֿאַר זייערע לאָזונגען תּורות, סימבאָלן, און זיי נאַרן, פֿאַרפֿירן פֿעלקער פֿאַר מעגאַלאָמאַנישע אַמביציעס און צו מאַכן קאַריערעס. אויסניצנדיק די נאַיִוויטעט פֿון לעקישעוואַטע מעדיאַ-מאַסעס, און מאַכן אַ לײַכט לעבן, ניט טוענדיק אַ האַנט אין קאַלטן וואַסער אַפֿילו. אַדרבא: פֿאַר זיי — כּבֿוד, רום, פֿאַרמעגן און סטאַטועס אויף פּעדעסטאַלן.

כ׳קען בשום אופֿן ניט פֿאַרשטיין ווי אַזוי דאָס קען געשען תּמיד, אומעטום, און סײַ די בהמות ווי די שוחטים זאָלן זײַן צופֿרידן. ווײַל זײַן אַ שוחט איז ניט קיין פּריווילעגירטע מיסיע פֿאַר אַן ערליכן, באַוווסטזיניקן מענטש. מיט אַ חלף קען מען זיך צעבלוטיקן די אייגענע הענט. נאָר גיי רעד מיט לײַט וואָס ווילן ניט אָנרופֿן „קאַץ" אַ קאַץ צי „הונט" אַ הונט; זיי מאַניפּולירן מאַטעמאַטיק און מאָראַל מיט פּראָבאַביליטעטן און פֿאַרשיידענע לאָגיקן, און דאָס רופֿן זיי אַן נאָרמאַלע עקזיסטענץ!

~❀~

ניט פּאָסטולאַטיש, / ניט אַקסיאָמאַטיש, / ניט פּראָבלעמאַטיש, / און כאָטש ניט וועזנטליך פּרעציז, / וועט אַפֿילו קיינער ווייסט / ניט ווער, וווּ, וואָס ער איז, / ניט ווי ער הייסט / (און מע גיט אים דאָך אַ נאָמען!) — / פֿאַרהוילן ליגט אין קאָסמאָסן ווי אין אַטאָמען, / ווי פֿאַנטעזיסטיש פֿאַרגעפֿילט, / עפּעס וואָס שפּינאָזיש תּמיד גילט.

פֿון אים אָבער — ניט לעסטערן דאָס זײַן / מיט אַ „ניט לאַכן און ניט וויינען, נאָר פֿאַרשטיין"!... / אַדרבא, וועלט, ווי גאָט / איז לויטער גײַסט, / עסענץ וואָס זיך פֿאַרוואַנדלט אין מענטש-סובסטאַנץ האָט. / וואָס ניט נאָר פֿאַרשטאַנען, / נאָר געלאַכט, געוויינט, געפֿילט — דעם מענטש דאָס גרייסט! / אַן דעם איז עקזיסטענץ ווי אָרגאַנץ צו אָנען.

~❀~

פֿראַגמענטן צײַט, ווי שטײנדלער פּיצלדיקע, פֿון פֿאַרשיידענע קאָלירן, מיט ניואַנסן אַפֿילו. רגעס, מינוטן, שעהען, טעג, וואָכן, יאָרן, און אַלץ צוזאַמען סוף־כּל־סוף אַ מאָזאַיִק: דאָ פֿרעסקע, מײַסטערווערק, און דאָ – אומגעלומפּערט (וואָס אַ הײַנטיקער מפֿונק אין קונסט פּראָקלאַמירט מיט פּאַטעטישן פֿאַרכליניען זיך וועגן נעאָ־רעאַליטעטן, סופּראַ־ווירטואָזיטעטס אד״גל).

פֿרעסקעס – כאָטש אַבסטראַקט, אָן קאָנקרעטע ממשות, אָבער תּמיד אין עמיצנס צײַט, אין יעדנס דמיון, אין יעדנס געמיט. דאָס איז בײַ יעדן איינעם זײַן אינזיכיסטישער מוזעום וואָס ער טראָגט, געוואָלט צי ניט געוואָלט, און מוז עס זען.

ווײַל איז דעם, פֿאַר וועמען ס׳דאָזיקע איז ניט קיין לאַסט, נאָר אַ תּענוג!

~❀~

חכם מענטש – שטויב קוים אַ הייפֿל: / עפּר־ואפֿר, נישטיקייט און בלאָף, / און קומט מיט געטער דיאַלאָגירן, / וועגן אומענד, אייביקייט פֿאַלעמיזירן / מיט קריטיק, מיט רעוואָלטן, צווייפֿל, / ווי ניט געוווּסט אַז סוף־כּל־סוף / וועט זײַן וועג צום קבֿר תּמיד פֿירן / אין אַנגסט און פּײַן. / און זײַן דויער זײַן / וועט ניט לוין, נאָר שטראָף.

~❀~

ניטאָ קיין שום מעגליכער אויסוועג פֿאַר אַ גילטיק מכוחהדיקער עקזיסטענץ, נאָר דויערן באַטירליך, נאָרמאַל און טאָטאַל, מיט צוטרוי און ליבשאַפֿט צו דעם צי דאָס, וואָס דערמעגליכט אַלץ מיט אים צוזאַמען זאָל קענען זײַן. ווער איז ער עס, דער מענטש, צו קענען דיסקוטירן מיט געטליכקייט, צו וועלן דערגיין סוד און ציל פֿון באַשאַף?

~❀~

מיסט, מיסט, מיסט.

דער ראַדיקאַל, דער תּוך, דער מהות, עצם, תּמצית, שורש, דער עיקר פֿון אינטעלעקטואַליזם, מיט זײַן דיאַלעקטיק פֿאַרן באַוווסטזײַן פֿון האָמאָ-סאַפּיענציזם — איז מיסט. מע געפֿינט עס אין:

אָפּטימיסט - פּעסי**מיסט** (העגעליאַנישער אַנטאַגאָניזם).

ווי אין: עקאָנאָ**מיסט** (מאַרקסיזם, היסטאָרישער מאַטעריאַליזם).

מיסטיק (רעליגיעזער ספּיריטואַליזם).

מיסטיפֿיקאַציעס, **מיסטעריעס**, **מיסטיציזם**

און אפֿשר נאָך טערמינאָלאָגיעס אין שײַכות מיט מיסט: בראָדיאַגישע קולטור, סעליניזם, שליאָך-מאָדעס, סאַרטריזם מיט עקזיסטענציעלע נישטיקייט, דראַג-אידעאַלן וואָס יוגנט געפֿינט אין מאַריכואַנעס און אַנדערע אָפּיומאַטן, קאַקאָפֿאָניע, לעטריזם-ליטעראַטור.

אַ שאָד, אַזאַ שיינעם פּלאַנעט פֿאַרוואַנדלט אין אַ מיסטקאַסטן!

ניט געפּרעגט, ווי קינדער בײַ אַ טאַטן, / כּסדר מה-נשתּנהס! / חלום! מי? / אַבי / יהי! / און נידער מיט נירוואַנעס!

אונדזער דעוויז זײַן תּמיד וועט: / דינאַמיזם, אַקטיוויטעט. / ייִד דאָס געזאָגט אַ מאָל שוין בײַ דעם סיני דאָך: / נעשׂה קודם און נשמע דערנאָך!

טראָץ צער און צאָרן תּמיד, / קינס מאָרד-פּאָגראָמען, / ייִד, ניט תּמיד תּפֿילות בײַ אַן עמוד! / ניט פֿיקציעס, צווייפֿל-פּאָסטולאַטן: / שאַף ווערק מיט הענט, און מיטן וואָרט — אַקסיאָמען.

דער מינדסטער מאָטאָר, צי אַפילו יעדע זאַך, אויב זי ווערט נאָר געפּלעגט, מע באַגרײַפֿט דאָס פֿונקציאָנירן אירס, די ניצליכקייט, מע האַלט זי ריין אָפּגעהיטן – דויערט זי לענגער, בעסער, זיכערער אין אַלע הינזיכטן און אומשטאַנדן. אַזוי איז מיט אַן אויטאָמאָביל ווי מיט מעבל, מיט אַ געבײַדע ווי מיט אַ קלייד צי שוך, און אַפילו אַ גאַס צי אַ גאָרטן אַאַזוו. דאָס זעלבע איז מיט אַ לעבעדיק וועזן בכלל און מיט אַ מענטש בפרט.

יעדער איז מסוגל צו קענען אָפּדויערן אַן עקזיסטענץ ביז טיפֿער עלטער. מע קען אַפילו מײַדן קאַטאַסטראָפֿעס און אַקצידענטן, וויסנדיק וווּ מע טאָר ניט גיין, וואָס מע מוז מײַדן, ווי אַזוי זיך צו נערן און ניט באַלעסטיקן זיך פֿיזיש און פּסיכיש מיט קאָמפּלעקסן, מעגאַלאָמאַניעס, גריזאָטעס און אַמביציעס וואָס זענען אַבסורדן. אין אַלע אומשטאַנדן און הינזיכטן זײַן האַר איבער זיך.

כ׳קען מיך דערוועגן דאָס צו פּראָקלאַמירן, ווײַל כ׳קען זײַן אַ בײַשפּיל מיט מײַן אייגענער עקזיסטענץ.

~❁~

באַוווסטזיניק, טראָץ צער און צאָרן, זײַ, / דו, שקלאַף פֿון יעדן גושן, / מיט יאָך און קייט פֿאַרשאָלטן – / אַ יאָ צי ניט געוואָלטן. / מוזסט, צו קענען ווערן פֿרײַ, / זיך ווענדן תּמיד צו אַ משהן.

מיט אים, און נאָר מיט אים געקענט / אין מדבר גיין צו סיניס באַרג, / דורך וויסטענישן צו אַ סיני טריט געווענדט, / אַפילו ווען אַ ים געשפּאָלטן / און פֿאַר דאָרשטיקע אין פֿעלדז געזוכט אַ קוואַל. / ווײַל פֿרײַהייט איז דײַן אידעאַל. / דער, וואָס פֿון טעפּ מיט פֿלייש נאָר קלערט / די פֿרײַהייט איז ניט ווערט, / און זי איז אים קיין מאָל ניט באַשערט.

~❁~

קענען רעדן איז ניט גענוג: מע דאַרף אויך האָבן עפּעס צו זאָגן און עמיצן וואָס וויל דאָס הערן. דער בעסטער סטראַדיוואַריוס איז אָן שום ווערט אויב ס׳איז ניטאָ עפּעס צו שפּילן און, פֿאַרשטייט זיך, עמיץ וואָס זאָל עס קענען טון. אויב פֿאַראַן דערצו אַ ווירטואָז, איז דאָך ערשט אַוודאי גוט! בלויז דאָס קענען רעדן יִידיש איז ניט גענוג. שפּראַך איז נאָר אַן אינסטרומענט אין ·עמיצנס הענט. מע דאַרף קענען עפּעס טון דערמיט.

~❀~

אויב איז אַ וועלט מיט שלעכטס פֿאַרשאָלטן, / געשלאָסן יעדער תּפֿיסה-טויער; / אומשולדיקע באַפֿרײַען אַנדערש קען מען ניט – / איז, אָן שום באַדויער, / מיט קראַך פֿון דינאַמיט / צעשמעטערט װענט, / באַפֿרײַט פֿון קייטן הענט; / צעשטערט ווערן זאָלן צוימען / פֿון די, וואָס האָבן נאָר געקענט / פֿון פֿרײַהייט טרוימען, / און ניט געווען מסוגל צו רעוואָלטן! / געדענקען, וויסן מוזן לײַט / אַז פֿרײַהייט קען מען ניט מיט רייד באַקומען; / מע האָט נאָר דאָס, וואָס ווערט גענומען. / זע פֿאַר דיקטאַטאָרן דעם באַשייד / פֿון עוואַנגעליעס צי אַ קאָראַנס אַרגומענט! / אין-ברירה: קאַמף, אַפֿילו מיט באַדויער. / וועלט נאָר אַזוי פֿון שלעכטס קען זײַן באַפֿרײַט.

~❀~

אין דער פֿילאָזאָפֿיע און אין דער וויסנשאַפֿט, מיט זייערע אַרגומענטן, סענטענצן, אַקסיאָמען, עקספּערימענטן – פֿעלט דער שמייכל. אַלץ איז אַזוי ערנסט, אַז ס׳נודיעט מיט דער קאַלטער לאָגיק, עס פֿרירט מיט מאַטעמאַטיק. פֿאַר וואָס וואַרעמען זיי ניט זייער חכמה בײַ דער חסידישער מיסטיק? אַ פֿילאָזאָפֿיע מיט געזאַנג! אַ וויסנשאַפֿט מיט אַ שמייכלבליק! ווי דערלעבט מען אַזוינס?

~❀~

ווי אַ דראָענדיקע שפּאַרבער-סטײַע, / ווערטער, פּראָזן מיט געשנאָבלטע פּאָנעמער / טשאַטעווען אויף דעם פּאַעט. / ווי נאָר אויספּיקן זיך אַ מחשבֿה וועט, / באַפֿאַלן זיי עס באַלד, צוזאַמען, / מיט רעטאָריק, מעטאַפֿאָרן, עלאָקווענץ, / מליצה מיט דיאַלעקטיק, גראַמען, / פֿאַרוואַנדלען אין אַ טעמע / געשענערט און דערגענצט, / און סיוורט אַ פּאָעמע.

די מחשבֿה – אין אַספּעקטן נײַע, / אַזוי אַז דער מחבר / דערקענט ניט מער זײַן לאָמור און וידבר, / און וויפֿל נאָר ער זאָל דערפֿון ניט לײַדן – / ער וועט שוין פּלוידערײַען צי איכיזמען / מיט ניין מאָס רייד ניט מײַדן, / און זײַן אַ תּירוץ פֿאַר עסטעטישע סנאָביזמען.

~❁~

דער מינדסטער קערן אין אַ ציגל טראָגט די אַחריות פֿאַר דער גאַנצער געבײַדע. דער מינדסטער טראָפּן – פֿאַרן גאַנצן אָקעאַן. דער מינדסטער מענטש –און אפֿשר אויך אַנדערע באַשעפֿענישן– פֿאַר דער גאַנצער ביִאָספֿערע. און אפֿשר פֿאַר דעם זונסיסטעם, דער גאַלאַקציע, דעם אוניווערס...

מענטש! שטעל ניט גאָט אין געפֿאַר מיט דײַן אויסטערלישער עקזיסטענץ!

~❁~

דמיונט זיך אַ טעמע / געלירעקט מיט געדאַנק, / און אָט וועט / בײַם פּאָעט / ווערן אַ פּאָעמע – / פֿון מוזעס אַ געשאַנק.

קומען ווערטער, רייד / מיט ריטמישע פּאָנעמער / אָדער סתּם / מיט אַ גראַם, / און בײַם רובֿ פּאָעמען / צעדרייען דעם באַשייד.

און אַזוי, בכן, / פּאָעטעווע אַרײַן, / פּאָעטעווע אַרויס – / מיט אַ לידל לאָזט דאָס אַלץ זיך אויס.

~❁~

זײַן אָדער ניט זײַן? דערצו, ניט גענוג איין האַמלעט? קודם, איז זײַן אָדער **ניט זײַן** ניט קיין פּראָבלעם. צו קענען דאָס פֿרעגן, איז מען דאָך שוין. מע קען זאָגן: **ניט זײַן מער**, אָבער בשום אופֿן **נאָך ניט זײַן**. „מ׳איז שוין" איז אַן עקזיסטענציאַליסטישער פֿאַקט, מיט צי אָן סאַרטריזם אָדער היידעגעריזם.

מע קען נאָך פֿרעגן: וואָס איז מען? צי איז די וועלט ווערט מײַן זײַן, אָדער בין איך ווערט די וועלט? איז מײַן עקזיסטענץ אַ זכיה? אַ שטראָף? אַ לוין צי אַן אָפּקומעניש? קען איך עפּעס טון, מײַן זײַן זאָל ווערן תּענוג פֿאַר מיר זעלבסט און אַנדערע, אָדער אַ מין פּעסט-און-משוגעת-מיקראָב צי -ווירוס, וואָס קומט צעשטערן פֿיזיש, פּסיכיש און מאַטעריעל אַ פֿענאָמען מענטש?

וואָס איז דאָ מיט ציל און פֿליכטן? מע דאַרף אַ סך שעקספּירס פֿאַר די אַלע פּראָבלעמען, און האַמלעט, ווײַזט אויס, איז מיד און נירוואַניש, שוין ניט מיט אַלעמען...

~❀~

פֿאַר ליגנער, משוגעים נאָר אַ קאָקטעל-אידעאַל: / האָניק אין געמיש מיט גאַל, / זאַפֿט פֿון ציבעלעס און כריין / צוזאַמען מיטן טרויבנווײַן.

וואָר מיט שקר; גוטס און שלעכטס; / מאַמעס וויגליד, גסיסה-קרעכץ; / ערליכקייט – מיט היפּאָקריטן; / צאַרטע ליבשאַפֿט רוצחימס זיטן.

ניט קיין פּשרות, / קיין דילעמעס: / גילט ניט אמת – / גילטן צרות!

~❀~

גאָט מוז זײַן פֿולקום? וואָס איז: פֿולקום? ווער קען שאַפֿן קריטעריעס דערפֿון?

איין קאָסמיש געזעץ פֿאַר אַלץ און אַלעמען. ווערק און

מײַסטער – איינס. מענטש ווי גאָט, גאָט ווי מענטש – עפּעס דערפֿון. בכן קען גאָט...

כ׳האָב מורא דאָס צו שרײַבן. ווער ווייסט צי כ׳זינדיק ניט און וועל ווערן געפּיצקעט דערפֿאַר. און טאָקע, ווער ווייסט? הלמאי ריזיקירן מיט אַ גיהנום? אַרויס מיט אַ געזענקטע נשמה איז ניט פֿויגלדיק!

אַז מע זעט ווי אַזוי דער צלם-אלהים פֿירט זיך דאָ אונטן, ווער ווייסט וואָס ס׳קומט פֿאַר ערגעץ אַנדערש, דאָרט אויבן, מיט זײַן עקסעלענץ דעם רבש״ע אַליין!

~❁~

נשמה, גוף – אַספּעקטן צוויי / דעם זעלבן תּוך געהערן./ איינס פֿונעם צווייטן קיין מאָל פֿרײַ / נאָר צוזאַמען קענען פֿולקום ווערן.

דאָס מוז זײַן דער אידעאַל / פֿאַרן יחיד, פֿאַרן כּלל. / ווען ניט – איז לעבן ניט כּדאַי.

~❁~

דעם ווײַנגאָרטן נאָר לויב, / וואָס תּמיד באַגערט / אַז אין יעדן ענגלס טרויב / זאָל תּמיד זײַן / אַ גוטער, בײַער ווײַן.

ווײַל איז דעם פֿאָלק וועמען אַזאַ ווײַנגאָרטן געהערט. דעם נמשל קען מען ווי מע וויל פֿאַרשטיין.

~❁~

ווי אַזוי קענען לײַט, וואָס מע האַלט פֿאַר קינסטלער-ווירטואָזן נוסח שאַגאַל, פּיקאַסאָ, דזשיאַקאָמעטי, צעזאַנ און אַזוי פֿיל אַנדערע, זיך דערלויבן צו ענדערן דורך פֿאַרקריפּלונג די נאַטירליכע פֿאָרמען, אַספּעקטן פֿון עפּעס? האַלטן זיי זיך פֿאַר גרעסערע מײַסטערס פֿון דעם, וואָס דערמעגליכט אַלץ זאָל זײַן?

אינטערפּרעטירן מאָמענטן ווען עפּעס דערשײַנט ניואַנסירט. פּיזיש דורך חושים צי פּסיכיש דורך עמאָציעס -- יאָ. נאָר אַלע ניואַנסן קען מען געפֿינען אין אַ וואָלקנשפּיל בײַ זונפֿאַרגאַנג, אין די פּריזמען פֿון אַ טראָפּן־טוי און בכלל אין אַלץ וואָס אַנטפּלעקט זיך פֿאַרן אויג און אַלע הינזיכטן, תּמיד, אומעטום. פֿון אַ פֿלאַטערל צי אַפֿילו אַ סידאַ-ווירוס ביז אַ רעגן-בויגן. אַ שמייכעלע פֿון אַ קינד, אַ ריר פֿון אַ קעצעלע צי אַ מיידל חן. אַ בלום צי אַ באָבאַב, אַ הײַפֿיש צי אַ טויב, און וואָס ניט!

גענומען זיי אויסבעסערן, און ס׳קומען אַרויס פֿאַרזעעניש, קריפּלען, אידיאָטיזמען וואָס זיי רופֿן עסטעטיק...

דאָס בלויזע קענען טראַכטן, זאָגן, שרײַבן עפּעס, אינטויִטיוו צי דיסקורסיוו, איז אפֿשר פֿאַר אַנדערע אַ פּאָסטולאַט, אָבער פֿאַר מיר — אַ גענוגנדיקער באַווײַז פֿון געטליכער עקזיסטענץ. און ניט נאָר אַ ווירטועלע עקזיסטענץ, נאָר מיט אַ ליבשאַפֿט וואָס מאַניפֿעסטירט זיך מיט דער פֿרײַהייט אויפֿן פּלאַנעט און די מעגליכקייטן צו ענדערן כּמעט אַלץ אַרום זיך, צו קענען געניסן פֿון קרעאַטיווע עקסטאַזן, צו פֿילן תּענוגים און מער נאָך – צו קענען קריטיקירן דעם באַשאַף, ווי אַ מײַסטער וואָס דערמעגליכט אַז זײַן ווערק זאָל אים קענען פֿאָרוואַרפֿן הלמאי ס׳איז ניט פּערפֿעקט! ער קען אַפֿילו זײַן אַן אַטעיִסט!

זאָלן לײַט אָנרופֿן די דאָזיקע געטליכקייט מיט פֿאַרשיידענע טערמינאָלאָגיעס, אָבער קיינער קען דאָך ניט לייקענען אַז מיר זענען דאָ אין אַ רעאַליטעט, באַגרײַפֿט מיט חושים אַפֿילו.

אָן גילטיקע מחשבֿות / איז שרײַבערײַ אַפֿילו ניט קאַטאָוועס, / ווײַל אויך אין קאַטאָוועס פֿון שלום-עליכם צי מאַרק טווען / געפֿינען יעדער אַ מחשבֿה קען, / בכן, / מוז אַפֿילו אין קאַטאָוועס זײַן / געדאַנק און מיין.

געפֿינסטו ניט דערין / עפּעס גילטיקס מיט אַ זין, / איז דאָס גאַנצע שרײַבערײַ אַ גאָרניט. / אַזאַ מחבר שאַפֿן ביכער טאָר ניט, / און די בעסטע זאַר / פֿאַר אַזאַ פּאַרשוין איז זוכן זיך עפּעס אַ פֿאַך.

~❀~

געגאַנגען צי געלאָפֿן, געפֿאָרן אין אויטאָמאָביל צי געריטן אויף אַ פּעגאַז — האָט אַ מחבר עפּעס צו זאָגן, מוז עס זײַן אויסגעהאַלטן, וואָר, קלאָר, לאָגיש באַרעכטיקט, און איידער וואָס און ווען מוז זײַן דערין אַ מחשבֿה.

ליריק, אינספּיראַציע, מוזע-מעדיומיזם, פּאָעטישע ליצענץ צי פֿרײַע רעטאָריק — דאָס אַלץ איז סאָפֿיסטישע אַקראָבאַטיק און געשפּילט זיך מיט פֿאַנעמען צו קענען שאַפֿן פּאָעמען, ווי אַ קונצן מאַכער וואָס ציט סטענגעס פֿון דער נאָז, צי וואַרפֿט און כאַפּט פֿלינק פֿראַזע-באַלעמס, און אַז ער וויל — מיט אַ קאָזשעליק עמאָציע-גראַם. ווען ניט - איז געצויגן עלאַסטיש טעקסטן אין דער לענג, ווײַל פּאָעזיע מוז זײַן ווערטיקאַל!

אַ גילטיקע פֿרוכט מוז, חוץ שיין און רײַף זײַן, האָבן אַ קערן מיט זוים דערין. אַזוי איז מיט אַ לאָגישער מחשבֿה, אַפֿילו ווען עמאָציאָנעל פֿאַר אַ מחברס ווערק.

~❀~

ווויל דעם מענטש וואָס האָט / מיט זײַן עקזיסטענץ געמיטן / מיאוסקייט, שלעכטס; / קיינער דורך זײַן שולד האָט ניט געליטן / פֿון עפּעס וואָס זאָל גורם זײַן אַ זיפֿץ צי קרעכץ. / געלאָזט מיט זײַן פֿאַרשווינדן נאָר באַדויער, / און פֿאַר זײַן נשמהס קומען צוריק צו גאָט / איז אָפֿן ברייט פֿאַר אים גן-עדנס טויער.

~❀~

אוטאָפּיע, אַבסורד, פֿאַנאַטיזם, אילוזיע, בטלנות, סתם משוגעת... זאָלן לײַט עס באַצייכענען ווי זיי איז ליב און ניחא – איך טו ס׳מײַניקע און חלום אויף דער וואָר מיט מײַן אידעאַל פֿון אַ גילטיקער עקזיסטענץ פֿאַרן מענטשן־מין אויף אונדזער פּרעכטיקן פּלאַנעט, אין אַ סימביאָז מיט דער ביאָספֿערע, מיטן אוניווערס און מיט דעם צי דאָס וואָס איז פֿאַר מיר גאָט. ווי ס׳זאָלן אים ניט אָנרופֿן צי באַגרײַפֿן אַנדערע לויט זייערע השגות.

~۞~

יעדער אות, / יעדער פֿאָנעם, / יעדער קלאַנג, / יעדעס וואָרט – / פֿאַרמען לײדיקע פֿון ליים, שטאָל צי גאָלד.

ווען דײַנע ליפּן באַוועגן זיך, / ווען דו זאָגסט עפּעס, / טראַכטסט אַ מחשבֿה, / דײַן האַנט באַוועגט די פֿעדער – / פֿילסטו זיי אָן / מיט עפּעס פֿון דײַן נשמה, / מיט עפּעס פֿון דיר זעלבסט.

זאָלן פֿאָרם מיט תּוך / זוכה זײַן איינס ס׳אַנדערע.

~۞~

וויל איז דעם, אין וועמען ס׳ליגט פֿאַרבאָרגן / דער ווילן פֿון אַ מענטש אַ וואָרן, עכטן, / צו קענען הײַנט שוין דעם באַגערטן מאָרגן / פֿאַרוואַנדלען אין אַ תּמיד שײנעם נעכטן.

עסטעטיש אַלץ פּלאַנירט מיט זין און האַפּט, / און מיט אַ ציל אַ פּינקטלין־אַנגעווענדטן, / שאַפֿט מיט תּענוג פֿון די טעג־פֿראַגמענטן / זיך אַ פּרעכטיקער מאָזאַיִק – דויערשאַפֿט.

~۞~

לויט די היפּאָטעזעס פֿון די נעאָ־ספּיריטיסטן, און עקספּערימענטירט דורך פּראָמינענטע ערנסטע ווײסנשאַפֿטלער: פֿיזיקער, מעטאַפֿיזיקער, פּאַטאַפֿיזיקער, אַזוי אויך אין דיסציפּלינען פֿון פּסיכאָלאָגן, פֿיזיאָלאָגן און נאָך אַנדערע לאָגן –אפֿשר אויך פּאַטאָלאָגן– וכ׳האָב עס געלייענט אין אַ שיינער

צײַטשריפֿט. וואָס איז ווײַט פֿון מאַרק־טווענים צו פֿון שלום־עליכמען), קענען זיך מאַניפֿעסטירן יענע־וועלטיקע נשמות. פֿון געשטאָרבענע פֿאַרשטייט זיך, אָבער דאָס קען געשען נאָר אין דער אָנוועזנהייט פֿון אַ קרובֿ צי אַ פֿרײַנד. מיט זײַן פּסיכיזם ווירקט ער אויף די אַרומיקע, און ס'דערשײַנט דאָס, וואָס ער וויל זען. דאָס קען אָבער אפֿשר באמת געשען, ווײַל — ווער ווייסט וואָס ס'טוט זיך אין דער ספֿערע אין וועלכער ס'מאַניפֿעסטירט זיך דאָס, וואָס מיר רופֿן לעבן און טויט?

אַ פֿיש שווימט אין וואַסער. האָט ער אַן אָנונג פֿון דער פֿאָרמולע O H2? פֿון פּאַרע, וואָלקנס, אײַז, שניי, רעגנס, האָגל, רעגן־בויגן, פּריזמעס אין אַ טראָפּן טוי, צי פֿון אַ געמיש מיט עפּעס, אָדער אַז אַ באַשעפֿעניש קען באַשטיין פֿון 70 % וואַסער, און אַן אוגערקע — פֿון 95 %?! ווייסן מיר דען וואָס ס'קען אַלץ פֿאָרקומען מיט צי אין אונדזער סבֿיבֿה, צי עפּעס באַפֿרײַטס פֿון גופֿים־שאָל איז ניט ווירטועל דאָ מיט אונדז, לעבן אונדז און אַפֿילו אין אונדז — דורך מחשבֿות, אינעם דמיון, אינעם זכּרון? אַן אינטענסיווער באַגער פֿאַרוואַנדלט אפֿשר עפּעס דערפֿון אין אַ וויזועלער רעאַליטעט, צי אין אַ ספּיריטועלן עפּעס וואָס איז ניט מאַטעריאַליזירט.

וואָרשײַנליך איז דאָס, וואָס מיר רופֿן ראַציאָנעל, ממשות, קאָנקרעט נאָר אַן אַספּעקט, וואָס מאַניפֿעסטירט זיך עווענטועל פֿאַר חושים, אָבער בלײַבט פֿאַרהוילן מיט אַנדערע אייגנשאַפֿטן, און נאָר אין געוויסע מאָמענטן קענען אפֿשר טאַקע זעלטענע לײַט אינטויִטיוו צי מעדיומיש פּראָוואָצירן אַ געשעעניש, וואָס זאָל פֿאַר נאָרמאַלע לײַט אויסזען פֿאַנטאַסטיש, אילוזאָריש. צי אַנדערש נאָך וואָס איז מיט אינספּיראַציעס? טעלעפּאַטיע? פֿאָרגעפֿיל, און חלומות אַפֿילו? מײַן מוטער האָט זיך אַ מאָל אויפֿגעכאַפּט אין מיטן נאַכט מיט אַ געוויין. אַ שוועסטער, אפֿשר טויזנט קילאָמעטער ווײַט פֿון איר, איז געשטאָרבן פּונקט אין דעם זעלבן מאָמענט, דרײַ אַ זייגער פֿאַר טאָג. ווי אַזוי דאָס דערקלערן?

א שלוכצנדיקער קדיש צי אַן אל-מלא נאָר. / ערגעץ הינטער אַ בית-עולמס פּלויטן, / צי אַ רעקוויעם מיט אָרקעסטער און אַ כאָר — / וואָס פֿאַר אַ שייַכות האָט עס מיטן טויטן?

ווי אַזוי זאָל ער דערפֿון אַן אָנונג האָבן, / זייַענדיק באַגראָבן? / נאָר כליפּענדיק אַ שטיל געוויין / קען דער, וואָס בלייַבט אַליין / עפּעס פֿון טויט פֿאַרשטיין.

~❀~

אלץ ווערט געשאַפֿן מיט תּענוג; אַלץ ווערט געבוירן מיט יסורים.

אַ באַשעפֿעניש מוז צעשטערן אייערשאָל צו ווערן פֿרייַ פֿאַר מעגליכער עקזיסטענץ. קען זייַן אַז דאָס איז גילטיק פֿאַר אַ ווערעמל אין כריזאַליד ווי פֿאַר אַ קינד אין מוטערטראַכט. און אפֿשר איז דאָס גילטיק ניט נאָר אין פֿיזישע, נאָר אויך פֿאַר גייַסטיקע פֿענאָמענען, און אַלץ מיט באַשטימטן דויער, באַגרענעצט אין צייַט ווי אין אָרט.

אַזוי איז אפֿשר אויך ניט נאָר מיט עפּעס. אין דער ביִאָספֿערע, נאָר מיט וועלטן, אוניווערסן. אפֿשר האָט אַ גאָט געפֿילט דעם תּענוג אין קאָסמישע אָרגאַזמען, און מיר פֿילן די לײדן פֿון עפּעס וואָס ווערט געבוירן? ס׳דויערט מיליאָנען יאָרן לאַנג? ווער ווייסט צי בייַ אַ גאָט איז דאָס ניט בלויז אַ רגע, אַ מינוט!

וואָס זענען מיר, עמפּינדליכע לייַט מיט אַ דענקענדיק באַוווסטזייַן: דער כריזאַליד? די שאָל פֿונעם איי, צי דאָס וואָס רייַפֿט דערין? רעזולטאַט פֿון גאָטס שעפֿערישע עקסטאַזן, צוקונפֿטיקע געניאַלע באַשעפֿעניש — צי פּשוטער אָפּפֿאַל, פֿאַרוואַנדלט אין שטויב?

~❀~

א מעגאַלאָמאַן מיט שׂכל, לאָגיק ווייסט / וואָס באַרימט זייַן הייסט, / און ער ניט וואַרטן וועט / ביז ליגן שוין זינט לאַנג באַגראָבן / צו האָבן אַ סטאַטוע אויסגעדלאָטעט פֿון אַ שטיין! /

ווי לאַנג געקענט – קריכט ער אליין / אַרויף אַז צערעמאָניעס אויף אַ פּיעדעסטאַל, / זאָל עס אַפּילו זײַן / אין אַ געסל ערגעץ ווו, העט-העט... / פֿאַרשטייט זיך אַז דער אידעאַל / איז אַ מעטראָפּאָליע, אַ בולוואַר, / אַ הויפּטפּלאַץ צי אַ סקוואַר / וואָס ער מיט זײַן נאָמען גרייסט.

וואָס? ווי לאַנג געלעבט דאָס גליק ניט האָבן / צו זען זיך זעלבסט –ניט אָבי ווער, / נאָר דער און דער: / קינסטלער, פֿילאָזאָף, פּאָעט– / געשטאַנען גלײַך, צי אויסגעשטרעקט אַ האַנט!

קען זײַן, אַ מאָל / זיך אַ פֿויגל אויף זײַן קאָפּ אַ שטעל טון זאָל, / און מיר-ניט דיר-ניט – מיט אַן עפּעס אָנגעמאַכט, / ווי דעם פּרעסטיזש פֿון אַ בעל-גאווה אויסגעלאַכט. / אָבער מיט אַ רעגן ווערט אַלץ אָפּגעשווענקט.

נו, אדרבא, ווער ניט אַנט / וואָס ס׳שטיין אויף פּיעדעסטאַלן פֿאַר אַן עונג שענקט!

~❀~

אַן אָפּגעשפּיגלטע צווייַ איז אַ פֿיקטיווע פֿיר. היט זיך אויב צו קויפֿן מיינסט עפּעס מיט איר.

דאָס קען זײַן גילטיק פֿאַר אַ סילאָגיזם מיט אַ סך באַגערן, אידעאַלן און ווער ווייסט וואָס נאָך. געדענקען אויך אַז אין אַ בייגל, גרעסער פֿונעם טייגל תּמיד איז דאָס לאָך.

בכן אין אַלע אומשטאַנדן, פֿאַר אַלע פּראָבלעמען, נעמען אין אַכט דאָס ווירקליכע, מאַטעריעלע, ווירטועלע און זיכערע; ניט בויען אויף פֿונדאַמענטן פֿון ווינט צי דמיונות. געדענקט דעם אלה תּולדות אהרן – שפּיגלען תּמיד נאַרן.

~❀~

געשריבן ווי מיט דינאַמיט; / מחשבֿות – מעליניט; / אַרגומענטן – פּלאַסטיק און שעדיט. / מיט מעשׂים. זין / ווי ניטראָגליצערין!

אויב פֿאַרן בן-אָדם ענדערט עקזיסטענץ זיך ניט – / איז נוקלעאַריש אויפֿגעריסן / דעם משוגענעם פּלאַנעט! / אַזוי נאָר אפֿשר וועט / אַ גאָט. וואָס וואָרשײַנליך איז דאָר פֿאַראַנען. / זיך פֿון באַשאַפֿס כּי-טובֿ דערמאָנען. / און ווי באַגערט זאָל לעבן זײַן / אָן אַנגסט און פּײַן. / אָן שלאַנגען-נײַגער. רייץ עפּעס פֿון עץ-הדעת צו וויסן. / און מיט מעגליכקייט פֿון אַ גן-עדן צו געניסן.

~❁~

ניט לעסטערן געטליכקייט מיט רעליגיעס! מאָנאָטעיִזם. פּאָליטעיִזם. פּראָפֿעטיזם. הילליזם. פּאַנטעיִזם. מאַרקסיזם. אַטעיִזם...

אַזוי אויך מיט וואָרער ייִדישקייט. ניט סוראָגאַט פֿון פֿרײַהייט. גלײַכהייט. ליבשאַפֿט. נאָר דאָס אַלץ לאַסעריזירט. באַפֿרײַט פֿון היפּאָקריטישער סעמאַנטיק. טענדענציעזע אינטערפּרעטאַציעס. און באמת. ערליך. אויפֿריכטיק אָנגעווענדט אָן באַדינגונגען צי פּריווילעגיעס. צו אַלץ און צו זיך: אָן ציניזמען. עגאָיִזמען און ווער ווייסט וויפֿל **איזמען** פֿון פּערוועזע **איסמן**. ווי לויטער גאָלד באַפֿרײַט פֿון גרודעס. געשליפֿענער ברילאַנט פֿון רויען דימענט.

דאָס וועט זײַן אַ מאָל די וואָרע פֿרומקייט צו אַ קיין מאָל ניט באַגרײַפֿטן גאָט. מיט אָפּשײַ. צוטרוי און טאָטאַלע דאַנקבאַרקייט און ליבשאַפֿט צום באַשאַף. פֿאַרן זוכה זײַן צו לעבן.

~❁~

אַזוי פֿיל נאַיִווע .O.K-לײַט ניט אַנען / וויפֿל וואולקאַנען / אויף אונדזער פּלאַנעט / זענען. דרימלענדיק דערווײַל. פֿאַראַנען. / וואָס וועלן אומגעריכט אַ מאָל דערוואַכן / פֿונעם

טעלורגישן קאַשמאַר. / צעטרייסלען אַלע אייבערפלאַכן. / פון די באַשמוצטע ערד און אָקעאַנען. / פון דער מגיפה „לעבן" צו באַפרייַען / ענדליך פון אַזוי פיל שלעכטס די וועלט. / מיט אַלע אַנגסטן, היפּאָקריזיעס, מערדערייַען. / ווי מיט דעם, אַז צו קענען זייַן און ווערן / איינעמס עקזיסטענץ זאָל מיט אַ צווייטנס נאָר זיך מוזן נערן.

לייַט באַגרייַפן ניט אַז ס'ליוערט ערד / ־פאַרבאַרגן נאָר דערווייַל־ מיט געפאַר. / און קראַטעריש מיט לאַווע־פייַער / אַז אויפרייַס קומען קען, אַן אומגעהייַער. / און רייניקן פון מיאוסקייט וועט / אַ גאָט וואָס זייַן געלעסטערטן כי־טוב באַדויערט.

ניט תמיד זייַן געשיצט וועט קין! / ניט תמיד זייַן געשענדט דער צלם־אלהים! / היט זיך, לייַט, דער רוף פון אים / קומען קען מיט וואָרט פון אַ פּאָעט.

אַלרייַטניקעס „פון אומעטום! טשיקאַווע / ווי איר ניט פילט, אַז סימפּטאָם דערפון קען זייַן / אַ ברויז אויף קאָנטינענטנס מענטשן־לאַווע. / פאַרביטערטע אין פייַן.

~❀~

גוט צי שלעכט געפידלט, / חכם, לץ צי כאָם — / אַ לעבן אָפּגעלידלט, / פאַרתכלעוועט מיסתם.

מיט מי אַרויסגעוואָרפן / אַן עקזיסטענץ פאַרשפּילט, / פון קיינעם ניט באַדאַרפן. / דאָס אַלץ צו וואָס־זשע גילט?

איז זייַן דען אַ קאַטאָוועס? / איז לידלען תמיד גליק? / דאָס פרעג דעם מלאך־המוות. / זייַן ענטפער איז: „כיק־כיק"!

געווענדט זיך ווו? צו וועמען? / די קאָסע קורץ און שאַרף / באַשיידט אַלע פּראָבלעמען / ענדגילטיק, ווי מע דאַרף.

~❀~

ס'איז דאָך ניטאָ קיין צווייפל אַז די פיזיאָלאָגיע האָט אַ השפּעה אויפן פּסיכיזם, און דער פּסיכיזם אויף דער פיזיאָלאָגיע. ביידע זענען געקניפּט און געבונדן. אַ פאַרדראָס, אַ שלעכטע נײַעס שטערט ס'פאַרדײַען און דעם שלאָף. און אַ שלעכט פאַרדײַען איז גורם שלעכטע מחשבות מיט שלעכטע פילאָזאָפיעס... מעשים און מחשבות זענען צוויי זײַטן פון דער זעלבער מטבע.

אויב דאָס פיזישע און ס'גײַסטיקע זענען אַזוי אייניק בײַם מענטש, טאָ פאַר וואָס ניט אינעם באַשאַף – פאַר וואָס זאָל אַזוי ניט זײַן אינעם אוניווערס, דאָס זעלבע אין אַלע אַספּעקטן, דימענסיעס, פאָרמען, עסענצן און סובסטאַנצן; אַלץ איז דאָך נאָר אַן אַספּעקט פונעם אוניווערסאַלן עלעמענט „לעבן". וואָס מאַניפעסטירט זיך אין אַן אַטאָם ווי אין אַ גאַלאַקציע, אַן אַמיב צי אַ חכם מענטש.

בכן, ניטאָ קיין אונטערשייד צווישן ענערגיעס, סובסטאַנצן, עסענצן און ווער ווייסט וואָס נאָך אַזוינס. די זעלבע געזעצן גילטן אומעטום. די זעלבע סיבות זענען גורם די זעלבע רעזולטאַטן.

דאָס קען גילטן ווי דער עקזיסטענציעלער סיסטעם פאַר אַלץ וואָס מ'איז מסוגל צו טון און טראַכטן. איז קודם אָנווענדן מעטאָדיש די לאָגיק צו זיך אַליין, מיטן אייגענעם לעבנס-רעזשים. דאָס זעלבע מוז גענומען ווערן אין אַכט סאָציאַל, און אַפילו עקאָלאָגיש. מיר זענען עפּעס אין דער בײַאָספערע, וואָס איז ווי אַן אָרגאַניזם. איז עפּעס ניט בסדר, ניט נאָרמאַל – לײַדט דער גאַנצער אָרגאַניזם, און אפשר לײַדט דערמיט דער אוניווערס! ווער ווייסט צי ס'איז ניט אַזוי?

ניט אַטראָפיע, ניט היפּערטראָפיע אין קיין שום הינזיכטן, אין קיין שום אומשטאַנדן! גענומען אין אַכט אַז ס'גאַנצע באַשטייט פון פראַגמענטן. פעלט אַ שטיינדל אין דער מאָזאַיִק: איז די מאָזאַיִק ניט פולקום, ניט טאָטאַל מיט אַלעמען.

ניטאָ קיין יחסנות, קיין פּריווילעגיעס, קאָנסעריזמען, אַנאַרכיעס. מע קען ניט זײַן גלײַכגילטיק צום מינדסטן שלעכטס צי מיאוסקייט.

ווי ס'זאָל זיך ניט מאַניפעסטירן. דאַכט זיך, דער מענטש קען דאַר פילן און זען, אַז ער קען ניט זײַן גלײַכגילטיק אויב אַ צאָן צי אַ נאָגל, עפּעס אַ דריז אינעווייניק אָדער אַ בלאָטער אין דרויסנדיקן טייל גוף רייצן: דאָס מוז זיך אויסלאָזן מיט קאַטאַסטראָפעס. לײַטס מעשׂים און מחשבֿות פֿאַרשאַפֿן תּענוג אָדער רייצן אפֿשר דעם רבונו-של-עולם צי דעם אוניווערס. ווער קען וויסן צי ס'איז ניט טאַקע אַזוי?...

~❀~

מענטש, מעגאַלאָמאַן, גאָטס קאָנקורענט, / זײַן מעשׂה בראשית סוד-אַנטפּלעקער! / הייסן קענסטו שוין: „אוניווערסאַלער בעקער" / און קאָסמיש שאַפֿן בייגל! / ס'פֿעלט טאַקע דערווײַל דיר נאָך / ס'קאָנקרעטע טייגל, / אָבער דאָך / האָסטו שוין, ווירטואָז דערפֿינדער, / גרייט דאָס לאָך / מעטאַפֿיזיש אין די הענט, / און ס'איז נאָך געוועבדט / אין אַ מיני עלעקטראָנישן פֿראַגמענט, / און באַקסט אַלץ אין גאַנצן / לחלוטין אָן סובסטאַנצן: / כּולו לאָך! און כ'לעבן, / זיי וועלן ביז צו הימלען קענען שוועבן, / פֿיקטיוו-מיסיליזירטע פֿייגל, / האָמאָ סאַפּיעניש באַגערט צו גרייכן / דעם מײַסטער פֿון באַשאַף אין זײַנע הייכן / צו ווײַזן אים, מענטש, אַז ביסט ווי ער: / זײַן כּי טובֿ'יזם? אַ בייגללאָך, ניט מער!...

~❀~

זעלטן ווער ס'זאָל קענען זײַן נייטראַל, לאָגיש אויסגעהאַלטן בײַם טײַטשן, אינטערפּרעטירן דעם באַגריף פֿון היסטאָרישן מאַטעריאַליזם נוסח מאַרקס-ענגעלס און לענין. ווי נאָר דערמאָנט „מאַרקס און לענין" — איז באַלד דאָוואַי: קאָמוניזם, טשעקאַ, סאָוויעטן, און פֿאַרשטייט זיך באַווײַזן אַז דאָס אַלץ מוז זײַן מיט גולאַג, סטאַליניזם, די פֿאַרקריפּלטע אָקטאָבער-רעוואָלוציע, און מיט די פֿאַרשיידענע באַוועגונגען אין די אָפּגעשטאַנענע לענדער און זייערע רעוואָלטן קעגן די

קאָלאָניזאַטאָרן און לאָקאַלע דיקטאַטורן פֿון רעכטס צו לינקס.

אַזאַ צוגאַנג פֿאַרקריפּלט דאָס אינטערפּרעטירן דעם וואָרן מיין פֿון דעם היסטאָרישן מאַטעריאַליזם. מיטן זאָג אַז דער מאַטעריאַליזם האָט געשטעלט העגעלס דאָקטרינעס אויף די פֿיס אַנשטאָט אויפֿן קאָפּ, פֿאַרשטיי איך אַז דאָס מיינט די שייכותן פֿונעם מאַטעריאַליזם און דעם אידעאַליזם פֿאַר דער עוואָלוציע פֿון דערקענטעניש אין אַלע הינזיכטן, ניט בלויז עקאָנאָמישע.

לויט העגעלן קומט אויס, אַז עפּעס אַ-פּריאָרי אידעאַלס איז גורם דאָס מאַטעריעלע: אַ מין פּלאַטאָניזם; לויט מאַרקס-ענגעלסן איז פּונקט פֿאַרקערט: דאָס מאַטעריעלע איז גורם דאָס אידעאַלע. פֿאַר וואָס ניט איינזען אַז ס'מוז ניט זיין אַ ווידערשפּרוך מיט אַ מין דואַליזם, נאָר ביידע זענען אַספּעקטן פֿונעם זעלבן עפּעס, וואָס האָט אפֿשר נאָך אייגנשאַפֿטן, אומבאַגרייפֿטע דערווייל פֿאַרן מענטש, און אַז דאָס איז אַ נאָרמאַלע צו פֿאַרקריפּלטע עוואָלוציע ניט נאָר אינעם מענטשן-מין, נאָר אין דער ביאָספֿערע ווי אין אַבסאָלוט אַלץ וואָס האָט אַ שייכות מיטן פּלאַנעט צו אוניווערס?

צעשטערן וועלדער, פֿאַרגיפֿטן אָקעאַנען, אומברענגען געוויסע באַשעפֿענישן און פּלאַנצן און שאַפֿן נייַע מיט היפּערטראָפֿישע גענעטישע מוטאַציעס, און אַפֿילו צעשטערן די אָזאָן-ספֿערע וואָס שיצט אונדז קעגן קאָסמישע שטראַלן – צי זענען ניט די אַלע האַנדלונגען אַזוי ווי קאַנסער- צי סידאַ-עפּידעמיעס, פֿון וועלכע דער כּלומרשט-באַוווסטזיניקער מענטש איז דער ווירוס וואָס קומט עפּעס פֿאַרקריפּלען אין דער קאָסמישער האַרמאָניע?

ווי ס'זאָל ניט זיין: דאָס פּרוּוון פֿאָרשטעלן דעם היסטאָרישן מאַטעריאַליזם יאַנוסירט, צווײ-פּנימדיק – איז ניט באַרעכטיקט.

דאָס קען מען אויך זאָגן וועגן דעם היסטאָרישן אידעאַליזם נוסח העגעל צו לייבניץ, וואָס האָט פּראָקלאַמירט אַז אונדזער וועלט איז זיכער די בעסטע און שענסטע פֿון אַלע וועלטן. ער, צו זיי, וואָלטן געדאַרפֿט מאַכן זייערע קאַריערעס אין אוישוויץ, וואַרשעווער געטאָ, אַפֿריקאַנער לענדער וואָס פּלעגן אָפּיום-

פלאַנטאַציעס אַנשטאָט ווייץ און פֿאַרסמען אַלע קאָנטינענטן מיט דראָגן. און בכלל האָבן געלעבט אין די דעמאָקראַטישע, ליבעראַלע, פּראָגרעסיווע, ציוויליזירטע אַקטועלע עפּאָכעס מיט זייערע קולטורן, פֿאַנאַטיזמען און סתם משוגעתן. נו, און אין זייערע צײַטן איז געווען בעסער? אינקוויזיציעס, פֿאַרברענען לעבעדיקע לײַט, מלחמות, עפּידעמיעס, פּעסט, כאָלערע... טפֿוי, פֿאַר דעם גאַנצן מענטשן-מין! אָבער ער איז אַפֿילו ניט ווערט דעם שפּײַ.

צוריקקומענדיק צום דיאַלעקטישן מאַטעריאַליזם נוסח מאַרקס און ענגעלס: פֿאַר וואָס זאָל דאָס מוזן ווערן אינטערפּרעטירט צווייזײַטיק — פֿון איין זײַט דאָס מאַטעריעלע, מיטן עקאָנאָמישן אַספּעקט, און פֿון דער צווייטער — ס׳אַבסטראַקטע פֿילאָזאָפֿישע דענקענ׳יש?

געהעגעלט מיט טעזע און אַנטיטעזע, אַפֿילו ווי עסענץ און סובסטאַנץ, גײַסט מיט שטאָף — אַלץ אַנטאַגאָניסטיש, מיטן זוכן קאָמפּראָמיסן, פּשרות פֿאַר אַ מעגליכער סינטעזע, מײַדן קאָנפֿליקטן און צופֿאַסן עקזיסטענץ צו אומשטאַנדן: בירגערליך, סאָציאַל-דעמאָקראַטיש, קאַפּיטאַליסטיש — אָדער קלאַסן-קעמפֿעריש מיט דיקטאַטור פֿון פּראָלעטאַריאַט. און אַזוי ווי דאָס פֿיזישע איז גורם דאָס פּסיכישע — בכן, אאַז״וו.

פֿאַר וואָס טאַקע ניט געפֿינען אַ סיסטעם פֿון אָרנטליך, נאָרמאַל קענען עקזיסטירן, אָן דער נויטווענדיקייט פֿון קאַפּיטאַליסטישן וואַמפּיריזם און קלאַסן-פּריווילעגיעס, ווי אָן מוזן אָנקומען צו באַריקאַדעס, סטרײַקן און רעוואָלט צו פֿאַרטיידיקן אַ ביסן ברויט פֿאַר ווײַב און קינדער? ווי אַזוי כ׳זאָל ניט פּרוּוון עפּעס טראַכטן, קום איך תמיד צוריק צום פּראָבלעם פֿון לאָגיק, יושר, רעכט, ווילזײַן. ס׳איז פֿאַר מיר אַ מין קאָמפּלעקס, רחמנא-ליצלן, וואָס רייצט זינט תמיד מײַן געמיט!

~❁~

אויב בוים דו — עפּל רײַף! / דו, וואָרעם, דרינג ביז זוים אין זיי, / און מעסער זיי צו שנײַדן דו, מענטש, שלײַף! / נו, איז צוויט אין מײַ / געווען כּדאַי? / אַ ווינטער לאַנג געוואַרט, / פֿרילינגען געגאַרט, / איצט, בוים, מיט אַלץ גענאַרט?

– מײַן פֿליכט איז עפּלבוים צו זײַן, / צו בליִען, רײַפֿן, לײַדן פּײַן / און ניט פּרוּוון צו פֿאַרשטיין. / וואָלט דאָס אַלץ אַזוי מסתּמא ניט געשען, / וואָלטן בכלל קיין עפּלביימער ניט געווען. / אויב אויף דער וועלט דאָך כ'בין / מסתּם האָט עס אַ זין.

~❀~

בײַם מאַכן דעם בילאַנס מיטן אינווענטאַר פֿון מײַן לאַנגער עקזיסטענץ, ווי ס'פּאַסט פֿאַר אַ גילטיקן, נאָרמאַלן ביזנעס-מענטש, מוז איך קומען צו דעם אויספֿיר:

אַז כ'האָב ניט אָפּגעלעבט מײַן דויער, נאָר אָפּגעשריבן מײַן רעעל און ווירטועל זײַן. אָפֿט פֿאַרליר איך די מעגליכקייט צו זען אָדער צו פֿילן די גרענעץ צווישן חושים-רעאַליטעטן, חלומות, פֿאַנטאַזמען, סתּם דמיונישע פֿיקציעס.

כ'בין פֿאַרפּלאָנטערט אין דעם אַלעמען, פֿאַרקראָכן אין אַ לאַבירינט, און מיט מײַנע מחשבֿות, שרײַבנדיק, פּרוּוו איך לאָזן הינטער זיך אַ פֿאָדעם צו געפֿינען אַ וועג צוריק.

אָבער טשאָטענדיקע מינאָטאָרן חוזקן ציניש: „אונדזער ביסטו גולם, און פֿאַראַדאָקסאַל דײַנע פֿעדעם אָדער שנירן צו דײַן אומקום פֿירן!"

~❀~

אוי, ווי כ'לײַד / פֿון איבעריקע רייד! / צוגעטשעפּעט מיצקע דרינען, / מיט צי אָן אַ זינען / אָדער גילטיקן באַשייד. / דאָס צי יענץ, / אָבי רעטאָריק, עלאָקווענץ, / און אָפֿט סתּם צוליב אַ גראַם — / אַ גראַם מיט לאַסט / וואָס צום אינהאַלט פּאַסט / ווי אַ הויקער צו אַ וואַנט. / טאָקע ס'דאָזיקע געאַנט, /

כ׳טראַכט דערפֿון כסדר. / ליידער, ליידער, ליידער. / זינט כ׳געדענק, / ניט איין מאָל שוין געטון אַ נדר: / באַפֿרײַען מוז איך זיך פֿון .אָט דער קרענק! / אַזוי יונג געווען, און איצט – אַ גרייַז! / געפֿינען כ׳מוז אַן אַנטידאָט / און דעם מחבריזם-קאָמפּלעקס באַצווינגען! / און אָט, וואָס כ׳שרײַב איז אַ באַווײַז / ווי אַזוי דאָס ביז אַצינד איז מיר געלונגען. / ווי ס׳וואָלט אַ גאָט / זיך גערייצט מיט חוזק, שפּאָט / פֿון דעם מעגאַלאָמאַן-אידיאָט / וואָס האָט זיך אײַנגערעדט, / אַז ער מוז אומבאַדינגט זײַן אַ פּאָעט!

~❀~

מענטש-אָקס! / זײַ היפּאָקריטיש, שלעכט און נאַריש, / און ביסט מיט אַלץ און אַלע תּמיד סאָלידאַריש. / וואָס הייליק, גילטיק – .פּראָפֿאַנירט! / און „וועלט״ דיך אַפּלאָדירט. / עקזיסטענץ מיט שׂכל, לאָגיק, ליבשאַפֿט – איז אַ פּאַראַדאָקס. / פֿאַר דײַן לעבן ווי אַ משל נעם די סטאַדע, / וואָס לויבן שוחטים מיט אַ דאַנק / און חלפֿים גיבן ווי געשאַנק, / מיט אָפּשײַ פֿאָלגן פּאַסטעכער און היבט אַוודאי. / ערשט ווילסט ניט ווי בהמות ליאַדע / געפֿירט ווערן אין שעכטהײַזער ווי יענע! / איז זײַ וועדעט: / מיט טאָרעאַדאָרן קעמף אויף אַן אַרענע, / וויסנדיק פֿאָרויס וואָס ס׳וועט / דײַן לוין זײַן סוף-כּל-סוף – / אויף יאַטקעקלאָץ נאָר האָף! / ווי ס׳זאָל ניט זײַן דײַן אידעאַל – / טראַכטן נאָר בהמיש און באַנאַל; / זײַן פֿרום, כאָטש שלעכט, / וויסן אַז אַ חלף קיצלט ניט ברוטאַל, / און אַז אַ שוחט תּמיד איז גערעכט!

~❀~

אַנימיסטיש, פֿאַנאַטיש, פּאַנטעיִסטיש, מיט קרעדאָס, טעאָגאָניעס, טעאָלאָגיעס, מיטאָלאָגיעס צי וועלטליכקייט, פֿרײַדענקערײַ, הערעזיע אָדער גאָר נוסח גנאָסיש פֿון פּרינצעטאָן, רופֿנדיק ס׳דאָזיקע גאָט, געטליכקייט, גײַסט, קאָסמאָלאַטריע,

זאָלאַטריע, דעמאָניזם, פּאַגאַניזם, צי מיט וואָס פֿאַר אַ איסט צי איזם עמיץ וויל עס אָנרופֿן – האָט דאָס אַלץ ניט קיין שום שײַכות מיט דערקענטעניש פֿונעם זין, באַדײַט, יסוד, מהות, סיבה און ציל פֿונעם באַשאַף. אין די אַספּעקטן וואָס מיר זענען נאָר מסוגל עס אויפֿצונעמען מיט חושים אָדער באַגרײַפֿן מיטן דמיון, אינסטינקטן צי אינטויִציעס. כּוויס ניט צי דאָס איז בכלל מעגליך, ווײַל מיר זענען אין אַ קאָסמישן אַלץ, ווי אַ מאָלעקול אין אַ גוף, און האָבן ניט קיין מעגליכקייט צו האָבן אַן אָנונג פֿון אַ דרויסן, אַ יענער-זײַט, און דערקענען אַ מײַסטער ווען וועמענס ווערק מיר זענען.

זיכער איז וואָרשײַנליך, אַז אונדזער מעגליכער אַלץ איז גאָרניט מער, ווי אַ מיני-פֿראַגמענט פֿון עפּעס גרעסערס, וואָס מיר קענען ניט תּופֿס זײַן. קען אַן אַטאָם הידראָגען אין אַ טראָפּן וואַסער עפּעס וויסן פֿון אָקעאַנען, ניאַגאַראַס צי הוראַגאַן-מבולען? וואָס טוט זיך אויף יענער זײַט פֿון אומענדן און אייביקייטן? אַפֿילו אין מאַטעמאַטיק קען מען ניט גרייכן קיין אַבסאָלוטע סומעס ניט אַרויף און ניט אַרונטער. מע קען נאָר פֿילאָזאָפֿירן, אַז אויב אַלץ איז נישטיקייט --זעראָס און בלויז זעראָס זענען טאָטאַלע נוליקייטן- קען אַן איינס פֿון פֿאָרנט פֿאַרוואַנדלען נולן אין געוואַלדיקע סומע-סך-הכּלען, אָבער תּמיד נאָר באַגרענעצטע, ווי אַ שפּיגל קעגן אַ שפּיגל מיט טיפֿענישן אָן סוף.

וואָס-זשע דאַרף מען, קען מען, מוז מען טון? זײַן לאָגיש, באַשיידן און פּראַגמאַטיש.

לאָגיש – נעמענדיק אין אַכט די אוממעגליכקייט אַלץ צו דערגרייכן און קענען וויסן, איז מאַכן דעם אויספֿיר, אַז אויב אַזעלכע ענערגיעס און ווילנס קענען מאַניפּולירן מיט אַזעלכע דימענסיעס, מוז עס זײַן מיט אַ כּי-טובֿ. דער אוניווערס מיט זײַן צי זײַנע מײַסטערס קענען ניט, דאַרפֿן ניט, מוזן ניט זײַן משוגע צי סתּם נאַריש שלעכט. בכן, אויב ביסט דאָ, איז עס מיט אַ ציל, מיט אַ פֿליכט; זײַ עס טאָטאַל, אַבסאָלוט גוט, אַפֿילו ניט ווייסנדיק פֿאַר וואָס דו עטעמסט, נערסט זיך, פֿרוכפּערסט זיך, קומסט אויף און קומסט אום. מײַד אַלץ וואָס קען שטערן פֿיזיש צי פּסיכיש דײַן

עקזיסטענץ, און וועסט באַלינט מיט געזונט, שעפּערישן תּענוג, ליבשאַפֿט, הומאָר און עקסטאַז, אָרגאַזמען אַפֿילו, און פֿרײַ פֿון אַנגסט און יסורים שלאָפֿסטו אײַן אין טויט ווי אין אַ חלום, אפֿשר צו נײַע רעאַליטעטן.

באַשיידן – זײַ צופֿרידן מיטן וויסן אַז, זײַענדיק עפּעס אין אַזאַ וויכטיקער אונטערנעמונג ווי דער פֿענאָמען וועלט, קענסטו טראַכטן פֿון דעם אַלעמען; קענסט טון אַנדערש, אויב דו ווילסט: אַפֿילו צעשטערן דײַן עקזיסטענץ מיט עגאָפֿאָביע און זעלבסטמאָרד, און ענדערן אָרום וואָס דו ווילסט אויפֿן פּלאַנעט. דאַרף מען זײַן נאַריש דאָס צו טון, אָבער באַשיידן איז מען מיטן זאָגן: „איזהו עשיר – השמח בחלקו"!

פּראַגמאַטיש: זע אַז דײַן עקזיסטענץ זאָל זײַן וואָס באַקוועמער, שענער, אָנגענעמער, פֿרייליכער, אָן פֿיזישע צי פּסיכישע לאַסטן; תּמיד מיט אַ רויִק געוויסן, אָן נאַרישע אַמביציעס, טאָלעראַנס, אָבער ניט געלאָזט זיך עקספּלואַטירן און פֿאַרקריפּלען מיט לעקישעוואַטע קאָמפּעטיציעס, סנאָביזמען, מאָדעס צי דווקא וועלן קריכן אויף די גלײַכע ווענט אָדער שטיין אויפֿן קאָפּ. מײַד ס׳אָרט פֿון נאַטור-קאַטאַסטראָפֿעס, היט דײַן אויפֿן נערן זיך און רוען. פֿאַרסם זיך ניט מיט רייכערן, שיכורן צי נאַרקאָטיקס. זוך ניט קיין פּריווילעגיעס, האָב ליב אַלץ אָרום זיך, אויסער דאָס וואָס קומט מיט אַ געפֿאַר אַד־גל. אַזוי נאָר וועט דײַן עקזיסטענץ דיר אויסזען ווי אַ יום-טובֿ, דער פּלאַנעט – אַ גן-עדן, און וועסט פֿאַרשטיין דעם זין פֿון כּי-טובֿיזם, וואָס איז סינאָנים פֿון לעבן.

טעאָלאָגיע: אַסטראָפֿיזיק: שפּאַלטן אַטאָמען: משוגעת פֿאַר פּערפֿידע מעגאַלאָמאַנען! אפֿשר, אַז דער פּלאַנעט, דײַן פּאָזיטיווע היים, וועט זײַן אַ וואָר גן-עדן, און דו וועסט האָבן צײַט זיך צו גריבלען אין די הימלישע ספֿערעס צי נוקלעאַרע טיפֿן

אדרבא, אָבער זאָל קיינער ניט דאַרפֿן בעטן קיין פּיצל ברויט, און זאָל אַ קינד ניט וויינען איבער קעלט.

~❀~

ווער פֿון אײַך, חכמים, ווייסט / פֿון דאַנקבאַרקייט דעם וואָרן טײַטש, / אָדער ווי אַזוי דאָס אַנדערש הייסט / בײַ דעם געשמיסענעם וואָס קושט די בײַטש, / און ניט נאָר יעדן קאַנטשיק קושט, / נאָר די הענט מיט ליבשאַפֿט גלעט?

וואָס זאָגט איר? פֿאַר אַזאַ פּאַרשוין – / איין עפּיטעט: / יאָלדיש-צעחושט? / אַזוינס באַליידיקן אים וועט. / פֿאַר אים ניט טון ווי ער איז שאַנד און חטא. / ווײַל שמיץ פֿאַר אים איז לוין, / און אַ פּנים / די הערעטעישע נאַראָנים / מסוגל זענען ניט צו וויסן / וואָס ס׳מיינט תּענוג צו געניסן / פֿון ווערן פֿרום געשמיסן.

~❀~

אויסטערלישע שונאים מײַנע: / זייגערס, קאַלענדאַרן און סעזאָנען! / וואָס קומט איר נאָך אַנאַנד מיר ס׳לעבן מאָנען? / רגעס, מינוטן, שעהען, טעג געציילט; / וואָך, חודש, יאָר נאָך זיך געאײַלט / ווי פֿאַרפֿאָלגטע מיט פּסיכאָזן, / צי ניט פֿאַרגינעריש: אַ שטייגער / ווי יעדער ווײַזער פֿון אַ זייגער, / יעדעס בלעטל פֿון עפּעמעריד / –נאָך אַנאַנד געלאָפֿן, ניט געוואָרן מיד– / וואָלט באַגערט וואָס גיכער זען מיך ווי אַ פּגר.

וועלט אַזאַ פּרעכטיק שיינע, / איך וויל זי ניט פֿאַרלאָזן. / מוחל, טויט, דעם הימלישן גן-עדן. / דאָ, אויף מײַן פּלאַנעט / תּמיד וועט / מיר ליבער זײַן פֿון עקזיסטענץ צו לײַדן. / וועלכער גאָט אַן אינטערעס קען האָבן / אַז כ׳זאָל וואָס גיכער זײַן באַגראָבן?

~❀~

ניט מעגליך צו באַגרײַפֿן דעם פֿאַרנעם פֿונעם האָמאָ-סאַפּיעניזירטן מענטשס השׂגות וועגן אמת, לאָגיק, קענטעניש, ערליכקייט! אַלץ וואָס האָט אַ שײַכות דערמיט איז היפּאָקריטיש, רעלאַטיוו, טענדענציעז און צוגעפּאַסט וואַרשײַנליך צו אינטערעסן, מאַטעריעל-פֿיזישע אָדער פּסיכיש-ספּיריטועלע, לויט אומשטאַנדן, עגאָיזמען און אפֿשר פֿיזיאָלאָגישע צושטאַנדן.

ניט מעגליך צו האָבן אין קיין שום הינזיכט עפּעס גילטיק-זיכערס, סעמאַנטיש פּינקטליכס. אַלע סענטענצן, רעליגיעזע צי פילאָזאָפישע, זענען ניט קיין זיכערע אַקסיאָמען, וואָר און קלאָר, נאָר פּאָסטולאַטן. דער אינטעלעקטואַליזם איז געפּאָסטולאַטע-ווע, ד"ה: געלייגט אַ לאַטע אויפן שכל-הישר. און דאָס איז אַזוי זינט ווער ווייסט ווען.

נעמט למשל דעם באַגריף „לאָגיק", וואָס וואָלט געדאַרפט זײַן ווי מאַטעמאַטיק זיכער, אַריטמעטיש, אָן מעגליכן טעות. שטאַמט אָבער דאָס וואָרט לאָגיק פון גריכישן לאָגאָס, האָט אַ שײַכות מיטן ווערב, מיט שכלען, מיט פּילפּוליזם, אינטערפּרעטירן, באַווײַזן די גילטיקייט. און דאָס זאָל מיינען אויך קענטעניש! אויב מע מאַנעווורירט מיט סיסטעמען, מיט אַספּעקטן, דילעמעס, סבֿרות, השערות און צווייפלען – קען עס דאָך ניט זײַן קיין זיכערע לאָגיק, ווי אַ: צוויי מאָל צוויי איז פיר!

און מיט דער לאָגיק מאַנעווורירן פּיפּיקע לײַט, מיט אַ דיאַלעקטישער אַקראָבאַטיק און דעטערמינאַלאָגיעס; אַזוי זינט די העלענישע חכמים ווי פּלאַטאָן און אַריסטאָטעלעס אַ מאָל, מיט זייער טראַדיציאָנעלער אָדער אידעאַליסטישער לאָגיק, ביז די מאָדערנע האַרשפּאַלטערס מיט דער מאָדערנער דעדוקטיווער, פונקציאָנעלער, פּראָפּאָזיציאָנעלער לאָגיק!...

מע דיאַלעקטעוועט אַפילו מעטאַפיזיש, נוסח העגעל, מיטן אָביעקטיוון אידעאַליזם און פענאָמענאָלאָגישע רעאַליטעטן (פרעגט מיך בחרם מיט וואָס מען עסט דאָס אַלץ!). כ'האָב פאַרגעסן די אַנאַליטישע און די דעספּאָטיש-טעאָלאָגישע לאָגיק, מיט דער פאָרמעלער, נאָרמאַטיווער און אָנגעווענדטער לאָגיק!... מע קען אויך קונציק מאַנעווורירן מיט סילאָגיזמען – דאָס אַלץ צו קענען באַווײַזן, אַז צוויי מיט צוויי איז פיר!

מיטן צוטשעפּען צו דער לאָגיק פאַרשיידענע פּרעפיקסן, ווערט די קענטעניש, די (כלומרשטע) וויסנשאַפט פון וואָס מע וויל: אָנטאָלאָגיע, פיזיאָלאָגיע, פּסיכאָלאָגיע, פּאַלעאָנטאָלאָגיע,

סאָציאָלאָגיע, פּראַזעאָלאָגיע און טעאָלאָגיע. ווער קען אַלץ אויסרעכענען וואָס מע טוט ניט מיט די **לאָגיעס**!

דאָס איז איינס. צווייטנס – אַזאַ מין מיש־מאַש מיטן **האָמאָ**־, וואָס שטאַמט פֿון גריכישן **האָמעיאָס**: ענליכס! האָמאָלאָגיש איז בכן עפּעס וואָס איז ענליך. האָמאָלאָגירט – איז אַ רעזולטאַט פֿון קאָמפּעטיציעס און ספּאָרט. האָמעאָפּאַטיע און האָמעאָסטאַזיע – צו היילן לײַט אָדער מיט סטאַביליטעט אין פֿיזיאָלאָגיע. און מע ניצט וויסנשאַפֿטליך האָמאָלאָגיע צו זען די שײַכותן, אַנאַטאָמיש, צווישן מענטש און אַנדערע באַשעפֿענישן. למשל: פֿאָרם פֿון הענט מיט פֿליגל פֿון פֿלעדערמײַז, צי פֿאָדערשטע פֿיס בײַ פֿערד און נאָך אַזעלכע עפּעסן, אד״גל.

מיר אָבער גייט ניט דאָ אין דער לאָגיק פֿון הארץ, וואָס מיינט ליבשאַפֿט, ניט אין דער לאָגיק פֿון געשעענישן, ווי ניט אין די פֿאַרשיידענע **האָמאָסן**. כ'האָב דאָס אַלץ אָנגעשריבן כּדי צו שטעלן, ווי מײַן שטייגער אין בטלנישער דיאַלעקטיק, אַ פֿראַגע: הלמאי פֿאַרנעמען זיך לײַט זינט אַזוי לאַנג שוין מיט טעאָ־לאָגיע, און זעלטן מיט דער אמתער האָמאָ־לאָגיע אָדער מענטשאָלאָגיע? וואָס גייט זיי אָן וואָס ס'טוט זיך אין הימלען און האָבן ניט אין זינען דעם ערדישן מענטש, מיט זײַנע פּירונגען, השגות, מיט זײַן גורל, זײַן פֿיזישע, פּסיכישע און ממילא מאַטעריעלע עקזיסטענץ? וואָלט דען ניט געווען באמת ריכטיק אָנצווענדן סײַ דעם **האָמאָ**, סײַ דעם **לאָגאָס** מיט דער **לאָגיק**? האָמאָ־ערעקטוס, האָמאָ־סאַפּיענס – אָנגעטשעפּעט צו טעאָלאָגיעס אַנשטאָט צום וואָרן האָמאָלאָגיזם פֿאַר זיך זעלבסט און פֿאַרן כּלל, כּדי לעבן זאָל ניט זײַן אָן אָפּקומעניש, נאָר אַ תענוג.

~❁~

באַוווסטזיניק מוז יעדער מענטש פֿאַרשטיין, / אַז ווי אַזוי דער אומקום זאָל ניט זײַן – / מיט טויט איז יעדן תמיד דאָך געגעבן / אַ וועג צוריק צו גאָט און אייביק לעבן.

חושימס ס'ווירטועלע זײַן – נאָר אַן אַספּעקט. / שאָל איז גוף:

באפרײַט זאָל קענען ווערן / נשמה, ווי אַ זוים פֿון פּריס קערן, / פֿאַר װעמען תּמיד נײַער פרילינג איז אַנטפּלעקט.

גאָט-לעבן-אייביקייט: דאָס אַלץ צוזאַמען – / איין אחד, וואָס סובסטאַנץ צי פֿאָרמען שאַפֿט. / מענטש וואָס מוז, וואָס קען דערפֿון נאָר שטאַמען, / דאָ חומר, דאָ רוחניות, אייביק דאָך מיט האַפֿט.

פּאַראַדאָקסן נאָר – אָן אומקום, אַ געבוירן. / דינאַמיק קרעאַטיוו ווי סובסטאַנץ צי ווי עסענץ. / בכן איז עפּעמעריש ווירטועלע עקזיסטענץ, / פֿון מענטש איז עפּעס קיין מאָל ניט טאָטאַל פֿאַרלוירן.

~❀~

ווי לאַנג נאָך, באַנטשע שװײַג נאַיִוער, וועסטו טרוימען פֿון אַ בולקע און אַפֿילו זיך באַנוגענען באַשיידן, יוצא זײַן בלויז מיט דער מוציא, בשעת די בולקע עסט אַ צווייטער?

גענוג געשוויגן, באַנטשע! מיט אַלע באַנטשעס פֿון אומעטום, פֿון אַלע פֿעלקער, נאַציעס, און אַלע קאָנטינענטן, גענומען זיך צוזאַמען און פּראָקלאַמירט: אויס מיט דעם חוזק-עפּיטעט „באַנטשע שווײַג"!

ניט שווײַגן מער, און ניט אַ בולקע נאָר באַגערט. סירובֿ פֿון גאַנצן האָב און גוטס פֿונעם פלאַנעט די באַנטשעס פֿון הײַנט אָן געהערט, און קיינער חוזקן פֿון זיי ניט וועט.

ווײַל באַנטשעס קענען אומגעריכט –חוץ הײַזער, פּאַלאַצן און תּפֿיסות - אויך בויען באַריקאַדעס! אויב דערווײַל זיך באַנוגנט דאָך מיט בלויזע בולקעס, וועלן זיי מוזן זײַן מיט פּוטער און מיט ראָזשינקעס דערין. לײַט וועלן אפֿשר דאָך פֿאַרשטיין פֿון דעם וואָס כ'זאָג דעם מיין, און פֿון דער אָנצוהערעניש דעם זין!...

~❀~

דײַן לעבנס-אידעאַל, / מענטש, תּמיד, אומעטום: / דויערן אין אײביקײט דערקענט / מיטן פֿילן זיך פֿראַגמענט / פֿון דעם, וואָס איז טאָטאַל. / ס'גאַנצע קומט קײן מאָל ניט אום. / טויט נאָר פֿאַר א ניצוץ איז פֿאַטאַל, / און בלויז אָן דיר איז עס געווענדט, / אַז ווי עפּעס פֿון לעבן / איז דיר א מעגליכקײט געגעבן / צו באַגרײַפֿן אַז דו ביסט אוניווערסאַל / מיט קענען פֿילן און פֿאַרשטײן / אַז אַלץ עוואָלוטיוו זיך אין אַספּעקטן בײַט, / אָבער צײַט / האָט ניט קײן השפּעה אויף דײַן אײביקזײַן. / מנוחה פֿאַר נשמה דאָס באַדײַט.

~❀~

ווער, ווו דו זאָלסט ניט זײַן, באַנטשע שווײַג, דו חכם פֿילאָזאָף. פֿאַרשטײ אַז אויב ביסט עלנט, ווי א יתום זיך דערפֿילט אין המון אַלײן — פֿאַראַן א גאָט צו וועמען קענסט זיך ווענדן. דאַרפֿסט ניט קײן לשון-קודש צי לאַטײַניש! פֿון וואָס פֿאַר א קאָליר דײַן הויט, וואָס ס'זאָל ניט זײַן דײַן לשון — אויב אויפֿריכטיק, קענסטו תּפֿילה-טון צו אים. ער פֿאַרשטײט אַלע שפּראַכן, אַפֿילו די שפּראַך פֿון שווײַגן. אָן קײנעמס הילף, אָן שום פֿאַרמיטלער, אומעטום, תּמיד גרײכסטו צו אים לײַכט. אָבער נעם דיר גוט אין זינען אַז אים נאַרט מען ניט מיט חניפֿה, מיט כּלומרשטע חרטות, כּאַבאַר-מיצוות אד״גל.

דאַרפֿסט ניט קײן שום רעליגיעס, גורוס, שאַמאַנס, ריטואַלן, צערעמאָניעס מיט בוקעניש און קניקעניש, ווײַרעך און אָרגלען צי חזנים. ווי יעדעס מינדסטע קעמערל אין דײַן גוף איז אין קאָנטאַקט מיט דײַן הארץ צי קאָפּ, ביסטו עס תּמיד מיט אים, דעם שורש, דעם תּמצית פֿון אַלץ וואָס איז בכלל און אַלץ וואָס לעבט בפֿרט.

~❀~

ניט קומען צו בהמות / זיי געבן צו פֿאַרשטיין / וואָס אַזוינס ס'מוז זײַן / אַ באַגריף פֿון שלימות / און מיאוסקייטס שלעכטס פּסיכאָז. / פֿאַר זיי / פּערפֿעקט איז לאַנקעס גראָז / צי שטאַל מיט היי: / אַ פּאַסטעך מיט אַ הונט אַוודאי / וואָס שיצט די סטאַדע.

מעלקן! שינדן! שעכטן! / ווייס איך וואָס! / לויט אַ בהמות אידעאַל / איז דאָס נאָרמאַל. / ווי גאָט מסתּמא וויל צי דאַרף: / אַז אומקום, יאַטקע-קלאָץ, מוז זײַן פֿאַטאַל. / אַ קצבֿ לעבן מוז דאָך אויכעט! / אַ מאָל דאָך טאַקע אַ פֿאַרדראָס: / האָבן צו טון אָפּט מיט אַ שוחט / אַ נאַריש שלעכטן — / ווײַל זײַן חלף איז ניט שאַרף!

ווער ניט לײַכט פֿאַרשטייט / אַז ס'איז אַזוי מיט לײַט!

~❁~

טעזע, אַנטיטעזע, סינטעזע... געשטעלט אויפֿן קאָפּ נוסח העגעל, צי געשטעלט אויף די פֿיס נוסח מאַרקס — איז אַלץ, סוף־כּל־סוף, היפּאָטעזע.אידעאַליזם, מאַטעריאַליזם, מיט אַלע איזמען וואָס דאָס אַלץ איז גורם — תּמיד נאָר פּאָסטולאַטן, מעגן לײַט זיי רופֿן אַקסיאָם, מאַקסים, קאַטעגאָריש וואָר.

מיט כּמעט יעדן דור ווערט דאָס, וואָס איז געווען חזקה — אַ סבֿרא, און אַ דאָגמאַטיקער ווערט אַגנאָסטיש, אַזוי אַז מ'איז ניט מער זיכער ניט מיט לאָגיק, ניט מיט מאַטעמאַטיק. אַלץ איז נאָר פּראָבלעמאַטיש־רעעל — און בכן מעטאַפֿיזירט; איז געפֿערליך יעדער מינדסטער טריט!

~❁~

אַזוי פֿיל סאַרקאַזם מיט נאַרישקייטן, פּײַנען, / מיט טרוים אין שלאָף, מיט לײַט אין וואַכן... / גוט איז צו האָבן מעגליכקייט פֿון אַלץ צו לאַכן, / און אַ פֿאַרבאָרגן ווינקל ווו זיך אויסצוווייינען.

אַ וועלט מיט לײַט געטומלט און געווימלט / ניט באַגרײַפֿנדיק פֿון

זייער זײַן / דעם מינדסטן תּכלית, ציל און מיין. / דאָ צו פֿיל געערדישט, דאָ צו פֿיל געהימלט – / און עלנט: אין המון, געפֿילט זיך דאָר אליין.

~❀~

עפּעס איז גילטיק אינעם סימבאָליזם פֿון קריסטליכקייט: גאָט אַנטפּלעקט זיך אינעם מענטש; יעדער איז גאָטס קינד, און לײַט -עגאָ- צי קסענאָפֿאָביש- קרײַציקן אים אַ געשמיסענעם, אַ פֿאַרמישפּטן צום טויט.

אָפּט געשעט אַ נס מיטן געקרײַציקטן מענטש: ער שטייט אויף אין אַ תּחית-המתים, אָבער ער ווערט אויף ס'נײַ געקרײַציקט, דאָ ציניש פֿרעך, דאָ היפּאָקריטיש פֿרום, ווײַל די האָמאָ-סאַפּיעניזירטע לײַט טאָלערירן ניט קיין פּריידיקערס פֿון ליבשאַפֿט, יושר, רעכט.

אויסטערלישער איז דאָס גרייסן זיך מיטן פֿאַרהייליקן דעם קרייץ ווו נבֿיאים קומען אום. ליידער זענען ס'רובֿ געקרייציקטע תּמיד ייִדן.

איז דען ניט זיכער, אַז ווען יעזוס זאָל פּרוּוון זיך אַרײַנקריגן אין וואַטיקאַן, וואָלט די פּויפּסטליכע גוואַרדיע אים ניט נאָר פֿאַרטריבן, נאָר מע וואָלט אים אפֿשר ווידער געקרייציקט, דעם נאָזיון לעקיש וואָס וואָלט ניט טאָלערירט אַזוי פֿיל רציחה פֿון זײַנע עוואַנגעליזירטע פֿרומע קריסטן, מיט אינקוויזיציעס, קרײַציגלער, סתּם פּאָגראָמען, און ניט נאָר דעם קלימאַקס פֿון נאַציזם מיט די פּוילישע מערדערײַען פֿון די געראַטעוועטע ייִדן נאָך היטלערס מפּלה, נאָר אַפֿילו איצט, און... און... און...

נאָר צו וואָס דאָס אַלץ באַווײַזן פֿאַר לײַט, וואָס זענען זיכער מיט זייערע היפּאָקריטישע מעשׂים און מחשבֿות – בפֿרט אַז דאָס איז גילטיק ניט נאָר פֿאַר קריסטן, נאָר אויך פֿאַר אַבסאָלוט אַלע אַנדערע רעליגיעס, סעקטעס און כּלומרשט וועלטליכע פֿילאָזאָפֿישע דאָקטרינעס!

ליידער זענען ייִדן אויך ניט כּולו-צדיקים, אָבער בײַ זיי זענען כּאָטש ניט גילטיק קיין פּראָסעליטיזמען, קיין פּאָגראָמען, קיין רציחות. מע זינדיקט בלויז מיטן סאָציאַלן מאַטעריאַליזם און פֿאַרשיידענע פֿאַנאַטיזמען.

~❀~

טראָץ וויסנשאַפֿטן, רופֿא, שׂכל — / ניט פֿאַר איין קרענק / קען די רפֿואה זײַן אַ שמייכל! / אַ בליק, אַ גלעט, אַ פּאַסיק וואָרט / און רעצעפּטן אפֿשר אײַנגעשפּאָרט. / דעם חולה ליבשאַפֿט-בליקן שענק, / און ער פֿילט זיך בעסער / אָן כירורגס מעסער.

~❀~

מײַן מוזע, אַ שטיפֿערין וואָס דערשײַנט מיר אין פֿאַרשיידענע אַספּעקטן, תּמיד נײַ-געשלייערט מיט עפּעס אַ שמאָכטע-מאָדע (און אָפֿט מיט אַ טיכל אין דער האַנט, אויסצווישן אַ טרער, וואָס פֿלעקט מײַן פּאַפּיר), זאָגט מיר הײַנט אַזוי:

נעם מיך ניט אָן פֿאַר קיין יאַכנע מיט נײַן מאָס רייד, מיט פּליאָטקעס און מוטלערײַען וועגן ראַציאָנעלע און ניט-ראַציאָנעלע דיאַלעקטיזירטע פּלאַפּלערײַען אין שײַכות מיט רעליגיעס, דאָקטרינעס און סאָציאַלע מיתה-משונהס. איך וויל דיר געבן הײַנט אַ וויכטיקע עצה ווי אַזוי און וואָס אַ מחבר זאָל טון אָנצוגיין פֿאַר אַן ערליכן, פּשוטן אָבער ניט ראַבאַטיזירטן גראַפֿאָמאַן.

קודם, אַז דו גייסט עפּעס שרײַבן, באַפֿרײַ פֿון אַלע שמאָדערן דײַן שרײַבטיש. זאָל ניט זײַן אָנגעוואָרפֿן, כּאָטיש צעשפּרייט מיט דעם צי יענעם. זאָל ער זײַן ריין, מיט אַן אָרדענונג פֿאַר דעם וואָס מוז זיך אויף אים געפֿינען.

צווייטנס, רייניק גוט אָפּ דײַן פֿעדער; ניט פֿאַרפּאַטשקעט זאָל זי זײַן מיט סימנים פֿון נעכטיקע טעג, וואָס זענען מסוגל צו פֿלעקן דאָס פּאַפּיר.

דריטנס: נעם אַ גוט פּאַפּיר, ניט צו גרויס ניט צו קליין, אָבער בײַ און ריין.

פֿערטנס, נעם אַ גוטע פּאָרציע אַמנעזיע. ניט עטליכע טראָפּנס אָדער אַ לעפֿל, נאָר אַ פֿול גלאָז, אַ פֿולן בעכער. וואָס זאָל ווי אַ כלאָריק צי אַן אַנדער אַנטי-עפּעס רייניקן דײַן געמיט. ווו ס'וועלן זיך אַרײַנבאַקומען דײַנע מחשבֿות. לאָז צו רו אַלץ וואָס איז געווען: ס'איז לאַסט און שיריים, אָפּט קויט מיט שטויב פֿון נעכטיקע טעג און נעכט. האָסטו געזען אַ רויז זאָל בליִען מיט אַמאָליקע פֿרילינגען, צי אַ בוים זאָל רײַפֿן פּירות מיט געוועזענע זומערס פֿאַר צוקונפֿטיקע האַרבסטן?

לאָז אָפּ רעמיניסענצן און געדעכענישן און זײַ גרייט. אויב האָסט עפּעס צו זאָגן אָדער צו זינגען - זאָג און זינג. ווען ניט - שווײַג און גיי שפּאַצירן אָדער דרימלען. קוועטש ניט ליטעראַטור ווי מע קוועטשט אַ ציטרין צו האָבן דווקא טעקסט מיט זין. וואָס זשע זאָלסטו הײַנט זאָגן? האָרץ-זשע וואָס איך שושקע דיר:

פֿאַר וואָס זאָלן אין די אוניווערסיטעטן, פֿאַקולטעטן, ניט זײַן קיין דיפּלאָמען מיט קאַטעדרעס און דאָקטאָראַטן פֿאַר אַמנעזיע אַ ספּיריטועלע רפֿואה פֿאַר ס'רובֿ סאָציאַלע קרענק? בעסער נאָך: פֿאַר וואָס זאָל מען ניט לערנען קינדער אַפֿילו „אַמנעזיע", אַנשטאָט צו שטאָפּן זיי מיט געשיכטע, היסטאָריע, וואָס איז תּמיד היסטעריע? וואָס פֿאַר אַ גילטיקע שײַנע געשיכטע איז ווערט מע זאָל זי געדענקען? אַפֿילו שיר-השירים, כאָטש שיין, ווי אַ הימן דער ליבשאַפֿט, איז דאָך עפּעס וואָס האָט אַ שײַכות מיט אַ פֿרעמדער אידיליע. איז ניט גלײַכער פֿאַר דער יוגנט פֿון יעדער עלטער - ווי לאַנג געלעבט קען מען זײַן יונג - אַ וואָרע ווירטועלע ליבשאַפֿט ווי אַ... ווי אַ... (דאָ לאָז דײַנע לעזער אַליין זיך צוטראַכטן אַ משל לויט זייערע השגות און באַגערן).

מע דאַרף אין איין קליין ספֿרל צונויפֿנעמען דאָס אַלץ וואָס מע מוז מײַדן כּדי ניט צו לײַדן פֿון די אַלע קאַטאַסטראָפֿעס, מגיפֿות, אומגליקן, אידיאָטישע געשעענישן פֿון אַ מאָל. אַפֿילו אין אַמאָליקן גן-עדן - געווען אַ שלאַנג! מיט ברודערמאָרד, מיט פֿאַרטרײַבן,

מיט עקידות, שקלאַפֿערײַען און וואָס ניט.

אַדרבא, זאָל עמיץ מאַכן אַ ליסטע פֿון עפּעס גילטיקס, שיינס, וואָס איז דערמאָנט אין אַלע היסטאָרישע ווערק: פּאַסקודסטווע, טיראַניעס, רציחות, רעוואָלוציעס און נאָך אַזעלכע גוטע זאַכן. בעסער דאָס אַלץ פֿאַרגעסן!

לערנען דאַרף מען ווי אַזוי ס'מוז זײַן אַ לעבנס-שטייגער מיט יושר, רעכט, אמתע פֿרײַהייט, גלײַכהייט, ליבשאַפֿט. ניט אַ גלײַכהייט ווו געוויסע לײַט געניסן פֿון אַ ביסל מער גלײַכהייט ווי די אַנדערע; ניט אַ פֿרײַהייט צו קענען ממיתן ווי געוואָלט לויט משוגענע אַמביציעס; און ליבשאַפֿט – ניט ווי דער וואָלף האָט ליב די שאָף און דער קאַניבאַל אַ מענטש: רוי צי געבראָטן...

לערנען ווי זיך היטן פֿון היפּאָקריטישע אינטערפּרעטאַציעס מיט פֿאַלשער סעמאַנטיק כּדי צוצופּאַסן שיינע אידעאַלן צו געמיינע אינטערעסן. ווײַזן ווי אַזוי מע טאָר ניט לעסטערן געטליכקייט מיט רעליגיעס. ניט נאָר לערנען דידאַקטיש דעם מאַטעריאַליזם, נאָר ווײַזן ווי אַזוי סאָציאַליזם מוז זײַן סינאָנים פֿון אַן עקזיסטענ-ציאַליזם מיט כּולו-פֿרייד און נחת איינער פֿאַרן צווייטן, אָן טייל־אָריזאַציעס, קאָנצענטראַציעס, אָן דעם, אַז באַנדיטיזם זאָל זײַן פֿאַרן קאַפּיטאַליזם ווי אַ קאָנקורענט, און ס'פֿאַרקערטע אויך ניט, פֿאַרשטייט זיך.

מע קען אויך לערנען ווי אַזוי זיך צו נערן, ווי אַזוי מע קען מיטן אייגענעם ווילן מײַדן פֿאַרשיידענע קרענק, קאָמפּלעקסן, פֿאָביעס, נאַרישע אַמביציעס. ניט פֿאַרלירן אַזוי פֿיל האָב און גוטס, מי און דויער מיט אַבסאָלוט אומניצליכע באַדערפֿענישן – פֿאַרקערט, וואָס זענען גורם צרות און געפֿאַרן. מע קען, מע דאַרף, מע מוז, מע

דאָ פֿאַרליר איך מײַן געדולד, נאַרישע מוזע מײַנע. האָסט זיך צעלאָזט מיט דײַנע לעקישעוואַטע רייד! דו ווייסט דאָך אַז כ'האָב עס שוין געהערט, געזאָגט, געשריבן – לײַט הערן מיך ווי דעם קאָטער, און איך אַליין בין ניט קאָנסעקווענט, כּ'פּיר זיך ניט ווי געעצהט יענעם. טאָ הלמאי קאַליע געמאַכט פּאַפּיר, געפּטרט צײַט

און געלט מיט פּרווון דרוקן בעסער. און. און...

און פון דעם אַלעמען זענען צוגעקומען נאָך פיר זײַטלעך אָנגעפּאַטשקעט פּאַפּיר. ווי ס'וואָלט ניט געווען גענוג מיט דעם וואָס ליגט שוין גרייט – צום מיסטקאַסטן אפשר?

~❁~

באַמייניזירטער פאַטער. פרום דאָס בלוט / פון דײַנע קינדער אויף עקידות פּלייץ; / אידעאַליסט - געשמיסן. דאָך מיט מוט / צו דײַן גאָלגאָטע טראָג דעם קרייץ.

אומקום. פּײַן / קענען עקזיסטענץ זאָל זײַן / פון לײַט ס'געטרוימטע גליק?

און דו. מײַסטער פון באַשאַף. / בײַ אומבאַגרײַפטע עגאָפאָביעס שקלאַף. / מיט דײַן געלעסטערטן כּי-טובֿ זיך קוויק. / און מאַך צו שפּאָט / פאַר דעם מענטש די אָמנימעכטיקייט פון גאָט!

~❁~

ווו געפינט מען אַן עטימאָלאָג. צי אַפילו אַ לינגוויסט. וואָס זאָל אַנאַליזירן. פאָרשן דאָס לשון אָדער די קאָמוניקאַציע עלעמענטן צווישן אַלץ וואָס מיר רופן לעבן: באַשעפענישן און אפשר פּלאַנצן (ווער ווייסט צי גראַניט קאָמוניקירט ניט מיט זײַנס גלײַכן דורך מאַגנעטיזם צי ווער ווייסט וועלכע שטראַלונגען?...).
דאָס קען געשען מיטן קול. מיט קאָלירן. מיט ריחות. מיט זשעסטן און ווער ווייסט מיט וואָס נאָך פאַר אַ מעגליכקייטן. דאָס קען אויך גילטן אין סטעלאַרע ספּערעס. און אפשר – פון **אַלץ** מיט געטליכקייט. וואָס צענטראַליזירט אַן אוניווערסאַל-קאָסמישן מוח-סיסטעם. ווי בײַם מענטשן אין קאָפּ?

מעגליך אַז בלומען קענען די שפּראַך פאַר אינזעקטן. און. און. און... דאָס קען צו ווײַט פאַרפירן. אָבער דאָס וואָס כ'קען אַבסאָלוט מיר פאָרשטעלן איז זיכער. אַז בײַ די טויבן איז פאַראַן אַ סיסטעם מיט פאָנעמען. אינטאָנאַציעס און דויער פאַר זייער

וואָרקען. כ׳האָב עס שוין קאָנטראָלירט זינט לאַנג אינעם גאָרטן נעבן מײַן היים. פֿאַראַן בײַ זיי אַ גרויסע פֿאַרשיידנקייט אינעם וואָרקען: זיי וואַרטן יעדעס מאָל אויף אַן ענטפֿער, וואָס איז ס׳רובֿ אַנדערש: זיי מוטלען ניט יאַכניש אָדער פּאָליטאָ-פּאָלעמיש, אַלע צוזאַמען ווי בײַ לײַט, נאָר יעדע וואָרקעט עפּעס, באַקומט אַן ענטפֿער, וואָרקעט צוריק און אַלץ מיט אַ סדר. ס׳מוז אַזוי זײַן מיטן זשומען פֿון אינזעקטן, ווי מיטן טאַנץ פֿון בינען אָדער דאָס ווייען פֿון וועלף. ערשט די דעלפֿינען — זיי זענען דאָך ספּעציאַליסטן אין דעם, און וואַלפֿישן זינגען דאָך אַפֿילו.

אין שײַכות מיט די אַנדערע באַשעפֿענישן קענען דאָס זײַן סבֿרות און השערות, אָבער אין שײַכות מיט טויבן איז דאָס זיכער. כ׳אָבסערוויר עס זינט יאָרן שוין און זע, צי בעסער: כ׳הער, אַז זיי ענדערן ס׳וואָרקען, און אַז עס קומט אַ מאָל אַ פֿרעמדע טויב איז עס גאָר אַנדערש — מיטן דויער, די אינטאָנאַציעס צי די צאָל איבערגעחזרטע פֿאָנעמען. נו, און בײַם מענטש, חוץ לשון מיטן מויל, זענען דען ניט פֿאַראַן בליקן, מימעטיזם, זשעסטן, סימפּאַטיע-אַנטיפּאַטיע-שמייכלען, און ווער ווייסט וואָס נאָך?

אויב ניט אַ וואַרע ליבע, / אַ שידוך בלויז גערעדט — / פֿאַר אַ פֿאַרפֿאַלק די סיבה / איז תּמיד פֿון אַ גט. / כאַטש נדן ווי געהעריק: / אַ חופּה זײַן אויך וועט — / פֿאַר מוזעס ניט לאַנגיעריק / איז ס׳זײַן מיטן „פּאָעט״.

בלאָף איז אויף די פּאַרנאַסן / אַזאַ מין עפּיטעט; / ניט נאָר געפֿעלן זיך פּאַסן! / אַ זיווג — אָדער: ניעט!

מיט ברוגזן אין בעט / צי זעלטן ווען אַ גלעט, / אַ מאָל אַ קוש אַפֿילו. / קאַסטרירט איז דער פּאַצעט; / די מוזע בלײַבט אַ בתולה. / אין דער פּאָעזיע איז מען עפּעס ניט מחדש / און דער גראַפֿאָמאַן בלײַבט אָן אַ קדיש.

ס'קענען דאָר ניט זײַן פֿאַרשיידענע געטער. יעדער איז דאָר זיכער, אַז פֿאַראַן נאָר איינער. פֿאַר וואָס זאָל אַזוי שווער אָנקומען אַז ס'זאָל ניט גילטן איין אוניווערסאַלע רעליגיע, איין סאָציאַלער רעזשים, איין וואָרע לאָגיק, ווי איין מאַטעמאַטיק פֿאַרן שׂכל, פֿאַר יושר, רעכט, קעגנזײַטיקע ליבשאַפֿט, הילף און פֿאַרשטענדעניש פֿון יעדן איינעם פֿאַר אַנדערע אין אַלע הינזיכטן און אומשטאַנדן?

דאָס וואָלט געווען גוט פֿאַר אַלע פֿעלקער און ראַסן אויף אַלע קאָנטינענטן, און ניט פֿאַרן מענטשן-מין בלויז, נאָר פֿאַר דער בײַאָספֿערע: עקאָלאָגיש, אָנטאָלאָגיש שיין און פּראַגמאַטיש, אָן קאָמפּלעקסן, העגעמאָניעס, יחסנות, קלאַסן-פּריווילעגיעס, עקספּלואַטאַציעס פֿון זײַנס גלײַכן. ס'איז דאָך אַזוי פּשוט דאָס צו דערגרייכן! דער פּלאַנעט איז דאָך גענוג גרויס און רײַך, מיט האָב און גוטס גענוג פֿאַר הונדערטער מיליאַרדן לײַט, ניט נאָר פֿאַר דרײַ צי פֿיר!

זעט וואָס די ישׂראלים טוען אויף אויף אַ פּיצל וויסטעניש! און רוסלאַנד האָט אַ זעקסטל פֿון אַלע טעריטאָריעס. ווי גרויס איז בראַזיל, אַרגענטינע, די אַמעריקעס? און די אַראַבער, מיט זייערע מיליאָנען קוואַדראַט-קילאָמעטער, און אַזיע, אויסטראַליע?

פֿאַר וואָס זאָל דאָס אָנקומען אַזוי שווער? וואָס פֿאַר אַ אַבסורדן, קאָמפּלעקסן פֿאַרקריפּלען לײַט מיט פּריווילעגיעס און אָרעמע און רײַכע, אַז אַלע זענען אויסגעשטעלט צו די זעלבע געפֿאַרן, מיטן זעלבן אופֿן געבוירן ווערן און מוזן אומקומען נערנדיק פּשוטע ווערעם!

~❀~

„שמע ישׂראל, ה' אלהינו, ה' אחד“! דאָס איז ניט בלויז אַ לאָזונג פֿאַר ייִדן!

איז קודם: פֿאַר וואָס עפּעס נאָר: „שמע ישׂראל“ און ניט: שמע, טאָטאַלע מענטשהייט?

פֿאַרוואָס ה׳ אלהינו? וואָס עפּעס אונדזער גאָט? מיר. דאָס פֿאָלק פֿונעם מאָנאָטעיִזם – האָבן מיר אָן אייגענעם גאָט? גאָט איז דאָך ניט בלויז אונדזער. נאָר דער אחד פֿון טאָטאַלן אוניווערס (אויב עפּעס קען זײַן טאָטאַל, לויט מענטשליכע השגות). ער איז ניט אונדזער גאָט. מיר, ווי אַלע, זענען זײַן. ס'איז נאַריש אַזאַ מין פּראָקלאַמירן דעם שמע־ישראל.

אומקומען מיטן שמע־ישראל איז אַ רוף צו די טיראַנען, הענקערס: גאָט איז איינציק, ממילא איז ער אויך אײַער גאָט, און ער וועט קיינעם ניט מוחל זײַן די געמיינע חטאָים פֿאַר אומברענגען עפּעס פֿון זײַן ווערק מיט רציחה, שלעכטס צי מיאוסקייט.

~❁~

ליד דאַרף ניט טעמעס; / ניגון – ניט מיט וואָרט ווי אין געפֿאַנג. / אויב זינגט זיך דיר באמת, / איז ברום דיר זעלבסט געזאַנג.

רייד מיט צי אָן אַ גראַם, / אַזוי זיך: בים־באָם־באָם, / און ווו נאָר עמיץ מיט זײַן שפּראַך פֿאַראַנען, / ווערט עס תמיד לײַכט פֿאַרשטאַנען. / און אַזוי זיך קוויק, / באַגרײַף, פֿאַרנעם מוזיק.

~❁~

אַלץ איז נאָך אין קיין שום הינזיכטן ווײַט ניט דערקענט, באַוווּסט, באַגרײַפֿט: ניט פֿיזיש, ניט מעטאַפֿיזיש, ניט ספּיריטועל, ניט אינטויִטיוו, ניט מיסטיש, כאָטש פֿעסטגעשטעלט אַז עפּעס איראַציאָנעלס איז פֿאַראַן. דאָס וואָס איז פֿאַרן מענטש אַציקנד די ראַציאָנעלע, מאַטעריעלע אַפֿילוווירקליכקייט, זיכערע רעאַליטעט – איז נאָך אייבערפֿלעכליך דערקענט, כאָטש מע ניצט עס פּראַגמאַטיש און פּראַקטיש אָדער טעאָרעטיש אָנגעווענדט אין אַ סך הינזיכטן, אָבער דאָס איז ניט קיין באַווײַז אַז מע ווייסט וואָס דאָס איז אַזוינס. למשל עלעקטריציטעט, פּונקט ווי כמעט אַלע אַנדערע פֿענאָמענען וואָס מאַניפֿעסטירן זיך אין אַלע הינזיכטן.

דאָס איינציקע וואָס מע ווייסט יאָ, איז אַז מע ווייסט ניט. ווי זאָגט דעקאַרט: מע קען אין אַלץ צווייפֿלען, אָבער ניט אין צווייפֿלען. דאָס איז זיכערער ווי מאַטעמאַטיק אַפֿילו. אַלץ איז מיט פּראָבאַביליטעטן.

ס'קען זײַן אַז מ'עט אַ מאָל יאָ אַלץ קענען וויסן. וואָס: גאָט האָט מורא פֿאַר קאָנקורענטן? ער דאַרף סודות? וועט זיך אַרויסווײַזן אַז אַלץ איז פּשוט, קלאָר, נאָר אונדזער שׂכל איז נאָך אין די וויקעלעך.

~❁~

דעם בלעטעלע וואָס אינעם האַרבסט / וועלקט, פֿאַלט און פֿוילט, / און אומקום פּײַניקט עס און גרוילט, / זאָג ניט: „טרויעריק ניט זײַ, / עס קומט אַ נײַער מײַ. / טראַכט נאָר: צווײַג, בוים, וואַלד!..." / „מענטש, שטאַרבסט? / טראַכט: אייביק דער פּלאַנעט, / תמיד דורות קומען אויף; / מענטשהייט דויערט סוף-כּל-סוף". / טרייסטן אים דאָס קיין מאָל וועט. / אייביק וועלט? / ער אומקומען מוז באַלד. / ניט מעגליך צו פֿאַרשטיין / טויט מיט טרייסט זאָל קענען זײַן.

~❁~

גילטיקע תּפֿילות מיט מעגליך פּאָזיטיווע רעזולטאַטן זענען נאָר די, וואָס מע טוט צו זיך אַליין. אויב אויפֿריכטיק באַגערט ווערט מען געהאָלפֿן, און אויב באמת בעל-תּשובֿה, איז מעגליך אַ וואָרע מחילה. קענסט נאָרן לײַט און גאָט אַפֿילו, אָבער זיך אַליין קיין מאָל ניט. ערשט פֿאַר זיך דאַרף מען ניט קיין סידור, קיין חזן און קיין שום טעמפּלען אָדער קאַלענדאַרן מיט צערעמאָניעס.

~❁~

פֿאַראַן מאַטעריעלע שפּיגלען ווו לײַט האָבן ליב צי מוזן זיך שפּיגלען, זיך טאַפּנדיק אַ מאָל ס'פּנים, אָדער אַרויסשטעקנדיק די צונג צו זען אויב מ'איז ניט פֿאַרדאָרבן; מענער מיט בערד

צו גאָלן זיך און גלעטן די וואָנסעס מעשה פּאַצעט, און פּרויען מיטן שמינקען זיך, ניט טאָלערירט דעם וואָרן אויסזען.

אָבער פאַראַן אויך ספּיריטועלע שפּיגלען וואָס זענען ס׳רובֿ באַהאַלטן אָדער פאַרשטעלט. מע דערוועגט זיך ניט אַרײַנצוקוקן אין זיי און דערזען אַ פאַרקריפּלטע נשמה מיט אַ פּרצוף וואָס פאַרשעמט.

ביידע שפּיגלען זענען ס׳רובֿ אומעטום פאַראַנען, נאָר לײַט זענען יוצא מיטן ערשטן און שעמען זיך שרעקן זיך צו קוקן אינעם צווייטן. בעסער זיך ניט זען.

~~

שענק כּבֿוד דעם מענטש, / פון דײַן באַשאַף די קרוין, / און זײַן באַוווסטזײַן בענטש, / גאָט, פאַר דײַן וועלט ווי לוין.

ווײַל ער, נאָר ער אַליין / זיך תּמיד רעוואָלטירט, / אויב שלעכטס זאָל מוזן זײַן / און מיאוסקייט טאָלערירט.

פון דײַנע ווערק ווער שפּעט? / זע, דײַן כּי־טובֿ אָן האַפּט! / ווי לאַנג, גאָט, זײַן נאָך וועט / בײַ לייד דײַן מאַכט פאַרשקלאַפּט?

זאָל נאָר אין מענטש אַליין / זײַן יושר רעכט אַנטפּלעקט! / אים מאַטערט ס׳ביט פאַרשטיין; / דײַן אימפּאָטענץ אים שרעקט!

אויב, ווי אַ גאָט, נאָר זײַן אַזוי געקענט – / צו וועמען זיך אין אַנגסט געווענדט?

~~

וואָס וואָלט מען געטראַכט פון דאָקטוירים, אַפּטייקערס און באַגרעבערס וואָס וואָלטן פאַרשפּרייט מגיפות צו קענען מאַכן גוטע ביזנעס און דערצו נאָך „געראַטעוועט לײַט״?

און וואָס טראַכטן לײַט פון די אַלע געווער־מאַגנאַטן מיט זייערע פּראָספּעריטעטן, וואָס רייצן פעלקער, נאַציעס, פּראָוואָצירן אַלץ וואָס איז גורם צו ניצן זייערע טויט־מכשירים אין אַלע דימענסיעס און וואָס מער, וואָס טײַערער, זינט תּמיד אַזוי, אומעטום, ניט

נעמענדיק אין אַכט ווער ס'איז דער פֿײַנט, געליווערט דירעקט צו היגטן אַרום — און זיי גייען אָן פֿאַר פֿײַנע לײַט, וואָס העלפֿן אויסמײַדן אַרבעטסלאָזיקייט, העלפֿן פֿאָרשונגען און שיצן גרעניצן, פֿאַרזיכערן רעזשימען און באַזאָרגן אויך מיטן נייטיקן טעראָריסטן, סתּם מערדער, באַנדיטן אד"גל!

נו, פֿירט זיך ניט אַזוי אויף אונדזער פּלאַנעט?

~❁~

כ'וואָלט גערן דאָך געפּרוּווט מאַכן דעם אונטערשייד צווישן **איד** און **ייִד**, טראָץ ייִוואָס לינגוויסטישער הלכה און אויסלייג געזעצן. זאָל עס זײַן אומלעגאַל, מיט אַ "לאָ", און ניט כּדת וכּדין. אָבער עפּעס דערקוטשעט מײַן געמיט! פֿאַראַן **אידן**, פֿאַרשיידענע שבֿטים: ספֿרדים, פֿאַלאַשן, אַסימילירטע, געשמדטע, פּראָגרעסיווע, ליבעראַלע, סתּם שמעקל-אידן ווײַל בלויז געמלט און באַגראָבן אויף אַ ייִדישן בית-עולם, מיט צי אָן אַ קדיש. און פֿאַראַן ייִדישע **ייִדן**, פֿון אונדזערע מזרח-אייראָפּעיִשע לענדער, פֿאַר וועמען ייִדישקייט איז עפּעס אַנדערש ווי סינאַגאָגע און אַ מין סאָלידאַריש-פֿילאַנטראָפּישער שאָוויניזם.

אַפֿילו זיי, די ליטוואַקעס, וואָס האָבן אײַנגעפֿירט דעם **איד** אַנשטאָט דעם **ייִד**, זענען דאָך פֿאַר מיר ייִדישע ייִדן!... נו, וועל איך אַ ביסל מער אָנגיין פֿאַר אַן אַפּיקורס, אַ הערעטיקער, און מרדכי שעכטער וועט האָבן אַ געלעגנהייט אַ הייב צו טון מיט דער פּלייצע, אויב ער ווערט געוואָר פֿון מײַן טשודאַקיזם!

פֿאַר מיר איז ייִדיש און אַלץ וואָס האָט אַ שײַכות דערמיט הייליק, טײַער, לויטער גינגאָלד, וואָס כ'וויל ניט מישן מיט אַנדערע אידישקייטן: איוורייטיזירטע סאַברעס, אַסימילירטע פֿון אומעטום, סּרובֿ וואָס זענען אידן ווײַל גויִים צווינגען זיי עס אויף.

ניט אַלע זענען מסוגל צו זײַן העלדן און צדיקים.

אַזוי שווער געליטן מיטן קלימאַקס היטלעריזם-סטאַליניזם, אַנטיסעמיטיזם פֿאַרשלייערט אין אַנטי-ציוניזם — ווילן עלטערן

שיצן זייערע קינדער, און ס'גילט אַ מימעטיזם, אַ מאַראַניזם, מיט פֿאַרבאָרגענע יום-כּיפּורס. זײַן אַ איד בכלל און אַ ייִדישער ייִד בפֿרט איז אַ נסיון, און ניט אַלע קענען זײַן ווי איובֿ!

~※~

ווי לאַנג אין מיר אַ לעבנספֿונק נאָך טײַעט, / מײַן מאַמע-לשון ייִדיש, / זיכער בין איך: ס'וועט אַ נס געשען; / לײַט שטיינען וועלן פֿאַרן חידוש, / און וועסט אַליין נשתּומם זען, / ווי דײַן איצטיק טרוקן רעפּטל ברויט / וועט ווי אַ מאָל צוריק ווערן פֿאַרוואַנדלט / מיט טעם: גערעאָזשינקעט, געמאַנדלט! / און די נאָך-כּלומרשט ייִדן / פֿאַרגויִשטע היברידן, / אַלרײַטניקעס, וואָס ביזנעווען געשמײַעט / זייער ראַזעווע כּזית לעבן / וואָס פֿרעמדע זיי מיט ביטול געבן – / טאָלערירטע קוים אין פּראַקטישע סימביאָזן, / מיט קולטורן קיין מאָל ניט טאָטאַל פֿאַרדײַעט / טראָץ זייער גראָב-בײַכלדיק געניסן. / זיי וועלן , ווי פּריטשמעליעטע, ניט וויסן / וואָס צו ענטפֿערן, אַ יוגנט קענען זאָל פֿאַרשטיין / הלמאי אין וויסטעניש געדטנער אייגענע צו לאָזן, / זייער עקזיסטענץ זאָל זײַן / אין פֿרעמדער, אָן שום אַרבעס וועלקנדיקער שויט.

~※~

פֿאַר מײַן שרײַבעניש – אָן אידעאַל: להבא, ניט געפּענטעט, ניט געצוימט. גראַמען דאָ און דאָרט, ווי צעשיטע פּערל? אדרבא. אָבער ניט ווי פּינקטליך אויף אַ שנור, צי ווי מושטירטע זעלנער אינעם מאַרש: איינס-צוויי, איינס-צוויי, איינס-צוויי! מחשבֿה – פֿרײַ, ניט דעקלאַמירט סאַראַ-בערנאַרדיש מיט טרעמאָלאָס. טעקסטן – דינאַמיש, פֿרײַ גאַלאָפּירט, און ס'לייענט זיך אַ מחיה. פֿאַרשטייט זיך, אויב דערין פֿאַראַן אויך זין און ניט סתּם וואָרט פֿאַר פּלאַפּלערײַ, אַפֿילו ווען מע שרײַבט עס ווערטיקאַל.

~※~

מאָדערניזם, פּראָגרעס, סאָפיסטיק, אינפאָרמאַטיק. גיכער, וואָס מער ראַבאָטיזירט! וואָס מער אַרבעטסלאָזיקייט – אַלץ רײַכער פּריווילעגירטע קלאַסן, אַלץ ביליקער קאָסטן, אַלץ מער ריווח פֿאַר טראַסטן, קאָנצערנען, פֿינאַנציעלע קאַניבאַלן, דיקטאַטורן! אַלץ מער נויט פֿאַר די נאַריש-פֿאַרפֿירטע מעדיאַ-מאַסעס! אַלץ מער פֿאַרתּכלעוועט מי, צײַט און עלעמענטן; אַלץ מער פֿאַראומרייניקט אַרום, פֿאַרסמט לופֿט, טײַכן, וועלדער, שפּײַזן. אַלץ מער נוקלעאַרע געפֿאַרן, פֿאַבריקן פֿון געווער, סאַטעליטן, מיקראָ-אָרדינאַטאָרן, קאָמוניקאַציעס. גיכער, שנעלער, האַסטיקער; געאײַלט, געאײַלט, געאײַלט!

אַזוי מיט טעכניק און אַזוי מיט פּסיכיק, עסטעטיק, אויסטערלישע קונסטן, פֿאָרמען, מוזיק און ספּיריטועלע משוגעתן. אַ חרפּה, אַ מגיפֿה, אַ קאַטאַסטראָפֿע!

ניט אומזיסט קומט אַ הימלישע סידאַ רייניקן דעם פּלאַנעט פֿונעם מענטשליכן משוגעת. מע קען זיך דאָך ניט פֿאָרשטעלן אַז דער, צי דאָס, וואָס געוועלטיקט אין צי איבער קאָסמאָסן, זאָל לאָזן פֿאַרקריפּלען, פֿאַרפּעסטיקן אַ פּלאַנעט. אַ מענטש זוכט צו היילן דעם מינדסטן עפּעס אין זײַן גוף. פֿאַר וואָס זאָל ניט זײַן אַזוינס מיט אונדזער היים, דעם בלויען פּלאַנעט וואָס קען זײַן אַ גן עדן און ווערט אַ גיהנום.

פּראָגרעס, ציוויליזאַציעס, קולטור, חכמה, וויסנשאַפֿט, פֿילאָזאָפֿיע, עטיק, עסטעטיק – בלאָף, פּאַראַנאָיע, עגאָפֿאָביע, קסענאָפֿאָביע און נאָך אַזעלכע פֿאָביעס, קאָמפּלעקסן, פֿאַנאַטיזמען, רעליגיעזע און וועלטליכע – פֿאַר וואָס פּראָגרעסירן ניט אַמיבן, מוראַשקעס, בינען?

וואָרשײַנליך זענען די פֿיזישע און פּסיכישע סידאַס נאָר אַן אָנהייב פֿון דער פּראָפֿילאַקטיע-דעזינפֿעקציע פֿונעם פּלאַנעט. ס'וועט קומען אין גיכן אַ נוקלעאַרע אַבלאַציע וואָס וועט רייניקן די בײַאָספֿערע פֿון די האָמאָ-סאַפּיענסן, די מעגאַלאָמאַנישע ווירוסן.

ווי אַזוי האָט דאָס געקענט געשען אַז אַ באַשעפֿעניש בצורת

מענטש זאָל קענען מיט אַ מעטאַסטאַז-ציוויליזאַציע פּאַרפּעסטיקן, קאָנסערוירן אַזוי פּיל לײַט, אויף אַלע קאָנטינענטן! און ער וויל איצט גרייכן אַנדערע פּלאַנעטן אָדער גאַלאַקציעס! לאָקאַליזירטע משוגעתן זענען אים צו ווייניק!...

אַז מע זעט דעם אומקום פֿון אַ נאָווע-שטערן — אַ קאַטאַסטראָפֿע-אויפֿרײַס וואָס איז געשען מיט מיליאַרדן ליכטיאָר צוריק (ווי אַזוי קען מען דאָס וויסן גענוי?) און גרייכט איצט דעם טעלעסקאָפּ —, און אַז מע זעט אויך דעם אומקום פֿון אַ בלוט-קעמערל, פֿאַרטיליקט דורך אַ סידאַ-מיקראָב צי ווירוס באַפֿאַלט אַ פּחד!

ווי אַזוי ניט זײַן פֿאַרצווייפֿלט זעענדיק וואָס ס'געשעט אין אַלע דימענסיעס? ווער ווייסט צי ס'זענען ניט פֿאַראַן סידאַ-פֿענאָמענען פֿאַר שטערן, גאַלאַקציעס, ווי פֿאַר באַשעפֿענישן, און זיי קומען אום אין מגיפֿות, אין אַלע דימענסיעס, אומעטום. נאָר אַגרעסיעס, נאָר מאָרד, נאָר אומקום! פֿאַר וואָס מוז עס אַזוי זײַן?

ערשט אויב אין מענטשליכע סבֿיבֿות ווערן געזוכט און געפֿונען רפֿואות, וואַקצינען צו פֿאַרהיטן זיך — ווער ווייסט צי געפֿינט זיך ניט אַזעלכעס אין קאָסמישע דימענסיעס. גאָט צי געטער זוכן זיך צו פֿאַרטיידיקן — קעגן וועמען? פֿאַר וואָס? דער קין-הבֿל-מאָרד זאָל מוזן גילטן אומעטום?

דערצו נאָר האָבן די מעגליכקייט דאָס אַלץ צו קענען זען, פֿילן, באַגרײַפֿן, און בלײַבן אומבאַהאָלפֿן, ווי עפּעס איבעם באַשאַף וואָלט זיך געריצט מיטן באַוווסטזײַן. דער אוניווערס לײַדט פֿון עגאָפֿאָביע; קאָסמאָסן זענען משוגע!... וויי איז אונדז! און ניטאָ וווּ צו אַנטלויפֿן.

אפֿשר איז דער מענטש אויך עפּעס אַ ווירוס, אַ מין סידאַ פֿאַרן פּלאַנעט?

פֿרײַהייט-אידעאַל – / ווי פּרעכטיק איז דער זין! / נאָר וואָדען? / אין דעם באַגריף -פֿאָנעמען-שפּיל / יעדער ווי ער קען / פֿאַרדאַקטרינירט דערין, / סעמאַנטיש לייגט אַרײַן / היפּאָקריטיש און געמיין / אַלץ וואָס ער ווילו / איז ווי היטלער ביז צו שעכטן פֿרײַ. / און אויב דו ווילסט – אַ קאָמיקאַדזע זײַ! / נעם מיט טויט אַליין / דיר אומקום ווי אַ לעבנסציל. / בכן, / אַזוי קען פֿרײַהייט זײַן / פֿאַטאַל!

~❀~

בײַם איבערזעצן עפּעס, נעמען אין אַכט נאָר מחשבֿות און געפֿילן – צופּאַסנדיק ס'דאָזיקע צו דער אייגנאַרטיקייט פֿון דער שפּראַך אין וועלכער ס'ווערט איבערגעזעצט. ניט זוכן אַבסאָלוטע אַלעטריזמען, ווערטערשפּיל, אַליטעראַציעס, אַסאָנאַנצן, דיסאָנאַנצן צי אָריגינעלע פֿאָנעמען, ריטמען, גראַמען און אַפֿילו שפּריכווערטער. וויכטיק איז דאָס וואָס ווערט געמיינט אינעם טעקסט.

איבערזעצן – איז ווי איבערגעמחברט. און דער איבערזעצער מוז זײַן אַ קענער אין ביידע לשונות. ס'איז ווי מיט אַ ווײַן, אָבער אין פֿאַרשיידענע פֿאָרמען גלאָז צי בעכער: וויכטיק איז דער ווײַן. דעם מחבר גייט נאָר אין איבערגעבן זײַנע מחשבֿות פֿאַר דעם, וואָס איז מסוגל זיי צו באַגרײַפֿן, לויט זײַן לשון, זײַנע מעגליכקייטן, און בשום אופֿן ניט אין ליטעראַרישער אַקראָבאַטיק.

~❀~

מאַטעמאַטיק, לאָגיק, ווייסן ניט, קענען ניט, טאָרן ניט טראַכטן אַפֿילו פֿון עמאָציעס, טרוימען, סענטימענטן, אינטערעסן אד״גל. זיי זענען אינסטרומענטן ווי מעסערס, מיט וועלכע מע שנײַדט ברויט און ליידער העלדזער, אויב זיי געפֿינען זיך אין רוצחישע הענט.

~❀~

תמיד געדענקען אַז מע לעבט ניט צו פֿילאָזאָפֿירן, צו זײַן פֿרום, צוליב קונסט, טעכניק צי וואָס מע קען אַלץ אויסטראַכטן. נאָר דאָס אַלץ איז, דאַרף, קען, מוז זײַן כּדי **מע זאָל לעבן**. געדענקען אויך אַז לעבן איז ניט עפּעס אַן אַבסטראַקציע. נאָר אַ ממשות מיט נערן זיך, קליידן, האָבן אַ היים, דערציִען קינדער אאַז״וו. איז קודם דער מאַטעריאַליזם. דאָס פֿאַקטישע זײַן אין די בעסטע באַדינגונגען, ערליך, טאָלעראַנט, אויפֿריכטיק, קיין מאָל ניט היפּאָקריטיש. און ס׳איבעריקע איז בלאָף, אַבסורד, פּאַראַזיטיזם און ליטעראַטור!

~❀~

ייִדיש, מאַמע-לשון מײַנס, / מיט מײַן נשמה תּמיד אײנס! / ווי אַזוי דאָס עמיצן דערקלערן / אַז דײַנס אַ וואָרט צו הערן / איז מיר ווי אַ מאַמעס קוש, / און פֿון ליבשאַפֿט טרערן / מיט אומעט, בענקשאַפֿט כּ׳וויש.

ווי זאָל איך זיך ניט דערמאַנען / אַז אונטער מײַן קינדיש וויגעלע / טרײַ אַ גאָלדן ציגעלע / תּמיד איז געשטאַנען. / און אַז כ׳בין גרויס געוואָרן, / ווײַט אין דער וועלט געפֿאָרן, / ווי צוגעזאָגט – צו האַנדלען / מיט ראָזשינקעס און מאַנדלען, / געמוזט זיך איבערצײַגן: / אַלץ לאָזט זיך אויס מיט פֿײַגן!

כאָטש שוין אַ זקן, דאָך, / מײַן ייִדיש-גילדן ציגעלע / פֿון מײַן אַמאָליק וויגעלע / באַגלייט מיך תּמיד נאָך, / און גאָט אין הימל ווייסט / ווי מאַמיש דאָס מיך טרייסט!

~❀~

אַז מע בלעטערט אַ צײַטשריפֿט ווי Recherches, וואָס רעזומירט כּמעט אַלץ וואָס ווערט אויפֿגעטון אין דער ווּיסנשאַפֿט מיט פֿאָרשונגען און דערפֿינדונגען אין אַלע היבזיכטן, זעט מען למשל אַז בלויז אין אַמעריקע איז באַשטימט אַ קרעדיט פֿון 3 מיליאַרד דאָלאַר צו פֿאָרשן ווי אַזוי צו „סעקווענצירן״ געבענען און נוקלעאָידן אין שײַכות מיט ביאָלאָגיע!... פֿראַנקרײַך, ווידער, האָט

געקויפֿט אַ נײַעם אָרדינאַטאָר וואָס קען מאַכן אַ מיליאַרד אָפּעראַציעס אין איין סעקונדע (אַריטמעטיש זעכצן ציפֿערן!), און מע וואַרט אויף אַ נאָך בעסערער מאַשין — און דאָס אַלץ, חוץ מיליטערישע, בלויז אויף איין זײַטל — אַ רשימה פֿון הונדערטער בודזשעטן!

אַז מע טראַכט אַז פֿאַראַן ביז איצט 70 בענדער מיט צוויי טויזנט זײַטן מיט אַזעלכע קרעדיטן — נעמט אָן אַ פּחד. טרויעריק צו זען ווי אַזוי מע פּטרט צײַט, מי און פֿאַרמעגן פֿאַר אידיאָטישע מעגאַלאָמאַניעס, ס׳רובֿ לטובֿת אינטערעסן, אַגרעסיווע אַמביציעס, קאָנקורענץ. אַ גדולה, אַ סאַטעליט האָט זיך דערנענטערט צו אוראַנוסן! געמאָסטן די היץ פֿון יופּיטערן, אַד־גלו! מיט אַזעלכע פֿאַרמעגנס וואָלט מען געקענט אויפֿטון אַזוי פֿיל כּדי לײַט זאָלן ניט אומקומען פֿאַר הונגער און קעלט, אַפֿילו אין רײַכע, כּלומרשט ציוויליזירטע לענדער, מיט די שוואַרצע צי רויטע סאָציאַלע רעזשימען!

~❀~

אַ צווײַג וואָס טראַכט ניט: זײַן נאָר ווי אַ שטאָפּל פֿאַר עפּעס העכערס, ווײַטערס, צו קענען שטײַגן, גרייסן דעם בוים מיט מעגליכקייטן פֿאַר מער צוויט, מער פּירות, מער זוימען, און מער בעסטן-היימען פֿאַר טרילנדיקע געסט — איז ניט ווערט דעם שטאַם, די וואָרצלען, דעם גאָרטן, סאָד צי וואַלד וווּ זי גרינט, גענערט מיט זאַפֿט פֿון מאַמע ערד, געקושט פֿון זעפֿירן, זון, טוי, רעגן...

אַ ווערק — אין אַלע אַספּעקטן: פֿיזיש און פּסיכיש — וואָס איז ניט גורם צו ווירקן ניט נאָר מיט רעזאָנאַנסן, נאָר מיט עמיצנס ווײַטערדיקע עוואָלוציע-מעגליכקייטן — איז ווי אַ טויטער עפּעס. מוזיק אָן מעגליכן עכאָ איז ניט קיין וואָרע מוזיק. גוט איז אַ מחשבֿה וואָס איז ווי אַ שטויס צו דענקען; אָן עמאָציע צו ווײַטערדיקע עמאָציעס.

ווען איך וואָלט געווען אַ בעלעטעריסט, וואָלט איך געלאָזט עפּעס

פון ווערק פֿאַרן לייענער, ער זאָל קענען מאַכן זײַן העפּי-ענד אָדער ניט. אַזוי מיט פֿילמען, טעאַטער-פּיעסן. מיט אַזעלכע לײַט פֿילט זיך אַ מײַסטער גוט. מיט די פּאַרעווע, גלײַכגילטיקע, איז תמיד פֿאַראַן אַ פֿרעמדקייט.

~❁~

ווי אַזוי קען מען תּופֿס זײַן, דערקלערן, אַז אַן אַספּעקט פֿון עמיצן וואָס איז שוין לאַנג פֿאַרשוווּנדן זאָל זיך קענען געפֿינען אין עמיצנס דמיון, אַפֿילו ווען דאָס זאָל זײַן ווי פֿילמירט צי פֿאָטאָגראַפֿירט-קלישירט? מעג מען זאָגן אַז איך פֿאַרשווינד טאָטאַל, ווען כ׳קען קומען צו עמיצן אין חלום צי אין דמיון? איז עס ניט אַ באַווײַז פֿון אַ דואַליזם צווישן דעם מאַטעריאַליסטישן גוף, וואָס באַשטייט פֿון עלעמענטן –אַפֿילו ווען אויך זיי זענען צוזאַמענגעשטעלטע פֿון ענערגיעס און אַטאָמען–, און עפּעס גײַסטיקס וואָס מאַניפֿעסטירט זיך אין עפּעמערישע געשטאַלטן און בלײַבט תּמיד אין אַנדערע, אומבאַגרײַפֿטע רעאַליטעטן אָדער טאַקע ווירטועלע מחשבֿות, פֿאַרשטעלונגען און פּסיכיזמען, דורך רעאַקציעס וואָס ווירקן אויף חושים, אָבער תּמיד נאָר אין די ווירטועלע אַספּעקטן וואָס זענען געווען אין דער פֿאָרם, אַנדערע זאָלן קענען זיי זען און פֿילן? וואָס-זשע איז מיט די פֿיקטיווע שאַפֿונגען וואָס זענען מסוגל זיך צו מאַניפֿעסטירן אין עמיצנס דמיון?...

~❁~

אָר און ווײ דעם שטאַם פֿון בוים וואָס שעמט זיך מיט זײַנע וואָרצלען און שעלט דעם זוים פֿון וועלכן ער שפּראָצט.

אָך און ווײ דער צווײַג וואָס האַסט דעם שטאַם פֿון וועלכן זי איז אַ טייל.

אָך און ווײ דער פֿרוכט וואָס האָט פֿײַנט דעם צוויט וואָס האָט דערמעגליכט זי זאָל קענען רײַפֿן. און אָך און ווײ צו דעם קערן, צו דעם זוים דערין, וואָס פֿילן זיך פֿאַרשאָלטן, צי מוזן זײַן דאָס

וואָס זיי זענען און · וויסן, אַז דאָס וואָס איז מיט דעם אַלעמען געשען וועט תּמיד ווײַטער אָנױ זײַן! באַשאַף, עוואָלוציע, איז זיי ניט אַ מתּנה, אַ קרעאַטיווער תּענוג, נאָר אַ קללה, אַ לאַסט וואָס איז ניט געבענטשט מיט דאַנק, נאָר געהאַסט.

אַלע אַסימילירטע היברידן, און ניט נאָר ייִדן, זאָל דאָס זײַן געווידמעט!

~❀~

אַלע וויסנשאַפֿטן, פֿילאָזאָפֿיעס, אַנטפּלעקונגען, דערפֿינדעניש, טעכנישע צי ספּיריטועלע, פֿון מאַרקסן צי פֿון פֿרוידן, בערגסאָנען צי אויגוסט קאָמטן, און בכלל וואָס לײַט קענען אויפֿטון מיט זייער חכמה אויפֿן געביט פֿון נוקלעאַר-וויסן צי אַסטראָפֿיזיק, מאַטעמאַטיק אָדער פּסיכאָלאָגיע — זענען נאָר מסוגל אָפּצושטופּן די ווענט פֿון אונדזער תּפֿיסה. אַפֿילו ווען די געפֿענגעניש זאָלן זיך מעסטן מיט ליכטיאָר, אומענדן און אייביקייטן — זענען דאָס מענטשליכע השׂגות, אײַנגעשלאָסן אין קרײַזן, ספֿערעס צי אפֿשר נאָך אַנדערע אַספּעקטן פֿון געפֿענגעניש, אָבער קיין מאָל ניט אין פֿרײַען דרויסן, וואָס מע קען ניט באַגרײַפֿן! אָבער, ווי אויסטערליש דאָס זאָל ניט זײַן - מיטן באַגער צו וויסן עפּעס פֿון אַ יענער-זײַט, און צי ס'איז פֿאַראַן אַן עמיצער אָדער אַן עפּעס, און צי ער געפֿינט זיך מיט אונדז, אינעווייניק אָדער אין דרויסן, אין וואָס-זשע געפֿינט זיך דער דרויסן?...

~❀~

ווי לאַנג דער מענטש זאָל אַלץ ניט פּרווון פֿאַרשטיין גאָט, וועלט, דויער, לעבן, טויט, מיט זײַנע מעגליכע השׂגות, וועט ער קיין מאָל ניט קענען וויסן עפּעס פֿון דעם אַלעמען, ווײַל אַלץ וואָס האָט אַ שײַכות מיט פֿיזישער, פּסיכישער און עפֿעמערישער עקזיסטענץ איז באַגרענעצט! אַלע חושים, אַלע מעגליכע אינטויציעס זענען נאָר רעלאַטיווע אײַנדרוקן, אײַנפֿלוסן

צוגעפּאַסטע צו זייַנע אויפֿנעם-פֿעיִקייטן. אַ הונט קען הערן קלאַנגען פֿון אַ פֿייַפֿל וואָס דער מענטש קען ניט הערן. אַ פֿלעדערמויז האָט אַ נאַטירליכן ראַדאַר. אינזעקטן פֿילן זייערס גלייַכן פֿון וויַיטן, וואָס זענען אוממעגליך פֿאַרן מענטש.

מיט דעם אַלעמען איז ווי מיט אַ לייטער פֿון מיליאָנען שטאַפּלען. און ער קען נאָר גרייכן צען, צי הונדערט. ער ווייסט ניט אויף וואָס די לייטער שטייט, ניט וווהין זי גרייכט! איינס נאָר איז אָן שום גרענעץ פֿאַר אים — דער באַגער דאָס צו וויסן, פֿאַרשטיין מיט אַלע פֿאַרוואָסן, זינט ווען, ביז ווען, פֿאַר וועמען, צוליב וואָס אַד־גל. דערין ליגט די אויסטערלישקייט פֿונעם אוניווערס: ווי מאַניפֿעסטירט זיך אַזוינס אין אַ נישטיקל מענטש!

~❀~

לעבער פּראָדוצירט גאַל. / קאַפּיטאַליזם פּראָדוצירט מלחמה. / קאָפּ פּראָדוצירט אידעאַל. / און וואָס טוט די נשמה?

געפֿאַנגען אינעם גוף, / פֿון סדר־עולם מיד, / טרוימט: שפּיץ־פּיראַמיד; / און מלאך־המוות' רוף! / וואָס אפֿשר ועט / באַפֿרייַען פֿון פּלאָנעט! / אַ נס וואָס מיט אַ ליד / אָפּט טרייסט זי אַ פּאָעט.

~❀~

קען מען זיך פֿאָרשטעלן אַז אָן אויסערליכער עפּעס צי עמיץ נעמט די ענערגיעס, עסענצן, סובסטאַנצן וואָס שטעלן צונויף מאַסעס מיט זייערע מעגליכע אייגנשאַפֿטן, רעלאַטיווע אַספּעקטן, שטראַלונגען געפֿאַליעטע, קוואַנטיש, מאַגנעטיש, צענטריפּעטיש אָדער צענטריפֿוגיש, מיט אַלע נוקלעאָנען, אַטאָמען, נעגאַטיווע עלעקטראָנען, פּאָזיטיווע פּראָטאָנען צי פֿאַרקערט, דאָס אַלץ ווי אַן אַרכיטעקט צי אַ קינסטלער אָדער מוזיקער נעמען עלעמענטן צו בויען, שאַפֿן ווערק אָדער נאָטירן קלאַנגען צו קאָמפּאָנירן מוזיק — און ס'מאַניפֿעסטירט זיך לעבן, אָדער באַשעפֿענישן וואָס זענען נאָר ווי שאַכטלען פֿאַר עפּעס גייַסטיקס, אומבאַגרייַפֿטס,

מעטאַפֿיזישס, און נאָך אַזעלכע סילאָגיזמירטע ביישפּילן, פֿאַראַבאָלן, משלים, מע זאָל קענען עפּעס פֿאַרשטיין?... וואָס קען אַ סטאַטוע וויסן פֿון סקולפּטאָר, אַ בילד פֿון מאָלער, אַ געביידע פֿון אַרכיטעקט, צי אַ ניגון פֿון קאָמפּאָזיטאָר? פֿאַר וועמען איז דאָס אַלץ נויטווענדיק און פֿאַר וואָס קען אַ מענטש טראַכטן פֿון דעם אַלעמען?

~❀~

וואָלט ניט געווען אַ פֿאַרדראָס אַז אַ לעאָנאַרדאָ דע ווינטשי זאָל ווערן אַ שטובמאָלער? אַ שאָד וואָס אַזאַ טאַלאַנטפֿולער מחבר ווי באַשעוויס שילדערט בלויז אַמאָליקע סמאָטשע־גאַס־אָרעמקייטן! געווען ביי אונדז אַ מאָל עפּעס שענערס ווי קראָכמאַלנע־דלות! פֿאַראַן אַ סך צו באַדויערן, אָבער חוץ רינשטאָק – געווען אויך קלאָרע זילבער־ריזלדיקע קוואַלן און גינגאָלדענע ציגעלער אונטער יידישע וויגעלער, מיט אַזוי פֿיל ראָזשינקעס און מאַנדלען! פּרץ און גאָלדפֿאַדען אַפֿילו האָבן געהאַט אַנדערע טעמעס. הלל צייטלין און באָראָכאָוו, שלום־עליכם, משה נאַדיר, דער טונקעלער, מאַנגער, ראַוויטש און... און... און – ווער קען אויס־רעכענען דאָס ריזיקע גייסטיקע עשירות פֿון אונדזערע טייערע יידן, חוץ די צלאַפּעוואַטע אָרעמקייטן נעבעך!

~❀~

אלה תּולדות אהרן: / היט זיך, לייט, פֿון קאָמענטאַרן / וואָס מיט התמדה טעקסטן נאַרן, / היפּאָקריטיש צו דערקלערן / ס׳זאָל געדאַנק פֿאַרקריפּלט ווערן, / וואולגאַריזירט צי עקזעגעטיש, / שריפֿט פֿאַרוואַנדלטע פּאַמפֿלעטיש, / אַז פֿון זיין אייגענעם וידבר / זוכט דעם לאמור אַ מחבר / און קען בשום אופֿן ניט פֿאַרשטיין / זיין אייגענער מחשבֿהס מיין.

~❀~

כ'קען ניט פֿאַרשטיין ווי אַזוי לײַט ווילן דווקא זיך אײַנרעדן אַז געטליכקייט דאַרף מאַרטירער, דינער, אַסקעטיזם, פֿאַנאַטיזם, יִראת־שמים, קרבנות, תּעניתים, דאָגמעס, אני־מאמינס, קידוש־השם, הייליקע־שריפֿטן, נבֿיאים, אַפּאָסטאָלן, תּפֿילות, טעמפּלען, צערעמאָניעס, ריטואַלן, בוקעניש, קניקעניש, שאָקלען זיך, פּרומאַקיזם; מע זאָל אים פֿאַרטיידיקן, אָננעמען זיך זײַנע קריוודעס, זוכן אים קליִענטן מיט פּראָסעליטיזם, פֿירן הייליקע מלחמות און ממיתן לײַט אין זײַן נאָמען; קריכן מיטן קאָפּ אין אָרון־קודש אָדער זיך שלייערן צי נערן לויט אַ געוויסן שטייגער, און בכלל מע זאָל תּמיד זיך פֿילן זינדיק, מיט בעטן מחילות, זיך ווענדן צו זײַנע שטעל־פֿאַרטרעטערס אויף דער ערד עפּעס צו פּועלן אין די הימלען; חוץ דעם, זיך אײַנרעדן אַז מע קען אים נאַרן, לויבן און חנפֿענען מיט כּאַבאַר־מיצוות!

דאָס אַלץ איז קליין קעפּלדיקע מענטשן־השגה: אַ בפֿירושע לעסטערונג מיט נאַרישע אָדער פּערוועזע מעשׂים און מחשבֿות! געטליכקייט איז, כאָטש אומבאַגרײַפֿט, זיכער עפּעס גרעסערס, שענערס, וויכטיקערס פֿון אַבסאָלוט אַלץ וואָס אַ מענטש קען תּופֿס זײַן. די איינציקע מעגליכקייט צו זײַן באמת פֿרום, מיט אָפּשײַ, צוטרוי און טאָטאַלע ליבשאַפֿט צו אים, אָן באַדינגונגען, אָן מענטליק, אָן עפּעס צו בעטן — איז זײַן ווי וואָרשײַנליך באַגערט פֿונעם באַשאַף: נאַרמאַל, ווי אַלץ וואָס איז פּערפֿעקט אין אַלע הינזיכטן און אומשטאַנדן.

אַ מענטש איז אַבסאָלוט מחויבֿ צו זײַן געזונט, שיין אַפֿילו, עטיש און עסטעטיש פֿולקום, ערליך, אויפֿריכטיק, מיט ליבשאַפֿט צו זײַנס גלײַכן, ווי צו אַלץ אין דער בײַאָספֿערע. ניט לאָזן זיך פֿאַרקריפּלען אָדער פֿאַרטיליקן פֿון אַנדערע באַשעפֿענישן צי אַפֿילו נאַטור־קאַטאַסטראָפֿעס, אָבער ניט צעשטערן מער ווי אַבסאָלוט נויטווענדיק פֿאַרן אייגענעם און סאָציאַלן ווױלזײַן. זיך באַפֿרײַען פֿון אַלע עגאָיִזמען, שאָוויניזמען, כּלומרשטע מאָדער־ניזמען, מעגאַלאָמאַניעס, פֿאָביעס, קאָמפּלעקסן, יחסנות, אַנטיראַסיזמען און בכלל פֿון אַלץ וואָס קומט צעשטערן אַ

הארמאָנישע עקזיסטענץ, טאָטאַל אָפּגעדויערט, מײַדנדיק יעדע פֿאַרגיפֿטונג: פֿיזיש, פּסיכיש, מאַטעריעל און אפֿשר נאָך אַנדערש. יעדער פּריצײַטיקער אומקום איז זינד. די שענסטע תּפֿילה איז אַ גוטהאַרציקער שמייכל. אַלץ וואָס ווידערשפּעניקט, שטערט דאָס זאָל קענען זײַן אַזוי און נאָר אַזוי – איז געמיין, פֿאַרברעכעריש און מוז סוף-כּל-סוף ווערן געשטראָפֿט מיט אַנגסט, יסורים און פּריצײַטיקן אומקום מיט פּחד פֿאַרן טויט.

עשירות, מאַכט, העגעמאָניע, אַגרעסיווע עקספּאַנסיעס, קאָמפּעטיציעס וואָס זענען גורם מידקייט און געפֿאַר – זענען נאַריש! סנאָבישע מאָדעס, אַבי צו זײַן כּלומרשט אַנדערש, בעסער פֿון אַ צווייטן – איז לעכערליך. פֿאַרתּכלעווען מי, צײַט מיט האָב-און-גוטס אויף מעגאַלאָמאַנישע ווערק, פֿאַרשונגען, געווער צי אַלץ וואָס קען גורם זײַן שלעכטס צי מיאוסקייט, פֿיזיש צי ספּיריטועל, מיט כּלומרשטע רעליגיעס, פֿילאָזאָפֿיעס, וויסנשאַפֿטן – איז נאַרישער בלאָף, סאָפֿיסטישע טעאָריע, קאָמפּלעקסן אד״גל. אַן ערליכער מענטש איז נאָר לאָגיש, שיין, גוט און אַלע הינזיכטן.

ווי אַזוי פֿאַרשטיין אַז אַן אָמנימעכטיקער גאָט זאָל ניט קענען זײַן אַבסאָלוט פֿרײַ פֿון צופֿעליקייטן, פּראָבאַביליטעטן? אפֿשר איז מיט די אוניווערסן אויך אַזוי ווי מיט די זוימען און ספּערמאַטאָזאָ‏ִדן? פֿאַר וואָס מוז ער טאָלערירן מאָרד, פּײַן, אַנגסטן, אַגרעסיווע עקספּאַנסיעס, מגיפֿות, קאַטאַסטראָפֿעס אין אַלע דימענסיעס, טעלורגישע און אַסטראַלע, מיט פֿאַגאָציטן ווי מיט סטעלאַרע שוואַרצע תּהומען וואָס שלינגען אײַן אפֿשר גאַלאַקציעס? פֿאַר וואָס מוז זײַן ברידערמאָרד? פֿאַר וואָס זאָל בכלל זײַן מעגליך צו מאָרדן, שאַפֿן געווער, גיפֿטן, דערנער – און ניט נאָר דערפֿאַר ווײַל מע מוז זיך נערן, נאָר אויך צוליב ספּאָרט, געיעג, אָקסנקאַמפֿן, גלאַדיאַטאָרן-שפּילן און מלחמות, מיט דראָגן און מיט קסענאָפֿאָביעס און טאָקע זעלבסטמאָרד?

ווער קען אויפֿצווינגען אַ גאָט אַזאַ מין סדר-עולם מיט עקספּלאָזיעס, מאַגנעטיזמען, שטראַלונגען אאַז״וו – און עפּעס

דערין זאָל אומבאַהאָלפּענערהייט קענען טראַכטן פֿון דעם אַלעמען?

~❀~

דעם פֿײַנסטן שאַרפֿזין, די שענסטע פּאָעזיע, די גרעסטע חכמה, די גילטיקסטע פֿילאָזאָפֿיע געפֿינט מען אין פֿאָלקסלידער און שפּריכווערטער, בײַ אַלע אָריגינעלע עטנישע גרופּעס.

בײַ די אַנדערע האָמאָ-סאַפּיעניזירטע לײַט, אַסימילירטע, ראַבאָטיזירטע, מעדיאַ-מאַסעזירטע, כּלומרשט ציוויליזירטע, היברידיש-אוניפֿאָרמירטע מיט קולטור, פּראָגרעס, ליבעראַליזם, דעמאָקראַטיע, וויסנשאַפֿט, פֿילאָזאָפֿיע און אַלץ וואָס איז גורם זיך צו שאַפֿן לאָזונגען, פֿאָרמולעס, סלאָגאַנען, דעוויזן, פּאָסטולאַטן, אַקסיאָמען – איז דאָס אַלץ אָן נשמה. ס'איז פּובליציטעט.

~❀~

אין דער ביאָספֿערע, נוסח טעיאַר-דע-שאַרדען, ווי אַ מאָל בײַ אַריסטאָטעלן, פֿאַרוואַנדלט זיך כּסדר סובסטאַנץ אין גײַסטיקייט. דינאָזאָרן פֿאַרשווינדן, ווײַל גרויס-גופֿיש און מיני-קעפּלדיק. דער מוח – תּמיד גרעסער; ס'איבעריקע – תּמיד קלענער, שוואַכער.

אין דער הינזיכט איז ייִדישקייט אין דער אַוואַנגאַרד-עוואָלוציע צווישן פֿעלקער צי אין מענטשן-מין בכלל: תּמיד מער ספּיריטואַליזירט אין קוואַליטעט און פֿאַרשווינדט קוואַנטיטאַטיוו אין ווירטועלע מאַסע אַספּעקטן. כ'וויים ניט צי ס'איז דאָ מיט וואָס זיך צו גרייסן, ווײַל ליידער איז יעדע עוואָלוציע גורם פּײַן. דאָס עופּהלע מוז צעברעכן די שאָל; די אַרבעס – צעשטערן די שויט. ייִדישקייט ווערט כּסדר בײַ.

~❀~

אַלץ אין רוסלאַנד איז ריזיק: טעריטאָריע, פֿאָלק, קונסט, מוזיק, ליטעראַטור, רעוואָלוציעס, טיראַניעס, אינטעלעקטואַלן און כאַמעס, הומאַניזם און באַרבאַריזם, אַסטראָפֿיזיק און וואָדקע, אידעאַליסטן און פּאַגראָמשטשיקעס!

ניטאָ קיין מיטלמעסיקייט: העגעליאַניש אָן סינטעזעס. מאַזדאַ און אַרימאַן, איוואַן גראָזני און העי אוכניעם, פּושקין, גאָרקי, טאָלסטאָי, דאָסטאָיעווסקי, גאָגאָל, שעווטשענקאָ — און פּורישקעוויטש, סטאַלין, צאַר, פּאָבידאָנאָסצעוו, ראַספּוטין.

קאָלאָסאַל אין אַלע הינזיכטן.

~❀~

זינט דעמאָקריטן ביז איינשטיינען און פּלאַנקן שמועסט מען וועגן אַטאָמען: מאַטעריע-אַטאָמען, ענערגיע-אַטאָמען, און געזען שוין ערגעץ: פּסיכיזם-אַטאָמען. בכן, עסענץ, ענערגיע, מאַסע-מאַטעריאַליזם. וואָס דערפֿון איז „עסענציעל״? ענערגיע? וואָס איז אָזוינס דענקען? ליבשאַפֿט? עטיק? עסטעטיק? ווילן? טרוים צי חלום?

אַלע פֿילאָזאָפֿישע דאָקטרינעס, זינט אַריסטאָטעלן ביז אויגוסט קאָמטן און איינשטיינען, פֿאַרנעמען זיך דערמיט, און מע קען ניט, איך קען ניט, באַגרייפֿן דעם זין פֿון דעם אַלעמען. שווער פֿאַר אַ ייִד, וואָס האָט זינט דורות געהאַט צו טון מיט שנײַדערײַ, צו ניצן דעם באַגריף „שטאָף״ נוסח קאַנט צי לײַבניץ. שטאָף איז עפּעס פֿאַר אַ מלבוש צי וועש... דעריבער איז שוין בעסער סובסטאַנץ.

בכן, איז ענערגיע עפּעס וואָס איז אָן ממשות, מעטאַפֿיזיש, אַבסטראַקטס, און פֿאַרוואַנדלט זיך אין מאַסע. וואָס איז סובסטאַנץ? זאָל הייסט עס זײַן אַ מין עלעמענט וואָס איז ווי וואַסער — דאָ פֿליסיק, דאָ פּאַרע, דאָ אײַז? קען סובסטאַנץ צוריק ווערן עסענץ? וואָס ווערט מיטן ברענען פֿון קוילן צי פֿון האָלץ? היץ, רויך און אַש? וואָס-זשע איז פֿאַרט אָזוינס עסענץ? ווילן פֿון עפּעס צו זײַן און ווערן? פֿון וואָס באַשטייט עס? זאָל דער

דאָזיקער ווילן זײַן „גײַסט"? ערשט – ווי אַזוי פֿאַרוואַנדלט זיך ווינט צי וואַסערפֿאַל אין עלעקטרישער ענערגיע? סובסטאַנץ זאָל זײַן אַ כאַאָטישע מאַסע, און נאָר מיט ווילן און ענערגיע אָדער קראַפֿט זאָל דערפֿון עפּעס ווערן? פֿאַר וואָס איז ניט פֿאַראַן אַ נאָמען פֿאַרן ווערן עפּעס? די מאָרפֿאָלאָגיע? ד"ה: גענומען עפּעס פֿון אַן אַמאָרפֿישער מאַסע און פֿאַרוואַנדלט אַ טייל דערפֿון אין אַ ווערק: ס'ווערט מאָרפֿאָלאָגיש. דאָס אַלץ איז אָבער פּאַראַדאָקסאַל: מאַטעריע (ניט מאַטעריע אין אַ בלאַטער...) אָדער שטאָף, סובסטאַנץ, ווערט מאַטעריאַליזירט אין אַ פֿאָרעם!

אַ פּראָיעקט צי אַ מחשבֿה מאַטעריאַליזירט זיך אין אַ ווערק. אָבער דער חומר, דער אַגלאָמעראַט פֿון עסענץ, ענערגיע, סובסטאַנץ אין דער מאַסע – באַשטייט דאָך פֿון אַטאָמען, און אַטאָמען זענען דאָך שוין פֿאָרמען? ווי אַזוי קען זײַן עפּעס אַמאָרפֿיש, ווי נישטיקייט אָן באַוועגונג, אַטאָניש, סטאַטיש, נירוואַניש, אינעם אוניווערסאַלן אַלץ ווו דער יסוד פֿון דעם. וואָס קען נאָר זײַן, איז באַוועגונג, אאַז"וו.? אוי, מײַן קאָפּ!

ס'איז נאָרמאַל, נאַטירליך אַז לײַט זאָלן האָבן אַ באַגער, אַ באַדערפֿעניש עפּעס צו טון, האָבן אַ האָבי, אַפֿילו אַ קאָמפּלעקס מיט עפּעס זיך צו פֿאַרנעמען. דער האָט ליב ספּאָרט, יענער שפּילן שאָך, צי ברידזש, טאַנץ, מוזיק הערן אָדער אַליין שפּילן, עפּעס פֿאָרשן, מאָלן בילדער, פֿלעגן גערטנער, צי ווער ווייסט וואָס אַ מענטש קען אַלץ טון? ער קען דאָך ניט מעלה-גרהן אָדער דרימלען כּסדר; ער מוז מיט עפּעס זיך פֿאַרנעמען.

אַזוי איז אויך מיט דענקעניש פֿון פֿילאָזאָפֿן, בענקעניש פֿון פּאָעטן, קרענקעניש פֿון אַסקעטן וואָס מאַטערן זיך גופֿיש און גײַסטיק מיט מיסטיציזמען צי אַנדערע מאַנקאָליעס, און אַפֿילו מיט רעליגיעס. דער אָרגלט, דער גאָרגלט, דער מעטשעט, דער – סתּם באַלעבעטשעט צי געטשעט, מיט אַ ניגון צי געשוויגן, מיט בוקן, קניקן, שאָקלען זיך און לייגן דעם קאָפּ צו דער ערד. דאָ אַליין,

דאָ צוזאַמען, מיט ספּעציעלע צערעמאָניעס, ריטואַלן, אין טעמפּלען, קלויסטערס, מעטשעטן, צערקווים, קאַפּליצעס, סטופּאַס אד״גל.

הכּלל — יעדער מוז עפּעס טון, אָבער דאָס האָט אַבסאָלוט ניט קיין שום שײַכות מיט געטליכקייט, ניט מיט לאָגישער עקזיסטענץ ווי באַגערט פֿון דער נאַטור צי פֿון אַ ניט-באַגרײַפֿטן מײַסטער און געוועלטיקער אינעם אוניווערס. דאָס טאָר אָבער בשום אופֿן ניט זײַן קיין תּירוץ פֿאַר פּאַראַזיטיזם, פֿאַר ניט טון עפּעס גילטיקס, יעדערער לויט זײַנע פֿליכטן און כּוחות, ניט צעשטערנדיק מיט קיין שום מעשׂים און מחשבֿות אַפֿילו ס׳אייגענע געזונט, אָדער עמיצנס ווילזײַן.

~❁~

גאָט דאַרף ניט קיין ספּעציעל לשון מיט ספּעציעלע טעקסטן מע זאָל זיך ווענדן צו אים.

אַ שטומער, אַ טויבער, אַ בלינדער — זיי קענען אויך תּפֿילה טון, אויב באַגערט, און ווערן פֿאַרשטאַנען. אָן נגונים און אָרגלען, גלאָקן צי רוף פֿון טורעמס אַראָפּ; אָן רעליגיעזע סצענאַריעס מיט פֿאַרשיידענע צאַצקעס און פּאַראַדן. ער דאַרף ניט קיין לשון-קודש צי לאַטײַניש, חוץ אַזוי פֿיל דיאַלעקטן און אידיאָמען אומעטום, וווּ לײַט זענען אויף צרות נעבעך, לײַדן און מוזן האָבן עמיצן זיך אַראָפּצורעדן פֿון האַרץ, האָפֿן אויף עמיצנס הילף צי טרייסט כאָטש פֿון הימלען.

זיי דאַרפֿן דאָס ווײַל דאָ אויף דער ערד קען מען ניט עפּעס וואָס זאָל זײַן ליבשאַפֿט, הילף, טרייסט, חוץ אַ מוטער צו אירס אַ קינד, און דאָס ווערט אויך פֿאַרקריפּלט מיט אומשטאַנדן, אינטערעסן און קולטורעלע עמאַנציפּאַציעס. געהערט לעצטנס פֿון מאַמעס וואָס זוכן זיך צו באַפֿרײַען פֿון זייערע קינדער, און פֿאַראַן שוין אַ „קאָמערץ״, אַ פּראָסטיטוציע, מיט פֿאַרקויפֿן די קינדער נעבעך פֿאַר פּערווערזע משוגעים.

ווענדן זיך צו אַ גאָט!... ווי אַזוי קען אַ וואָרער גאָט טאָלערירן

ס׳זאָלן מוזן זײַן קאַליקעס און עקאָנאָמישע רעזשימען וואָס זאָלן גורם זײַן אַזוי פֿיל נייטיקע תּפֿילות? אויב איך קען דאָס טראַכטן, איז זיכער פֿאַראַן אַ מעגליכקייט ס׳זאָל קענען זײַן אַנדערש! וואָס-זשע טוט דערווײַל אונדזער רבונו-של-עולם מיט זײַן פּראָקלאַמירטן כּי-טובֿיזם?

איך טו ס׳מײַניקע: שרײַב און פּרוּוו פֿאַרעפֿנטליכן מײַנע שריפֿטן, ניט וואַרטנדיק אויף קיינעמס מיינונג צי מבֿינות. דערמיט בין איך ווי אַ ייִד נעבן באַרג סיני מיטן נעשׂה-ונשמע – קודם טון און דערנאָך הערן וואָס אַנדערע וועלן זאָגן וועגן דעם. דאָס וועט זיכער ניט ענדערן מײַנע מחשבֿות, ווײַל וואָלט איך ניט געהאַט אייגענע – הלמאַי דאָס פֿאַרתּכלעווען מי. דויער און ס׳איבעריקע?

טאָמער וועט זיך אַרויסווײַזן, אַז דאָס וואָס איך טראַכט איז פּאַראַדאָקסאַל? פֿאַלש? וועט מײַן גאַנצער אויפֿטו זײַן פּסיכאָפּאַטיש. אויב אַלץ וועט ניט זײַן גילטיק פֿאַר דער ליטעראַטור מיט אירע עסטעטישע קריטעריעס, וועט עס זײַן עפּעס אַן עלעמענט פֿאַר פּסיכאָלאָגן צי פֿאַר אַ פּסיכיאַטרישן סאָציאָלאָג אין זײַנע פֿאָרשונגען.

באַרישער האַמלעט! זײַן אָדער ניט זײַן – אַ נאָרמאַל-לײַטישער מענטש, אַפֿילו ניט זײַענדיק קיין פּרינץ, פֿרעגט ניט אַזעלכע קלאָץ-קשיות, נאָר טראַכט לאָגיש אַז דאָס זײַן בכלל איז אַ פּראָבלעם פֿאַר עקזיסטענציאַליסטן, פֿענאָמענאָלאָגן, אָנטאָלאָגן און נאָר אַזעלכע **איסטן און לאָגן**. ווײַל אויב מע קען זיך פֿרעגן עפּעס, איז עס דאָך שוין אַ באַווײַז אַז מ׳איז. פֿרעגן דאַרף מען: וואָס זײַן? ווי אַזוי זײַן? אַפֿילו ניט פֿאַר וואָס מ׳איז, אָדער צוליב וואָס, און נאָך אַזעלכע קלאָץ-קשיות פֿאַר וועלכע קיין שום הגדה האָט ניט קיין ענטפֿער.

בכן, ווי לאַנג געקענט עפּעס פֿרעגן — איז מען, און אַז מ׳איז דאַרף מען זײַן ערליך, לאָגיש, אויסגעהאַלטן, ניט עפּעס ווי אַ דעניש־ער פּרינץ, פֿון די שעקספּירישע העלדן וואָס זענען תּמיד כּמעט צי סאַטאַל משוגע, האַלטן זיך אין איין ממיתן און קומען אום אַלע אין די לעצטע אַקטן.

דער דאָזיקער שעקספּיר איז ווײַזט אויס געווען אַ קאָמפּלעקסירטער מחבר!

~❀~

האָסטו עפּעס צו זאָגן — זאָג עס, זינג עס, שרײַב עס! זאָל מען עס הערן, זאָל מען עס לייענען, זאָל מען עס זינגען! אָבער בשום אופֿן ניט געשוויגן.

אָבער האָסטו ניט וואָס צו זאָגן, איז ניט קומען מיט פּוסטע רייד, פֿאַרלירן אייגענע מי און צײַט און רויבן עמיצנס דויער מיט נאַרישע פּילפּוליזמען, ניט־געשטויגענע ניט־געפֿלויגענע סבֿרות, השערות, פּאָסטולאַטן און בלאַף־אַרגומענטן צו באַווײַזן עפּעס נישטיקס. נישטיקייט דאַרף גאָרניט צו באַרעכטיקן איר ניט־עקזיסטענץ.

נו, און דאָס וואָס כ׳שרײַב דאָ איז גילטיק?...

~❀~

„**ג**עטליכער מענטש" איז ניט קיין קאָמפּלימענט און זיכער ניט קיין מעלה. אַזוי אויך מיטן זאָג אַז „גאָט האָט באַשאַפֿן דעם מענטש אין זײַן געשטאַלט". אויב דאָס איז ריכטיק (וואַרשײַנליך), איז דאָך ממילא גאָט אין גרעסערע דימענסיעס ווי דער מענטש, מיט זײַנע אויסטערלישע אייגנשאַפֿטן פֿון עגאָפֿאָביע, פֿון זיך פֿאַרקריפּלען פֿיזיש און פּסיכיש.

בעסער קען מען זאָגן, אַז גאָט האָט גאָרניט קיין מענטשליכס. ער, קאָסמישער האַר, אָמנימעכטיק, איז גלײַכגילטיק צו קאַטאַ־סטראָפֿעס וואָס צעשטערן מיליאַרדן לעבנס. ער ווייסט ניט עפּעס

פֿון רחמנות, יושר, ליבשאַפֿט, און מוז אָנקומען צום גורלדיקן צופֿאַל, לאָזנדיק אומקומען מיליאַרדן ספּערמאַטאָזאָידן כּדי איין באַשעפֿעניש זאָל דערשײַנען. ער איז ווי דער מײַסטער וואָס חוזקט פֿון זײַנע ווערק און צעשטערט, גלײַכגילטיק צי פּערוועז, זײַנע אייגענע שאַפֿונגען.

אָבער דער מענטש — ער קען טראַכטן אַז ס'איז ניט גילטיק אַזאַ מין סיסטעם. ער קען זיך רעוואָלטירן, קריטיקירן דעם מאָרד־קאַרנאַוואַל פֿון עוואָלוציעס אין עקזיסטענץ. אומבאַהאָלפֿן קומט ער אום, אָבער מיט פּראָטעסט און נבֿיאישן טרוים פֿון ליבשאַפֿט, רעכט און יושר.

נאָר אפֿשר איז דער מענטש ס'געוויסן פֿון גאָט. ווען ניט — ווי אַזוי וואָלט מען געקענט טראַכטן דערפֿון?

~❁~

וואָס מע זאָל ניט פּרוּוון טון: וויסנשאַפֿטליך, רעליגיעז, פֿילאָזאָפֿיש, מיסטיש, ציניש, סקעפּטיש, גאַרגאַנטויִש צי אַסקעטיש — ס'העלפֿט אַבסאָלוט גאָרניט. דאָס איינציקע וואָס דער חכם מענטש קען נאָר באַווײַזן איז כּסדר באַגערן, טרוימען, נאָר אַנאַנד פּרוּוון, זוכן, פֿאָרשן, מיטן אײַנרעדן זיך זיכערקייטן, פּאָסטולאַטעוון סענטענצן. ס'וועט אים אָבער בשום אופֿן גאָרניט העלפֿן; ער וועט בשום אופֿן ניט פֿאַרשטיין פֿאַר וואָס איז פֿאַראַן אַ וועלט, פֿאַר וואָס עקזיסטירט מען, פֿאַר וואָס מוז מען אומקומען. ווער וויל ס'זאָל אַזוי זײַן און רייצט זיך נאָך דערצו מיטן מענטש, מאַכנדיק ער זאָל קענען טראַכטן פֿון דעם אַלעמען. ס'זענען פֿאַראַן פֿאַרשיידענע אויסוועגן מיט פֿאַרשיידענע רעזולטאַטן, אָבער איין סוף: **טויט**.

פֿאַראַן אַזעלכע וואָס קריכן אויף די גלײַכע ווענט פֿון וויסנשאַפֿטן, מיט תּמיד נײַע אַנטפּלעקונגען, דערפֿינדונגען וואָס זענען ס'רובֿ צעשטערונגען, גענעטישע אָדער פֿיזישע צי פּסיכישע פֿאַרקריפּלונגען, ניט געקוקט אויף די קאָמפּליצירטע עלעקטראָנישע מאַכערײַקעס לײַט זאָלן דויערן לענגער אָבער לײַדן מער ווי אַ

מאָל אפשר, טראָץ די אַמאָליקע עפּידעמיעס.

אַנדערע פֿאַרקריכן אין מיסטיציזמען מיט פֿאַרשיידענע אויסטערלישע דאָקטרינעס, זיך איינרעדנדיק אַז עמיץ טוט אַכטונג וואָס זיי טוען און טראַכטן, און מיינען אַז מע קען אַ גאָט (צי געטער, צי ענערגיעס) אָפּנאַרן און פֿאַרטשאַקען, צי זיך אויסקויפֿן מיט אַסקעטיזמען, בוקן און קניקן, קרבנות ווי כּאַבאַר, מענטליק-מיצוות און כּסדר תּפֿילה טון, לויבן, דאַנקען און אים אַ טובֿה טון מיט פּראָסעליטיזמען, זוכנדיק פֿאַר אים קליענטן, אָדער שטראָפֿן הערעטיקער, צי די וואָס האָבן זיך זייערע השגות וועגן דעם. און דאָס לעבן ווערט אַזוי פֿאַרוואַנדלט אין אַן אַפּקומעניש, מיט פּערמאַנענטן פּעסימיזם אַד־גל.

אַנדערע ווידער אידעאַליזירן אַלץ וואָס קומט אונטער די הענט – פּלאַטאָניש, העגעליאַניש, לייבניציסטיש, עפּיקוריש, הערדאַניסטיש, מיט אינטעלעקטואַליזמען צו אַלע פּראָבלעמען; מע געפֿינט סאָפֿיסטיש אַ מאָל אַ דיאַלעקטישע רפֿואה צו יעדער ספּיריטועלער קרענק, און גאַרגאַנטואַ, ווידער, האָט ניט קיין פּסיכאָלאָגישע פּראָבלעמען: אַבי נאָר די שיסלען זענען פֿול, איז חי געלעבט!

פֿאַרשטייט זיך אַז איך בין ניט מסוגל אויסצורעכענען אַלץ וואָס קען איינפֿאַלן לייט צו באַרעכטיקן זייער עקזיסטענץ. דער – מיט מאַכט און עשירות; דער – מיט רום און דראָגן; דער – מיט רציחה-תּענוגים ווי אַ היטלער, אַ סטאַלין צי אַ פֿרומע איזאַבעלע מיט אַ טאָרקוועמאַדאַ. ווער עס זוכט צו זיין אַ העלד דורך אויסהרגענען מיליאָנען לייט און אויפֿצווינגען טעראָר און דיקטאַטורן, און ווער – דורך צעכמאַליען עמיצן מיטן באַקסן, צי פֿאַרקריפּלען זיך אין אויסטערלישע קאָמפּעטיציעס.

סוף-כּל-סוף קען, דאַרף, מוז דאָס אַלץ זיך ענדיקן מיט חולאתן, ענגאַ- צי קסענאַ-פֿאָביעס, יסורים, פֿריצייטיקן אומקום אָדער צוואַנגיאַקע אין אַ משוגעים-הויז, אַ תּפֿיסה-קאַמער, אַ גיליאָטינע צי אַנדערע אופֿנים וואָס פֿאַרזיסן לייטס עקזיסטענץ.

נו, וועט מען דאָך פֿרעגן: וואָס-זשע ווילסטו מיט דעם באַווייזן, און

וואָס זאָל אַ נאָרמאַלער און טאַקע באַוווסטזיניקער, ערליכער, פֿרײַער, אויפֿריכטיקער מענטש טון צו קענען אָפּדויערן זײַן חלק עקזיסטענץ אָן קאָפּ-דרייעניש, אַנגסט און צרות, אָן שווערקייט צו לעבן און אָן פּחד צו שטאַרבן?

ס׳איז גאָר פּשוט, אײנפֿאַך, נאַטירליך, אָן מאַכן אָנשטעל, אָן באָמבאַסטיק און דיאַלעקטישער אַקראָבאַטיק מיט סאָפֿיסטישע קונצן, פֿילאָזאָפֿישע אַרגומענטן און רעליגיעזע דאָגמעס.

מע דאַרף נאָר אײַנזען אַז דער מענטש איז ניט קיין אויסנאַם פֿון אַנדערע באַשעפֿענישן, אַפֿילו ניט פֿון פֿלאַנצן, סײַדן מיט דעם וואָס ער קען זיך באַוועגן און דאַרף ניט אָנקומען צו קיין אינזעקטן כּדי צו קענען זיך פֿרוכפּערן און מערן. ווײַטער – קומט ער אויף און קומט אום, ווי דאָס מינדסטע ווערעמל צי בלימל. ער נערט זיך מיט די זעלבע עלעמענטן ווי אַלץ וואָס לעבט. ער פֿרעסט אַנדערע און ווערט סוף-כּל-סוף אויפֿגעפֿרעסן, ניט נאָר נאָכן טויט, נאָר אויך בײַם לעבן, ווײַל ער איז פֿול מיט באַקטעריעס, ווירוסן, מיקראָבן, טייל פּאָזיטיווע, טייל געפֿערליך נעגאַטיווע. אַלץ צוזאַמען אין דער גאַנצער ביָאָספֿערע עקזיסטירט אין אַ פּערמאַנענטן סימביאָז.

מע קען ניט וויסן צי דער מענטש איז אַן אויסנאַם מיט זײַן פּסיכיזם, מיט זײַנע וויסנשאַפֿטן און קרעאַטיווע צי דערפֿינדערישע אייגנשאַפֿטן. אַ גרעזל קען מער פֿון פֿאָטאָסינטעז ווי דער גרעסטער חכם מענטש. אַן אַטאָם איז, אָן קיין שום עקוואַציעס, אפֿשר קליגער פֿון אײַנשטיינען, און די סאָציאַלע רעזשימען בײַ מוראַשקעס, בינען און טערמיטן זענען זיכער גילטיקער ווי בײַם האָמאָ-סאַפּיענס מישטיינס געזאָגט. ניטאָ בײַ זיי קיין בערזעס, קיין קרעמערס, קיין פּאַראַזיטן מיט אינטעלעקטועלער האָר-שפּאַלטערײַ.

וואָס איז אַ באַשעפֿעניש? עפּעס מער ווי אַ טערמיטן נעסט מיט מיליאַרדן קעמערלעך, יעדער מיט זײַן ראָלע, פֿליכטן און דויער, קאָנטראָלירט פֿון אַ מוח מיט נערוון-סיסטעמען, צירקולאַציעס אד־גל?

מיט וואָס איז אַ מענטש אַנדערש? מיט זײַן קריכן אויף די גלײַכע ווענט און ווערן משוגע קלוג און מעגאַלאָמאַניש, זיך טשעפּען צו געטער און זייער באַשאַף? זעט ער דען ניט אַז אַ סידאַ-ווירוס איז קליגער פון אַלע אַקאַדעמיעס, אַז אַ גריפּע-באַשעפעניש"ל איז גובֿר יעדע פּעניצילין און מע מוז אַלע יאָר האָבן אַן אַנדער וואַקצין?

פאַר וואָס זאָל ער ניט זײַן באַשיידן, פאַרשטיין זײַן אָרט, זײַן ראָלע, זײַנע פליכטן אינעם באַשאַף, אָפּדויערן זײַן וואָרשײַנליך באַשטימטע צײַט און אײַנשלאָפן במנוחה, מיט דער זיכערקייט אַז קודם ווייסט ער, אַז אויב געטון נאָר גוטס און שיינס וועט ער תמיד לעבן מעטעמפּסיכאָזיש, דורות לאַנג?

חוץ דעם – אַז אפשר כאַפּט ער זיך אויף מיטן שטאַרבן אין אַ נײַער רעאַליטעט, וואָס ער איז ניט מסוגל צו באַגרײַפן וואָס דאָס איז אַזוינס, אָבער וואָרשײַנליך מיט אַ כּי-טובֿ – סײַדן אויב עפּעס צי עמיץ קומט אויך דאָרט ניט אַלץ פאַרקריפּלען.

וואָס לײַט זאָלן ניט טראַכטן און זאָגן וועגן דעם וואָס כ'גיי דאָ פאַרשרײַבן – אַרט עס מיך אַבסאָלוט ניט. איך בין איבערצײַגט אַז עפּעס, צי אַפילו ס'גאַנצע דערין איז וואָרשײַנליך גילטיק, אמתדיק. די דאָזיקע מחשבֿות, ווי אויסטערליש דאָס זאָל ניט אויסזען פאַר עמיצן, פאַרפאָלגן מיך וואַכנדיק, און כ'האָב שוין אפשר אַ צענדליק מאָל געחלומט דערפון! און אָט איז וואָס דאָ גייט.

זינט תמיד האָבן לײַט מורא פאַרן טויט. אומקום פילט זיי אָן מיט פּחד, אַנגסטן פאַר דאָ-וועלטיקע יסורים און יענע-וועלטיקע גיהנומס: ווערן געפרעסן פון ווערעם אַ באַגראָבענער, פוילן ווי נאָך טויט. ערשט די אַלע קרענק, די גסיסות מיט די יסורים, און אַפילו דאָס היילן זיך מיט ביטערע רפואות, אָפּעראַציעס און אפשר גאָר נאָך בלײַבן קאַליקעס, צי כּסדר אומבאַהאָלפן, מינדערווערטיק, ווי אַ לאַסט פאַר אייגענע און פרעמדע.

קען אָבער זײַן -ניט נאָר קען, נאָר כ׳בין אין דעם זיכער- אַז אַלע צרות און אַנגסטן פֿון עקזיסטענץ און אומקום שטאַמען, אָן שום אויסנאַם, נאָר פֿונעם פּריצײַטיקן טויט. דעם מענטש איז זיכער געגעבן אַ באַשטימטער לעבנס-דויער פֿון אפֿשר צען מאָל זײַן רײַפֿקייט. מיר דאַכט זיך אַז אַזוי איז מיטן רובֿ באַשעפֿענישן, און אפֿשר פֿלאַנצן אויך... דער מענטש ווערט רײַף צו אַן ערך 18 יאָר, בכן קען ער לעבן אפֿשר ביז 180 יאָר! און נאָכן אָפּלעבן אַזוי לאַנג - שלאָפֿט ער אײַן אָן שום מעגליכע יסורים און אַנגסטן, כּדי צו דערוואַכן אין אַנדערע רעאַליטעטן, ווי מיר טוען עס מיט חלומות.

דער מענטש באַשטייט פֿון אַ גוף און אַ נשמה. די נשמה איז אייביק ווי די וועלט. דער גוף איז ווי אַ שאָל פֿאַר פּירות, ווי שויט פֿאַר אַן אַרבעס, כריזאַליד פֿאַר אַ פֿלאַטערל, איי פֿאַר אַ באַשעפֿעניש. מיטן ערדישן אומקומען פֿאַרלירט מען די שאָל, דעם גוף, און ס׳געשעט ווי מיט אַן אָפּגעשניטענעם נאָגל צי אַן אָפּגעשוירענע האָר. פֿילט מען דען עפּעס אַז מע פֿאַרלירט עס?

אַלע צרות, פֿיזישע און פּסיכישע, זענען נאָר דער רעזולטאַט פֿון די פֿאַרקריפּלטע סאָציאַלע רעזשימען. אַלע, אַבסאָלוט אַלע קרענק, נויטן, קאָנפֿליקטן, ערגערנישן, קינאה-שינאהס, ענגאָ- און קסענאָ-פֿאָביעס, פּאַראַנאָיעס און סתּם משוגעתן זענען דער נאָרמאַלער רעזולטאַט פֿון שלעכטע לעבנס-שטייגערס אין אַבסאָלוט אַלע הינזיכטן.

פֿיזיאָלאָגיש זענען זיי אַ רעזולטאַט פֿונעם אומגעזונטן נערן זיך, עסן און פֿאַרקריפּלען זיך פֿיזיש און גײַסטיק, און דאָס אַלץ - איבער די עקאָנאָמישע באַדינגונגען, ווי באַוויזן דורכן היסטאָרישן מאַטעריאַליזם נוסח מאַרקס און ענגעלס. שולדיק איז דאָ דער קאַפּיטאַליזם מיט די קלאַסן-פּריווילעגיעס, אינטערעסן-פּאָליטיק, גאַרגאַנטוא-אַפּעטיטן פֿון לײַט וואָס זוכן מעגאַלאָמאַניש וואָס מער פֿאַרמעגן, ריווח, מאַכט - ווי זיי וואָלטן עפּעס דערפֿון מיטגענומען אין קבֿר!...

אויפֿן גײַסטיקן געביט איז אויך שולדיק דאָס פֿאַרקריפּלען

רעליגיעס, וויסנשאַפֿטן, פֿילאָזאָפֿיעס, ציוויליזאַציעס, קולטורן מישטיינס געזאָגט, וואָס האָבן דערפֿירט צו די גענעטישע מאַניפּולאַציעס, האַרמאָנען-שפּײַז און צו פֿאַרפּעסטיקן די גאַנצע בײַאָספֿערע, טויטנדיק אַלץ.

דער כּלומרשטער האָמאָ-סאַפּיענס האָט דערפֿירט דערצו, אַז עקזיסטענץ זאָל זײַן כּולו-בלאָף, שקר, פּערוועז, היפּאָקריטיש שלעכט – און ס'וואָלט געקענט זײַן קאָמיש-לעכערליך ווען ס'וואָלט ניט געווען אַזוי געפֿערליך אין אַבסאָלוט אַלע הינזיכטן.

דאָס צעשטערן דעם נאָרמאַלן דעטערמיניזם פֿון מענטשליכן, ווי פֿונעם פּלאַנעטאַרן און בײַאָספֿערישן זײַן, איז גורם ליידן און אַנגסטן, מיט אַלע צרות, פֿיזיש און פּסיכיש, מאַטעריעל און ספּיריטועל – און דאָס פֿירט זיך אַזוי זינט תּמיד, אַזוי ווײַט ווי ווײַט זענען מסוגל עפּעס צו פֿאַרשן אין דער היסטאָריע –וואָס איז ליידער תּמיד היסטעריע– און אַזוי הײַנט, מיטן כּלומרשטן פּראָגרעס, ליבעראַליזם, דעמאָקראַטיע און נאָך אַזעלכע פֿיקטיווע, דעמאַגאָגיזירטע שאַלעמויזן מיט וועלכע די לעקישעוואַטע מעדיאַ-מאַסע פּאַסמאַקעוועט זיך.

אָבער דער מענטש האָט דאָך אַ פֿאַרגעפֿיל אַז ס'קען זײַן אַנדערש, און דערפֿון דער טרוים פֿון משיחיזם, סאָציאַליזם, דער פּרווו צו ענדערן עפּעס אין לעבנס-שטייגערס, אַ מאָל בײַ די איסיים, הײַנט אַפֿילו בײַ די קווייקערס אָדער די בלאַוואַצקיס, ווי אויך אין די קיבוצים, וואָס פּרוּוון עפּעס צו טון, אָבער בלײַבן בײַ בלויזע באַגערן.

אַ גילטיק-נאָרמאַלער לעבנס-שטייגער טאָר ניט זײַן אַסקעטיש, מאָנאָטאָן, מאָנאַסטיריש! פֿאַרקערט, אדרבא, אַ גילטיקע עקזיסטענץ מוז זײַן שמייכלדיק, מיט פֿרייד, עקסטאַזן, געזאַנג און טענץ, ליבשאַפֿט און קרעאַטיווע תּענוגים. וואָרשײַנליך איז ניט מעגליך אַז דער אוניווערס זאָל מוזן זײַן אַ פּערמאַנענטער כאַאָס מיט גיהנומס, פּײַנען און אַנגסטן. קען זײַן אַז דער קאָסמאָס איז אפֿשר נאָך אין פּעריאָד פֿון באַשאַף, און ווי בײַ יעדן מײַסטער פֿאַלט עפּעס אָפּ, קען אויך זײַן אַז דער באַוווסטזיניקער מענטש

איז מיט עפּעס אַ געהילף פאַר אַ געטליכקייט, שוין מיטן באַווייַז אַז ער קען טראַכטן פון דעם אַלעמען.

דער דאַרוויניזם, דאָס מוזן זיך פערן פון איין לעבעדיקער באַשעפעניש מיט אַ צווייטער, איז אפשר דאָס פאַלן פון שפּענער ביַי דעם וואָס האַקט האָלץ צו שאַפן אַ מעבלשטיק מיט זעגן, הובלעווען און טשועקען. אַזוי פיל מינים באַשעפענישן פאַרשווינדן דינאָזאַריש, ניט צוגעפּאַסט צו עוואָלוציעס!

דער מענטש קען דאָך פעסטשטעלן אַז פלאַנצן באַגערן זייער אייגענעם אומקום; זיי רייצן דעם אַפּעטיט מיט אַספּעקטן, קאָלירן, ריחות, טעמים, בשעת באַשעפענישן אַנטלויפן פון מאָרד-געפאַרן. דער מענטש קען זען אַז ריזיקע באַשעפענישן נערן זיך מיט פלאַנצן. בכן, קען ער מיַידן קאַרניוואָרישע רעזשימען, און חוץ דעם זיך איַינאָרדענען אויפן פלאַנעט ער זאָל אויספירן זייַנע פליכטן ווי אַ געטליכער שליח.

ס׳איז דאָך מעגליך צו זען באַשיַימפערליך אַז דער מעשה-בראשית איז נאָך ניט געענדיקט און אַז דער מיַיסטער פון באַשאַף איז נאָך ניט זיכער מיט דער פולקומענקייט פון זייַנע ווערק. פאַר וואָס פאַרתכלעוועט אַזוי פיל זוימען כדי איין פלאַנץ זאָל שפּראָצן; אַזוי פיל ספּערמאַטאָזאָידן – איין באַשעפעניש זאָל קענען דערשיַינען לעבעדיק! דער מענטש, דער באַוווסטזיניקער מענטש – די אַנדערע וועלן פאַרשווינדן! – איז אַן אַסיסטענט, עפּעס ווי אַ באַגער, אַן אינסטרומענט אפשר ביַי געטליכקייטן!

אַזוי לאַנג ווי לייַט וועלן דאָס ניט פאַרשטיין, וועלן קיין שום רעליגיעס, פילאָזאָפיעס צי אַלע אַנדערע מאַטעריעלע און ספּיריטועלע סוראָגאַטן-טעאָריעס גאָרניט העלפן. לייַט וועלן ליַידן און אומקומען פאַר דער צייַט מיט אַנגסט און פחד. משיח וועט בשום אופן ניט קומען. דער סאָציאַליזם וועט בלייַבן אַן אוטאָפּיע און מע וועט זיך וואַלגערן אין פיזישן און גייַסטיקן טינוף, ווי די חזירים אין זומפּיקע רעאַליטעטן.

גאַליליי, ניוטאָן, פּלאַנק, איינשטיין און וויפֿל נאָך, וואָס כ׳קען זיי ניט, זאָלן ניט קומען מיט עקוואַציעס, טעאָרעמען, מאַטעמאַטיק, אַסטראָפֿיזיק, נוקלעאַרע גריבלענישן, שוואַרצע תהומען, אַנטי-עסענצן, אַנטי-סובסטאַנצן, ענערגיעס, מיט אַ ספֿערישן אוניווערס, אַ ספּיראַלישע עוואָלוציע, קאָסמישע עקספּלאָזיעס, מיט אומענדן, אייביקייטן און וואָס לײַט זאָלן נאָך ניט טראַכטן, זאָגן צי קאָמענטירן. אַלץ מוז פֿאַרקומען, געשען אין אַן עפּעס, מיט אַן אָנהייב און אַ סוף, און ס׳דאָזיקע — אין אַ צווייטן עפּעס מיט די זעלבע פֿענאָמענען, ווי אַ שפּיל מיט רוסישע קוקלעס: איינס אין אַנדערן, אָדער אַ צוויי-שפּיגלען-שפּיל מיט טיפֿקייטן אָן אַ מעגליכן סוף. אַזוי מיט מאַטעמאַטיק, אַזוי מיט אַלע עקסטרעמען.

זינדיק און נאַריש דאָס פֿאַרלירן צײַט, מי און פֿאַרמעגן מיטן פֿאָרשן ס׳דאָזיקע. פּרוּוון דערגיין אַ טאָלק דערין! לאָגישער און פּראַקטישער איז שלום מאַכן מיט דער לאַגע אין וועלכער אַ מענטש געפֿינט זיך אויף זײַן פּלאַנעט, ווי עפּעס אין דער ביִאָספֿערע, און אָפּדויערן וואָס לענגער אין ווילטאָג, מיטן באַוווּסטזײַן פֿון לאָגישער באַשיידנקייט, ערליכקייט, ליבשאַפֿט און דאַנקבאַרקייט צום באַשאַף און וואָרשײַנליך צו אַ באַשעפֿער וואָס בלײַבט אומבאַגרײַפֿט פֿאַרן מענטש...

אַז מע וועט שוין וויסן אַלע קאָסמישע סודות וועט מען ניט שטאַרבן? וועט די זון ענדערן עפּעס פֿון איר מאָרגנרויט און פֿאַרגאַנג, צי אין די סעזאָנען און אַלץ וואָס געשעט? צו וואָס, בכן, דאָס זײַן מעגאַלאָמאַניש, עגאָיִסטיש, שלעכט, פּעסימיסטיש, זאַמלען פֿאַרמעגנס? דער סימבאָל פֿונעם עץ-הדעת איז תּמיד טאַקע גילטיק, אָבער הלמאי הבֿל-הבֿלים? אַדרבא, עקזיסטענץ מוז זײַן אַ יום-טובֿ!

כ'ווייס שוין אַליין ניט צום וויפּלטן מאָל איך שרייַב ס'דאָזיקע. וואָרשייַנליך וועל איך בשום אופן ניט קענען עפּעס אויפטון אַז אין מייַנע שריפטן זאָלן זיך ניט איבערחזרן עטליכע מאָל די זעלבע טעמעס, און אפשר גאַנצע טעקסטן. פון איין זייַט האָב איך צו טון מיט אַ ריזיקער מאַסע אָנגעשריבענע פּאַפּירן אין משך פון כמעט 80 יאָר; פון דער צווייטער, דאַס פאַרפלאָנטערן זיך מיטן צוזאַמענשטעלן אַ בוך: דיקטירט, קאָרעגירט, מיט קאַסעטן, דופּליקאַטן. טראָץ אַלע סיסטעמען וואָס כ'וועגד אָן כדי צו דערגיין אַ טאָלק, קען איך סוף-כל-סוף ניט וויסן צי עפּעס אַ געשריבנס איז שוין אַרייַן אין אַ בוך, צי ניט. ווייַל כ'וואָלט געפּרוווט זיך באַפרייַען פון די מאַנוסקריפּטן, ס'רובֿ אָנגעפּאַטש-קעטע צופעליק אויף וואָס ס'קומט אונטער דער האַנט בשעת דעם גראַפאָמאַנישן קריזיס.

פאַרשטייט זיך אַז די עלטער האָט אַ שייַכות סייַ מיט מייַן זכרון, סייַ מיט מייַן ניט וועלן פאַרלירן צייַט מיט קלאַסירן און רעדאַגירן צוגרייטנדיק אַ בוך. אין מייַנע יאָרן מוז איך זיך צואייַלן, ווייַל כ'האָב זיכער נאָך פּאַטשקערייַען פאַר אַ הונדערט ביכער!... אַזוי איז עס, ליבע וווּנטשעלע לייענערס מייַנע! אַ פּראָליפעראַציע, אַ מגיפה פון „חכמה", „ווירטואָזיטעט" און בכלל „מייַסטערישע ווערק" וואָס די וועלט מוז זען אין ביכער איידער איך פאַרשווינד! כ'טאָר ניט חלילה באַעוולען די „מענטשהייט" וואָס לעכצט נאָך מייַן יונהייזירטער ליטעראַטור.

בכן, זאָל מען ניט האָבן קיין פאַריבל, חלילה, אויב מ'איז געצוווּנגען צו לייענען עטליכע מאָל דאָס שוין געלייענטע. ס'וועט חלילה קיינעם ניט שאַטן. איבעריקנס — וויפל מאָל זאָגט אַ פרומער ייִד שמע-ישראל, צי מאַכט אַ ברכה איבער עפּעס? וויפל מאָל זאָגט מען עמיצן „כ'האָב דיך ליב"? וויפל מאָל האָט מען ליב צו הערן שיינע מוזיק? פאַר וואָס זאָל אַזוינס ניט גילטן מיטן לייענען אַרן מיעדניקון?

~❀~

אויסער אַלע מעגליכע באַגריפֿן און השגות פֿאַר פֿאָרמען און אַספּעקטן, מוזן זײַן אין דער נאַטור, חוץ אַלע געאָמעטרישע פֿאָרמולעס מיט ספֿערעס בתוכם, נאָך עפּעס וואָס מ'איז ניט מסוגל תּופֿס צו זײַן, ווײַל אַלץ געפֿינט זיך תּמיד אין עפּעס אַנדערש. ממילא זענען אַלע אַספּעקטן נאָר פֿאָרמען, פֿראַגמענטן אינעם אָדער פֿונעם אוניווערסאַלן אַלץ וואָס מע קען זיך בשום אופֿן ניט פֿאָרשטעלן, אפֿשר דערווײַל.

חוץ דעם זענען אַלע מעגליכע עפּעסן, געשעענישן, נאָר עוואָלוציעס. דאָס וואָס מיר קענען יאָ באַגרײַפֿן מיט אַן אָנפֿאַנג און אַ סוף איז נאָר באַגרענעצט מיט דויער ווי אַספּעקט, עסענץ צי סובסטאַנץ, אָדער נאָך אַנדערע, באַגרײַפֿטע צי נאָך ניט, ענערגיעס, ווילנס צי ווער ווייסט וואָס נאָך ס'קען עקזיסטירן אינעם אוניווערס צי אוניווערסן.

לעבן און טויט, דויער און אַפֿילו אייביקייט זענען פֿענאָמענען, ווײַל זיי קענען נאָר, מוזן נאָר געשען אין עפּעס. מעג מען עס אָנרופֿן אומענד און אייביקייט – ס'איז דאָך באַגרענעצט, אַפֿילו מיט דעם וואָרט וואָס וויל דאָס אָנרופֿן מיט אַ טערמינאָלאָגיע. קיין שום מאַטעמאַטיק, קיין שום פֿיזיק, מעטאַפֿיזיק, פּאַטאַפֿיזיק, מיסטיק, אינטויִציע קענען גאָרניט אויפֿטון. אוניווערס, לעבן, עוואָלוציעס מיט עפֿעמערישע פֿענאָמענען פֿון אויפֿקום און אומקום בלײַבן אַ הערמעטישער סוד, וואָס איז אפֿשר באַקאַנט נאָר פֿון גאָט צי געטער – אָבער גאָט צי געטער זענען דאָך שוין אויך כּולו־סוד!

~۞~

און אויסטערלישע קוריאָזיטעט אין שײַכות מיט מײַנע שריפֿטן און די אַנטפּלעקונגען פֿון פּראָפֿעסאָר בענוועניסטי (נאָך אַ ייִד!). געלייענט און געהערט פֿון דער נײַער אַנטפּלעקונג אַז וואַסער איז מנעמיש, ד"ה איז מסוגל עפּעס צו געדענקען פֿון אַלע סובסטאַנצן מיט וועלכע ס'איז אַ מאָל געווען אין קאָנטאַקט.

וועט מען דאָך פֿרעגן: וואָס פֿאַר אַ שײַכות האָט דאָס אַלץ מיט אַן

אָרן מיעדניקן און זײַנע שרײַבערײַען? מיט וואָס קען דאָס זײַן פּראַגמאַטיש פֿאַר עמיצן וואָס איז ניט קיין וויסנשאַפֿטלער, קיין פֿיזיקער, קיין ביִאָלאָג, קיין דאָקטער אד״גל? קענט איר ניט אָרן מיעדניקן. ער האָט ווייניק קלאָפּאָטן מיט געטליכקייט און סאָציאַלע פּראָבלעמען. ער מוז זיך פֿאַרנעמען אויך מיט דעם.

איז ערשטנס זעט אויס אַז אַלע עלעמענטן (פֿאַר וואָס נאָר וואַסער און ניט אַלע פֿון דער מענדעלעיעוו־ליסטע?) האָבן אַ זכּרון? אַפֿילו ווען אין וואַסער איז שוין ניטאָ קיין שום מאָלעקול פֿון דעם, מיט וואָס ס׳איז געווען אַ מאָל אין קאָנטאַקט, געדענקט עס דאָר. ערשט וואַסער איז דאָך שוין צוזאַמענגעשטעלט פֿון צוויי אַנדערע עלעמענטן. בכן, באַשטייט עס שוין פֿון אַ קאָמפּאָזירטן עפּעס, למשל טאַקע ווי אַ מענטש, קאָמפּאָזירט. און עפּעס דערין האָט אַ נשמה, אַ זכּרון.

פֿאַר וואָס זאָל עס זײַן אַזוי נאָר מיט וואַסער און ניט מיט אַלץ? איז דאָך גילטיק מײַן פּאָסטולאַט אַז אַבסאָלוט אַלץ איז לעבנדיק צי לעבעדיק. ערשט וואָס ווערט מיטן וואַסער אַז ס׳ווערט פּאַרע בײַם קאָכן, אָדער שניי צי אײַז? ווייסט מען דאָך פּראַקטיש אַז אויב אײַנגעפֿרוירן בלײַבן אייגנשאַפֿטן מיט זייערע עלעמענטן דערווײַליק ווי אין היפּנאָז, סטאַטיש, און וואַרטן צוריק צו ווערן אַקטיוו ווי געווען. אויב אַלץ האָט אַ זכּרון, מוז דאָך אַלץ אויך האָבן אַ ווילן, מיט אַלץ וואָס ס׳קען באַווײַזן יעדע באַשעפֿעניש בכלל און אַ מענטש בפֿרט.

בכן, זענען פֿאַראַן קאָנפֿליקטן ניט נאָר צווישן לעבעדיקע עפּעסן, נאָר אַפֿילו צווישן אַטאָמען, מאָלעקולן, יחידיש צי אָרגאַניזירט אין אַספּעקטן, ווי למשל וואַסער, וואָס האָט דערמעגליכט צו זען דאָס דאָזיקע? אויב יעדער מאָלעקול האָט אַ פּערמאַנענטן זכּרון מיט אַ בפֿירושן מאַגנעטיזם וואָס מע קען מעגסטן זײַנע וויבראַציעס און פּאָטענצן מיט אַן אָרדינאַטאָר, און אַטאָמען צי מאָלעקולן זענען דאָך געזיכערט מיט אייביקער עקזיסטענץ – איז דאָך וואָר דער פּרינציפּ פֿון תּחית־המתים, מעטעמפּסיכאָז און ווידערגעבורט! מוז דאָך ליגן אין אַלץ, וואָס איז, דער סוד פֿון זײַן ערשטן יהי!

דאַרפֿן די וויסנשאַפֿטליכע ספּעצן טון ווי טשאַמפּאַליאָן מיט די היעראָגליפֿן און דערגיין די סימנים-פֿאָנעמען וואָס ליגן אין אַבסאָלוט אַלץ, און וועלן באַלד זיך דערוויסן אַלע געטליכע סודות, מיט דער ביאָגראַפֿיע פֿונעם אוניווערס און ווער ווייסט וואָס נאָך פֿאַר אַ פּיקאַנטע אייגנצלהייטן.

ווער-זשע ווייסט צי פּשוטע עלעמענטן, אַפֿילו די לופֿט וואָס מיר עטעמען איין, זוכן ניט נקמה צו נעמען, און אַזוי מיט אַבסאָלוט אַלץ, וואָס וויל ניט געשטערט ווערן אין זייַן נירוואַנאַ-מנוחה מיט מעשה-בראשיתן...

הלמאי זאָג איך דאָס אַלץ? וויַיל שוין מיט יאָרן צוריק° האָב איך פֿאַרגעפֿילט און געשריבן וועגן דעם דאָזיקן (זען זייַט 185 פֿון מייַן וטן באַנד שריפֿטן) און געפּרוווט דערקלערן, פּאָסטולאַנטיש, ווי אַזוי ס'קענען זיך מאַניפֿעסטירן חלומות, מייַנענדיק אַז נוקלעאָנען וואָס שטעלן צונויף אַטאָמען, מאָלעקולן אד"גל האָבן אויך מנעמישע אייגנשאַפֿטן און זיי געדענקען עפּעס פֿון אַלץ אין וואָס זיי זענען געווען געפֿורעמט, מיט אַספּעקטן צי אַנדערע פֿענאָמענען. ווי לאַנג געוואַכט, קאָנטראָלירט דער שׂכל זייער זכּרון, אָבער ווי נאָר אייַנגעשלאָפֿן שאַפֿן זיי פֿראַנק און פֿרייַ וואָס זיך געלאָזט צי געקענט, און ס'מאַניפֿעסטירן זיך עפּעסן אָן קיין שום שייַכות מיט וואַכנדיקס. קען זייַן אַז זיי געדענקען עפּעס און וואָרענען. און אַזוי ווי די דאָזיקע אייגנשאַפֿטן זענען ווי אַלץ אינעם באַשאַף סײַ יחידיש, סײַ קאָלעקטיוו אַנדערש ווי נאָר אין אַמאַלגאַם, קאָקטעל, בילד, געבײַדע, באַשעפֿעניש צי ווער ווייסט וויפֿל נאָך אַספּעקטן — דעריבער... דעריבער וואָלט מען געדאַרפֿט צוגעבן צו אייַנשטיינס דימענסיע-אַטריבוטן נאָך איינע אָדער צוויי: אפֿשר פּסיכיזם, נשמהדיקס, מיט אַלץ וואָס האָט אַ שייַכות צו גייַסטיקייט, אפֿשר אינסטינקטן!... אַלץ לעבט תּמיד.

~❀~

דער כלומרשט ציוויליזירטער, גאָט די נשמה שולדיקער, פֿרומער מענטש איז דער ערגסטער רוצח פֿון אַלע באַשעפֿענישן אינעם אוניווערס. אַלע כלומרשט ווילדע חיות טויטן אַנדערע זיך צו נערן אָדער פֿאַרטיידיקן, נאָר דער מענטש באַגייט מערדערייַען צוליב ספאָרט, געיעג, טאַוראָמאַכיע צי קליידן זיך מיט פֿוטערס, מאַכן שיך אָדער פֿאַרשיידענע אַנדערע חפֿצים פֿון הויט, ציין און ווער קען אַלץ אויסרעכענען!

ערשט די אידיאָטישע קרבנות און די סנאָבישע מאכלים! וויפֿל בלומען געפֿליקט צו דעקאָרירן, וויפֿל וועלדער אויסגעהאַקט צוליב פּאַפּיר פֿאַר לעקישעוואַטע ליטעראַטורן אָדער אומניצליכע מעבל!

די דאָזיקע קולטורעלע האָמאָ-סאַפּיענסן זענען נאָך ערגער. קיין שום באַשעפֿעניש עקספּלואַטירט ניט זייַנס גלייַכן, געפֿינט ניט קיין תּירוצים צו פּאַראַזיטיזמען, אַנדערע זאָלן אַרבעטן מער ווי זיי זענען בכּוח, כּדי זיי אַליין זאָלן קענען, ניט טוענדיק ס׳מינדסטע, לעבן אין לוקסוס, בשעת די, וואָס זענען פֿאַרשקלאַפֿט מיט פֿאַרשיידענע דיאַלעקטישע דאָקטרינעס וואָס באַרעכטיקן פּריווילעגיעס, מאַטערן זיך אין נויט מיט פּריצייַטיקן אומקום.

אַזוינס קען מען ניט געפֿינען בייַ קיין שום באַשעפֿעניש, חוץ בייַ דעם פּערוועזן בן אָדם מיט זייַנע לאַוון, זייַנע עוואַנגעליעס, תּורות, קאָראַנס און אַלע אַנדערע דאָקטרינעס וואָס ווערן געלעסטערט און אויסגעניצט פּונקט דעם היפּוך ווי געלערנט.

~❀~

ווי דערלעבט מען שוין די צייַט ווען דער טעכנישער פּראָגרעס וועט זייַן מסוגל אייַנצושפּאָרן כּמעט די גאַנצע פֿיזישע מי בייַ די מיט וויסנשאַפֿט דערצויגענע לייַט! אַלץ וועט זייַן ראָבאָטיזירט, אָרדינאַטאָריש פּראָגראַמירט, קוואַרציש עלעקטראָ-מאַגנעטיזירט, קאַטאַדיזירט, אַנאַדיזירט און נאָך אַ סך אַנדערע איזירונגען, אַזוי אַז אַ מענטש וועט קענען זיצן, צי ליגן מיט פֿאַרלייגטע הענט, און בלויז עפּעס באַגערן — וועט עס

ווערן רעאַליזירט.

די ביזאָספּערע מיט אַלץ דערויף און דערין וועט זײַן אין זײַן רשות. אַגריקולטור: אויףביימער וועלן וואַקסן פּאַרטיקע מעבל, טישן, בענקלעך אד״גל. פּרומע לײַט: אַ קוועטש אויף קנעפּלעך און ס׳פּאַלן אַראָפּ פלײשיקע צי מילכיקע קרעפּלעך. אַ טראַכט וועגן אַ נסיעה – און מ׳איז אויף דער לבֿנה, אויף ווענוסן (ניט אויף די ערדישע, יצר-הרעניקעס!...), אויף מאַרסן צי אין אַ גאַלאַקציע ערגעץ. וויל עמיץ עפּעס שאַפֿן אַ מײַסטערווערק: די מחשבֿה איז גענוג. ניט נאָר ווערט עס רעאַליזירט, נאָר באַגלייט מיט אַ נאָבעל-פּרײַז, אַ מעדאַל און אַ ליסטע קאָמפּלימענטן, אאַז״וו.

אוי, ווי דערלעבט מען שוין ס׳דאָזיקע! כ׳וועל ניט דאַרפֿן שרײַבן און זיך דרייען דעם קאָפּ מיט דרוקן ביכער!...

~❁~

אמאָל האָט אַבֿרהם, דער ערשטער ייִד, געפֿירט זײַן איינציק קינד צו דער פֿיזישער עקידה, און געווען איז אַ מלאך וואָס האָט ניט דערלאָזט אַז ס׳מעסער זאָל עס באַווײַזן צו טון. און ס׳האָט געקענט אויפֿקומען אַ פֿאָלק ישׂראל מיט אַן עקזיסטענץ זיבעטויזנטער יאָרן, און דאָס – לטובֿת דער גאַנצער מענטשהייט אין כּמעט אַלע הינזיכטן.

הײַנט פֿירן טאַטעס –אַזוי פֿיל!– זייערע קינדער צו אַזוי פֿיל עקידות, און זיי קומען אום אויף אַזוי פֿיל מזבחות, ווײַל לײדער ניטאָ אַזוי פֿיל מלאָכים אָפּצוהאַלטן די געמעסערטע אָרעמס!

דער אומקום איז פֿאַרשיידנאַרטיק, ביסלעכווײַז, מיטרידאַטיש, גלײַכגילטיק, לעקישעוואַטע, גראָבי ונגעריש, מיט וועלן זיכערן קעגן געליטענע קאַטאַסטראָפֿעס, מיט סתם איגנאָראַנץ צי נאַרישקייט, און ס׳קומען אויף דורות היברידן, ניט קיין ייִדן, ניט פֿיזישע נאָר גײַסטיקע עקידות: אַסימילירט, אַטראָפֿירט פֿון אייגענע אָריגינאַליטעטן, ספּיריטועל ווי ליאַנעס פּאַראַזיטירטע אויף פֿרעמדע שטאַמען.

פֿרעמדע האָבן געהאָלפֿן דאָס אומברענגען. אויב יענעם איז ניט געלונגען אויף דער ערשטער עקידה, האָבן די פֿאַרשיידענע קינדס און עשיווס דאָס געטון איינציקווײַז און אין הורט! אַ מאָל איינעם אויף אַ קרייץ און דערנאָך גאַנצע מאַסעס פֿון פֿאָלק, מיט רציחות, שײַטער-הויפֿנס, פּאָגראָמען און דעם קלימאַקס – די היטלעריסטישע בעסטיע (פֿאַרדאָן, בעסטיעס!), דער נאַציזם.

קעגן דעם אַלעמען העלפֿט ניט צו זײַן אַסימילירט, מאַראַניזירט, געשמדט אויף אַ רעליגיעזן צי אַטעיִסטישן אופֿן. דאָס אַלץ פֿאַרקריפּלט פּסיכיש, אָבער פֿאַר אַ היטלערן, סטאַלינען, אַן אַראַבער צי סתּם אַ גוי-אַנטיסעמיט, בלײַבט ייִד תּמיד ייִד. ראַבאָטיזירטע אַנטיסעמיטן, דערצויגענע און מאַניפּולירטע דורך פֿאַרשיידענע עקאָנאָמיש ניט-פֿאַרגינערישע צי אַנדערע אינטערעסן, וועלן תּמיד זײַן גרייט צו לייגן ייִדן אויף פֿאַרשיידענע עקידות אָדער פֿאַרוואַנדלען זיי אינדוסטריעל אין מתים, ווי געזאָגט פֿון אַ מאַרטין הײַדעגער.

ניט רעדנדיק שוין דערפֿון אַז ייִדן סימבאָליזירן די גאַנצע מענטשהייט, און ממילא האָט אַלץ וואָס מע זאָגט אין שײַכות מיט ייִדן אַן אוניווערסאַלן באַדײַט. אַ באַווײַז: אַז אַלע ווילן זיך צואייגענען די ייִדישע תּורה מיט די נבֿיאים, אַזוי די קריסטן ווי דער איסלאַם.

אָפּגעזאָגט, קום איך צו מײַן לאמור:

די הײַנטיקע ייִדן דאַרפֿן זיך אַלע פֿילן ווי זיי וואָלטן צוריק געווען אין מצרים, פֿאַרשקלאַפֿט אין די פֿאַרשיידענע גושנס. סוף-כּל-סוף איז זיי ליבער דער טאָפּ מיט פֿלייש, מיט די גאָלדענע קעלבער. ווי דאָס אָפּהיטן די אַלע לאָוון מיט די רעקאָמענדאַציעס פֿון די לוחות און אַל-דאָס אַנדערע וואָס דאָס אַלץ איז גורם. אָבער ניטאָ קיין אוניווערסאַלער משה, און די פּרעהס זענען צו פֿיל אומעטום, מיט אָפֿענע צי פֿאַרשלייערטע אַספּעקטן. בכן מוז יעדער ייִד וואָס וויל ניט, קען ניט – כ׳זאָג שוין ניט: טאָר ניט– טאָלערירן קנעכטשאַפֿט, זײַן אַן אייגענער משה, שפּאַלטן זײַן אייגענעם ים און געפֿינען צוריק דעם וועג צום סנה, מיט אַלע ניסים וואָס מוזן

זיך מאַניפֿעסטירן אין וועג: מן ווי שפּײַז און שפּאַלטן פֿעלדזן צו געפֿינען אַ טרונק.ליידער איז דער טאָפּ מיט פֿלייש תמיד וויכטיקער פֿון אַלע פֿרײַהייטן, טראָץ צרות און שמיץ.

⁂

איך גלייב אין דער מאַגיק פֿון ריידן! געזאָגט עפּעס, צי געהערט, איז עס אַ מין קאָמוניקאַציע-פֿענאָמען וואָס פֿאַרבינדט ביאָלאָגיש, פּסיכיש, דעם יחיד צום כּלל, ס׳אינדיווידועלע צום סאָציאַלן, און ווי יעדע צירקולאַציע איז אומבאַדינגט וויכטיק, נויטווענדיק אין אַ גוף, איז עס אויך נויטווענדיק אפֿשר ניט נאָר אין אַ מענטשן-גרופּע, נאָר אַפֿילו אין דער גאַנצער ביאָספֿערע, צי אפֿשר אינעם אוניווערס!...

ווי בישטיק קליין ס׳זאָל ניט אויסזען דאָס מאַניפּולירן פֿאָנעמען וואָס זענען אויסדריקן פֿון עפּעס פֿיזישס און פּסיכישס, איז עס אַן עקוויוואַלענטע פֿאַרבינדונג פֿון אַ ניצוץ מיטן גאַנצן. דערפֿון אפֿשר דאָס מתוודה זײַן זיך בײַ קאַטאָליקן ווי אַ פּסיכאָ סאָמאַטישער פּראָצעס?

כ׳ווייס ניט וואָס אַ לעווי-שטראָס וואָלט געטראַכט פֿון דעם, וואָס כ׳זאָג דאָ. די פּרימיטיווע שבֿטים ווייסן עפּעס מער ווי די ציוויליזירטע וועגן אײַנפֿלוס פֿון פּסיכיזם אויף אָרגאַנען, מיטן גיין באָרוועס אויף פֿײַער, צי פֿאַקיריסטישע פֿענאָמענען. אָבער ווער ווייסט צי שווײַגן קען אויך ניט זײַן אַ מאָל אַ פּסיכאָאַנאַליטישע אַגרעסיע צי טעראַפּיע. ס׳אויער הערט ניט, אָבער עפּעס טראַנסמיטירט זיך עלעקטראָמאַגנעטיש.

פֿאַר וואָס זאָלן ניט מעגליך זײַן ביכער מיט ווײַסע זײַטלעך שווײַגעניש, וואָס לײַט וועלן פֿאַרשטיין, און ס׳וועלן זיך מאַניפֿעסטירן אַן עזאָטערישע פּאָעזיע צי מחשבֿהדיקע קאָמוניקאַציע-קאָנטאַקטן.

יעדער מענטש ווי אַ יחיד, און יעדער קאָלעקטיוו, איז זיכער פֿול מיט פּסיכישע אייגנשאַפֿטן, פֿאַנטאַזמען וואָס זענען פֿאַרהוילן פֿאַרן לאָגישן שׂכל. פֿרויד, מיטן פֿאַרנעמען זיך און פּרוּוון היילן

יחידים פֿון נעווראָזן, פּסיכאָזן, היסטעריעס, עדיפּ-קאָמפּלעקסן, האָט מיטן פּסיכאָאַנאַליטישן סיסטעם געלייגט אויפֿן בעטל לײַט, געלאָזט זיי פּלאַפּלען וואָס אויף דער לונג אויף דער צונג, אָדער דאַכט זיך אַנגעוואָנדן, מיט פּראָפֿעסאָר שאַרקאָ אין פּאַריז, אַפֿילו היפּנאָטיזם, אַבי צו באַפֿרײַען מענטשן פֿון זייערע מאַנקאָליעס, מיטן ליבידאָ־זם בתוכם.

איז געקומען יונג און אויסגעפֿונען, אַז דאָס וואָס קען געשען מיט אַ יחיד קען אויך געשען, און געשעט טאַקע, מיט פֿעלקער, המונים, נאַציעס, כּמעט די גאַנצע „מענטשהייט" מישטיינס געזאָגט. ווי אַזוי אָבער לייגט מען אַ מעדיאַ-מאַסע אויף אַ פּלאַנעטאַרן דיוואַן? בפֿרט אַז לײַט ווילן ניט בלויז ווירקן מיט רייד, נאָר זענען ווילד משוגע אַגרעסיוו. יונג האָט עס פֿאַרשטאַנען, אָבער – ווער איז געקומען היילן? אַ היטלער, אַ סטאַלין, ניט אויסרעכענענדיק אַלע אויסטערלישע טיראַנען, סאַטראַפּן, פֿאַנאַטיקער און סתם רוצחים וואָס האָבן ווי היפּנאָטיזירט עולם-גולם און זיי געצוווּנגען צו באַגיין אַזעלכע געמיינע, שרעקליכע מערדערײַען, רויבערײַען און אַפֿילו עגאָפֿאָבישע קאַמיקאַדזיזמען!

עס ווײַזט זיך אַרויס, אַז אינסטינקטיוו זענען די כּלומרשט ציוויליזירטע פֿעלקער שלעכט, אַגרעסיוו, און ניטאָ אַזאַ מין לא וואָס זיי זאָלן ניט טון פּונקט דעם היפּוך. וואָרשײַנליך מוזן זײַן קאָלעקטיווע היסטעריעס, נעווראָזן, פֿאַנאַטיזמען, שאָוויניזמען און נאָך אַ סך איזמען וואָס זענען פּסיכאָפּאַטיש געפֿערליך סײַ פֿאַרן יחיד, סײַ פֿאַרן כּלל. מיט אַזעלכע ווי אַ טיטוס, אַ המן, אַ שוואַרצן צי אַ רויטן צאַר, אַ היטלער, אַ כאָמייני צי נאָך אַזעלכע טאָרקוועמאַדישע היפּאָקראַטן, וואָס זענען אַלע יעזויִטישע צי אַנדערע היפּאָקריטן, קען מען זיך ריכטן אויף אַן אוניווערסאַלן אומקום פֿון דער בײַאָספֿערע.

פֿאַרשטייט זיך אַז מיר, ייִדן, מוזן זײַן די ערשטע קרבנות. ווען האָבן די גויִים גענומען פֿאַרן אויסלייזער פֿון זייערע אַמאָליקע, איצטיקע און צוקונפֿטיקע זינד? ניט אונדזערס אַ ייִד: ישו פֿון נצרת? האָט דען דער פּויפּסט ניט געזאָגט אַז וואָלט היטלער זיך

מתוודה געווען ביי אַ גלח, וואָלט ער אַריין גלייך אין גן-עדן, בשעת די פאַרשאָלטענע ייִדן מיטן רויך פון די קרעמאַטאָריע קומענס – באַלד אין גיהנום!

~❁~

ווי פולקום ס'זאָלן ניט זיין די מעסטונגען און רעכענונגען פון די מאַטעמאַטיקער, וועט מיין נשמה שטענדיק קענען צוגעבן נאָך עפּעס וואָס וועט איבערשטייגן זייער סומירן, און דער חשבון וועט ווייטער בלייבן אָפן. מיין נשמהס בוכהאַלטערישע פאָרמאַציע וועט שטענדיק פעלשן זייער בילאַנס. אין איין זייט וועט תמיד עפּעס פעלן; עס וועט ניט שטימען, און די גאַנצע וויסנשאַפט מוז זיין סוף-כל-סוף באַנקראָט.

דעריבער וועל איך פּרוּוון אונטערהאַנדלען ניט מיטן מוח, נאָר מיטן דער נשמה. עס וועט אפשר ניט געבן קיין זיכערע באַלאַנסן, אָבער דער מאָדוס וויוועגדי וועט זיין פאַרטרעגליך, און אפשר טאַקע אָנגענעם.

~❁~

די זשעסטן ביי אַלע רעליגיעס: דאָס שאָקלען זיך, וואַשן די הענט, פאַסטן, די מיקוות ביי ייִדן, דאָס בוקן זיך ביי די מוסולמענער, דאָס האַלטן צוזאַמען שווייגנדיק די הענט ביי די בודיסטן, און אפשר אַלץ ביי די אַנימיסטן – זענען תמיד לטובת דעם אָרגאַניזם, פאַר דער היגיענע און פיזיאָלאָגישע פונקציעס. זיי זענען אַ מין גימנאַסטיק, און אפילו די תפילות, מיט קאָנצענטרירטע באַגערן, מוזן ווירקן אויפן פּסיכיזם און זיין אַ מין פּלאַצעבאָ, אָן קיין שום הימלישע אינטערווענצן!

~❁~

ווי יעדער אַלפאַבעט מוז זיך אָנהייבן מיט אַן אַלף אָדער מיט אַן A, און יעדע אַריטמעטיק מיט אַן איינס, געקאָמען מיט זעראָס פון פאָרנט צי פון הינטן – וועל איך וואָרשיינליך זיין דער

אלף צי דער איינס אין מײַנע היפּאָטעטישע, פּיקטיווע, אוטאָפּיסטישע דאָן-קיכאָטיזמען, מיטן באַגער אַז סאָציאַלע רעזשימען זאָלן זיך מיט עפּעס ענדערן לטובֿת שכלדיקע לײַט. כ׳האָב דעם פּאַרגעפֿיל אַז דאָס וועט געשען נאָר מיט מײַן געדעכעניש, ווײַל ווער ווייסט צי כ׳וועל דערלעבן צו האָבן אַ מזומן צי אַ מבֿין פֿאַר מײַנע קיבוציזמירטע אילוזאָרישע רעאַליטעטן. ווער רעדט פֿון, פֿון, פֿון...

אָבער.אַזוי ווי זײַן אַן אָנהייב אין עפּעס וואָס איז ספּעריש צי קרײַזיק איז כמעט אוממעגליך, אויסער אַז מע האַקט אַרײַן עפּעס ערגעץ און מע זאָגט: דאָ איז עס! דער דאָזיקער אויפֿגע-צוווּנגענער פּונקט קען זײַן אַ מחשבֿה. אפֿשר קען דאָס זײַן אַ שטויס, אַ ווענדפּונקט, אַ כ׳ווייס אַליין ניט וואָס, אַבי עפּעס אַן אָנהייב.

זאָלן דאָס זײַן קיכאָטיש צי מנחם-מענדליזירטע באַגערן:

אויב ניט עפּעס פֿאַרריכטן, קען עס גאָרניט דאָר צעשטערן!

~֍~

טרעפֿט זיך אָפֿט אַז אַ שיינער שפּילפֿויגל נעסטיקט אויף אַ מיאוסן בוים. מיט טאַלאַנט קען אויך אַזוינס זיך לײַדער טרעפֿן. דאַרף מען דען אויסרעכענען נעמען פֿון פּאָעטן מיט שלעכטע גופֿים און שיינע עפּיטעטן? למשל: עזרא פּונד...

~֍~

ווי אַ רפֿואה אין טשעקאָלאַדקעלער פֿאַר קליינע קינדער, אַרײַנגנאַרן גילטיקע מחשבֿות היפּאָקריטיש, מיט הומאָר, אין די לעקישעוואַטע מעדיאַ-מאַסעס וואָס לײַדן נאַריש, פּערווערז-ציוויליזירטע, פֿון מגיפֿה-צרות, סאָציאַלע קרענק פֿאַרשפּרייט אומעטום דורך אַ ווירוס וואָס הייסט: קאַפּיטאַליזמוס ווירולענטוס.

~֍~

כ'ווייס ניט פֿאַר וואָס איך לעב; כ'ווייס ניט פֿאַר וואָס כ'וועל שטאַרבן.

כ'ווייס ניט פֿון וואַנען כ'קום, ווי כ'ווייס ניט וווהין איך גיי.

כ'ווייס ניט פֿאַר וואָס כ'קען טראַכטן דערפֿון; כ'ווייס ניט פֿאַר וואָס רייצט עס מיך.

איינס ווייס איך נאָר זיכער: אַז ניט נאָר כ'ווייס ניט, נאָר כ'קען אַפֿילו ניט וויסן ווי אַזוי צו וויסן עפּעס.

פֿאַרפּלאָנטערט אין אַזוי פֿיל ניט-ווייסעניש-פּראָבלעמען, וויל איך כאָטש אַנטראָפּאָלאָגיש וויסן וואָס זענען מײַנע פֿיזיאָ- און פּסיכאָ-פּאַטאָלאָגיעס, אָבער אַפֿילו דאָס איז אויך פֿאַרהוילן.

ווי אַזוי קען אַ גאָט חוזקן פֿון עפּעס צי עמיצן וואָס איז מסוגל אַזוינס צו פֿרעגן אים זעלבסט?

מיט וואָס האָט דער מענטש, זײַן ווערק, צי עפּעס פֿון אים, געזינדיקט, ער זאָל מוזן צי קענען זײַן ספּיריטועל, אינטעלעקטועל און טאָטאַל אומבאַהאָלפֿן עפּעס צו קענען ענדערן אין זײַן גורל?

ס'איז גוט, לײַכט צו זאָגן: מענטש, זײַ פֿרום, לעב, האָב צוטרוי און פֿרעג ניט, טו ס'דײַניקע – דויער און פּגר ווי יעדע באַשעפֿעניש. פֿאַר וואָס-זשע קען מען וויינען?

האָמעאָפּאַטישע ליטעראַטור, ד"ה: צעלאָזט אַ געדאַנק ניט אין אַ וואָרט צי אַ קוואָרט, נאָר אין אַן אָזיערע, אַ טײַך! וואָס געוואָלט זאָגן איז רעטאָריש, מליצהדיק, עלאָקווענט, מיט אריכות, מעטאַפֿאָרן, אַלעגאָריעס, שילדערונגען, אַזוי אַז דער עיקר איז דערטרונקען אינעם טעקסט: יעדע פֿראַזע – אַ זײַטל, נוסח פּרוסט.

ניט אַלאָפּאַטישע, ווי געוויינטליך ס'פּירט זיך – נאָר לאַסעריזירטע מחשבֿות, געדאַנק אָן פּסולת, ווי גאָלד אָן גרודעס, קאָנציז, פּרעציז, קלאָר מיטן איכות, עצם, צימצום: ס'עסענציעלע, איז

עפּעס וואָר, לאָגיש – דאַרף מען ניט אינטערפּרעטירן, קאָמענטירן, דיאַלעקטעווען אין אַ סך רייד. וואָלטן לײַט אַזוינס באַגרײַפֿט – וויפֿל וועלדער וואָלטן הײַנט שענער באַצירט דעם פּלאַנעט, און ביבליאָטעקן וואָלטן ניט געווען אַזוי באַלעסטיקט מיט נײַן מאָל נײַן און נײַנציק מאָס אומזיסטע פּראָזעאָלאָגיע!

אויב עפּעס אַ נאָרמאַלער פּאַרשוין (נאָרמאַל, לויט די השגות און קריטעריעס פֿון הײַנטיקע לײַט) וואָלט מיך געפֿרעגט: הלמאי שרײַבסטו, און ווילסט אַפֿילו פֿאַרעפֿנטליכן ביכער טאַקע אין ייִדיש, וויסנדיק פֿאָרויס אַז קיין ייִדישע לייענערס זענען כמעט ניטאָ, חוץ זעלטענע מיני-דינאָזאָרן, און קיין יוגנטלעכע וואָס זאָלן זיך אינטערעסירן סײַ מיט לייענען ייִדיש, סײַ מיטן אינהאַלט פֿון דײַנע שרײַבעכצן, זענען ניט בנימצא? – וואָלט איך געענטפֿערט אַזוי:

ערשטנס, האָב איך ליב צו שרײַבן. אַפֿילו ווען כ'וואָלט געווען אַליין, אויף אַן אינדזל, וואָלט איך דאָך געטון ס'אייגענע, ווײַל שרײַבן איז אַן עלעמענט אין מײַן פֿיזיאָלאָגיע. קען מען דען זיך אָפּהאַלטן פֿון עסן, טרינקען, שלאָפֿן אָדער משתין זײַן? אַז ס'קומט דער מאָמענט פֿונעם „מוז", איז ניטאָ קיין אויסוועג.

צווייטנס, חוץ זעלטענע חכמים וואָס האָבן ליב עפּעס קלוגס און שיינס, לייענען גערן מײַנע שריפֿטן און מאַכן מיר אַ מאָל קאָמפּלימענטן (בכן, מוז עס דאָך טויגן צו עפּעס אָדער דינען עמיצנס אינטערעס פֿאַר דענקעניש און עסטעטיק, אַחוץ מאָראַל!...), פֿאַרשטייט זיך אַז מײַן בעסטער לעזער בין איך אַליין. כ'האָב הנאה צו לייענען מײַנע שריפֿטן, טאַקע ווי כ'וואָלט געווען אַ פֿרעמדער. נו? קען עס עמיצן אַרן צי שעדיקן? כ'זוך ניט קיין מענטליק-קונים פֿאַר מײַנע „מײַסטערווערק". דאָס איז מײַן „האָבי", ווי ס'זאָגן, דאַכט זיך מיר, די ענגלענדער, און פּטור!

ערשט דריטנס, קום איך דאָך מיט קריטיק און רעקאָמענדאַציעס, אַ מאָל געליריקט, אַ מאָל סאַרקאַסטיש, פֿילאָזאָפֿיש און נאָך

אַזעלכע קוואַליפֿיקאַציעס – וויסנדיק אַז קיינער לייענט עס ניט און האָט ניט קיין אַנונג פֿון מײַנע מעשׂים און מחשבֿות. דאַכט זיך מיר אַז כ'טו עס ווי עמיץ וואָס וואַרפֿט אַ פֿלאַש אין אָקעאַנען: זיכער אַז ס'וועט אַ מאָל עמיצן גרייכן – פֿיש שלינגען ניט קיין פֿלעשער, און ים מוז זיי אַרויסוואַרפֿן ערגעץ אויף אַ ברעג. וועט זיך געפֿינען אַ פּאַרשוין וואָס וועט, אַ פּאַראינטריגירטער, לייענען וואָס ס'ליגט דערין און אײַנזען אַז וואָס כ'זאָג און טראַכט איז גילטיק, איבערגעבן עס אַנדערע, און אַזוי וועט פֿון אַ שפּראָץ ווערן אַ וואַלד! ניט אַנדערש!...

חוץ דעם בין איך זיכער, אַז די בײַאָספֿערע איז אַ קאָמפּאַקטע מאַסע פֿון סובסטאַנצן, עסענצן און אַנדערע עפּעסן וואָס קאָמוניקירן צווישן זיך ניט זעענדיק, פֿילנדיק און ניט וויסנדיק, אָן לייגן אַכט צי אַפֿילו האָבן עס אין זינען. סתּם מחשבֿות, רייד, עמאָציעס צי נאָך עפּעס אַנדערש מיט השפּעות גרייכן עפּעס אין הינטערבאַוווסטזײַן און פּראָוואָצירן רעאַקציעס. גוטע צי שלעכטע; אָבער עלעקטראָמאַגנעטיש, צי מיט נאָך אומבאַגרײַפֿטע וועגן. איז אַלץ געקניפּט און געבונדן, ווי אַ נערוון-סיסטעם אין דער גאַנצער בײַאָספֿערע, און אפֿשר אין זון-סיסטעמען, גאַלאַקציעס צי אוניווערסן. אַלץ איז פֿראַגמענט אפֿשר פֿון איין קאָלאָסאַלן, אוניווערסאַלן – כ'ווייס ניט ווי אַפֿילו דאָס אָנצורופֿן!...

טו איך ס'מײַניקע און לאָז אַרויס מײַנע מחשבֿה פּאַליעס. זיכער ראַדיאַאַקטיווע, וואָס קענען רייצן אפֿשר, פּראָוואָצירן אָבער אויך גוטע רעאַקציעס. אַזוינס קען געשען מיטן קוואַנטאַ-סיסטעם אין אייביקייטן, צי נאָר אין דויער פֿון לײַט און פּלאַנעטן. ס'קומען אויף גרויסע חכמים, נבֿיאים, אַנטפּלעקער, דערפֿינדער, און אויך קאַטאַסטראָפֿעס, מגיפֿות, טיראַנען. ווען איך וואָלט ניט געווען אַזוי באַשיידן ווי כ'בין געווײנטליך, וואָלט איך געטראַכט אַז אפֿשר בין איך עפּעס פֿון די קוואַנטישע פֿענאָמענען, פֿאַרשטייט זיך פֿונעם גוטן מין, ניט חלילה אַ מחבל, נאָר אַ ווילטעטיקער מחבר וואָס וויל דווקא גורם זײַן גוטס און שײנס פֿאַר דער גאַנצער מענטשהייט, דער בײַאָספֿערע, דעם אוניווערס אַפֿילו!... וואָדען?

וואָלט איך געענטפֿערט דעם, וואָס קען פֿרעגן אַזעלכע קלאָץ-קשיות...

בין איך דאָך עפּעס אַן עניו: כ׳האָב פֿײַנט צו פּאַראַדירן, פּראָקלאַמירן, מאַניפֿעסטירן און נאָך אַזעלכע **אירן** – טו איך מיר באַשיידן ס׳מײַניקע, שרײַב ביכער, לייען זיי אַליין און באַסטאַ. ווי ס׳זאָל ניט זײַן, טשעפּע איך ניט קיינעמס מנוחה, פֿאַרלאַנג גאָרניט בײַ קיינעמען. עמיץ, וויל קויפֿן אַ בוך און האָבן אַ חלק אינעם אידעאַליזם וואָס איז אפֿשר אוטאָפּיע? איז אַדרבא. זאָל ער צוטראָגן וואָס ער וויל צי קען, מיט עפּעס צו העלפֿן.

פֿון מײַן זײַט האָב איך זינט מײַנע אַלע יאָרן געטון וואָס נאָר געקענט, געביזנעוועט כּדי צו קענען רעאַליזירן מײַנע אפֿשר אילוזאָרישע קאָמפּלעקסן. קיין שום יורשים האָב איך ניט, און אַלץ וואָס איך פֿאַרמאָג וועט גיין לטובֿת אַ פֿונדאַציע וואָס זאָל דערמעגליכן אַז מײַן חלום זאָל ווערן וואָר. וועט עס מיר ניט געלינגען? וועל איך דאָך אַלץ וואָס כ׳האָב אָנגעשריפֿטלט לאָזן פֿאַר צוקונפֿטיקע פּאַלעאָנטאָלאָגן צי אַנדערע מינים **לאָגן**, אָדער פֿאַר עמיצן ווי אַ שאַמפּאָליאָן, וואָס האָט דעשיפֿרירט היעראָגליפֿן. ס׳וועט אפֿשר פֿאָרט לײַכטער זײַן צו דערגיין דעם זין פֿונעם אינהאַלט ווי דאָס איז געווען פֿאַר די, וואָס האָבן שטודירט און געפֿאָרשט קניפּל- צי פֿלעקל-שריפֿט!

~❂~

אַקטועלע קליין-קעפּלדיקע דינאָזאָרן מיט ריזיק גרויסע גופים, קוים געשלעפּטע, מידע; ווילנס פֿאַרטשאַדעטע, פֿאַר-כליניעטע מיט דעמאַגאָגישע דאָקטרינעס, מיט אַפּאָלאָגיעס פֿאַר דזשיהאַד-מיתה-משונהס און קאָמפּלעקסירטע מיט פֿאַנאַטישע אמונות!

איר וועט אומקומען ווי יענע, איבערלאָזנדיק ווי אַ גערעכעניש זעלטענע סקעלעטן. מיט נײַגער אפֿשר אין אַ מוזעום, אויב עמיצער וועט אים באַזוכן און זען אײַערס אַ ביין וואָס האָט זיך געוואַלגערט אין אַ לבֿנהשער וויסטעניש, וועט ער אין אים זען אַ

זכר פֿון אַ פֿאַרלוירענעם אַמאָל. עפּעס נאָך דעם נוקלעאַרן חורבן וואָס קומט אַלץ צו פֿאַרטיליקן אין דער ביאָספֿערע.

דינאָזאַורן אין אַספּעקט פֿון פּלומרשטן מענטש. גראָב-בײַכיק. גרייט צום פֿרעס. אָבער מיני-מוחותדיק. סרובֿ אויסגעוועפּט ווי בײַ אַ מת. פֿאַרשעמט וועט גאָט. מיט זײַן סוראָגאַט פֿון צלם אלהים. באַדויערן דעם כאַאָס מיטן מעשה-בראשית. און דער פּלאַנעט / צוריק אין נישטיקייט פֿאַרשווינדן וועט.

~❀~

פֿאַראַן ווייץ- צי קאָרן- אָדער גערשטן-זאַנגען וועמענס קערן פֿאַרוואַנדלען זיך לײַכט אין מעל. צוקונפֿטיקע שפּײַז פֿאַר זייער עוואָלוציע. בלומען וואָס מוזן אָנקומען צו אינזעקטן אָדער צום ווינט. וואָס צעטראָגן זייערע פּאָלען-זוימען ניט נאָר אָן ווידערשטאַנד. נאָר באַלוינען אַ בינען-קוש מיט נעקטאַר. פֿאַראַן פּירות מיט דינע שאָלן וואָס לאָזן לײַכט זיך קײַען צו באַפֿרײַען זייערע קערנער ניט-פֿאַרדײַעטע. וואָס קומען אַרויס געמיסטיקט נאַטירליך. און אַנדערע וואָס מע מוז שיילן. אָבער דערין ניטאָ קיין געזעענע זוימען: אַ באַנאַנע. למשל.

פֿאַראַן אויך אַזעלכע ווי די טרויבן. וואָס זענען ווײַן-זאַפֿטיק אָבער מיט מיני-קערנדלעך. ווער רעדט פֿון אַנאַנאַסן: כאָטש שאָל מיט ווידערשטאַנד. דאָך לאָזט זיך בײַקומען מיט אַ מעסער. און פֿאַראַן אַזעלכע ניס וואָס פֿאַרטיידיקן זייער אינעווייניק: מע קען צעברעכן אַ צאָן איבער מע פּרוווט זיי אײַנבײַסן.

אָבער פֿאַראַן אַזעלכע פֿלוימען וואָס האַלטן אין אַ האַרטן קערן זוימען. און מע דאַרף אַ האַמער אַרויסצובאַקומען זייער מאַנדל: מיט טעקסטן און דערין מחשבֿה. זין. איז אויך אַזוי.

ווײַל דעם עקשן וואָס געפֿינט די מאַנדלען / גרייט אין בײַע ביימער צו פֿאַרוואַנדלען!

~❀~

כ׳האָב עס שוין זיכער ניט איין מאָל געשריבן און אפשר אַרײַנגענומען אין פֿאַרעפֿנטליכטע ביכער, אָבער אַזוי ווי מײַן זכרון איז אַמנעזירט, און פּרוּוון דערגיין עפּעס אַ טאָלק מיט אַן אָרדענונג אין מײַנע שריפֿטן איז מיר אַבסאָלוט ניט מעגליך, טאָר איך אין מײַן עלטער ניט פֿאַרלירן קיין צײַט דערמיט.

וואָס קען געשען? כ׳וועל האָבן איבערגעחזרט ווער ווייסט וויפֿל מאָל די זעלבע מחשבֿות, אפֿשר, אָדער כּמעט זיכער, מיט אַנדערע רייד צי אַן אַנדערן אופֿן. מילא, ס׳וועט חלילה קיינעם ניט טון קיין שאָדן.

זאָל מען פֿאַרגלײַכן מײַנע שרײַבערײַען מיט דער מוזיק פֿון אַ מאָצאַרטן, למשל: מע קען עס הערן טויזנט מאָל און ס׳איז תּמיד ליב (מײַן נאַטירליכע ענִיוות לאָזט מיך ניט נעמען פֿאַר אַ פֿאַרגלײַך עפּעס אַן אַבי וועמען אין מוזיק, ווי בכלל אין אַלץ וואָס כ׳טראַכט און טו. באַשיידנקייט און גראַפֿאָמאַניע זענען די יאַנוס-פּנימדיקע אַספּעקטן פֿון מײַנע כאַראַקטעריזירטע קאָמפּלעקסן).

ווי מע קען עס פֿעסטשטעלן, בין איך קאָנסעקווענט מיט מײַן דעוויז: אַלץ וואָס כ׳שרײַב מוז זײַן האַי-קאַיש, עפּיגראַמאַטיש, קורץ און פּרעציז, אַפֿילו ווען כ׳מוז עס טון מיט נײַן מאָס רייד.

מיר דאַכט זיך אַז כ׳האָב עס קלאָר און גוט דערקלערט, אָבער אַז דאָר זאָל עמיצער ניט האָבן עפּעס פֿאַרשטאַנען, וועל איך ענטפֿערן אויף יעדן בריוו וואָס כ׳וועל באַקומען וועגן דעם פּראָבלעם.

כ׳זאָג עס ווײַל מײַנע שריפֿטן זענען ניט עפּעס אַ פּערזענליכער ענין, נאָר אַ וויכטיקע געשעעניש פֿאַרן כּלל. וואָדען?

פֿאַר מיר, ייִדישן ייִד, איז אַ מחיה צו זען ווי אַזוי שלום-עליכם נעמט אַ גויִשן סילאָגיזם וועגן סאָקראַטעסן און פֿאַרייִדישט עס מיט אונדזערס אַ היימישן טעם.

יענער זאָגט: אַ מענטש איז שטערבליך; סאָקראַטעס איז אַ מענטש; בכן איז סאָקראַטעס שטערבליך.

זאָגט שלום-עליכם: אַ מענטש איז געגליכן צו אַ סטאָליער: אַ סטאָליער לעבט און לעבט, און דערנאָך שטאַרבט ער; אַ מענטש איז אויך אַזוי.

~❀~

ייִדישקייט לערנט מען ניט אין קיין שום ישיבֿות.

ייִדישקייט לעבט מען. תּורה איז עקזיסטענץ.

דער לא תּרצח דאַרף ניט קיין שום קאָמענטאַרן. אַן ערליכער, באמת פֿרומער ייִד, ווי יעדער מענטש פֿון אַנדערע ראַסן, דאַרף ניט תּפֿילה טון, ניט תּשובֿה טון פֿאַר באַגאַנגענע זינד, אָדער קומען מיט חניפֿה-הימנען צו אומבאַגרייַפֿטע געטער. ער איז נאָרמאַל גוט, שמייכלענדיק, געזונט, פֿרייַ פֿון פּאַראַזיטיזמען, און זייַן אופֿן לעבן איז סינאָנים פֿון דאַנקבאַרקייט דעם באַשאַף.

~❀~

ייִדיש מיט לשון-קודש — אַ געפֿלאָכטענע הבֿדלה-ליכט, ווי צווייַ קאָלירן וואָלטן זיך מיט ליבשאַפֿט אַרומגענומען מיט קנויטס-פֿלעמל, געצונדן ווי אַ מתּנה דעם פֿרומען ייִד.

פֿאַר ייִדיש מיט עיבֿרית איז אַזוינס ניט געאַנט. דאָס פֿאַרשטיין און פֿילן קען נאָר אונדזערס אַ ייִד, וואָס געדענקט דער מאַמעס הענט אויפֿן פּנים בייַ שבתדיק בענטשליכט, צי דער באַבעשיס גאָט פֿון אַבֿרהם ווען דער ליבער שבת-קודש גייט אַוועק. עיבֿרית איז לײדער כּולו-חול.

ס׳אַמאָליקע ייִדישקייט — בייַ די פֿרומע מיט זייער לשנה הבאה בירושלים, און בייַ די וועלטליכע וואָס זענען אַוועק טריקענען

מאַלאַריע-זומפּן ווי חלוצים, מיט אחד-העמס און זשאַבאָטינסקיס מחשבֿות אין קאָפּ און אין האַרץ!

הײַנט האָבן מיר סאַברעס, אָבער וואָס זענען לײַכט יורדים. און אויב לייגן זיי קוויטלער אינעם כּותל, מוז זײַן דערין אַ פּראָבלעם פֿון שקלים און דאָלאַרן.

ווו ביסטו, טײַער ייִדישקייט פֿון מײַן אַמאָל!...

ווי מע קען זען, ציטיר איך אַ סך נעמען פֿון פּאָעטישע גרויסע ספּעצן. מע זאָל באַגרײַפֿן אַז כ'רעד ניט סתּם אַזוי, נאָר ווי אַ גרויסער קענער. דערבײַ דערמאָן איך זיך אַז איינער פֿון מײַנע ערשטע קריטיקער-עקזעגעטן, כ'געדענק ניט אַקוראַט שנײַדערמאַן אָדער לענעמאַן, יעדנפֿאַלס עפּעס מיט אַ „מאַן" (און מן איז דאָך אַ זעלטענער גוטער עפּעס וואָס פֿאַלט אין אַ מדבר, ווי אַ מאָל מיט יציאת-מצרים, און יעדער געפֿינט זײַן באַגערטן טעם דערין), ובֿכן, האָט דער דאָזיקער ספּעץ געשריבן אין אַ פּאַריזער צײַטונג אַז מיעדניק איז זיכער דער גרעסטער פּאָעט צווישן די קאָנפֿעקציאָנערן אָדער דער גרעסטער קאָנפֿעקציאָנער צווישן די פּאָעטן.

דאָס איז מיר זייער געפֿעלן, ווײַל מיט מײַן באַשיידנקייט האָב איך ווי אַ דעוויז (אַ מחבר מוז האָבן דעוויזן. מײַנע זענען ניט ווי די דאָלאַרן, הײַנט אַרויף מאָרגן אַראָפּ. מײַנע זענען ווי יאַפּאַנישע יענס צי דײַטשע מאַרקן). בכן, מײַן דעוויז: „תּמיד גרויס — דער גרעסטער".

ווו זשע בין איך פֿאַרקראָכן מיט דעם וואָס כ'האָב געוואָלט זאָגן? יאָ, כ'מוז נאָך צוגעבן אַז מיט דעוויזן קען מען ספּאָנסאָריזירן פּובליציטאַריש וואָס מע וויל פֿאַרשפּרייטן. האָבן אַ סך קונים. ספּאָנסאָריזירן איז אַ שפּאָגל-נײַער נעאָלאָגיזם. מע געפֿינט ניט דאָס וואָרט ניט אין „לאַרוס", ניט אין „ראָבערט". און דאָ וועל איך כאַפּן אַ פּאָרציע פֿון מרדכי שעכטערן: דאָס וואָרט געפֿינט זיך ניט בײַ אליהו בחור, ניט בײַ גליקל פֿון האַמעלן, ניט

בײַ אײַזיק-מאיר דיקן, ניט בײַ פרצן אַפּילו. אָבער עס ווערט געניצט הײַנטיקע צײַטן אין דער פרעסע, אין ראַדיאָס און טעלעוויזיעס. ווער מען עס פֿון איצט אָן געפֿינען בײַ אַרן מיעדניקן.

~❁~

פֿון וואָס באַשטייט –סובסטאַנץ, עסענץ, ענערגיע צו עפּעס אַנדערש– דער פֿענאָמען אינטעלעקטועלע אַקטיוויטעט? וואָס איז דער יסוד דערפֿון, וואָס ווערט דערמיט, אויב געטראַכט אָבער ניט געזאָגט צי פֿאַרשריבן? ווו קומט עס אַהין?

עפּעס קען דאָך ניט זײַן פֿון גאָרניט, און געקומען און געווען קען עס דאָך ניט פֿאַרשווינדן: דענקענ׳יש, בענקענ׳יש, סתּם מחשבֿות, ספּיריטועלע דינאַמיק, אינספּיראַציעס, באַשלוסן, פּראָטעסטן, רעוואָלטן, אָנגעווענדעטע צי ניט. ערשט דמיון, פֿאַרשטעלונגען, חלומות, טרוימען, באַגערן; מאַטעמאַטיק, פּאָלעמיק, רעטאָריק, פלענער אַד־גל, אויפֿגענומען פֿון זכּרון, מנעמיש רעגיסטרירט און קלאַסירט ערגעץ אינעם מוח – אָבער: פֿון וואַנען געקומען, און וואָס ווערט דערפֿון אויב סתּם געטראַכט?

ערשט ווי אַזוי אײַנגעמאַגאַזינירט, באַוווסטזיניק צי ניט, געהערטע רייד, עפּעס געלייענטס, מוזיק – קאָנטראָלירט דורך עמאָציעס, קריטיש צי גלײַכגילטיק. חוץ אפֿשר בײַ אַ גאָט, קען דאָך ניט זײַן אַ יש-מאַין, בפֿרט עפּעס וואָס לעבט.

~❁~

דער אוניווערס דויערט אייביק. קיין שום ענערגיע, סובסטאַנץ צי עסענץ קען ניט גיין פֿאַרלוירן, נאָר עוואָלויִרט תּמיד אין אָן עפּעס אַנדערש. פֿאַר דער נאַטור, ווײַזט אויס, איז נאָר וויכטיק דער מין און זײַן אויפֿהאַלטן זיך ווי אַזעלכער אין אַלע אומשטאַנדן. וויכטיק איז מענטשהייט, נאַציע, פֿאָלק, און נאָר אַזעלכע טעאָרעטישע פּאָסטולאַטן צי אַקסיאָמען.

אָבער צײַנווייטיק און הינעראויִגן זענען מײַנע. קיינער פֿילט ניט ווי

דער שוך מיך קוועטשט, צי כ'בין הונגעריק, דאָרשטיק, מיד אָדער צעווייטיקט. איך מוז שטאַרבן — קיינער קען עס ניט טון פֿאַר מײַנעטוועגן. מײַנע טעג זענען געציילט, מײַן עקזיסטענץ איז עפּעמעריש, און קיין שום אומענד, אידעאַל, סאָציאַלע אינטערעסן צי הימלישע גן-עדנס קענען מיך בשום-אופֿן ניט טרייסטן.

~❀~

אין אַ פּאָעמע / איז ניט גענוג / זײַן זאָל אַלץ קלוג: / פֿאָרמען, ריטמען, טעמע. / אַלץ מוז, חוץ גוט און שיין / מיט אַנדערע אויך אייגנשאַפֿטן זײַן. / חוץ תּענוג פֿאַרן גײַסט — / פֿאַר יעדן חוש / האָבן ווי אַ גלעט, / אַ צאַרטן קוש. / און פֿאַר דער נשמה עפּעס מער! / וואָרט — מיטן אָטעם פֿון אַ רויז / און מיט טעם פֿאַרן געהער: / אַפֿילו פֿאַרן גומען ניט קיין בלויז, / מײַסטער, ווירטואָז — און עפּעס וועט / אין דיר באַגרײַפֿן וואָס דאָס הייסט / זײַן אַ פּאָעט.

~❀~

קיין שום פֿאָלק קען ניט אַסקעטיש זײַן אָפּגעזונדערט. אַפֿילו די לײַט וואָס פֿאַרמאָנאַסטירן זיך, שליסן זיך אָפּ טראָגלאָדיטיש, מוזן אָנקומען צו קאָנטאַקטן מיט דרויסנס, און ממילא מוזן זיך מאַניפֿעסטירן אײַנפֿלוסן, מימעטיזמען, זשאַרגאָניזמען, דיאַלעקטן וואָס סוף-כּל-סוף ווערן זיי לינגוויסטיש פֿאַרדײַעט, אַזוי אַז ניט פֿאַראַן מער קיין אַבסאָלוט אָריגינעל לשון אָן פֿרעמדע ווערטער, כאָטש אָפּט מיט אַן אַנדערער סעמאַנטיק.

פֿראַנצייזיש איז פֿול מיט פּרעפֿיקסן פֿון גריכיש און לאַטײַן, הונדערטער ווערטער פֿון אַראַביש, פֿון סלאַוויש, און וואָס ניט? ווי העברעיִש — מיט אַראַמעיִש. דען וואָס איז מיט תּרגום? שמש — איז ניט שאַמאַש?

ייִדיש איז דעריבער די רײַכסטע שפּראַך, ווײַל ייִדן האָבן גענומען אין אַלע גלותן אידיאָמען, דיאַלעקטן, זיי אַלע פֿאַרמאָמע-לשונט.

אַ מחייה. באַי ווערט אַ באַיטשיקל; אַבאַ ווערט אַן אַבאַלע. אַאַז״וו. די אַלע וואָס ווילן ניט באַגרײַפֿן ס׳דאָזיקע זענען ניט קיין רענעגאַטן, נאָר פּשוטע ״לעקישעוואַטע נאַראָנים. זיי מיינען אַז מיטן אַסימילירן זיך ווערן זיי אַנדערש. אַזוי דאַכט זיך זיי. אַסימילירן מיינט אָבער פֿאַרקריפּלען זיך. היברידן זענען סוראָגאַטן. אַ סאָסנע וועט קיין מאָל ניט זײַן קיין פּאַלמע.

מע דאַרף, מע קען, מע מוז זײַן קודם אַ מענטש מיטן באַוווּסטזײַן פֿון זײַן עפּעס וויכטיקס אין דער ביִאָספֿערע, און אפֿשר אינעם אוניווערס. מע מוז זײַן אַ באַוווּסטזיניקער טרײַער בירגער אין אַ נאַציאָנאַליטעט, וואָס באַשטייט ס׳רובֿ פֿון פֿאַרשיידענע עטנישע גרופּעס, און מע מוז זײַן טרײַ דעם אייגענעם פֿאָלק, מיט אַלע אָריגינעלע קולטורעלע אייגנשאַפֿטן: שפּראַך, דיאַלעקט, פֿאָלקלאָר אד״גל. אַזוי איז מען לאָיאַל-נאַציאָנאַל, און מע באַרײַכערט די נאַציע מיט אַ ספּעציפֿישן אוצר, מיט נאָך אַ בלום אינעם גאָרטן. מ׳איז אויפֿריכטיק, ערליך, ניט היפּאָקריטיש, ניט אַ פֿרעמד געוויקס, ווי אַ ליאַנע אויף אַ בוים, מעשה פּאַראַזיט. בפֿרט אַז דורך אונדזער ייִדישקייט האָבן מיר מיט וואָס צו באַרײַכערן היימען.

לאָגיש וואָלט יעדער מענטש געדאַרפֿט קענען דרײַ שפּראַכן: אַן אוניווערסאַלע, נוסח עספּעראַנטאָ, אַ נאַציאָנאַלע און אַ מאַמע-לשון. אַזוי קען מען זיך פֿאַרשטענדיקן מיט אַלע אומעטום.

ערשט וועגן די שפּראַך-פּראָבלעמען, זענען לשונות ווי לעבעדיקע עפּעסן. זיי מוזן קומען אין קאָנטאַקט מיט דרויסנס. אַזוי ווי ס׳איז פֿעסטגעשטעלט אַז סעקסועלע באַציִונגען תּמיד צווישן אייגענע זענען גורם בורבאָנישע העמאָפֿיליעס, בכן מוזן שפּראַכן זיך באַנײַען, אַרײַננעמען טערמינאָלאָגיעס, ווערטלעך, אידיאָמען וועלכע ווערן פֿאַרדײַעט, און פֿאַרן באַקומענעם שענקען זיי אַנדערע מתּנות פֿון אייגענעם אוצר. כ׳האָב געזען אַ ליסטע פֿון 1500 אַראַבישע ווערטער אין פֿראַנצייזיש, און נאָך אַ סך פֿון אַנדערע לשונות, וואָס כ׳געדענק ניט אַקוראַט די צאָל.

ווידער רעדנדיק פֿון אַסימילאַציעס, איז מאָדנע וואָס, חוץ

מימעטיזמען וואָס געווייסע פֿלאַנצן צי באַשעפֿענישן ניצן אויס צוליב אַגרעסיע- אָדער פֿאַרטיידיקונגס-אינטערעסן, איז ניטאָ בײַ קיין שום באַשעפֿעניש אָדער פֿלאַנץ אַ נטיה זיך צו אַסימילירן. די נאַטור איז פֿאַרשיידנאַרטיק מיט מיליאָנען צי מיליאַרדן פֿאָרמען, אַספּעקטן, קאָלירן און ווער ווייסט וויפֿל אָריגינעלע אייגנשאַפֿטן. פֿאַר וואָס זאָלן לײַט זיך דווקא וועלן פֿאַרשלייערן, מאַסקירן, לײַדן פֿון מימעטיזמען?

דאָס אַלץ ווערט געזאָגט וועגן ערליכע, באַוווסטזיניקע, לאָגיש-אויסגעהאַלטענע לײַט. די לעקישעוואַטע-אַנדערע אינטערעסירן מיך לחלוטין ניט.

בכלל, אַסימילירן הייסט פֿרעסן, אײַנשלינגען, פֿאַרדײַען. שאָף אַסימילירט גראָז. וואָלף אַסימילירט שאָף ווי גראָז אַסימילירט זונען-פֿאָטאָנס. ערשט אַ באַשעפֿעניש מענטש – וויפֿל עלעמענטן אַסימילירט ער מיטן עטעמען, נערן זיך אאַז״וו?

דאָס איז אָבער גילטיק אפֿשר פֿאַר פּשוטע סובסטאַנצן צי עלעמענטאַרע לעבנס-פֿאָרמען. דער מענטש מוז אָבער זײַן אַ באַוווסטזיניקער עפּעס פֿאַר זיך, מיט אַ באַגער ניט צו זײַן ניט גראָז, ניט שאָף, ניט וואָלף.

סטײַטש? דער עפּיטעט האָמאָ-סאַפּיענס באַרעכטיקט אַ ביסל יחסנות און אַנדערשקייט!

~❁~

ייִדיש, בוים אין מײַן גן-עדן! בלעטער וועלקן, צווײַגן דאַרן, ברעכן זיך אָפּ, און באַלד דײַן הארבסט, דײַן ווינטער. בלײַבסט שטיין אַ נאַקעטער כּמעט? דײַן שטאַם איז דאָ, און ניט געזאָרגט, בוים מײַנער, ביסט טיף געוואָרצלט. זאָלן זיי וועלקן, ברעכן זיך, פֿאַלן אין מיסט צי פֿאַרוואַנדלט ווערן אין האָלץ, גוט פֿאַר אַ פֿײַער. ווײַל צוייגענען זיך צו אַ פֿרעמדן שטאַם – זיי וועט עס קיין מאָל ניט געלינגען.

און דו וועסט אַלע ווינטערס איבערקומען, מיט אַ נײַעם פֿרילינג

שפּראָצן וועלן נײַע גרינסן. נײַע צווײַגן וועלן זיך צעשפּרייטן מיט נײַעם צוויט און שאַפֿן נײַע פּירות מיט נײַע זוימען. נײַע דורות וועלן קומען רוען אין דײַן שאָטן, באַוווּנדערן דײַן פּראַכט. און מקנא זײַן וועלן גערטנער, סעדער, דאָס אָרט ווו דו וועסט זײַן, בוים-מײַעסטעט. און באַגײַסטערט צו דיר קומען וועט מיט זײַן געזאַנג ניט איין פּאָעט!

~❀~

זאָגט עמיץ: ווי מיר שײַנט – די מוזיק? איך האָב זי שוין געהערט! דאָס בוך? איך האָב עס שוין געלייענט!

קען אַ באַווײַז דאָס זײַן אַז דער מחבר און דער קאָמפּאָזיטאָר זענען אָן שום ווערט. אָדער דער וואָס זאָגט עס איז אָן חוש צו פֿילן און פֿאַרשטיין עפּעס צאַרטס, אַ גולם אָן נשמה און אָן האַרץ.

ווער זאָגט: די זון? זי שוין געזען! מאַמע צי געליבטע? כ'האָב געפֿילט שוין זייער קוש! עמאָציע, חן? וואָס איז עס פֿאַר אַ פֿענאָמען?

מיט אָט די לײַט נאָר איין באַשייד: קאָנטאַקטן מײַד!

~❀~

פֿאַראַן פֿענאָמענען וואָס קיינער וועט זיכער קיין מאָל ניט פֿאַרשטיין און קענען ענדערן, אָבער וואָס אַ פֿאַסטאָר האָט באַמערקט און אויך אויסגעניצט פֿאַר זײַנע פֿאַרשונגען. למשל, מיטן נעמען אין אַכט אַז אַ שפּיגל קען ניט אָפּשפּיגלען פּינקטליך אַ ספּיראַל, אַ האַנט, צי עפּעס וואָס איז מיט אַ לינקס און רעכטס אָדער אַ ריכטונג, און די רעכטע האַנט וועט אין שפּיגל תּמיד זײַן די לינקע, די ריכטונג לינקס – וועט זײַן אויף רעכטס. די זעלבע אייגנשאַפֿטן גילטן פֿאַר אײַנפֿלוסן אין אַטאָמען, מאָלעקולן. ס'מוז זיך פֿאָרן, ווען ניט – איז עס אָן באַגערטן רעזולטאַט.

זאָל דאָס ניט האָבן אַ שײַכות מיט סימפּאַטיע און אַנטיפּאַטיע? מיט

עפעס וואָס איז גורם אַז עמיץ זאָל זײַן געלינקט, און זײַן באַציִונג מיט רעכטע זאָל האָבן שטערונגען? פֿאַר וואָס איז דער מוח געטיילט אין לינקע און רעכטע לאָבן מיט פֿאַרקערטע ווירקונגען אויפֿן גוף? אוי, מײַן קאָפּ!

~❀~

אויב פּאַריז זאָגט „סי“ / און מאָסקווע זאָגט „דאַ“, / איז עס צוזאַמען „סידאַ“. / און דאָס באַדײַט / געפֿאַר פֿאַר אויפֿריכטיקע לײַט, / ווײַל ווי „רוס“ איז עפּעס אין רוסלאַנד / איז סאָוויעטיזם נוסח סטאַלין / אַ ווירוס וואָס איז גורם סטאַלאַגיזם / מיט לוביאַנקעס און בוטירקעס / פֿאַר אַלעמען בכלל / און פֿאַר ייִדן בפֿרט, / ווײַל זייער אידעאַל / איז פֿרײַהייט! באַפּליעוואַט! / וויכטיק - פּאַפּ, באַיאַר, / סאָוויעטיזירטער צאַר, / און סיבירער טײַגע גרויס געננג / פֿאַר די וואָס ווילן זײַן צו קלוג.

~❀~

היתכן?

כ׳פֿאַרשטיי ניט די פֿרומאַקעס מיט זייערע השגות, וואָס הייסט: זיצן און יום-ולילה תמיד לערנען? הלמאי נעמען זיי ניט אין אַכט וואָס אין פּרק שטייט:

דער וואָס פֿאַרנעמט זיך בלויז מיט לערנען איז פּונקט ווי ער וואָלט ניט געהאַט קיין גאָט; און: דער וואָס זאָגט, אַז ער האָט נאָר תורה, האָט קיין תורה אויך ניט.

אַפֿילו בײַם באַרג סיני האָבן ייִדן דאָך געזאָגט: נעשה ונשמע — קודם עפּעס טון און דערנאָך הערן וואָס מע זאָגט.

ווו איז לאָגיק?

~❀~

בראוואָ, בראוואָ, נאַרציס! / תּמיד שפּיגלען בענטש; / אַלע, אַלע – בעסטיעס; / דו נאָר זעסט זיך: מענטש!

אָביעקטיוער שׂכל! / געפּילט אַלץ, ניט דערקלערט! / דו זע זיך אינעם שפּיגל / און וועלט נאָר דיר געהערט.

וואָס לײַט וועלן מיינען! / ניט געטראַכט דערפֿון! / איין דעוויז דיר: „עגאָ"! / אַלץ – סאַטעליט; דו – זון!

וואָס מיר איזמען, איסטן! / פּאָל וואַלערי – דײַן האַר! / דיר שמייכלען אַלע שפּיגלען: / „דײַן זײַן איז לוין און שׂכר"

~❁~

אָן עפּלבוים זוכט ניט קיין רום מיט קאָמפּלימענטן. ער טוט ס'זײַניקע: שאַפֿט גוטע עפּל – און פּטור.

נעמט אײַך אַ בײַשפּיל פֿונעם עפּלבוים, קינסטלער בכלל, פּאָעטן בפֿרט.

~❁~

ווי אַ מאָל, אַזוי אויך הײַנט! / מאַטושקאַ ראַסיאַ! שוואַרץ צי רויט: / פֿעלט דעם פּויער וואָדקע אין דער כאַטע – / שולדיק אין זײַן נויט / איז דער זשיד פּראָקלאַטע!

דער פֿאַרבראַנפֿעטער כאַכאָל, / טשערנאָסאָטניק פֿון אַ מאָל / און פּאַמיאַטניק הײַנט, / וואָס באַגרײַפֿן קענען זאָל / חוץ אַז, זינט דער צאַר איז טויט, שולדיק קען אין אַלץ נאָר זײַן / אַ זשיד! בכן / ס'געשעט אַ נס: / סטאַלין באַטיושקאַ וואָסקרעס! / און געגרייט זיך אין זײַן נאָמען / צו כוליגאַנישע פּאָגראָמען, / ווי פּאָביעדאָנאָסצעוו, ניקאָלײַ, / מיט אַ „בעי זשידאָוו ראַוואַי" / און קרעמלישן סאָוויעט ספּאַסאַי!

~❁~

די לענג פֿון אַ סטרונע איז גורם איר אָרט אין דער גאַמע. די לענג פֿון אַ דאָ מוז זײַן כמעט טאָפּלט ווי פֿון אַ סי (אין דער זעלבער טאָנאַליטעט). דערצו קענען אין דערין זײַן האַלבע און גאַנצע, וואָס שאַפֿן מינאָרע און מאַיאָרע. אַ קאָמפּאָזיטאָר געפֿינט דערין זײַנע מעלאָדיעס און אַקאָרדן.

פֿאַר וואָס ניט אָנווענדן אין שריפֿט דעם זעלבן סיסטעם? אַ מעטאָדע פֿון לאַנגע און קורצע פֿראַזעס, וואָס זאָלן ריטמיש שאַפֿן עמאָציעס פֿאַר מחשבֿות, צוגעפּאַסט צו די ריטמען פֿון האַרץ און פֿון עטעמען, אַזוי אַז ס׳זאָל ניט זײַן קיין אונטערשייד צווישן פּראָזע און פּאָעזיע, נאָר אַ מוזיק ווו קלאַנגען-נאָטן זענען פֿראַזן, ווערטער, פֿאָנעמען.

~❁~

טראַגיש! אומגעהערט די דראַמע! / קוקאַריקו! דאָך – ווינד און וויי! / טרויעריק פֿאַרשעמט דער קריי. / ער זעט, דער קאַלעקוצקער העלד, מסתּמא: / אַז אים די זון איז אויפֿגעגאַנגען סײַ ווי סײַ, / גאָט זאָל ניט שטראָפֿן, / טראָץ וואָס ער האָט זיך פֿאַרשלאָפֿן!

נו, נו, געהערט אַ ביסל – / די מינדסטע קוואָקע שאָרט קאָקעטיש מיטן פּיסל / און בלינצלט מיט אַ חוזק-אייגל: / שאַנטעקלער – דער אָדלער פֿון כּפּרה-פֿייגל!

~❁~

באַוווסטזיניקער מענטש! אַזוי ווי פֿיזיש קענסטו פֿאַרוואַנדלען שטראָם, ווינט, האָלץ צי קוילן אין ליכט און וואַרעמקייט – קענסטו פּסיכיש פֿאַרוואַנדלען עקזיסטענץ אין תּענוג, גליק און שעפֿערישן עקסטאַז. דאָס קען זײַן פֿאַר דיך זעלבסט און פֿאַר אַלץ אַרום דיר.

~❁~

קומט אַ נישטיקער כאַליערע-וויבריאָן און לייגט אַוועק אַ חכם מענטש ווי שאָפּענהויער. מיליאָנען מאָל גרעסער פֿונעם גאָרניטל, צו וועלכן מע מוז האָבן אַ מיקראָסקאָפּ דאָס צו קענען זען. און פֿאַראַן אָן אַ שיעור נאָך אַזעלכע בײַשפּילן. ווער ווייסט צי אַ לייב, אַ העלפֿאַנד אָדער אַ וואַלפֿיש מוזן ניט קאַפּיטולירן פֿאַר אַ נישטיק ווירוסל. וואָס קען געשען אין אַן אוניווערס מיט אַ .... מיט אַ .... מיט אַ נישטיקל מענטש אפֿשר?

היט זיך, געטער!

~❀~

ווו זענט איר, האָמאָ-סאַפּיענסן, בונטאַרן / וואָס מיט קאַמף באַסטיליעס נעמען אײַן? / ניטאָ מער ווער ס'זאָל שרײַען: ניין! / לײַט פֿאַרשקלאַפֿט בײַ שוואַרץ צי רויטע צאַרן, / צו באַקומען וואָדקע – תּמיד לאַנגע רייען; / מיט לערעס-דראַג געלערנט אין אוניווערסיטעט / צו כאַפּן געלט אָן מי אויף בערזעס; / בראָדיאַגע-סאַרטריש פֿילאָזאָף-פּאָעט; / ציוויליזאַציעס מיט קולטור – געבלאָפֿטע עטיק; / רעליגיעס וואַטיקאַניש – שווינדל און באַנקראָט, / פֿאַר געוויסנס שמינקע און מאָראַלישע קאָסמעטיק – / און גיי ווייס וואָס ס'איז געשען אַצינד מיט גאָט!

~❀~

בעם אַ טעלעפֿאָניש אַדרעסן-בוך פֿון אַ גרויסער שטאָט און זע וויפֿל לײַט טוען. אויף עפּעס גילטיקס, נויטווענדיקס, און וויפֿל פּאַראַזיטעווען מיט פֿאַרשיידענע אויסריידענישן, דיאַלעקטישע תּירוצים און סתּם פֿולע שטיק: פּיאָוקעס, וואַמפּירן, פֿלעדערמײַז! די וואָס טוען יאָ אַ ניצליכע מלאָכה צי עפּעס נויטווענדיקס זענען אפֿשר אַ צען פּראָצענט!...

אַזוי פֿיל קרעמערס, אַזוי פֿיל „ליבעראַלע אַקטיוויטעטן“, אַזוי פֿיל קינסטלער, אַזוי פֿיל, אַזוי פֿיל, אַזוי פֿיל... נאָר ווער קען דאָס אַלץ אויסרעכענען? פּאַריז האָט טעלעפֿאָן-ביכער – צוזאַמען

אפשר דרײַ טויזנט גרויסע זײַטן!

דאָס איז דער קאַפּיטאַליסטישער קלאַסן-רעזשים: דעמאָקראַטיש, ליבעראַל, פּראָגרעסיוו – דער רעזולטאַט פֿון דער גרויסער פֿראַנצייזישער רעוואָלוציע, מיט פֿרײַהייט, גלײַכהייט, ברודער-שאַפֿט. באַלד וועט מען פֿײַערן די צווײ הונדערט יאָר זינט דעם אײַננעמען די באַסטיליע: וויפֿל באַסטיליעס האָט מען פֿון דעמאָלט אָן אויפֿגעבויט!

~❀~

שוחטים, שעכט! / שוחטים, שעכט! / בהמות ווייסן ניט פֿון רעכט, / טראַכטן ניט פֿון פּראָטעסטירן / ווען זיי לײַט אין שעכטהויז פֿירן.

שוחטים, שעכט! / שוחטים, שעכט! / פֿלייש קצבֿים תמיד דאַרפֿן, / מעסערס, העק, חלפֿים שאַרפֿן. / קאַרניוואָריש זענען לײַט; / אַפּעטיט בײַם מענטש פֿאַראַנען; / איז ליידיק, שוחטים, ניט געשטאַנען!

טאַקע, עמיץ אין דער סטאַדע / איז ניט גלײַכגילטיק אַזוי, / און פֿון אַ תרצח מיט אַ לא / אפֿשר אויך געהערט אָוודאי.

ניט גענומען דאָך אין אַכט / וואָס דאָרט אַ בהמה טראַכט! / גאַרגאַנטואַס ווי פּאָעטן – / אַלע דאַרפֿן דאָך קאָטלעטן!

סדרובֿ, ווי בהמות, פֿעלקער גרייט, / געאײַלט אַליין פֿאַר עמיצס אַפּעטיטן / פֿון אַ טיראַן צי פֿון אַ גאָט, / מיט הימנען מעשה פּאַטריאָט – / און דעם זעלבן גורל ניט געמיטן!

~❀~

יעדן פֿרימאָרגן און יעדן אָוונט קען זיך שטעלן אַנטקעגן דײַן שפּיגל און קוקן זיך גלײַך אין די אויגן, זאָגנדיק צי טראַכטנדיק:

מײַנע הענט און מײַן געוויסן זענען ריין פֿון שלעכטס צי זינד קעגן מיר זעלבסט, קעגן מענטש מײַנס גלײַכן, קעגן וועלט און

פֿאַרשטייט זיך, קעגן דיר, גאָט.

קענסט, האַר פֿון באַשאַף, מיר ווײַטער געטרויען דאָס הייליקסטע וואָס האָסט מיר פֿאַרטרויט: מײַן לעבן. און אויב דו פֿאַרלאַנגסט עס – קען איך רויִק גיין צום טויט.

~❁~

— טו, מחבר, אַלץ מיט אייפֿער. / ווערן זאָל דײַן בוך אַ ספֿר, / און אויב איז עס אַ בוך מיט לידער – / אַ שיר-השירים-דיקער סידור.

– טאַקע, גוט געעצהט, פֿײַן, / חכם. אויב אַזוי, באַווײַז אַליין / מיט דײַנס אַ בוך זאָל אַזוי זײַן?...

ליגט אָבער טאַקע דאָ דער הונט באַגראָבן: / באַגערן גוטע קען דאָך יעדער האָבן.

~❁~

גאָט! לויב, באַוווּנדער דעם מענטש, דײַן פֿולקום ווערק, וואָס איז מסוגל דיך זעלבסט, זײַן מײַסטער, צו קריטיקירן, און טראָץ זײַן עפּעמערישן זײַן – פּראָטעסטירן און זיך רעוואָלטירן קעגן סדר-העולם מיט דײַן אוניווערסאַלער עטיק פֿון אומרעכט, מאָרדסיסטעם מיט קאַטאַסטראָפֿעס, אַנגסט, פּײַן און יסורים.

זאָל דאָס זײַן זיך גערייצט מיט אים, אָדער אַ מין קאַץ- און מויז-שפּיל פֿון וועלכן ער, דער מענטש נעבעך, קען ניט אַרויס אַ לעבעדיקער?

דאַרפֿסטו, מוזסטו, אַמבימעכטיקער שאַפֿער פֿון אַ יש-מאַין, געוועלטיקער איבער אומענדן און אייביקייטן, אַנקומען צו אַזאַ מין טראַגי-קאָמעדיע, מיט שענקען אים אַ באַוווסטזײַן און חוזק דערפֿון?

~❁~

א גאָט טרוימט אפשר אונדזער לעבן, / כאָטש דעם מענטש זיך דאַכט / אַז אים איז ווירקליכקייט געגעבן!

וועלט איז עפּעס, סוף־כּל־סוף, / פון אַ גאָט געחלומט צי געטראַכט, / און ווער ווייסט צי פון שלאָף / צי פון אַ דרימל ער דערוואַכט — / און אויס מיט אַן עפּעמריש זײַן / פון אַ מיראַזש וואָס וויל אַליין / טראַץ אומקום דאָר דעם מײַן / פון דעם אַלעמען פאַרשטיין.

~❁~

כ'לײַד פון דיאַלעקטישן סטראַביזם. כ'בין ווי יענע וואָס זאָגט: טאָכטער, דיך שטראָף איך, אָבער שנור — דיך מיין איך.

מײַן טאָכטער איז פּעליטעטאָניזם; מײַן שנור — קאַפּיטאַליזם.

~❁~

חוץ מעל און ווייץ צי קאָרן, אויך פאַראַנען / שטרוי. / פאַר וואָס ניט טאַקע אָנען, / אַז מיט מײַנע „ווערק" איז אויך אַזוי. / ערשט אַז מיט מעל ניט תּמיד שאַפט מען קוכן. / זאָל ווער עס וויל פאַרזוכן. / איז עס ניט פאַר אַלע / קוילעטש, שטרודל, חלה, / אַפילו אָפּט געראַזעוועט ווי ברויט — / שטילט עס הונגער אין אַ נויט.

~❁~

שטיקלעך, פּיצלעך פּאַפּיר, באַטירט דאָ אַ וואָרט, דאָ אַ פראַזע, אַ מחשבה, אַ ציטאַט, ווי געזאַמלט קערן ליים צו שאַפן ציגל און מיט זיי — געבײַדעס, גאַסן, שטעט, לענדער, קאָנטינענטן און פּלאַנעטן. קען זײַן אַז אַזוי פון אַטאָמען געוואָרן זענען אוניווערסן, און אפשר געטער, מיט רגעס צײַט — אייביקייטן. פאַרוואָס ניט ווערטער־רעוואָלוציעס, און צווינגען משיחן צו קומען באַפרײַען לײַט?

~❁~

געטראַכט מסתּם שוין ניט איין קאָטער האָט: / רחמנות האָבן זאָלן קעץ אויף מײַז! / זײַ־זשע, גאָטעניו, אַ גוטער, / אַ נס באַווײַז: / פֿאַרוואַנדל דעם פּלאַנעט אין פּוטער!

און דער מענטש? אַוודאי / איז עפּעס מער דאָך ווי אַ קאַץ אַ ליאַדע./ טראַכט ער אויך אָפֿט: גוטער גאָט, / אויף סיני־לוחות מיט אַ בליץ / געזעצן קריץ: / „דאָס טו אַזוי“. / „דאָס מיט אַ ל אַ“.

אָבער בלויז מיטן נשמע הערן / קענען מעשׂים גילטיקע ניט ווערן. / מן פֿון הימל? טאַקע גוט. / אָבער פֿאַלן ניט תּמיד ער טוט. / איז ווי אַזוי אַ ווײַב מיט קינדער נערן?

~❀~

דאָס שענסטע, בעסטע, הייליקסטע, וויכטיקסטע אינעם אוניווערס איז דער מענטש בכלל, און דער באַוווּסטזיניקער בפֿרט. דאָס איז די שענסטע מתּנה פֿון באַשאַף און פֿאַרן באַשאַף. זאָל עס זײַן ס׳וועדק און דער רעזולטאַט פֿון דער באַזע צו דעם שפּיץ פֿון דער פּיראַמידע – אין דעם מעגליכן אַלץ וואָס איז, צי איז געווען אָדער וועט זײַן.

~❀~

ווי אַזוי קען פֿון נישטיקייט עפּעס ווערן, און ווי אַזוי קען פֿון עפּעס ווערן נישטיקייט? זענען דען בײדע ניט אַספּעקטן פֿונעם זעלבן שורש: איין עלעמענט, איין ענערגיע וואָס איז דאָ סובסטאַנץ, דאָ עסענץ?

פֿאַראַן נאָך אַנדערע דימענסיעס, אַנדערע אופֿנים דויערן, אַנדערע מעגליכקייטן עפּעס צו באַגרײַפֿן. ווען ניט – ווי אַזוי געקענט טראַכטן דערפֿון?

~❀~

וואָס מיר נעפּל, כמאַרעס גראָ! / ניט געזאָרגט, געטראַכט דערפֿון! / איבער אַלץ דער הימל בלאָ, / און ווי תּמיד שטראַלט די זון.

ווינטער – זאַווערוכעס, שניי, / אָבער ניט געזאָרגט דערמיט! / נאָנט איז זיכער נײַער מײַ. / ווידער גרינט אַלץ, בליט מיט צוויט.

שלעכט, פֿאַרביטערט זענען לײַט! / נאָר מע האָסט זיך, קעמפֿט און שעלט! / יוגנט! וויל נאָר און זײַ גרייט – / צ׳דיק גן-עדן איז דײַן וועלט.

ווײַל די וועלט נאָר דיר געהערט; / דו ביסט לעבנס צוויט און בוים. / וויל נאָר, און מקוים ווערט / לײַטס זינט לאַנג באַגערטער טרוים.

איך מיט מײַן מוזע קוצעניו-מוצעניו. / זי מיט מיר נאָר קידער-ווידער. / מע זעט עס דאָך באַשײַמפּערליך / אין אַלע מײַנע לידער.

איז טאַקע ווי מע פֿלעגט זינגען אַ מאָל אין וואַרשע:

אוי, די פּאָעזיע: אוי, מאַמעניו, די פּאָעזיע! / בפֿרט אַז עמיצן אַ מוזע נאָר געפֿעלט... / פּאָעזיע איז אַ וואָרע טשאַכאָטקע. / איבער דער פּאָעזיע גייען שרײַבערס פֿון דער וועלט.

פֿאַרשטייט זיך אַז כ׳האָב אַ ביסל פּאַראַפֿראַזירט דעם טעקסט, און אַ שאָד וואָס כ׳קען ניט פֿאַרשרײַבן די נאָטן פֿונעם האַרציקן ניגון. אָבער דאָס דראַמאַטישע דערין איז וואָר, כ׳שווער עס בײַ מײַנע אַבסטראַקטע באָרד-און-פּאות!

מאַטעמאַטיק און לאָגיק דאַרפֿן ניט קיין אַרגומענטן מיט קאָמענטאַרן. זיי קענען ניט האָבן קיין פּשרות, טאָרן ניט מאַכן קיין קאָמפּראָמיסן.

וואָר און שקר. ערליכקייט און פֿילאָזאָפֿיע מוזן האָבן די זעלבע אייגנשאַפֿטן, סעמאַנטיק. פֿאַרשטייט זיך אַז דאָס מוז זײַן נאָר אין שײַכות מיט אָרנטליכקייט, גערעכטיקייט, פֿרײַהייט און סאָציאַלן יושר. דאָס אַלץ – גילטיק פֿאַרן מענטשן-מין. וואָס דאַרף נעמען אין אַכט די בײַאָספּערע און ניט צעשטערן מער ווי געמוזט.

ליידער איז דער באַשאַף אַזוי אויסטערליש, אַז ס'איז שווער און טרויעריק צו באַרעכטיקן דעם וואָלף וואָס מוז נערן זײַנע וועלפּעלער, שאָף וואָס מוזן צופּן גראָז, און מענטש וואָס קען נאָר עקזיסטירן מיט עמיצנס אומקום. מע קען ניט טאָלערירן די לאָגיק פֿון אַ היטלערן, וואָס איז אין דעם פֿאַל פֿאַרברעכעריש געמיין. ס'מוז דאָך זײַן אַ קריטעריע פֿאַר אַן עטישער עקזיסטענץ צווישן לײַט, אָן שום מעגליכע דיסקוסיעס, ניט דאַרפֿנדיק קיין שום אַרגומענטן, קאָמענטאַרן און אינטערפּרעטאַציעס אָדער פּשרות.

~❀~

געלירילט צי מיט שפּאַס; / כיטרע, נאַר; / סתּם מפֿונק צי געניאַל – / אויף פּעגאַזן געשקאַפּעט / מיט פֿליגל צוגעקלעפּטע ווי איקאַר; / צו פֿוס אויף נעפּל-וואָלקנס זיך געדראַפּעט. / מײַן אידעאַל / צי משוגעת: / גרייכן / די באַגערטע הייכן / פֿון פּאָעטישן פּאַרנאַס!

ווײַל נאָר אויבן / איז מען קלוג, / מיט טיטלען, רום, דערהויבן / און בכלל, מ'איז אין פּאָעטישן גן-עדן. / „מײַן ווייניקייט": גיין פּאַזע וואַנט! / נאָך געלעבט, צי שוין ניט מער – געגנוג / מיט זײַן טאָטאַל באַשיידן! / עניוות גאָר! הכנעה! / אַזוינס ניט מער געאַנט! / איך שפּל: כ'וועל זיי ווײַזן / אַט די לײַט פֿון נאָבל-פּרײַזן / ווי אַזוי מע שטייט / אויף אַ פּעדעסטאַל!

וואָס זאָגט איר: כ'בין צעדרייט, / אַראָפּ פֿון קלאָרן זינען: / מײַן מעגאַלאָמאַניע וויל מען מיר אַפֿילו ניט פֿאַרגינען!

~❀~

ייִדיש! שטאָלץ און מונטער! / לײַט. נשתומם גלאָצט! / וועלקט. פֿאַלט אַ בלאַט אַרונטער – / אַ נײַער תּמיד שפּראָצט.

פֿאַר מאַמע־לשון ייִדיש / אומקום מוז נאָר זײַן! / אַ נײַער דור מיט חידוש / רעוואָלטירט, זאָגט ביין.

בלעטער פֿאַלן, ס׳בלײַבט דער בוים, / און מיטן נײַעם מײַ / תּמיד גרינט און בליט אויף ס׳נײַ / צו רײַפֿן פֿרוכט און זוים.

מקוים ווערן מוז מײַן טרוים!

~❀~

ווי אַזוי איז מעגליך פֿאַר אַ באַוווסטזיניקן מענטש צו זײַן אַן אַטעיִסט? ניט ווינסדיק ווער, וואָס, ווי אַזוי, פֿאַר וואָס און צוליב וואָס איז געטליכקייט, אָבער לייענענדיק אַ ביסל כאָטש וועגן אַסטראָנאָמיע, נוקלעאַרער פֿיזיק, בײַאָלאָגיע און בכלל זעענדיק, הערנדיק, פֿילנדיק וואָס ס׳טוט זיך אַרום און אינעם מענטש, קען מען בשום אופֿן ניט בלײַבן גלײַכגילטיק, געגולמט.

מע האָט צו טון מיט דימענסיעס אין אָרט און דויער וואָס ציילן זיך אין מיליאַרדן ליכטיאָרן; מע וועגט און אַנאַליזירט דעם באַשטאַנד און די שײַכותן צווישן דעם אַלעמען, ווינסדיק אַפֿילו אַז דאָס אַלץ איז נאָר אַ מיני־עפּעס אין אומבאַגרײַפֿטע פֿענאָמענען, און דאָס אַלץ – באַשטעטיקט מיט סעזאָנען, פּעריאָדן און ציקלען; ערשט – אַ מענטשליכע השגה וואָס זאָל קענען דאָס! אַרײַננעמען אינעם דמיון, באַגערן צו דערגיין דעם יסוד דערפֿון און ניט נאָר דאָס באַגרײַפֿן, נאָר וועלן וויסן, קענען די יענע־זײַט פֿון אַלץ, וויסן וואָס ס׳טוט זיך אין דרויסן, ווי אַזוי, פֿאַר וואָס, אַ „פֿריִער״ און אַ „שפּעטער״. ווי אַזוי ניט שטוינען, ניט באַוווּנדערן, ניט פֿילן זיך גלײַכצײַטיק נישטיק־קליין און ריזיק־גרויס, באַגרײַפֿנדיק אַז מ׳איז עפּעס דערפֿון, דערין!

ווי אַזוי ניט זײַן פֿרום! ניט מיט פֿאַנאַטיזם, נאַריש רעליגיעז, מיט קליינקעפּלדיקע אמונות, ריטואַלן, דאָגמעס, מיטאָלאָגיעס און פֿאַרמענטשלטע טעאָלאָגיעס צי טעאָגאָניעס; זײַן פֿרום מיט ליב

האָבן, מיט טאָטאַלן צוטרוי צו דער דאָזיקער אומבאַגרײַפֿטער געטליכקייט, מיט פֿאָלגן, ניט צעשטערן, ניט פֿאַרקריפּלען אָדער לעסטערן מיט שלעכטע פּירובגען אָדער גלײַכגילטיקער באַרישקייט די מתּנה פֿון מעגליכער עקזיסטענץ. ניט פֿיזיש, ניט פּסיכיש. טראַכטן: אויב ביסט דאָ, איז עס צוליב עפּעס, מיט פֿליכטן און זיכער מיטן קענען, מוזן טראַכטן אַז ניט נאָר דו, מענטש, ביסט זוכה צו געניסן פֿון אַזאַ מתּנה. ניט דו ביסט ס׳אייבערשטע פֿון קאָסמישן שטייסל.

ווי אַזוי קען עמיצן אײַנפֿאַלן אַז אַ גאָט וואָס האָט צו טון מיט קאָסמאָסן און מיליאַרדן ליכטיעריקע דימענסיעס, וועט זיך פֿאַרנעמען ספּעציעל מיט דיר אין דײַן מיני-דויער. זען וואָס דו טוסט, עסט, זינדיקסט צי ניט? כאָטש דעטערמינירט, פּראָגראַמירט, איז יעדער אַטאָם בכלל און יעדער מענטש בפֿרט פֿרײַ און גלײַכצײַטיק פֿאַראַנטוואָרטליך מיט זײַן עקזיסטענץ, פֿאַר זײַן סבֿיבֿה אַפֿילו. יעדער טראָגט אין זיך זײַן גן-עדן און זײַן גיהנום, און באַשטימט זײַן לוין ווי זײַן שטראָף; ס׳דאָזיקע -- יחידיש און קאָלעקטיוו.

אונדזער אוניווערס איז אין אויפֿרײַס און צעשפּרייטונג; ווער ווייסט צי דאָס איז ניט בלויז אַן עטעמען פֿון עפּעס, ווי בײַ אַ באַשעפֿעניש, און יעדע פֿאַזע דויערט טויזנטער מיליאַרדן ליכטיאָר? אין אַזעלכע דימענסיעס ווי אייביקייטן און אומענדן זענען דאָך אונדזער גרייס און דויער קוים שטויב, און דאָך קען מען זיך באַוועגן, שאַפֿן, טון אַזוי פֿיל אין אַלע הינזיכטן, טראַכטן און אַפֿילו באַגיין זעלבסטמאָרד, האַסטיק צי פּאַמעלעך-ביסלעכווײַז. און די דאָזיקע געטליכקייט לאָזט דאָס פֿרײַ טון און טאָלערירט אַפֿילו אַטעיִסטן, הערעטיקער, צווייפֿלער און וואָס מע וויל.

ווי אַזוי דאַרף מען ליב האָבן דעם מײַסטער, דעם באַשאַף, די מעגליכע עקזיסטענץ, זיך זעלבסט און אַלץ אַרום? ניט טאָלערירנדיק קיין שום מיאוסקייט, קיין שום שלעכטס, קיין שום אידיאָטישע סקעפּטיקער, עגאָיִסטן, פּעסימיסטן און אַנדערע איסטן

מיט זייערע פֿאַרשיידענע איזמען, וואָס רעדן זיך איַין אַז זיי קענען פֿראַנק און פֿריַי געוועלטיקן איבער פֿאַרראַבאָטירטע מעדיאַ-מאַסעס, פֿאַרגולמטע מיט רעליגיעס, עקאָנאָמישע רעזשימען און פֿילאָזאָפֿישע דאָקטרינעס וואָס זענען אַלע פֿאַרשלייערטע אינטערעסן, פּריווילעגיעס, און באַשווינדלען יענעם ווי זיך זעלבסט.

ס׳איז נאַריש צו זיַין אַ פּאַראַזיט, אַ וואַמפּיר, אַ דיקטאַטאָר, אַ טיראַן, ווי אַ לעקישוואַטער שקלאַף; בפֿרט אַז מ׳איז די ריזיקע מערהייט. אומקומען פֿון צו פֿיל פֿרעס, ווי פֿון הונגער, איז אַ פֿאַרדינטע שטראָף.

דאָס אַלץ וואָס כ׳טראַכט, זאָג צי שריַיב איז אָן קיין שום ווערט, אַ ברכה-לבֿטלה? אַ טעות! איך טו עס פֿאַר מיר. טראָץ מיַין טיפֿער עלטער, מיַינע אָפּקומעניש און איבערלעבונגען אין אַ געמיינער וועלט מיט אַזוי פֿיל פּאַסירונגען, קאַטאַסטראָפֿעס, פֿיזישע און מאַטעריעלע צרות, בין איך אַבסאָלוט גליקליך און דאַנקבאַר און פֿרום, מיט ליבשאַפֿט. איך טו אָפֿט תּפֿילה אינטים, ווי ס׳זאָל ניט זיַין, ניט וויסנדיק צו וועמען, און וויַיזט אויס מיַינע תּפֿילות גרייכן תּמיד דעם, צו וועמען זיי זענען געווענדט!

זאָל דאָס וואָס כ׳שריַיב דאָ זיַין מיַינע לעצטע מחשבֿות, וועל איך איַינשלאָפֿן מיט צוטרוי און מיט אַ רויִק געוויסן: כ׳האָב קיין מאָל ניט געטון קיין שלעכטס און ניט גענאַרט. הלוואי זאָל עמיץ קענען דאָס לייענען און פֿאַרשטיין, פֿילן דאָס מעגליכע גליק פֿון קענען עקזיסטירן אויף אַזאַ פּרעכטיקן פּלאַנעט און אויסניצן דעם מעגליכן דויער אין די בעסטע באַדינגונגען: פֿיזיש, פּסיכיש און מאַטעריעל, און אַלץ מיט שמייכלענדיקער ליבשאַפֿט

~❀~

איז עס כּישוף? פֿליכט? קאַטאָוועס? / ברויט מיט וואַסער, פֿלייש צי פֿרוכט, / דאָ ביז זעט, דאָ – קוים פֿאַרזוכט, / און פֿאַרוואַנדלט אין עמאָציעס צי מחשבֿות.

דאַכט זיך אָט / געקיַיט אַ פּרי, / און דערפֿון – באַגריף פֿון גאָט,

/ ליריק, מוזיק, פּאָעטישע נשמה-יתירה, / ווי בולקע, צימעס, ציבעלע, סאַלאַט / וואָלטן שוין אין זיך עפּעס געהאַט / נשמהדיקס, אין גוף פֿאַרוואַנדלט, / מיט געדאַנק געראָזשינקעט, געמאַנדלט, / כּדי גײַסטיק באַפֿליגלט צו קענען גרייכן / אומענד, אייביקייט, און פּרוּוון ווי אַ פּאָעט / דעם פּאַרקויטיקטן פלאַנעט / אַפֿילו כאָטש ווי איקאַר ווײַכן.

~❀~

זינט תּמיד האָבן גויִים ניט-פֿאַרגינעריש געזוכט אונדז צו באַרויבן. קומט אַ פּאַסקאַל – און באַווײַזט אַז ניט מיר, ייִדן, זענען די יורשים פֿון אונדזערע אָבֿות מיט דער תּורה, נאָר זיי, די כּלומרשטע קריסטן מיט זייערע אינקוויזיציעס, קרײַציקלער, פּאָגראָמען און סתּם שׂינאה.

און די מוסולמענער? צוגענומען ס'אָרט פֿון אונדזער בית-המקדש, די קבֿרים פֿון אונדזערע אָבֿות און אַפֿילו דעם מיזבח-שטיין פֿון יצחקלס עקידה. וואָס האָט עס אַ שײַכות מיט זיי? זיי דאַרפֿן דאָך פֿײַנט האָבן אַבֿרהמען איבער זײַן פֿירן זיך מיט הגרן און איר ישמעאליקל. אָבער אפֿשר איז דאָס פֿאַרהייליקן דעם עקידה שטיין אַ סימבאָל פֿון וועלן תּמיד זען די יצחקס מיטן מעסער אויפֿן האַלדז. ווי מוזן זיי האָסן דעם מלאך וואָס האָט אײַנגעהאַלטן דעם אָרעם, און ס'אַרויס דערמיט אַ פֿאָלק וואָס איז פֿיל כּחול – ווי זאַמד בײַם ים און ווי די שטערן בײַ נאַכט. אָבער דעם חול טרעט מען מיט די פֿיס, און שטערן זענען תּמיד הינטער כמאַרעס, תּמיד אין חושך פֿון נעכט. ביז צו זען אַן אויפֿקומען פֿון מאָרגנשײַן אָן האַס און קינאה-שׂינאה.

צוריקקומענדיק צו די קריסטן, האָבן זיי קודם גענומען אונדזערס אַ פֿרומען ייִד, מיט אַלע זײַנע אַפּאָסטאָלן כּולו פֿרומע ייִדן, און אים צוגעטשעפּעט מיט הונדערטער יאָרן שפּעטער עוואַנגעליעס וואָס האָבן זיכער ווייניק שײַכות מיט ישוע. און באשר די רוימישע אָקופּאַנטן האָבן אים געקרייציקט – איז מען זיך נוקם אין אונדז ייִדן זינט טויזנטער יאָרן, ביז הײַנט.

וויַזט אויס אַז זיי, די גויִים, האָבן ניט קיין אַנדערן אינהאַלט פֿאַר זייערע תּורות ווי ייִדנהאַס, וואָס איז דערצו אַ נויטווענדיקער תּירוץ צו קענען עקספּלואַטירן לײַט און גייט אַן פֿאַר אַן אַפּלייטער פֿון רעוואָלטן.

~❁~

שוין אַכציק יאָר ווי כּישוף / מײַן עפּיטאַף / מיט מחשבֿות און פּאָעמען, / ווי אַבסטראַקטע כריזאַנטעמען.

אויב אַ קבֿר האָבן, / מיט אַ „פּה נטמן" צי פּ״נ נאָר איניציאַלן, / זאָל אויף ייִדיש זײַן געשריבן: / „דאָ ליגט אַ דאָן קיכאָט-טשודאַק באַגראָבן / מיט אַלע זײַנע אידעאַלן.

פֿון זײַן לאַנג-געמיטער עקזיסטענץ, / חוץ אפֿשר וועלקנדיקע קרענץ, / אַט דאָס איז אַלץ וואָס איז פֿון אים געבליבן."

~❁~

אַלע עקזיסטענציאַליסטן זענען פֿענאָמענאָלאָגן. איידער זיי פֿילאָזאָפֿירן, זענען זיי קודם עפּעס. אין דער הינזיכט איז ניטאָ קיין אונטערשייד צווישן אַ שטיין, אַ בוים, אַ פֿויגל און אַ מענטש. קודם איז מען; דערנאָך איז מען פֿאַרשיידן. די אייגנאַרטיקייט פֿון אַ מענטש איז קענען דענקען, זיך באַוועגן און ענדערן זײַן אופֿן זײַן. נאָך דעם אופֿן; דאָס ווירטועלע זײַן – ניט. ער קען אומקומען אין זײַן פֿאָרעם, לויט זײַן נאַרישקייט צי באַגער, בשעת אַ שטיין קען עס ניט באַווײַזן. מענטש קען פֿאַרוואַנדלען אַ שטיין אין אַ סטאַטוע צי געבײַדע, ד״ה אים אויפֿצווינגען אַספּעקטן און ניצליכקייט. אָבער אַליין קען אַ שטיין דאָס ניט באַווײַזן צו טון. מיט דעם איז אָבער דער מענטש ניט מער עקזיסטענציעל ווי דער שטיין.

~❁~

דער עקזיסטענציאַליזם, לויט ווי עס לערנען אונדז די גדולים נוסח סאַרטר פֿון דעם דאָזיקן פֿענאָמען, איז אַן אויסדרוק פֿון אַ פּחדנישן רעאַליזם: **איך** אַהין, **איך** אַהער – אָבער חוץ מיר איז גאָרניט.

אַן אַבסורד! אַלץ וואָס איז – איז איינציק טאָטאַל. און יעדער, פֿון אַטאָם ביזן קאָסמאָס, איז דאָך נאָר אַ פֿראַגמענט, מיט אַ לעבן פֿאַר זיך ווי עפּעס און ווי אַן עלעמענט אין גאַנצן אַלץ. ניטאָ קיין מעגליך-אָפּגעשלאָסענע עקזיסטענץ. אַלץ איז עפּיזאָדיש, עפֿעמעריש, געציילט אין סעקונדעס צי אין אייביקייטן. נישטיק קליין צי אומענדליך גרויס – דאָך נאָר תּמיד אַן עפּעס אין עפּעס גרעסערס און וויכטיקערס.

אויסטערליש ווי דער ערקזיסטענציאַליזם מיט אַלע זײַנע אינטערפּרעטאַציעס האָט צו טון נאָר מיטן אַבסורד: אַנגסטן, נאַרישקייטן, פּעסימיזם אד״גל! כאָטש נעם און באַגיי זעלבסטמאָרד. אַזאַ מין פֿילאָזאָפֿיע איז גוט פֿאַר לעקישעוואַטע, פֿוילע שלימזלען.

פֿאַר וואָס מוז עס אַזוי זײַן: וועלט, לעבן, עקזיסטענץ – איז אַ יום-טובֿ, אַ פֿעסטיוואַל פֿאַר תּענוגים. אָבער דאָס געשעט בלויז פֿאַר פּריווילעגירטע קלאַסן, וואָס לאָזן אַנדערע מיט זייער פּעסימיזם, זייער אָפּקומעניש פֿאַר פֿרעמדע זינד.

מיט די אַלע רעליגיעזע און פֿילאָזאָפֿישע דאָקטרינעס פֿאַרטשאַקעס מען דעם עולם-גולם, און מע ניצט זיי אויס צו קענען פּאַראַזיטעווען. תּירוצים געפֿינט מען תּמיד: רעליגיעזע, פֿילאָזאָפֿישע אאַז״וו.

און אז א מאָל פֿאַרשווינדן זאָלן / די בלאָף־דיאַלעקטיקער אין גאַנצן, / וועט מען ניט בויען, שפּילן, מאָלן / און מיט תּענוג זינגען, טאַנצן!

אויס טיראַנען, פּאַראַזיטן; / קיינער מער ווי שקלאַף געליטן; / גילטיק נאָר טאַלאַנט און שׂכל / און פֿאַר יעדן פֿרייד און שמייכל!

ס'וועט ניט אַלעמען געפֿעלן / און כימעריש דאָס באַגערן? / ס'איז געגוג אַזוינס צו וועלן / און מקוים קען עס ווערן.

~❁~

„אַפֿילו", „פֿון דעסט וועגן", „זאָל זײַן דערווײַל", „לאָמיר זאָגן" אד״גל – דאָס אַלץ איז פֿאַרדעכטיק. צוויי מאָל צוויי איז פֿיר. א טיר איז אָפֿן אָדער פֿאַרמאַכט. יאָ איז ניט ניין, אאַז״וו.

מיט עמיצן וואָס מע דאַרף מיט אים פּאָלעמיזירן וועגן לאָגיק, איז גלײַכער ניט צו האָבן קיין באַציִונגען. שקר, היפּאָקריזיעס, דעמאַגאָגיע, פּשרות, סינטעזן – זענען מיר פֿרעמד און רייצן מײַן געמיט.

~❁~

אַז אַטוואָצק / קען גראַמען זיך מיט קאָצק, / איז אין אהרנס לשון / פֿאַראַן עפּעס פֿון אַ רבֿ מענדל. / און בכן / קען אפֿשר זײַן / אַז זײַנס אַ וואָרט, אויב ניט אַ רענדל, / זאָל דאָר ניט אָנגיין פֿאַר אַ גראָשן, / ווײַלביידע לײַדן ניט קיין סבֿרות, / פּאָסטולאַטן און השערות, / און מיט וואָרער לאָגיק קיין שום פּשרות.

~❁~

ווער ווייסט וואָס ס'טועט מוראַשקעס, בינען, טערמיטן מיט זייערע טויטע? מע געפֿינט קיין מאָל ניט אין זייערע נעסטן אָדער אַרום זיי קיין זכר דערפֿון. געהערט אַז טערמיטן נערן זיך מיט זייערע אָפּגעלעבטע ווי שפּײַז. און אַזוי אויך מיט זייערע

פֿאַרדײַעטע אָפּפֿאַלן.

טוען דען ניט די ציוויליזירטע מענטשן –מיט אײדעלע סיסטעמען, מיט ראַפֿינירטע פּאַראַזיטיזמען– דאָס זעלביקע מיט זײערס גלײַכן, אָפּט לעבעדיקערהײט?...

~❁~

וואָס פֿאַר אַ יונה-דיבוק האָט / זיך אין מײַן געמיט פֿאַרקליבן? / עפּעס אַ מין סאָציאַלער דאָן-קיכאָט, / און געפּרעדיקט, און געשריבן / פֿאַר פֿרײַהײטן פֿון קײנעם ניט געאַנטע, / טראָץ זײערע השגות, זײער ווילן.

ווי יענער אויף זײַן קליאַטשע ראָסינאַנטע, / בין איך תּמיד אין געפּעכט מיט מילן. / כ׳טו דאָס מײַניקע דאָך תּמיד הײַטער / אָן קײן שום סאַנטשאָ-פּראַקטישן באַגלײטער, / ווײַל כ׳האָב אין זין מײַן ליבע דולצינײע: / פֿון אוניווערסאַלער ליבשאַפֿט די אידײע.

~❁~

זיך אײַנשליסן אינעם בילד, אינעם פּײזאַזש, אין דער מוזיק, ביז ווערן צוגעאײגנט, זיך פֿילן דערין. אָדער פֿאַרקערט: אײַנשליסן ס׳בילד, דעם פּײזאַזש, די מוזיק – אין זיך, און זײַן אַזוי געאײניקט!

קענען עמאָציעס דאָס באַווײַזן? האָט עס צו טון מיט חושים? איז עס אַ פּראָבלעם פֿון אַטאָמען, גאָמעטן צי מאָלעקולן, פֿיזישע צי פּסיכישע, וואָס פּאַסן זיך אײנס אין אַנדערן ווי אַ שליסל מיט אַ שלאָס?

געשעט ניט אַזוינס מיט סימפּאַטיעס, מיט ליבידאָס? איז פֿאַראַן אַן אַנטי-ס׳דאָזיקע? קען אַזוינס געשען מיט פּאָעזיע, מיט מחשבֿות, מיט קאָנצעפּטן?

~❁~

דײַטשלאַנד, דײַטשלאַנד איבער אַלעס! / דאָס זיך גראַמט/ מיט פֿון גאַז-קאַמערן די אומקום-יעלות. / טויטער ייִד אין בלוט-געווייקטן טלית. / נעבן חתנס תּליה – טויט-געשענדטע כּלות... / און ציוויליזירטע וועלט – פֿאַרכאַמט. / טראָץ זיגפֿריד-נאַציס זיך געוואַגנערט אין וואַלהאַלעס: / רוזוועלט – מײַסטער-זינגעריש. / טשערטשיל – ניבעלונגעריש. / גלײַכגילטיק-פּערפֿידיש. / סטראַטעגיש צי געתּמט / ווען רציחה שײַכות האָט מיט ייִדיש!...

אַז אַך און וויי, / און חלילה ניט באַליידיקט זיי / ווען מע פֿאַרכליניעט זיך מיט הײַדעגערס ספּיריטועלע מעלות. / דער הימן איז תּמיד „דײַטשלאַנד איבער אַלעס". / און – דערגיי אַ טאָלק, / אַז פֿונעם זעלבן פֿאָלק / אַ געטהע, בעטהאָווען, אַ שילער, לעסינג שטאַמט. / אַ נאַצי – עסטרײַכס פּרעזידענט, / און רעגאַן, ווי מיט אַראַגאַנץ, / לייגט אויף עס-עסנס מאָנומענט / אַ קראַנץ!...

קען דער נאָמען מענטש זײַן מער געשענדט?

פֿאַר אַ גילטיקן מחבר וואָלט געדאַרפֿט זײַן אַ פּרינציפּ: קודם, האָבן עפּעס צו זאָגן, אַ מחשבֿה, ניט שילדערן, ניט איכיזם, נאָר עפּעס אין שײַכות מיט יעדנס פּראָבלעמען, ניט דערטרינקען דעם געדאַנק אין גראָבבענדיקע ראָמאַנען מיט נײַן מאָס רייד אד־גל.

דערצו, און קודם: דאָס וואָס מע האָט צו זאָגן – זאָגן עס קאָנציז און פּרעציז, און דערנאָך, אַז מע וויל צי מע מוז צוגעבן אַרגומענטן, איז לאָגיש, ערליך, אויסגעהאַלטן, אויפֿריכטיק. אַז מע דאַרף מיט אַ סילאָגיזם צי מיט אַ משל – אדרבא. אָבער קיין מאָל ניט דערטרינקען אַ געדאַנק אין אַן אָקעאַן פֿון רייד. אַ מחשבֿה וואָס דאַרף אַ סך באַווײַזן זיך צו באַרעכטיקן איז אַ פּריאָרי פֿאַרדעכטיק, און אַ לאַסט פֿאַרן געמיט.

רעליגיעס, מיטאָלאָגיעס, פֿילאָזאָפֿיעס, ציוויליזאַציעס, כלומרשטע קולטורן און אַ מאָל אויך וויסנשאַפֿטן –

ספּיריטועלע סוראָגאַטן, קאַפּיטאַליסטישע אַנעסטעזיעס, סאָציאַלע היפּנאָזן, פּסיכישע דראָגן, גײַסטיקע לעטאַרגיעס, טיראַנישע טעראָרן, אונטערטעניקע שקלאַפֿן-ליבשאַפֿט, קאַריעריסטישער כּישוף, דעמאַגאָגישע נאַרקאָזן, מעדיאַ-מאַסע פּאַראַליזן, מעדיאַ-מאַסע עפּילעפּסיעס, מעדיאַ-מאַסע היסטעריעס, מעדיאַ-מאַסע פֿיבער-עפּידעמיעס, באַליידיקטע שׂכל און לאָגיק, און געלעס-טערטע געטליכקייט מיטן שענדן דעם נאָמען באַוווּסטזיניקער מענטש.

~❁~

ייִדן האָבן תּמיד ליב געהאַט דעם גלות. ליב געהאַט, אָדער ווי דאָס וואָלט געווען זייער גורל. ווי ס׳זאָל ניט זײַן, איז תּמיד – עבֿרי, לך-לך, ויצא, וישב.

וויפֿל ייִדן זענען געקומען מיט עזראַן, און וויפֿל זענען געבליבן אין בבֿל? וויפֿל ייִדן פֿאָרן איצט קיין ישׂראל, און וויפֿל בלײַבן אין גלות? ערשט וויפֿל יורדים צווישן די סאַברישע פּאַטריאָטן, וואָס קוים באַקומען די בילדונג אינעם אייגענעם פֿאָטערלאַנד, לאָקן זיי די סיטואַציעס אין אַמעריקע צי אין אייראָפּע?

און טאַקע, תּמיד גילטיק:

וואָס איז אַזוינס אַ ציוניסט? אַ ייִד אין גלות וואָס הייסט אַנדערע פֿאָרן קיין ישׂראל!

~❁~

געפּאָרט צוזאַמען: שלאַנג, גן-עדן; / און עץ-הדעת מיט אַ פֿאַרבאָט; / ברידער צוויי – און מאָרד ניט מײַדן? / עפּעס ניט קלאָר איז דאָ מיט גאָט!

הלמאי גאָר אַ נסיון, / זיך מיט גלוסטונגען געשפּילט? / איז עס ניט אַ מין ביזיון / ווען אַ כּי-טובֿ פֿון ווערק ניט גילט?

שאַפֿן קען אַ יש-מאַין / און ס'זאָל אַ זינד זײַן ניט-געמיטן. / ווי זאָל אַזוינס אַ מענטש פֿאַרשטיין? / כאָטש אַפּיקורס, ניט געליטן!

קעגן מײַסטערישן האר / זיך מוז ער דווקא רעוואָלטירן. / סטײַטש? געוועלטיקן זאָל צער? / שלעכטס אַ גאָט זאָל טאָלערירן?

כ'ווייס אַז כ'זינדיק מיט די רייד / און ס'וועט כּבֿיכול פֿאַרדריסן. / כ'טו עס דאָך, כאָטש שטראָף ניט כ'מײַד: / אין אַ גיהנום זײַן געשמיסן.

גאָט, מײַן אולטימער אידעאַל / מוז זײַן פּערפֿעקט אין אַלץ, אָן פּשרות, / גוט, מיט יושר, רעכט, טאָטאַל! / ווען ניט, איז דער באַשאַף אויף צרות!

~❀~

אַפֿילו פֿאַר פֿרומע לײַט – פֿאַר וואָס זאָל עפּעס נאָר אַן אָרט בײַם מיטללענדישן ים זײַן דווקא הייליקער פֿון אַנדערע ערטער אויפֿן פּלאַנעט? איז דען דער גאַנצער אוניווערס ניט גאָטס ווערק? מיט וואָס זענען אַנדערע מקומות זינדיק? ערגער? הייסט דאָס ניט לעסטערן דעם באַשאַף מיט פּריווילעגיעס. און מיינען אַז גאָט האָט ניט געקענט שאַפֿן אַ טאָטאַל גוטן פּלאַנעט, נאָר געמוזט אָנקומען צו אַ געוויס אָרט?

ס'איז אַזוי נאַריש ווי דאָס זאָגן אלוהינו און אחד. אויב אחד, קענען דאָך ניט זײַן קיין אַנדערע געטער, מיט אַנדערע וועלטן, אַנדערע מעשי-בראשיתן. בכן איז אַלץ וואָס איז – מיט אַ טאָטאַלן כּי-טובֿ. ניטאָ קיין יחסנות. עפּעס דערין גילט דאָך אַפֿילו אינעם חומש: אויב אַן אחד, איז עס דאָך יעדנס גאָט, אַפֿילו דער פֿון אַטעיִסטן און רשעים! ווער האָט זיי באַשאַפֿן?...

ניט ער איז אונדזער גאָט, מיר זענען זײַנע. ייִדן ווי אַלץ וואָס איז מסוגל צו זײַן.

~❀~

אוי, ביאַליק, דײַן נשמה / באַווײנט איין שחיטה-שטאָט? / הײַנט איז דײַן שחיטה-שטאָט אַ שחיטה-וועלט געוואָרן. / פֿאַרלוירן פֿון דײַן נאָמען ווי מיט שפּאָט / דאָס שײַכות חיים לעבן און נחמן-נחמה.

דער אל-מלא-רחמימדיקער גאָט / האָט ווי מיט אומבאַגרײַפֿטן צאָרן / זײַן זינט תּמיד פֿרומע עדה / געלייגט אויף וועלטס עקידה: / אַ מזבח פֿון אַ קאָנטינענס. / געשאָכטן קינד און קייט. / און קיין שום מלאָכימס הענט / אָפּהאַלטן די מעסערס האָבן ניט געקענט; / ווי קרבנות לײַט / געשענדט, פֿאַרלענדט, געברענט / ביז הימלענס הייכן.

נאָר ווער פֿרעגן קען אַ גאָט / וואָס אויפֿן הר-מוריה האָט / מיט אַבֿרהמען אַ בונד געשלאָסן? / ווו איז ער געווען ווען דער געשיצטער קין / מיט זײַן זרע אינעם נאַצישן מחבל / האָט זײַן פֿאָלק ווי אין אַ מבול / מיט טרערן, בלוט — פֿאַרגאָסן?

און איצט, ייד, דאָך קום, / זײַ ווי תּמיד פֿרום / און פֿרעג: ווו איז דער לנו / פֿון אתּה בחרתּנו?

~❀~

ווי אַזוי באַגרײַפֿן דאָס פֿאָרן רעליגיע און עקזיסטענציאַליזם נוסח גאַבריעל מאַרסעל, דעם קריסט?

איז מען רעליגיעז —מע גלייבט אַז גאָט האָט באַשאַפֿן דעם מענטש און אַז זײַן גורל איז פֿאָרויס באַשטימט פֿון אָמנימעכטיקן מײַסטער— איז, ערשטנס, אויב אַזאַ מין פֿולקומער באַשעפֿער, פֿאַר וואָס איז זײַן ווערק ניט פֿולקום, גוט אין אַלע הינזיכטן?

פֿאַר וואָס זאָל דער מענטש קענען זינדיקן, דאַרפֿן אָנקומען צו עמיצן וואָס זאָל מיט זײַן אומקום אויסקויפֿן אַלעמענס זינד. און חוץ דעם, אויב באַשאַפֿן פֿון עמיצן, וואָס-זשע קען ער שוין אַליין אויפֿטון? ער עקזיסטירט אַזוי ווי ער מוז זײַן, און די טעאָריע פֿון עקזיסטענציאַליזם, מיט שאַפֿן זיך זעלבסט — איז דאָך אַן אַבסורד.

מיט די אַנדערע עקזיסטענציאַליסטן נוסח סאַרטר און אַזוי פֿיל אַנדערע איז אויך ניט קלאָר. דער מענטש איז דאָך ניט טאָטאַל פֿריַי. ער איז אַ פֿראַגמענט אין אַ סאָציאַלער מאָזאַיִק. מאַרקסיזם קען זיַין אַן עווענטועלער עקזיסטענציאַליזם, אָבער בלויז מיטן עקאָנאָמישן מאַטעריאַליזם, מיט ערליכע גילטיקע רעזשימען.

נאָר אַ מענטש האָט חוץ מאַטעריעלע פּראָבלעמען אויך ספּיריטועלע, און דאָ – דאַרפֿן מאַרקס און ענגעלס לאָזן זייערע פֿאָרשונגען: זיי קענען זיך פֿאַרנעמען מיט סאָציאַלער עטיק, אָבער ניט מיט נשמה-פּראָבלעמען צי עסטעטיק. זיי קענען זיַין אַנטיקלעריקאַל, אָבער ניט אַ פּריִאָרי אַטעיִסטן.

דער עקזיסטענציאַליזם איז אַ מין פֿילאָזאָפֿישער באַזאַר, אַ דראַג-סטאָר מיט פֿריַיע און פֿולע פּאָליצעס. יעדער געפֿינט וואָס באַגערט, געזוכט אָדער צופֿעליק געפֿונען.

אַלץ וואָס איז – עקזיסטירט; ממילא איז מען אַן עקזיסטענציאַליסט. אָבער וואָס איז מען? ווי אַזוי איז מען? דאָ העלפֿן ניט קיין **איזמען**, און אַלע **איסטן** זענען קאַריער-איסטן. ס'איז טאַקע לײַכטער צו זיַין אַן **איסט** ווי אַ קוילן-גרעבער צי אַ גאַסן-קערער. אָבער, אָבער...

~❀~

פֿאַראַן לײַט, מסתּמא סך־רובֿ, וואָס רעדן זיך איַין אַז מיטן זיַין נאָרמאַל, גוט, ערליך, טוען זיי אַ טובֿה דעם כּלל, און אויב רעליגיעז – מיינען זיי אַז מיט זייער טון אַ מיצווה איז זיך גאָט מחייה, און זיי פֿאָרן גלײַך אין קבֿרישע ווינדעס אַרויף אין סאַמע גן-עדן.

די ערשטע פֿאַרשטייען ניט, אַז חוץ זייער אייגענעם ווילזיַין, וואָס אַ גילטיקע עקזיסטענץ איז גורם, איז עס פֿון אַלע שטאַנדפּונקטן אַ פֿליכט. זיַיענדיק עפּעס פֿונעם אוניווערס, מוזן זיי דאָך באַווײַזן צו זיַין פֿולקום פֿיזיש, פֿיזיאָלאָגיש און פּסיכיש. מע דאַרף זיך גאָר ניט גריבלען פֿילאָזאָפֿיש אין עקזיסטענציאַליזמען, פֿענאָמענאָ-לאָגיעס, אָנטאָלאָגיעס און אַנדערע **לאָגיעס, איזמען** אד״גל.

מיט יעדן עפּעס וואָס מע טוט קעגן אייגענעם געזונט אַפילו. באַגייט מען אַ פעלער ניט בלויז קעגן זיך זעלבסט, נאָר קעגן דער גאַנצער עקאָלאָגיע, ביִאָספערע, און ווער ווייסט — אַפילו קעגן אוניווערס.

ערשט די פרומע, וואָס פירן חשבונות מיטן רבש״ע – זיי מוזן וויסן, אַז מיט טון עפּעס גוטס, וואָס זיי רופן מיצווה און אויך נאָרמאַלע עקזיסטענץ, מאַכן זיי קיינעם ניט קיין מענטליק. בעסער נאָר, ווען איך וואָלט געווען אַ רבש״ע, וואָלט איך געזאָגט אַז ניט טון אַ מיצווה איז זינד. באַגייט מען אַן עבירה!

~❀~

אַז עמיץ וועט באַווילקן צו לייענען מײַנע מײַסטערווערק מיט אַזוי פיל קריטיק, רעוואָלטן, פּראָטעסטן, עצות, וועט ער אפשר פרעגן: גלייבסטו אַז דו ביסט דער ערשטער וואָס האָט דאָס אַלץ געטראַכט, געזאָגט און געשריבן?

מ׳איז דאָך אין אַ מאַטעריאַליסטישער זומפּ, מ׳איז פאַרפּלאָנטערט, מע ליגט אין אַ קאָלטן, מיט קאַפּיטאַליסטישע רעזשימען, אינטערעסן, לעבנס-שטייגערס, אַדמיניסטראַציעס, דיקטאַטורן און טאָג-טעגליכע באַדערפענישן פאַר זיך זעלבסט, פאַר ווײַב און קינדער, מיט אַזוי פיל אימפּעראַטיוון, פליכטן, פיזישע און פּסיכישע אַכטונג-טוערס ס׳זאָל זיך גאָרניט ענדערן, און דאָ – מיצקע דערינען, באַשר אָנגעשריבן אַ בוך, וועט מען מאָרגן אויפשטיין מיט נײַע סאָציאַלע אָרדענונגען, משיח וועט קלאַפּן אין דער טיר: „רבותי, כ׳בין דאָ און וועלט איז צוריק אַ גן-עדן“!

ס׳איז לײַכט צו זאָגן: „ענדערט דאָס, טוט אַזוי, לאָזט זיך ניט, פאַרטיידיקט זיך; שטרײַקט, מאַכט באַריקאַדעס; גייט אין די בענק, נעמט ס׳געלט און פירט אײַן דעם סאָציאַליזם“, אָט ווי מע שפּילט אין קאָרטן. די אײַנגעשטעלטע קאַפּיטאַליסטישע רעזשימען זענען ניט קיין לעקישעוואַטע יאָלדן. זיי זענען אָרגאַניזירט מיט פּאָליציי, אַרמייען; אייניק – טראָץ גרענעצן און נאַציעס, און טשאַטעווען

אויף יעדן ריר פֿון עמיצן וואָס קען ווערן געפֿערליך פֿאַר זייערע אינטערעסן.

מעג עס זײַן שווארץ צי רויט: פֿינאַנציעלע צי כלומרשט סאָציאַליסטישע באַאַרן פֿירן אָן מיט דער וועלט זינט מ׳איז געוואָרן ציוויליזירט, קולטיווירט און פֿאַרפֿירט מיט רעליגיע, פֿילאָזאָפֿישע, וויסנשאַפֿטליכע און עטישע סוראָגאַטן-סיסטעמען וואָס האָדעווען פֿעלקער ווי מע האָדעוועט הינער, זיי זאָלן לייגן אייער און מע זאָל שלאָגן מיט הענער כפּרות, אָדער ווי מע פּאַשעט בהמות, זיי צו קענען מעלקן, שינדן, האָבן קאָטלעטן און אויך פֿערד צו שלעפּן אַ יאָך. דאָס אַלץ איז פֿאַרשלייערט מיט טעאָריעס, רעליגיעזע דאָקטרינעס, מיטאָלאָגיעס, קונסט, ספּאָרט און נאָך אַזעלכע שאַלעמויזן.

חוץ דעם, האָפֿן ס׳רובֿ לײַט ווי אַזוי אַליין זיך אַרויפֿצואַרבעטן, מאַכן אַ קאַריערע, ווערן אויך אַ שותּף צום קאַפּיטאַליסטישן שטרודל. ווי אַזוי-זשע קען מען עפּעס ענדערן אין דעם אַלעמען? מע זעט דאָך, אַז אויב ערגעץ אַ פֿאָלק צי אַ נאַציע פּרוווט עפּעס ענדערן אין די רעזשימען, איז באַלד דער פּלאַנעט, וואָס ווערט געוועלטיקט דורכן קאַפּיטאַליזם, געאייניקט – און מע זוכט פּטור צו ווערן פֿון דעם רעוואָלוציאָנערישן ווירוס וואָס קען גורם זײַן אַ מגיפֿה...

בפֿרט אַז קיין שום רעוואָלוציע איז ניט פֿרײַ פֿון פֿאַרפֿלאָנטערן זיך באַלד אין נײַע דיקטאַטאָרישע היעראַרכיעס, און ס׳לאָזט זיך אויס מיט צרות פֿון אַ נײַעם מין, און נאָך דערצו אַז מע מוז זיך פֿאַרטיידיקן קעגן עווענטועלע אַגרעסיעס און געווער איז ס׳טײַערסטע פֿון אַלץ וואָס מ׳איז מסוגל צו האָבן.

וואָס-זשע טון? לויט מײַן השגה דאַרף מען זיך פֿירן אַזוי, ניט מעגליך צו מאַכן איבערקערענישן אין קיין שום הינזיכטן פּלוצלינג, אין איין נאַכט, ווײַל איידער מע וויל ענדערן רעזשימען, מוז מען ענדערן די פּסיכיזמען פֿון לײַט, און טון קען מען עס ניט מיט דעמאָנסטראַציעס, באַריקאַדעס צי רעוואָלטן, נאָר תּמיד קודם אָנהייבן מיט זיך זעלבסט: זײַן דער ערשטער בײַשפּיל, וויפֿל נאָר

געקענט, און דאָס – אין אַלע מעגליכע הינזיכטן. ס׳איז ווי וועלנדיק בויען אַ געביידע, מוז מען קודם האָבן ציגל. יעדער יחיד איז אַ ציגל.

כדי דאָס צו קענען באַווייזן מוז מען זיין באַוווסטזיניק, ספּיריטועל און פּראַגמאַטיש. באַגרייפן קודם-כל אַז מ׳איז עפּעס אינעם אוניווערס אויף אַ פּלאַנעט, פּונקט אַזוי גוט ווי אַלץ אַרום: באַשעפענישן, פּלאַנצן צי וואָס מע וויל נאָר זען און פילן. בכן, זיך אַרויסלאָזן פון אַלע פּסיכאָזן, היפּנאָזן און אַנדערע נאָזן, **לאָגיעס, איזמען** מיט זייערע **איסטן**. פאַרשטיין אַז מ׳איז דאָ מיט אַ באַשטימטן דויער. בכן איז די פליכט, איידער מע גייט פּרעדיקן עטיק און עסטעטיק, אַלץ אָנצווענדן אויף זיך זעלבסט. די ערשטע רעוואָלוציע מוז זיין מיט אייגענער עקזיסטענץ, פיזיש, פּסיכיש, פיזיאָלאָגיש, ספּיריטועל, עטיש, עסטעטיש.

מ׳איז מחויב צו זיין געזונט, שיין אַפילו; אָפּטימיסטיש, שמייכלענ־דיק. געמיטן יעדן איבעריקן זשעסט, יעדע שלעכטע מחשבֿה, אַלע פיזישע און פּסיכישע גיפטן, און דאָס – טראָץ אומשטאַנדן און מאַטעריעלע מעגליכקייטן. אַזוינס באַווייזן צו טון מיט אייגענער פאַמיליע, מיט דערציִונג, און ניט לאָזן זיך פאַרפירן פון קיין שום דעמאַגאָגיעס, רעליגיעזע צי פילאָזאָפישע דאָקטרינעס, פאָביעס, קאָמפּלעקסן און ווער ווייסט וואָס נאָך פאַר אַ תירוצים פאַר שאָוויניזמען, פּאַטריאָטיזמען, סנאָביזמען און אַלע איזמען וואָס די היינטיקע געוועלטיקערס אויף אַלע קאָנטינענטן זוכן צו פאַר־שפּרייטן צווישן עולם-גולם, מיט אַלע זייערע ריזיקע מעגליכקייטן: פּרעסע, טעלעוויזיע, ראַדיאָס, ווי אויך דורך קאָמפּעטיציעס, עקספּאַנסיעס, פּריווילעגיעס, מאָדעס.

מיט זיין אַליין אַ ביישפּיל, געפינט מען חבֿרים, קרייזן. פון די בעסטע אופֿנים דאָס צו דערגרייכן איז דאָס שאַפן קיבוצים, אומעטום, וווּ נאָר געקענט. אויב חלוצים האָבן דאָס געקענט טון אין וויסטענישן מיט זאַמדן און זומפּן-מאַלאַריעס און ווער ווייסט וואָס פאַר אַ שווועריקייטן אַרום – קען מען דאָס דערגרייכן וווּ ס׳זאָל ניט זיין, ניט דווקא ביי יידן אין ישראל נאָר אומעטום וווּ מענטשן,

אָדער כּלומרשט אַזעלכע צווײ־פּיסיקע באַשעפֿענישן וואָס מײנען אַז זײ זענען עס. ווילן ווערט זײַן דעם דאָזיקן נאָמען.

קײן שום קאָנפֿערענצן צי פּראָפּאַגאַנדע וועלן גאָרניט אויפֿטון. די אײנציקע מעגליכקײט עפּעס זאָל זיך ענדערן איז אָנצוהײבן מיט אײגענער עקזיסטענץ. אין וואָס פֿאַר אַ לאַגע צי אומשטאַנדן מע זאָל זיך ניט געפֿינען, איז מעגליך עפּעס צו טון. מע מוז האָבן אָפֿענע אויגן, ווילן, עקשנות, און ניט וואַרטן גלײַכגילטיק ס׳זאָל קומען אַ משיח.

אין מײַן עלטער קען איך פֿאַרזיכערן, אַז באַוווסטזײַן און ווילן זענען די בעסטע רפֿואות, די גרעסטע כּוחות וואָס מ׳איז מסוגל צו האָבן, אויב מ׳איז אָרגאַניזירט און מע לאָזט זיך ניט פֿאַרפֿירן ניט פֿון אײגענע און ניט פֿון פֿרעמדע קאָמפּלעקסן, פּסיכאָזן און פֿיקציעס.

~❀~

ייִדיש פֿאָלק מײַנס, ליב און טײַערס! / ס׳פֿאַרשווונדענע מיט רויך און פֿלאַמען – / עפּעס פֿון מיר, מיט דיר צוזאַמען / איז אַוועק אין זעלבן פֿײַער.

דיך, ווי ס׳אָרט פֿון מײַן געבוירן,*/ „פֿאַרגעס״, אַזוי פֿיל מאָל געזאָגט. / דאָך עפּעס אין מיר מאָנט און קלאָגט, / און קען ניט גײן מיט דיר פֿאַרלוירן.

אַזוי פֿיל לידער אויסגעזונגען / מיט דיר, און קינות אויסגעווײנט; / דאָס, וואָס געווען, איז מיר ביז הײַנט / פֿאַרגעסן קײן מאָל ניט געלונגען.

מיט דיר פֿון מײַנע יונגע יאָרן, / אַלץ פֿון מײַן ייִדישן אַמאָל / כּליפּעט וואָס ניט טון נאָר כ׳זאָל / אין מײַן צעווײטיקטן זכּרון!

~❀~

פֿאַר וואָס זאָל מען זיך ניט פֿאָרשטעלן אַ קאָליר אָן ס׳זאָל זיך מאַניפֿעסטירן אויף עפּעס, אין עפּעס אָדער דורך עפּעס? פֿאַר וואָס זאָל עס ניט זײַן ווי מוזיק, וואָס מע פֿילט מיטן חוש ניט טראַכטנדיק פֿונעם אינסטרומענט וואָס שפּילט זי? קען אַזוינס ניט זײַן מיט פּאַרפֿיומען, וואָס זענען ניט דווקא פֿון אַ באַשטימטער בלום, למשל – ריחות אָן אָביעקטן, אָן קאָנקרעטע סיבות?

עמאָציעס זענען דאָך ניט קיין סובסטאַנצן, ניט קיין עסענצן, נאָר עפּעס וואָס האָט ניט קיין ממשות – אפֿשר איז עס דער רעזולטאַט פֿון ממשותדיקער ווירקונג פֿון אַ דריז, אַ נערוו וואָס איז גורם די רעאַקציע. אָבער וואָס זאָגן וועגן חלומות, טרוימען, פּאָעטישע דמיונות און מחשבֿות? ווער איז מסוגל דאָס צו דערקלערן?

~⚘~

מײַן עקזיסטענץ וואָלט געדאַרפֿט אויסדויערן אין אַ קליניק, אָבסערווירט פֿון פּסיכאָלאָגן צי אפֿשר טאַקע פּסיכיאַטערס, ווײַל אַלץ וואָס ס׳איז מיט מיר געשען, און כ׳ווייס ניט וואָס נאָך ס׳וועט געשען, איז בשום אופֿן ניט נאָרמאַל – אויב נאָרמאַל הייסט די עקזיסטענץ פֿון לײַט אַרום וואָס כ׳אָבסערוויר זינט באַלד אַכט און אַכציק יאָר.

זינט מײַן אַנטוויינען זיך, צו צוויי יאָר, וואָס כ׳געדענק גוט; דאָס שפּילן זיך מיט אַנדערע קינדער; די געוואַלדיקע געשעענישן אין פּוילן זינט דער רוסיש-יאַפּאַנישער מלחמה; דער אויפֿשטאַנד אין 1905; דאָס לערנען זיך; דאָס אָנהייבן אַרבעטן ווי אַ צען-יעריק ייִנגל; דאָס אָנהייבן שרײַבן און דאָס אַלץ וואָס איז געשען מיט מיר זינט דעמאָלט: מײַן דינאַמיק, די פֿאַרשיידענע אויפֿטועכצן, באַציִונגען מיט לײַט, ליבידאָס און רעאַליזאַציעס אין אַזוי פֿיל הינזיכטן, אומשטאַנדן, דימענסיעס – אַלץ איז אַזוי אויסער-געוויינטליך, איבערנאַטירליך, קאָלאָסאַל אַפֿילו, אַז דאָס וואָלט געדאַרפֿט אָבסערווירט און שטודירט ווערן פֿון אַ פֿרווידן צי אַ ספּעץ אין פֿיזיק, פּסיכיק, עקאָנאָמיע, פֿיזיאָלאָגיע, עטיק און עסטעטיק.

אַלץ איז מיט עקסטרעמע דינאַמיק. אפשר - אָדער זיכער - איבערגעטריבן. אָבער יעדנפֿאַלס ניט מעגאַלאָמאַניש. ווײַל אַלץ געטון נאַטירליך. געצווונגען פֿון עפּעס אַ סטיכישער ענערגיע וואָס לאָזט מיך ביז הײַנט ניט קיין רגע פּאַסיוו. גלײַכגילטיק צי נירוואַניש. איך בין ווי אַ מין אורגאַניזם וואָס איז תּמיד אַקטיוו, און ווײַט פֿון אַ קלימאַקס. אין וואָס ס׳זאָל ניט זײַן - אַן עקסטרעמיסט וואָס האָט פֿײַנט קאָמפּראָמיסן, היפּאָקריזיע, דעמאַגאָגיע, שקר און פּוילקייט. איך קען ניט טאָלערירן קיין פֿאַלשע סעמאַנטיק פֿון רייד און באַגריפֿן.

כ׳ווייס אַז ס׳האָט פֿאַר קיינעם קיין שום אינטערעס ניט. דאָס אויטאָביִאָגראַפֿירן אַלץ וואָס ס׳איז געשען מיט מיר. אויגן זענען פֿון פֿאָרנט און ניט פֿון הינטן. כ׳בין תּמיד אין וועג צו נײַע האָריזאָנטן: אַ טויזנט-פּראָצענטיקער אָפּטימיסט, מיט פּראַגמאַטיש אָנגעווענדטע רעזשימען אין אַלע הינזיכטן, און באַלעסטיקט מיט אַ מין יונהיזם. אויפֿגעצווונגען פֿון כ׳ווייס אַליין ניט וועמען. פֿיל איך זיך ווי עפּעס אין עמיצנס הענט און ווילן, און מוז זיך אַזוי פֿירן.

אָבער דאָס שטערט מיר ניט; פֿאַרקערט: כ׳זע אין מײַנע אַלע מעשׂים און מחשבֿות, מיט קוריאָזיטעט, ווי ס׳פֿאַרשאַפֿט מיר תּענוג. טראַץ וואָס כ׳באַדויער איינס נאָר: די צײַט לויפֿט פֿאַרבײַ מיט אַלץ גרעסערן אימפּעט.

פֿאַרשרײַב איך עס אַצינד, דעם 15טן נאָוועמבער 1987. כ׳בין זיכער אַז עמיץ וועט אַ מאָל אַנאַליזירן דאָס אַלץ צו זען ווי בײַ אַ פּשוטן מענטש אין מײַן עלטער, וואָס וועגט קוים 68 קילאָ, האָבן זיך געקענט מאַניפֿעסטירן אַזוי פֿיל דינאַמיזם, אַזוי פֿיל חלומות (כמעט-יעדע-נאַכטיקע נסיעות מיט אומגעריכט-אויסטערלישע געשעענישן!), אַזוי פֿיל מחשבֿות, אַזוי פֿיל עקשנות, אַזוי פֿיל פּראָיעקטן, אַזוי פֿיל לעבנסלוסט און פֿרייד צו זען וואָס ס׳קען אַלץ געשען אויף אונדזער פּלאַנעט, דעם איינציקן אין דער וועלט וואָרשײַנליך, מיט אַ באַשעפֿעניש וואָס האַלט זיך פֿאַר אַ יאַ-טעבע-דאַם און אַ גריפּע-ווירוסל קען אים אָוועקלייגן מיט

חוזק אפשר.

די שיינקייט פון אַ זונפאַרגאַנג; די וואָלקנסשפּיל מיט טויזנטער ספּעקטאַקלען; די שיינקייט פון אַן אָרכידעע צי פון זונשטראַלן־שפּיל אין דער פּריזמע פון אַ טראָפּן נאָך אַ רעגן, אָדער אין אַ שערבל גלאָז ערגעץ אין שטויב אַפילו; דער חן פון קינדערלעך, קעצעלעך און מיידלעך; גראַציעזע זשעסטן און וואָס ניט? כ׳ווייס ניט ווי אַזוי און וועמען צו דאַנקען פאַר מיין מעגליכקייט צו לעבן, מיט אַלץ וואָס האָט אַ שייכות דערמיט, אָבער זיכער איז עס אַ מייסטער־ווירטואָז אַ גוטער, וואָס האָט געגעבן דעם מענטש אַ פּלאַנעט אין זיין טאָטאַלן רשות, נאָך יענער ליידער, אַ לעקישעוואַטער משוגענער, באַגרייפט ניט די פּראַכט פון דער מתנה און פאַרתכלעוועט זיין עקזיסטענץ מיט צרות.

~⊗~

טראָץ ברודערמאָרד פון גאָט־געשיצטן קין, / מיר, עפּעס הבלדיקס, אַ פרעמדער זיין! / כ׳וויל אַפילו ניט אויף דיר, רוצח, שפּייען: / דו ביסט ניט ווערט מיין שפּיי.

איך כאַטש הפקר, שוואַך / דו, פון מיין קללה לאַך, / און קענסט מיט דיין זרע תמיד מאָרד באַניען, / מיין בלוט אומזיסט וועט תמיד צו די הימלען שרייען, / מאָגען רעכט אומזיסט.

ווי לאַנג ניט דויערן דאָס זאָל — / דו מוזסט / פאַר אַלץ צאָלן דאָר אַ מאָל.

~⊗~

אָנגעזאַמלט כמעט אַכציק יאָר שריפטן, וואָס חוץ מיר, און בערנפעלדן אַ ביסל, האָט נאָך קיינער ניט געזען צי געהערט. אַ באַרג! אַן אָקעאַן! אַ ניאַגאַראַ!

ווי אַזוי האָב איך געקענט דאָס אַלץ טראַכטן און פאַרשרייבן? געשלעפּט כתבים דורך אַלע געשעענישן, געוועזן באַגראָבן אין געוויסע פּעריאָדן, צוריק געפונען נאָך צענדליקער יאָרן אַ מאָל.

און איצט שוין באַלד אַ ניינציקער (אָבער ווי אַמאָליקער בראַנפּן אָדער שנאַפּס – נאָר שטאַרק, מיט אַ ברען!), לייען איך דאָס אַלץ, און בין נשתּומם זעענדיק ווי די פֿילמען פֿון מיין לעבן, מיט מיר ווי דער אַקטיאָר-העלד און אַזוי פֿיל לייט.

ווי אַזוי האָט דאָס אַלץ געקענט זיין? ערשט, ווי אַזוי זאָל דאָס אַלץ פֿאַרשווינדן ווי ניט געווען? ס'איז דאָך ניט מעגליך אין מיינע יאָרן צו פֿאַרעפֿנטליכן אַ 100 ביכער!... זאָל דאָס אַלץ גיין אין מיסט און – אויס מיט אַ טשודאַק, אַן אויסטערלישן פּאַרשוין? גוט צי שלעכט – זיכער אַ פֿענאָמען. אַ פֿאַרזעעניש אפֿשר, אַ גייסטיקער קריפּל, אפֿשר אַ קראַנקער, אַ פּסיכאָפּאַטישער מעגאַלאָמאַן – אָבער איינס קען איך שווערן, זייענדיק נאָר, ווי מיר דאַכט זיך, ביים קלאָרן זינען:

כ'האָב קיין מאָל קיינעם ניט געטון קיין שום שלעכטס; מיט פֿאַרדראָס געמוזט אַ מאָל אומברענגען אַ קאָמאַר, און באַדויערט די ווירוסן און מיקראָבן וואָס האָבן מיך געוואָלט אומברענגען – די וועלט איז דאָך כּולו-אַבסורד און סקאַנדאַליעזער מאָרד-קאַרנאַוואַל. מיקראָבן ווילן דאָך אויך לעבן, ווען ניט, הלמאי האָט זיי גאָט באַשאַפֿן?

בכן האָב איך געטון וואָס נאָר געקענט כּדי אומצוברענגען וואָס ווייניקער לעבן, און חוץ ווען געמוזט – ניט געהאַסט קיינעם. דאָס איז היפּאָקריזיע: גיי, האַס ניט... היטלעריסטן, סטאַליניסטן, פּאָגראָמשטשיקעס, אַראַבישע טעראָריסטן און אַזוי פֿיל געמיינע ברויִם!

אָבער שינאה איז מיר אַ לאַסט, און כ'קען ניט מוחל זיין דעם מייסטער פֿון באַשאַף, וואָס לייט רופֿן גאָט און וועמען כ'האָב ליב, פֿאַרן האָבן טאָלערירט אַז ס'זאָלן קענען זיין אַזוי פֿיל שלעכטס און מיאוסקייט.

טראָץ מיינע טענות צו אים, הלמאי זיך געריצט מיטן מענטש צי געחוזקט פֿון אים מיט אַ פּלומרשטן כּי-טובֿ – אפֿשר איז דאָס אַלץ די שולד פֿונעם מענטש, וואָס פֿאַרקריפּלט זיין פֿרייהייט צו קענען אַנדערש טון? אַנדערש זיין?

איובֿ און יונה, מײַנע זיידעס, האָבן מיר געלאָזט גאַמעטן וואָס קענען ניט פֿאַרשווינדן. ווײַזט אויס אַז אַנדערש קען שוין ניט און וועט שוין ניט זײַן.

נו, און איצט – געבנוגו נעם צונויף די וואַליזעס, אויב געקענט, און געגרייט זיך אין וועג, צו אַנדערע רעאַליטעטן, ווו אַנדערע משוגעתן וואַרטן אויף מיר, מיט זיכער נײַע פּראָבלעמען און רעוואָלטן.

~❁~

שאָפֿן נאָר פֿאַר יענעם / איז אַ מײַסטעריש גיהנום: / וואָס וועט זאָגן וועלט! / די קונים דאָס געפֿעלט! / וויפֿל ברענגט עס געלט!

פֿאַר דעם מין „קונסט"-אידעאַל / איז גילטיק פּלאַס-פּיגאַל!

~❁~

וואַרשײַנליך פּרווו איך עפּענען אָפּענע טירן און פֿאַרשרײַב שוין-זינט-לאַנג-געזאָגטע צי געשריבענע מחשבֿות. אָבער – זאָל מען מיך ניט חושד זײַן אין פּלאַגיאַט, חלילה. אַלץ ליגט אינעם אַרכיוו פֿון זכּרון צי דמיון. אַזוי איז אויך מיט מײַנע וויסנשאַפֿטליכע השערות אָדער סבֿרות. ס'איז דער רעזולטאַט פֿון די אַנגעלייענטע -וווּלגאַריזירטע, פּאָפּולאַריזירטע צי אָריגינעלע- אַרטיקלען און ביכער.

חוץ דעם וויל איך דערמאָנען, צי באַווײַזן, אַז כ'בין אַ ספּעצימען פֿון די הײַנטיקע „ציוויליזאַציעס" מיט זייערע דערציִונגען אָדער דרעסירונגען, אָן מעגליכקייטן צו קענען עקזיסטירן פֿאַר עמיצן וואָס האָט ניט באַקומען קיין ירושות, קיין בילדונג, און געמוזט זיך אויסטויגן אין אַלע אומשטאַנדן און סיטואַציעס.

און פֿאַראַן אַ הימאַלאַיאַ מיט סיטואַציעס זינט איך געדענק אַ ביסל, ווען די מאַמע האָט מיך אַנטווינט צו צוויי יאָר, און אַבסאָלוטע זכרונות זינט דער רוסיש-יאַפּאַנישער מלחמה מיט דער

רעוואָלוציע פֿון 1905!!
ערשט די אַלע אַנדערע מלחמות, רעוואָלוציעס, פּאָגראָמען, וואַנדערונגען און סתם צרות... דערצו, זינט דעם עלטער פֿון אַכט יאָר שוין געמוזט אַרבעטן צו העלפֿן מיט עפּעס אין דער אָרעמער היים (געקלעפּט צעטלעך אין אַ הוטע!) און מיך שטאַרק אינטערעסירט מיט אַלץ אומעטום: דאָס געוויסער אין פּאַריז אין 1910 ווי דער רוסישער באַלעט מיט באַקסט און די פּאַוולאָווא, דער קאָמעט האַלעי ווי דער ביילים-פּראָצעס, חוץ ליטעראַטור בכלל און פּאָעזיע בפּרט: פּושקין און הוגאָ, מיצקעוויטש און מאַנגער, שלום-עליכם און ווער, וואָס ניט!...

כ׳האַלט ניט פֿון ביִאָגראַפֿיעס, ווײַל מיט מײַנער וואָלט מען געקענט שאַפֿן הונדערטער פֿילמען און ראָמאַנען. מײַן באַגער איז צו ווײַזן דעם רעזולטאַט פֿון אַ כּמעט הונדערטיעריקער עקזיסטענץ פֿון אַ פּשוטן ייִד וואָס שטאַמט פֿון פּוילן.

גראָב, עגאָיִסטיש, רוי, / אין זומפּ פֿון שלעכטס געזונקען. / עטיק און עסטעטיק – / גײַסטיקע קאָסמעטיק, / פּאַרפֿומירן, שמינקען, / מענטש-וועלט זאָלן אַזוי / ניט שטינקען!

פֿאַראַן קריטיקער וואָס שרײַבן זייערע קריטישע עסייען מיט אַ לאָפּעטע פֿון אַ באַגרעבער. געוויס קען מען ניט, טאָר מען ניט יעדן איינציקן שטעלן אויף אַ פּעדעסטאַל און אים פֿלעכטן לאָרבערקרענץ – אָבער פֿאַראַן דאָך אײדעלע כירורגן, וואָס אַז זיי פּאַלמעסן אַפֿילו טוען זיי אַכטונג מיט זייער שניט: אפֿשר פֿילט דער טויטער...

ערשט אַז מע האַלט אַ סקאַלפּעל און מען אָפּערירט אַ לעבעדיקן! כ׳קען דענטיסטן וואָס רײַסן, פֿליקן ציין, שטעכן ברוטאַל מיט נאָדלען וואָס דאַרפֿן אַנעסטעזירן, און פֿאַראַן אַזעלכע וואָס טוען אָפּ די גרעסטע אַרבעט לײַכט, צאַרט, איידל, מיט

פֿאַרשטענדעניש, מיטלייד, פֿרײַנדשאַפֿט.

קריטיקער, איר האָט צו טון מיט לעבעדיקע, פֿילבאַרע נשמות.
זײַט ניט אַ פּריזאַרי באַגרעבעריש!

~❀~

אַ פּאָעטישער טעקסט מוז זײַן: קלוגע מוזיק מיט טעם און ריחות-תּענוג. חוץ צאַרט פֿאַרן אויער – אויך פֿאַרן אויג, מיט האַרמאָנישע פֿאָרמען, אַזוי אַז אַלע חושים און ספּיריטועלע אייגנשאַפֿטן זאָלן פֿילן לירישן ווילזײַן.

~❀~

אין פּלאַנקטאָן, צי אין די ערשטע מאָנאָ-קעמערלדיקע באַשעפֿענישן, מוזן זיך געפֿינען אַלע עלעמענטן וואָס האָבן דערמעגליכט עוואָלוציעס מיטן גרייכן מדריגות פֿון לאַנג-לעבן, ענערגיע און חכמה.

פֿאַר וואָס זוכן געראָנטאָלאָגן ניט דערין דעם סוד פֿון לאַנג לעבן?

~❀~

זילבער-בלאָ, / לבֿנה-נאַכט. / בוים מיט בוים / זיך שושקען קוים. / אין סודות-שעה / האָרך און שווײַג. / שאָרך פֿון אַ צווײַג. / אַ שטילקייט וואָרט / אויף עמיצנס טרוים.

~❀~

ביט געניט פּראָקלאַמירן, שרײַבן, זאָגן אד־גל.
ווײַזן אַ בײַשפּיל מיט אייגענעם לעבנס-שטייגער, מיט אייגענע מעשׂים און מחשבֿות – דאָס וואָס מע רעקאָמענדירט אַנדערע.

זינט תּמיד, אויב מע קען אַזוינס זאָגן, האָבן לײַט געלעסטערט, פֿאַרשווועכט די פֿײַנע רייד, די שיינע אידעאַלן מיט זייער אופֿן

אַנווענדן די פּרינציפּן. אַזוי מיט פּראָפּעטן, אַזוי מיט רעוואָלוציעס. ווי שוים, ווי בוימל אויפֿן וואַסער שווימען אַרום פּערוועזע, אַמביציעזע פֿירערס, אינטערפּרעטאַטאָרן, קאָמענטאַטאָרן, און פֿון די פֿײַנע אידעאַלן לאָזט זיך אויס אַ בוידעם. די רוסישע רעוואָלוציע, מיט אירע ריזיקע מעגליכקייטן, האָט געקענט זײַן אַ לײַכטטורעם, אַ מאָדעל פֿאַר אַלעמען – האָט זיך מיט איר אויסגעלאָזט ווי מיט דער פֿראַנצייזישער אַ מאָל – אַ חרפּה און אַ ווייטיק.

פֿאַר וואָס זאָל עס מוזן אַזוי זײַן? און מיט אונדזער ייִדישקייט איז דען בעסער? פֿאַנאַטיזם און קאַריערעס! ווו איז דער חלום פֿון אונדזערע פּראָפֿעטן מיט ישו בתוכם – אויך דאָך אונדזערס אַ ייִד?

אַלץ איז פּראָפֿאַנירט, געלעסטערט, אויסגעלאַכט. אַ שאָד. ס׳וואָלט געקענט זײַן אַזוי גוט צו קענען עקזיסטירן אָן אַנגסטן!

~❀~

פֿאַר וואָס האָט מען געמאַכט דעם גוטן ייִדישן טאָלסטאָיאַנישן אַנאַרכיסט ישו פֿאַר אויס מענטש און צוגעגעבן אים אַ הימלישע אידענטיטעט, מיט פֿאַנאַטיזמען פֿון בתולה־נס פֿאַר אַ מוטער פֿון קינדער וואָס פֿאַרראַט דעם מאַן, אַ פּשוטן סטאָליאַר, מיט אַ גײַסט וואָס איז גורם שוואַנגערשאַפֿט?

פֿאַר וואָס נאָך אויסגעטראַכט אַ מיטאָלאָגישן פֿאַרשווינדן פֿון קבֿר כּדי צו דערשײַנען פֿאַר פֿרומע קאַטאָליקן און זיך מאַניפֿעסטירן אין קרייצן צי הייליקע בילדער? פֿאַר וואָס?

פּשוט צוליב עקספּאַנסיעס און מעגאַלאָמאַנישע אַגרעסיעס, צי ווי אַ תּירוץ זיך צו באַפֿרײַען פֿון אַ קראַנק געוויסן: זיך מתוודה געווען בײַם גלח און פּטור! אָדער אַזוי פֿיל אָרעמע, קראַנקע, נעבעכדיקע וואָס האַלטן אין איין בעטן מחילה פֿאַר ניט־באַגאַנגענע חטאָים...

וואָס האָט עס צו טון מיט ישון? וואָס פֿאַר אַ שײַכות האָט ער מיט

קלעריקאַליזם, אינקוויזיציעס, פּאָגראָמען און ייִדנהאַס זינט צוויי טויזנט יאָר?

~❀~

יעדן מענטש איז געגעבן אַ סכום מעגליכע עקזיסטענץ, אַ קאַפּיטאַל לעבן. לויטן פּשוטן שׂכל, דאַרף מען זײַן נאַריש-נאַכלעסיק צי פּשוט אידיאָטיש-משוגע צו פֿאַרתּכלעווען דעם דאָזיקן אוצר אומזיסט און אומנישט, בשעת מע וואָלט לײַכט געקענט אויסניצן ס'דאָזיקע ניט נאָר לטובֿת דעם אייגענעם זײַן, נאָר אַפֿילו לטובֿת אַלץ אַרום זיך: ניט צעשטערן גוף און נשמה מיט שלעכטע רעזשימען און פֿירונגען, אין אַלע הינזיכטן, פֿיזיש און פּסיכיש. ניט האָבן קיין פּרעטענציעזע אַמביציעס און קאָמפּלעקסן וואָס אַ מענטש איז ניט מסוגל צו גרייכן. זײַן עקאָנאָמיש, קלוג, פּראַגמאַטיש אין אַלע אומשטאַנדן, און ניט האָבן קיין טענות צום באַשאַף מיט „פֿאַרוואָסן", „דאָסן", „אַזויען" אד"גל.

אַ נאָרמאַל, נאַטירליך לעבן ווערט באַלוינט מיט תּענוגים, עקסטאַזן, אָרגאַזמען, און מיט אַ שליחות, פֿליכטן. אַפֿילו מיטן בלויזן עטעמען און נערן זיך. מע קען ניט וויסן דעם פֿאַרוואָס, צוליב וואָס, דורך וועמען, פֿאַר וועמען — אָבער מע מוז האָבן צוטרוי צום באַשאַף און דעם ווירטועלן מײַסטער דערפֿון; ניט צעשטערן די פּראָגראַמירטע עקזיסטענץ מיט אויסטערלישע מאַניעס, פֿאָביעס און מיטן דווקא וועלן דערגיין דעם מהות, דעם תּוך, דעם תּמצית, דעם זין פֿונעם אוניווערס. מיט אַמביציעזע וויסנשאַפֿטן, אַסטראָלאָגיעס צי מיסטיציזמען פֿאַרקריפּלט מען זיך פֿיזיש און פּסיכיש, און מע פֿאַרקירצט זיך דעם מעגליכן לעבנס-דויער.

מיטן זײַן נאָרמאַל, ערליך, לאָגיש אויסגעהאַלטן, פֿול מיט צוטרוי און ליבשאַפֿט צו דעם צי דאָס וואָס דערמעגליכט אַלץ זאָל זײַן, לעבט מען מנוחהדיק לאַנג און מע שלאָפֿט אײַן אָן אַנגסטן און יסורים.

אַזוי דאַכט זיך מיר. כ'קען ניט שווערן אַז דאָס איז אַזוי, ווײַל ביז

איצט בין איך נאָך קיין מאָל ניט געשטאָרבן, אָבער וואָרשײַנליך מוז עס אַזוי זײַן.

לויט ווי מיר דאַכט זיך, שטאַרבן לײַט זעלטן נאַטירליך. זיי קומען אום מיט זעלבסטמאָרד, עגאָפּאָביש, קאָמיקאַדזיש צי סתם אידיאָטיש. פֿאַרסמט דעם גוף מיט שלעכטער נערונג, שלעכטער מי, שלעכטע מחשבֿות און אַמביציעס. דער כּלומרשטער האָמאָ-סאַפּיענס איז אַ פּשוטער האָמאָ-אידיאָטיקוס, וואָס פֿאַרוואַנדלט זײַן גן-עדן-פּלאַנעט אין אַ וויסט גיהנום, עקאָלאָגיש און סאָציאַל; און ניט נאָר ס׳מענטשליכע, נאָר אַלץ אין דער ביאָספֿערע.

אפֿשר וועט קומען אַ משיח און מאַכן אַ שטיקל, אַ ביסל אָרדענונג אין דעם אַלעמען. פּסיכאָפּאַטן, משוגעים – היילט מען דאָך. דערווײַל איז אונדזער פּלאַנעט אַ ריזיק משוגעים-הויז, און אַלע אונדזערע קליידער צי אוניפֿאָרמען זענען פֿונעם מין צוואַנגיאַקעס, וואָס טראָגן פֿאַרשיידענע נעמען בײַ די כּלומרשט ציוויליזירטע לײַט מיט זייערע קולטורן, רעליגיעס, פֿילאָזאָפֿיעס אד״גל. ס׳איבעריקע איז ליטעראַטור, מיט עקזיסטענציעלער משוגעים-דיאַלעקטיק. אַ שאָד, דאָס צעשטערן אַזאַ מין וווּנדערליכן פֿענאָמען לעבן און אַזאַ שיינעם בלאָען פּלאַנעט, וואָס קען זײַן אַ פּרעכטיקער גן-עדן.

ליידער זענען פֿאַראַן אַזוי פֿיל אינטעלעקטועלע טשאַקערס און אַזוי פֿיל פֿירערס וואָס זענען תּמיד פֿאַרפֿירערס, וואָס פֿאַרפֿירן אַזוי פֿיל לײַט – אָדער אין לאַבירינטן וווּ זיי ווערן פֿאַרטיליקס פֿון מינאָטאָרן, אָדער אין כּלומרשט געטליכע וועגן ווו זיי ווערן פּאָטשמעליעט מיט מעטאַפֿאָרן און ס׳קומען אויף רעליגיעזע און וועלטליכע פֿאַנאַטיזמען, וואָס זענען תּמיד גורם צרות.

גילטיק זײַן איז תּמיד װערן. / פֿאַר אַ בוים װאָס נײַע צװײַגן מער ניט שאַפֿט / איז װעלט מיט פֿרילינגען אָן האַפֿט, / און פֿריער-שפּעטער / בלויז האָלץ זײַן װעט ער: / אַ קוליע עמיצן, אַ פֿײַער אָנצוצינדן, / אין שפּענער אָדער רויך מיט אַש פֿאַרשװינדן.

װאָרער מענטש הייסט / נאָר דער, װאָס װייסט / אַז תּמיד אין אים זיך אָן עפּעס גרייסט. / נאָר דעם קען גליק פֿון עקזיסטענץ געהערן.

~❁~

אינטערעסאַנט צו װיסן װי אַזוי מאַניפֿעסטירט זיך לעבנס דױער אויפֿן טראָפּיק און אויף די פּאָלוסן. דער פּלאַנעט – אַ ספֿערע אויף אַן אַקס – איז דאָך מסוגל צו דרייען גיכער עפּעס אין מיטן דער ספֿערע װי אין די עקסטרעמען. ממילא מוז די צײַט זײַן רעלאַטיװ אַנדערש, און דער לעבנסריטם אויך ממילא גיכער אָדער לאַנגזאַמער.

לעבט מען אינטענסיװער דאָ צי דאָרט? אינטערעסאַנט אַ סטאַטיסטיק פֿון אַ פֿאַרזיכערונג-געזעלשאַפֿט, װאָס רעגיסטרירט אומקום.

~❁~

אַלץ איז סם און געפֿערליך. ס'איז נאָר אַ פֿראַגע: װיפֿל. מע קען זיך סמען מיט ברויט, און מע קען זיך היילן מיט ניטראָגליצערין. צען קילאָ ברויט, אָן עפּעס אַנדערש, איז זיכער אומקום; עטליכע רעפֿטלער צי אַ פּעניץ – זעטיקן. מיט ניטראָגליצערין קען מען אויפֿרײַסן בנינים און היילן האַרץ-לײַדנדיקע.

דאָס איז גילטיק פֿיזיש און פּסיכיש. צו פֿיל װיסנשאַפֿט – און אויס מיטן גן-עדן. אַלץ מוז זײַן מיט אַ מאָס, אַ סכום. מענטש-שרײַפֿל! װעסט קיין מאָל ניט װיסן װי ס'זעט אויס צי װאָס ס'טוט זיך אין אַ

לאָקאָמאָטיוו אָדער אין אַ גאַנצער באַן: ניט ווי זי פֿאָרט, ניט ווער ס׳פֿירט זי, ניט וועמען זי פֿירט אַפֿילו. זײַ אַ גילטיק שרײַפֿל און ביסט בסדר מיט דײַן ראָלע. ווען ניט – זשאַווער, ברעך זיך און קענסט גורם זײַן קאַטאַסטראָפֿעס.

געמיט זיך טעג, געחלומט נעכט – / און, גאָטעניו, האָסט מיר באַוויליקט געבן / אַזוי פֿיל מתּנות – / ווי לוין מסתּמא פֿאַר אַ פֿרום און גילטיק לעבן. / לאָז־זשע מיך כאָטש וויסן, / דעם טעם פֿונעם דערגרייכטן גליק קענען געניסן.

איצט, אַז אַלץ שוין כ׳האָב אונטער דער האַנט, / איז דען פֿאַר אַ גוטן גאָט געאַנט / –נאָך אַזוי לאַנג געתּפֿילהט האָבן– / אָן שום רחמנות, / אויסגעלאַכט מיך זען ווי כ׳ווער באַגראָבן?

סטײַטש? וווּ איז יושר? רעכט? / אָבער גאָטעניו, דו ווייסט ווי עכט / מײַן ליבשאַפֿט איז צו דיר, / און אַפֿילו ווען געוואָלט – פֿאַר מיר / ניט מעגליך זאָלסט זײַן שלעכט.

פֿאַר וואָס מוז אַ באַוווּסטזיניקער מענטש לײַדן פֿונעם פאָזיטיוויסטישן מאַטעריאַליזם אָדער פֿונעם מיסטישן ספּיריטואַליזם? זאָל ניט מעגליך זײַן קיין אויסוועג פֿון די ביידע לאַבירינטן, וווּ ס׳טשאַטעווען סאַרקאַסטישע מינאָטאָרן, גרייטע צו פֿאַרטיליקן דעם פֿאַרפֿירטן שׂכל דאָ צי דאָרט?

הלמאי מוז מען פֿאַרתּכלעווען ס׳עפֿעמערישע ביסל דויער מיט די אַלע פֿאַרוואָסן, וויאַזוים, צוליבוואָסן, פֿאַרוועמענס, דורכוועמענס אד״גל? פֿאַר וואָס ניט זײַן קודם פּראַגמאַטיש און זיך פֿאַרזיכערן אַ גילטיקע, מנוחהדיקע עקזיסטענץ, מיט יחידישן און סאָציאַלן ווױלזײַן?

דער עפּל פֿון עץ־הדעת איז שוין פֿאַר זיך אַ געפֿערליכע פּרי: ערשט אַז ס׳ליגט נאָך דערין אַ וואָרעם וואָס וויל אָנשטעקן גוף

און נשמה מיט פּראָבלעמאַטישע אײַנרעדענישן אָדער אײַנגערעדטע פּראָבלעמען — איז עס דאָך אַ וואָרער האַמלעטיזם, דאָן־קיכאָטיזם, אַ גײַסטיקער מנחם־מענדליזם צי עפּעס פֿון דעם מין.

לעקישעוואַטע חכמים! אפֿשר וואָלט איר דאָך געוואָרן נאַטירליך, אַזוי ווי איר קענט און מוזט דווקא זײַן, אָן שום מעגליכן אויסוועג? יאָ. פֿאַראַן אַן אויסוועג: זעלבסטמאָרד, משוגעים־הויז — צי דיאַלעקטיש־אינטעלעקטועלע קונצן־מאַכערײַ. פֿילאָזאָפֿישער פּאַיאַציזם אויף אָרענעס!

~❀~

געשיכטע, היסטאָריע... ס׳רובֿ, צי כּמעט טאָטאַל — דער מיסטקאַסטן, דאָס פּאַמיעשאַף פֿון דער מענטשהייט. קאַטאַסטראָפֿעס, עפּידעמיעס, רעוואָלטן, מלחמות, טיראַניעס... כּולו־טינוף, קויט, צרות, נויט און טויט. זעלטן עפּעס גילטיקס וואָס מע קען באַדויערן — חוץ די זעלטענע מאָמענטן אינעם חומשדיקן גן־עדן, איידער זיך געלאָזט פֿאַרפֿירן פֿון דער פּערפֿידער שלאַנג מיטן פֿון איר געבּיסענעם עפּל פֿונעם עץ־הדעת.

~❀~

ווי אַזוי קענען די וויסנשאַפֿטליכע חכמים באַווײַזן אַז לעבן האָט זיך ספּאָנטאַן מאַניפֿעסטירט אינעם אָקעאַנען־קאָקטעל פֿון עלעמענטן מיט אַ בליץ צי מאַגנעטיזמען. אין פּשוטער אָפֿענער סתּירה מיט פּאַסטערס באַווײַז, אַז לעבן קען נאָר קומען פֿון לעבן, און ניטאָ קיין ספּאָנטאַניזם?

איז דען ניט לאָגישער צו טראַכטן אַז דער קאָסמישער אַלץ מיט אַלע פֿענאָמענען און עוואָלוציעס און דעם מענטש בתוכם, איז נאָר אַן אַספּעקט פֿון דעם אוניווערסאַלן אייביקן אומבאַגרײַפֿטן עפּעס וואָס מע קען רופֿן ווי מע וויל: גאָט, עסענץ צי נאָך אַנדערש, אָבער דאָס איז ס׳אוניווערסאַלע לעבן, וואָס איז אייביק און קען ניט ווערן באַגרײַפֿט פֿון אַ פֿראַגמענט, וואָס מיר זענען,

מיט אונדזער קאָסמאָס און אונדזער אייביקייט.

לעבן בכלל — וועגעטאַטיוו, ביאָלאָגיש צי באַוווּסטזיניק, איז דער מאָמענט פֿונעם שטרײַף צי פֿונק ליכט בײַם מעטעאָר וואָס פֿאַלט פֿון ערגעץ צו אַן ערגעץ. קורץ צי לאַנג געדויערט — ס׳איז תּמיד עפֿעמעריש. לאָזט יאָ צי ניט עפּעס אין עמיצנס זכּרון, און פֿאַרשווינדט אין דער נאַכט. ערשט וויפֿל פֿאַרשווינדן אומבאַמערקט אין טעג. ווען מ׳איז ניט מסוגל עס צו באַמערקן אַפֿילו!

~❀~

ניט געלעבט פֿאַר זיך, / תּמיד נאָר פֿאַר יענעם — / און עקזיסטענץ ווערט גיך / פֿאַרוואַנדלט אין אַ וואָר גיהנום.

~❀~

קום, באַווײַז און איבערצײַג / אַז קענסט פֿאַנגען ווינטן אין אַ שטײַג / און באַצווינגען מיט לײַטס שוואַכע אָרעמס / ערד־ציטערניש, וווּלקאַן צי שטורעמס.

פֿאָלקס געדולד איז גרויס; / דאָך — ס׳לאָזט תּמיד מיט רעוואָלט זיך אויס. / און ווי די קאַרליקעס וואָס האָבן ניט באַוויזן / פֿאָרויסצוזען זייער סוף, / ווען פֿון לעטאַרגיש־לאַנגן שלאָף / ס׳וואַכן אויף ר׳ פֿעלקער ריזן.

~❀~

דער קאָסמישער אַלץ שטאַמט דאָך פֿון איין שורש, מקור, עלעמענט, ענערגיע, עסענץ צי סובסטאַנץ; בכן, איז דאָך דער גאַנצער באַשאַף איין משפּחה. אויב עקזיסטענץ מוז זײַן אַגרעסיוויטעט און תּמיד אומקום פֿאַר עפּעס צי עמיצן, איז דאָך ברודערמאָרד ניט קיין אויסנאַם, נאָר אַן אימפּעראַטיוו געזעץ!...

זאָל דעריבער גאָט שיצן קינען? וואָס פֿאַר אַ ווערט האָט דער כּי טובֿ? זאָל עס מיינען, אַז ס׳איז גוט אַזוי? זאָל דאָס זײַן די אָמנימעכטיקייט פֿון באַשעפֿער מיטן יש־מאַין? ווי אַזוי זאָל מען ניט

זײַן רעוואַלטירט? און תּמיד די זעלבע פֿראַגע: פֿאַר וואָס זיך גערייצט מיטן מענטש און דערמעגליכט ער זאָל קענען טראַכטן דערפֿון?

~❀~

ס'איז זיכער פֿאַראַן אַן אונטערשייד צווישן דעם אַטעיִסט וואָס מיינט, אַז ס'איז בכלל ניטאָ קיין גאָט, און דעם וואָס מיינט, אַז דער מענטש איז ניט מסוגל צו פֿאַרשטיין אַ געטליכע עקזיסטענץ. ניטשעס „גאָט איז טויט" איז אפֿשר ניט פֿון אַן אַטעיִסט. ס'איז דער גאָט פֿון מענטשליכע רעליגיעס. ווײַל דער וואָרער פּרינציפּ פֿון געטליכקייט, אויסער מענטשליכע השׂגות, קען ניט זײַן אַנטראָפּאָמאָרפֿיש. אויב גאָט קען אומקומען – איז ער דאָך געווען. בכן, קען אַן אַטעיִסט אַזוינס ניט פּראָקלאַמירן. ווי אַזוי קען עפּעס אומקומען וואָס איז ניט געווען? בכלל איז אין אַלע רעליגיעס, און אויך אין אַטעיִזם, פֿאַראַן אַ סך פֿעטישיזם (אחוץ אינטערעסן מיט קאַריערעס).

~❀~

גאַליליי, ניוטאָן, דעקאַרט – אינערץ-אַקסיאָם. יעדער עפּעס, יעדער קערפּער, בלײַבט תּמיד אויף זײַן אָרט אומבאַוועגליך, אָדער באַוועגט זיך אין אַ גלײַכער ריכטונג – סײַדן אַז אויסערליכע כּוחות צווינגען אים עפּעס צו ענדערן.

איז, ערשטנס: אַלץ באַשטייט דאָך פֿון אַטאָמען און זיי זענען שטענדיק אין באַוועגונג. צווייטנס: עפּעס שטייט אויף אַן אָרט, אָבער ס'אָרט בײַט זיך דאָך כּסדר, און...

אהרן יאָלדי! לאָז צו רו דאָס אַלץ. לאָז וויסנשאַפֿטלער מאַכן אַ לעבן מיט זייערע קענטעניש. זיי האָבן ווײַבער מיט קינדער, און זייערע אויטאָמאָבילן ניצן אַ סך עסענץ. דאָס קאָסט טײַער!

~❀~

וועלקן די פּעטאַלן / פֿון דער צאַרטער רויז. / האַרבסט-ווינט דופּט צעטריבן; / דערנער בלויז אויף צוויַיג געבליבן, / מיט טראָפּנס טרערן טוי. / אַזוי / אויך מיט יוגנטס אידעאַלן.

~❁~

קען דען דער טינט אויף אַ געדרוקט בוך האָבן אַ באַגריף וועגן אינהאַלט און אַלץ וואָס האָט אַ שייַכות דערמיט? אַפֿילו ניט וועגן אַספּעקט פֿון בוך גופֿא!

קען מען דען וויסן צי מיר זענען מער ווי דער טינט אין בוך — אין אַ קאָסמישן עפּעס פֿון וועלכן מיר זענען ניט ביכולת צו האָבן אַ השגה!

~❁~

דאַן-קיכאָט מיט די מילן, / יעהופּעצעס מנחם-מענדל, / מיעדניק מיט זיַינע צילן — / ניט ווערט דאָס אַלץ אַ רענדל, / אַפֿילו ניט קיין גראָשן.

געמוטשט מי און לשון / לשם אַן אידעאַל, / און אַלץ ווי שטרוי געדראָשן: / זיך אויסגעלאָזט באַנאַל.

ווי זאָגט ערגעץ לפֿי-ערך שלום-עליכם? / דער מענטש איז געגליכן צו אַ פּענכער. / ער בלאָזט און האַלט זיך גרויס. / טוט מען אַ שטאָך מיט אַ שפּילקע / און דער וואָזדוך גייט אַרויס.

איך פֿיל שוין די שפּילקע!

~❁~

זיַי נאַר וואָרט / און זיַי נאַר קלאַנג — / וועט שוין ווערן / אַ געזאַנג.

קומט דערין / נאַר צו געדאַנק — / איז אַלץ צוזאַמען / גאָטס געשאַנק.

~❁~

פרײַהײט, פרײַהײט, פרײַהײט! / װיפל תּפֿיסות בױט מען אין דײַן נאָמען! / װיפל פֿאַלש געשװירן טרײַהײט; / װיפל מאָרד, רױב און פּאָגראָמען...

פֿאַר װיפל לײַט סימבאָל און גאָט / זענען תּליה, עשאַפֿאָט. / זײער אידעאַל – נאָר חורבן, / מיט דעם מענטש – צו דיר אַ קרבן.

~❀~

אַז מע זעט דעם גראַפֿיזם (לױט אַן אַרטיקל פֿון זשאָרזש װיליאַם אין Découverte, אָקט' 1986) פֿונעם פּעריאָדישן פּלאַנעטאַרן ציקל-סיסטעם – װי אַזױ זאָל מען אים ניט פֿאַרגלײַכן מיט אַן עלעקטראָ-קאַרדיאָגראַמע. צי אַפֿילו מיטן גראַפֿיזם פֿון אַן ענצעפֿאַלאָגראַמע; זאָל דאָס באַדײַטן אַז דער פּלאַנעט, װאָס איז אָפּהענגיק פֿון דער זון און פֿון װער װײסט נאָך װעלכע אײַנפֿלוסן, פֿונקציאָנירט װי אַ לעבעדיק באַשעפֿעניש; ריטמען און פּעריאָדן אױף און אָפּ, װי אַ זעגשריפֿט. בלײַבט עס אין אַ גלײַכער ליניע – איז עס אַ באַװײַז פֿון טױט.

~❀~

בהמות' אידעאַל: / סטאַדע, פּאַסטעך, הונט און שטאַל. / מעלקן; שינדן; ניחא אַלץ אַפֿילו! טראָץ / װאָס סוף-קאַריערע – יאַטקע-קלאָץ.

װער פֿון לײַט / פֿונעם משל דעם באַדײַט װי אַ סילאָגיזם פֿאַרשטײט?

~❀~

קרעאַטיװע ספּאַזמען, / גײַסטיקע אָרגאַזמען. / פּאָעזיע, בילד, מחשבֿה און מוזיק, / װי מענטש – מיט דעם זיך כּיקװיק.

~❀~

מענטש! ציניש-שלעכט! / פֿאַר אים, נאָר קראַפֿט איז עכט. / מיט זײַן שטאַרק — איז מען גערעכט.

אַזאַ דעוויז / תּמיד איז / סינאָנים פֿון ערדישן גיהנום. / מיט תּירוץ צי קאַפּריז: / פֿאַר דעם צי קעגן יענעם.

ניט אויפֿגעבן געפּעכט / מיט סדר-עולם! / ווען ניט — בלײַב, מענטש, ראָבאָטיזירטער גולם!

אַרגומענט — אַקופּונקטורישן שטאָך / מיט געדאַנקס פּערוועזע נאָדל; / זיסע ראָזשינקעס — פֿאַרסמטע דאָך / אין אַ דיאַלעקטיש שײנעם שטראָדל.

און ניט געהײלט, ניט מיטרידאַטיזירט; / עולם-גולם מוז זײַן נאַריש: / מיט אורנעס צי בונטאַריש, / און ווי באַגערט געפֿירט, / תּמיד סוף-כּל-סוף / אין שעכטהײַזער ווי שאָף.

ווי לאַנג נאָר צײַט / שרײַבן מיט אַ סטילאָ! אַן אוראַניום-פֿעדער! / ראַדיאָאַקטיווע שטראָלונגען-מחשבֿות. / פֿילן זאָל עס, אומבאַמערקט אַפֿילו, יעדער. / ווען טעקסט איז פֿעליעטאָנישע קאַטאָוועס / און מ'איז גלײַכגילטיק צו וואָרטס באַדײַט.

נאָר אַזוי פֿון קאַנסער היילט מען לײַט. / און אַ סאָציאַלן מעטאַסטאַז מע מײַדט!

איך, אַ רויז, וויאַנע. / דאָך מקנא / מענטש, מיך זײַ. / אויסגעעטעמט מײַן נשמה / אויף איר שײנער ברוסט, / איז בלײַען ניט געוועזן אומזיסט. / וועלקן מוז איך סײַ ווי סײַ — / איז אומקומען אַזוי ווי אַ נחמה.

נאָר אַ מינוט, אַ רגע; / נאָר אַ שעה, אַ טאָג, / האַרץ מײַנס, שלאָג! / האַרץ מײַנס, שלאָג!

דו, מײַן לעבנס-אָדער, / ס׳שענסטע וואָס כ׳פֿאַרמאָג, / האַרץ מײַנס, שלאָג! / האַרץ מײַנס, שלאָג!

געטרויערט צי געזונגען; / כ׳שווײַג, צי עפּעס כ׳זאָג — / האַרץ מײַנס, שלאָג! / האַרץ מײַנס, שלאָג!

ליב איך וועלט און לעבן, / צי מײַן זײַן כ׳באַקלאָג —/ האַרץ מײַנס, שלאָג! / האַרץ מײַנס, שלאָג!

מנוחהדיק געחלומט, צי זיך נאָך פּיקציעס כ׳יאָג —/ האַרץ מײַנס, שלאָג! / האַרץ מײַנס, שלאָג!

שלאָג האַסטיק צי שטיל / ווײַל לעבן נאָך כ׳וויל, / פֿאַר מיר - ריטם, מוזיק / ביסטו, הימן פֿון גליק!

~❁~

גאון / צי שגעון? / דאָן קיכאָט — / צי האַמלעט? / מנחם-מענדל און פּאָעט? / אוי, ווער מיר וועט / געפֿינען דעם גענויען עפּיטעט?

סבֿרות מיט השערות! / צו מײַנע אַלע צרות — / נאָ דיר נאָך פּראָבלעמען. / און אפֿשר קען דאָס זײַן אַ טעמע / פֿאַר אַ מין פּאָעמע? / אָן אַספּירין גיך נעמען!

~❁~

יעדן טאָג געשעט מיט מיר אַ נס: / איך כאַפּ זיך אויף און פֿיל, / כ׳באַוועג זיך ווי איך וויל. / בכן / בין איך דאָך ניט קיין מת!

קען עפּעס בעסערס זײַן פֿאַר אַלץ און מיר? / און כ׳טראַכט מיט אַנגסט: וואָס וואָלט געווען / ווען אַ פֿרימאָרגן כ׳וואָלט זיך ווי אַ בר-מינן דערזען?

~❁~

אז די דײַטשן האָבן ייִדן / געשלעפּט צו אוישוויץ צי מײַדאַנעק, / האָבן שמייכלענדיק צופֿרידן / געמאַזורקעט מאַטשעק, יאַנעק.

לײַכט לויטן גלח איז דאָס צו פֿאַרשטיין, / ווי גאָט אַליין / באַגערט דאָס טאַקע וואָלט: / זשידעס אומצוקומען זאָלן זײַן / אין גאַז-קאַמערן געטריבן. / אַזוי איז יעזוס' קרייציקן באַצאָלט. / די באַוואָליפּקע איז דערפֿון אַן עדות: / אין חורבֿות אַלע זייערע געבײַדעס, / און נאָר דער קלויסטער ניט באַרירט געבליבן.

נו, איז דאָך לײַכט / צו זען אַז זייער סוף מוז זײַן דערגרייכט.

איז אַ ייִד געקומען צוריק קיין פּוילן – / איז דאָך נאַטירלעך אים צו קוילען, / און מיט יעשטשע-פּאָלסקאַ פּולע מײַלער / זאָל מען אָפּלאָדירן קײַלער.

~֍~

מעגאַלאָמאַניש זיך געגרייסט / וויסנשאַפֿטלער, פֿילאָזאָף, פּאָעט: / וויפֿל ס'ריזיקירן זאָל ניט קאָסטן –/ זיך פֿאַרמאָסטן / מיט אַ גאָט אין אַ געוועט. / ער קען טאַקע אומענדן און אייביקייטן שאַפֿן בעסער. / קונדייסים קענען דאָך / טראַכטן אַז תּמיד עפּעס גרעסער / זײַן קען נאָך! / אָבער – ווער קען וויסן / וואָס דאָס מיינט און הייסט / אין אַ גיהנום ווערן געשמיסן, / און עווענטועל ווער וועמען ס'שמײַסט?

~֍~

אָט באַלד אָפּגעלעבט כּמעט שוין אַ יאָרהונדערט: / דאָ חכם, דאָ אידיאָט – / דאָך לאַנג געדויערט, לאַנג געוועזן. / איז ווי אַזוי ניט דאַנקען גאָט / צי ווי מע וויל אים רופֿן, וואָס באַוויליקט האָט / קענען זאָל אַזוינס געשען.

~֍~

פסיכאָפּאַטיש – ס׳דאַזיקע דאָר כ׳בין: / מיר זעלבסט אַ שפּין,/ מיט דענקעניש, בענקעניש, קרענקעניש זיך כ׳פּרעס. / און ביט פֿאַרדײַעט יעדעס מאָל געשעט אַ נס: / פֿון מיר, אין מיר אַ שפּין אַ נײַע ווערט. / אַזוי כסדר נאָך און נאָך. / כ׳בין אַ מין עגאָ-קאַניבאַל. / וואָסער סוף איז מיר באַשערט? / כ׳וויים עס טאַקע – / ס׳איז פּאַטאַל: / אַן אָנאַרבלדיקע יאַקע, / מיט אויפֿן קאָפּ אַן אײַזיקן קאָמפּרעס.

אַזוי מוז זײַן מיט תּמיד זיך פֿאַרנעמען / מיט קאָסמישע, סאָציאַלע, גײַסטיקע פּראָבלעמען. / און צוליב וואָס און ווען? פֿאַר וועמען?

~❀~

ביט מעגליך קיין מיאוסערע גאָט-לעסטערונג ווי ס׳פּאָר מענטשלען אים מיט קליינקעפּלדיקע אייגנשאַפֿטן, אַטריבוטן, אַמביציעס, טיראַנישע מעגאַלאָמאַניעס, פּרעטענציעזע אַפּעטיטן און נאָך אַזעלכע גוטע זאַכן. דער „האָמאָ-סאַפּיענס״, מ׳ישטיינס געזאָגט, מאַכט דערמיט זיך נאַריש לעכערליך.

אײַנרעדן זיך אַז גאָט דאַרף חניפֿה-קאָמפּלימענטן, קניִעניש, קניקעניש און בוקעניש; הודוס מיט הללויהס! דער מענטש, זײַן מײַסטערווערק, אַ פּרינץ, זאָל זיך דערנידעריקן מיט געפֿאַלנקייט, הכנעה, מאַטערן גוף און גײַסט מיט תּעניתים, נזירות, מאַרטירישקייט – און צוליב אים טאַקע, דעם מײַסטערגײַסט פֿון באַשאַף! מאַטערן זײַנס גלײַכן צו ברענגען קרבנות, לעבעדיקע באַשעפֿענישן צי פֿלאַנצן מיט ווײַרעך אָדער ברענען עפּעס אין נר-תּמידן.

זײַן אַזוי נאַיִוו צו מיינען אַז מע קען אים נאַרן מיט פֿאַלשע צוזאָגן, ליגנס, אים אָפּקויפֿן מיט כּלומרשטע מיצוות און זיך אײַנהאַנדלען קרעמעריש עוֹלם-הבא און אפֿשר אויך עולם-הזה!

וואָלט גאָט געווען אַזוי ווי דער מענטש –דער כּלומרשטער מענטש– שטעלט זיך אים פֿאָר, בין איך דער ערשטער אַטעיִסט.

~❀~

זײַ וואָס דו ביסט און ווילסט עס זײַן, / אָבער טאָטאַל און אַבסאָלוט. / שלעכט צי גוט – / ווײַז זיך אויפֿריכטיק אין וואָרן שײַן. / גערעכט צי אומגערעכט – אָבער תּמיד עכט.

נאָר אַזוי איז ריטעריש געפֿעכט: / ווערן באַזיגט צי זיגן, / תּמיד דאָך אָן היפּאָקריזיעס, ליגן / און געדענקען: אמת קען צוויי־פּנימדיק ניט זײַן.

~❁~

בײַ אַן אייזל – פֿאַרן בײַכל / איז אַ דאָרן סיבעסטע מאכל. / האָבער? / הײ, רויזן פֿריש געשניטן, מיט צעבלימטע שאַלעמױזן?

„ווייס איך וואָס? בהמות סנאָבן / צו מעלה־גרהן מוזן דווקא „האָבן / דאָס, וואָס מע טרעפֿט ניט טאָקע אָפּט. / אָבער דערנער, קראָפּעווע? ווו זיך געקערט – / אַלץ פֿול דערמיט!”

פֿאַר לײַט אַן אייזל סינאָנים פֿון נאַר? / דער חמור זיך מאַכט דערפֿון קיין צער. / ניט איבערקלײַבעריש? ניט קיין מפֿונק? נו, דאַרף מען ניט! / מיט ראַפֿינירטקייט איז קיין אייזל ניט געשטראָפֿט. / לאַכט עס פֿון דער וועלט / מיט די סאַרקאַזמען און איראָניעס, / און אָפֿט אין זייערע עסטעטישע סימפֿאָניעס / שרײַט ער אויסטערליש אַרײַן ווי אים געפֿעלט, / און דאַנקט דעם בורא, וואָס נאָר אייזל זײַן איז אים באַשערט.

~❁~

ניט צו פֿאַרשטיין פֿאַר וואָס מוז לעבן זײַן געשטראָפֿט מיט טויט; איינעמס לעבן מוז זיך נערן מיט אַ צווייטנס טויט. דער פֿאַרדראָס איז נאָך גרעסער דערמיט, וואָס דער קרבן ווייס עס, לײַדט און פּרוווט מײַדן, ניט טראַכטנדיק אַז ער אַליין טוט ס׳זעלביקע.

וואָלט ס׳דאָזיקע געווען אַ נאַטירליך געזעץ – הלמאי די אַנגסט, די פּײַן, די גסיסה? עפּעס איז ניט קלאָר דערין. זאָל דער באַשאַף

זײַן דווקא אַ מאַקיאַוועלישע טראַגעדיע, אַ מין טויט-וואַקכאַנאַליע פֿון שלעכטס און טאָרטורן!

און דאָ איז נאָך עפּעס אויסטערלישערס. הלמאי מוזן באַקטעריעס, ווירוסן, מיקראָבן זיך נערן מיט חכמים, פּאָעטן, „גרויסע גײַסטער"? אָדער גאָר וואַלפֿיש צי העלפֿאַנדן, מיליאַרדן מאָל גרעסער פֿון זיי? וואָס וויל די נאַטור באַווײַזן דערמיט. ווי ביסט, טעיאַר דע שאַרדען מיט דײַן נאָאָספֿערע-סיסטעם?

פֿון וועמען מאַכן געטער חוזק? און ווידער ס'אייגענע: פֿאַר וואָס קען אַ מענטש טראַכטן דערפֿון, ניט האָבן קיין שום מעגליכקייט מיט עפּעס צו העלפֿן, ס'זאָל קענען זײַן אַנדערש?!

~❀~

מענטש ווערט אויסגעלאַכט. / ס'טאָטשעט אַ פֿאַרדראָס: / געוועזן, געזוכט, געטראַכט – / און אויס! ווי ניט געדאַכט / אָן תּופֿס זײַן פֿאַר וואָס.

איז הלמאי אַזוי / זיך פֿרעגן דאָס געקענט? / וועלן וויסן אַלץ, געניוי / און שטיין, צעשפּרייט די הענט. / צו וועמען זיך געווענדט?

צום טײַוול? צו אַ גאָט? „פֿרעג, חכם, תּמיד פֿרעג. / געלעבט דײַן חלק טעג? / איז שטאַרב, אַראָפּ פֿון וועג!" / זיך רייצט ס'געמיט מיט שפּאָט.

~❀~

אַ גאָרטן מיט איין מין בלומען, / אַ וואַלד מיט איין מיןביימער, / מוזיק מיט איין מאָטיוו נאָר, / אַ באַנקעט מיט נאָר איין מאכל, / אַ מחבר מיט איין נוסח שרײַבן –

דאָס אַלץ איז מאָנאָטאָן און ממילא נודנע, / בכן, געפֿערליך פֿאַרן געמיט / און פֿאַרן ווילזײַן. / נאָר אַ בהמה קען יוצא זײַן אַ גאַנץ לעבן / מיט איין מין גראָז צו מעלה-גרהן.

~❀~

משיח דאַרף ניט ערשט קומען. ער דרימלט ניט בײַ די טויערן פֿון רוים (אָבער טאַקע ניט בײַ די דאָזיקע טויערן פֿון פֿאַשיזמען, רויטע גווארדיעס, מאַפֿיאָזי און אַפֿילו דעם וואַטיקאַן).

משיח איז אין יעדן האַרעפּאַשניקס היים, בײַ יעדן אויסגעניצטן פּראָלעטאַריער אין געמיט, אין זײַנע הענט אַפֿילו.

זאָלן די מיליאָנען עקספּלואַטירטע נאָר װעלן, און משיח איז תּיכּף דאָ, און װעלט װערט באַפֿרײַט פֿון קאַפּיטאַליסטישן קאָשמאַר. אָבער מע טאָר זיך ניט לאָזן נאַרן און בלענדן מיט געפֿעלשטע, פֿיקטיווע סוראָגאַט-סאָציאַליזמען. דער װאָס װיל עפּעס לערנען, זאָל ער גײן אין אַ קיבוץ און ניט אין קרעמלישן גן-עדן.

דער בלינדער

– אַלע שטערן פֿון מײַן נאַכט / האָט דער טאָג מיר אויס-געלאַכט.

– נאַכט! פֿרעגט שטראַלנדיק די זון – / כ׳האָב קײן אַנונג ניט דערפֿון. / פֿינצטערניש? אַװו איך קום / איז תּמיד ליכטיק אומעטום. / װי קען איך, טאָג, עפּעס פֿאַרשטײן / פֿון דעם, װאָס קען בכלל ניט זײַן?

װײל דיר, טאָג, / מיט זונענגליק, / איך, פֿאַר מײַן בליק / נאָר נאַכט כ׳פֿאַרמאָג, / און אַ שטערנס שימער קוים / איז מײַן ליכט – אין טרוים.

אַן עפּלבוים, װי אַלץ װאָס איז נאַטירליך, דאַרף ניט קײן באַװײַזן, קײן אַרגומענטן צו באַרעכטיקן זײַן עקזיסטענץ. ער איז אַן עפּלבוים און טוט זײַן פֿליכט: שאַפֿט עפּל. געבליט אין פֿרילינג, געמײַפֿט אין זומער, געלאָזט פֿאַלן אין האַרבסט באַגילדטע פּירות מיט צײַטיקע זומען. ס׳איבעריקע איז ניט זײַן עסק.

געפֿונען, געגעסן צי געפֿוילט אויפֿן אָרט – זומען װעלן טון

ס׳זייעריקע און נײַע עפּלביימער װעלן אױפֿקומען און טון װי ער.

ביסטו אַ פּאָעט, דאַרפֿסטו ניט קיינעמס גוטן װילן, ניט קיינעמס סמיכות. טו ס׳דײַניקע, שאַף דײַנע פּאָעמעס ניט טראַכטנדיק װאָס ס׳װעט מיט זיי זײַן. ביסטו ניט געבוירן אַ פּאָעט – מעגסטו זיך אָנרופֿן און אײַנרעדן װאָס און װי אַזוי דו װילסט נאָר – ס׳װעט דיר גאָרניט העלפֿן.

אַ סאָסנע װעט תּמיד געבן שישקעס, בשום אופֿן ניט קיין שום עפּל.

~❀~

זינגט תּמיד ס׳פֿרעמדע װאָרט, / װי נאָר מיט אונדזער אות געפּאָרט, / געראָזשינקעט, געמאַנדלט, / װערט תּיכּף עס פֿאַרװאַנדלט / אין ייִדיש – חנעװדיק, מיט טעמען, / װי געקושט פֿון אַ געטרײַער מאַמען.

~❀~

ליבגװיסטן, פֿאָנאָלאָגן, סטרוקטוראַליזם... פֿאַר װאָס זאָל מען דאַרפֿן בישטערן, פֿאָרשן ציגל אַנשטאָט זיך צו פֿאַרנעמען מיט געבײַדעס?

קען דען שפּראַך זײַן עפּעס אַנדערש װי פֿאָרעם פֿאַר מחשבֿות און עמאָציעס? מאָדנע, װיפֿל צײַט און מי פֿאַרתּכלעװעט מיט זוכן אין װאָס ס׳ליגט דער סוד פֿונעם מעטאַל װאָס שאַפֿט דעם לעפֿל, אַנשטאָט צו געניסן פֿון דער זופּ אין טעלער.

~❀~

זײַ װי אַ בלום, פּאָעט, / און דײַנע לייענערס זענען װי די בינען. / דײַן נשמה-נעקטאַר װעט / זיי צו שאַפֿן האָניק-דינען, / און זייער באַריר איז לױן פֿאַר דיר.

~❀~

מיט וויסן-דאַרשט / געזוכט, געפּאַרשט, / געגריבלט זיך, געקליגלט – / דײַן גורל ליגט אין דיר פֿאַרזיגלט. / די סודות פֿון דײַן קומען, אומקומען און זײַן / וועסטו קיין מאָל ניט פֿאַרשטיין, / ווײַל, מענטש, דו ביסט אַ קערן ליים אין ציגל / אין אַ געבײַדע, וועלט, וואָס איז דיר ניט אַנטפּלעקט / און גאָט אַליין / איז נאָר דער אַרכיטעקט. / ערשט פֿאַר וועמען בויט ער? / ווער דאָס וויסן קען, / אַז איידער וואָס און ווען / ביסטו, מענטש, אַ טויטער!

~※~

כ'בין זיכער אַז אַ בין, אַ מוראַשקע, אַ טערמיט – זענען זיכער עפּעס יחידישס אין דער סאָציאַלער סטרוקטור פֿון דער נעסט צי בינשטאָק, טראָץ דעם היימישן קאָנטעקסט וואָס איז זיי אויפֿגעצוווּנגען פֿון געמיינזאַמע אימפּעראַטיוון.

זיי זענען ניט דווקא און נאָר שרײַפֿלער, נאָר מיני-מאַשינדלער אין די פֿאַבריקן.

נאָר אַזוי איז קאָמוניזם גילטיק. בכן: קיבוץ. אָבער ניט אַסקעטישער מאָנאַסטיר, נאָר לעבנסלוסטיקע משפּחה, געמײַנדע פֿאַר אינדיווידועל גליק דורך סאָציאַלן ווילזײַן.

~※~

דער אין גאַס און דער פֿאַרן עמוד. / אומעטום און אַלע מאָל: / עשׂיו מיט ידיים תּמיד / און יעקבֿ מיטן שיינעם קול.

יעקבֿ איז סענטימענטאַל, / רעדט פֿון „ליבע", „עטיק", „גײַסט"... / ליבע-שמיבע! עשׂיו ווייסט: / גיב! ווען ניט – אין פּיסק אַ כמאַל.

אינעם לעבן צו געלינגען / קען מען ניט מיט בעטן, זינגען. / וועלטס דער בעסטער אַרגומענט / זענען נאָר ידיים – הענט.

~※~

ווי אַלץ אַנטינאָמיש — קאָנפֿליקט צווישן גוף און גײַסט. טויט און לעבן. גוף איז סטאַטיש, וויל נאָר רוען. גײַסט איז דינאַמיש-קרעאַטיוו. מוז זײַן אַ קאָמפּראָמיס. נאַ דיר, גוף, אַ דריטל לעבן און שלאָף. און לאָז מיך זײַן אַקטיוו. ס'איז אָבער אַ קאַמף. און סוף-כּל-סוף זיגט דער טויט.

מאָדנע דער סילאָגיזם פֿון העגעלס טעזע, אַנטיטעזע און סינטעזע. סינטעזע — איז אַ גילטיקע עקזיסטענץ.

~❀~

ווי לאַנג אויפֿן פּלאַנעט / איז נאַקעט, הונגעריק אַ קינד./ זײַן תּמיד וועט / סאַטעליטן-בוי אַ חטא / און פּאַלעאָנטאָלאָגיע — זינד.

~❀~

איך בין אַ האַמער און מײַן מחשבֿה דער טשוואָק. אין האַלץ צי גראַניט — כ'וויל ער זאָל אַרײַן דערין. איז איין מאָל, צען מאָל, הונדערט מאָל געשלאָגן נאָך אַנאַנד. ווי לאַנג נאָר ס'קען די האַנט עס באַווײַזן.

כ'זאָג עס קעגן דעם, וואָס ניט איינעם וועט אויסזען אויסטערליש וואָס אַזוי אָפֿט געפֿינט מען די זעלבע רייד, די זעלבע טענה, מיטן אייגענעם אופֿן צי אַנדערש געשליייערט. דאָס קומט דערפֿון וואָס געוויינליך געדענק איך אַבסאָלוט ניט וואָס כ'האָב געשריבן, אַפֿילו ניט נאָר מיט אַ טאָג, נאָר מיט עטלעכע מינוט צוריק אַפֿילו. מחשבֿות זענען פֿאַר מיר ווי סטאַיעס פֿייגל וואָס פֿליִען פֿאַרבײַ. אָדער פֿאַליעס אין אַ שטראָם וואָס פֿאַרשווינדן ווי נאָר געזען. כ'געדענק ניט קיין שום זאַך וואָס כ'האָב פֿאַרשריבן, חוץ די ערשטע פּאָר שורות וואָס זענען מיר אײַנגעפֿאַלן ווען כ'בין אַלט געווען 10 יאָר! אָבער זינט דעמאָלט איז עס ווי אַ קוואַל אָן שום מעגליכן אָפּהאַלט. ס'קומט כּסדר. דעריבער איז ניטאָ קיין אָרט עפּעס צו געדענקען.

דאָס איז אָבער אַ מעלה. ווײַל כ׳בין מײַן בעסטער (און איינציקער) לייענער. בכן, האָט ניט קיין פאַריבל אויף מײַנע איבערחזורונגען. וואָס אַרט עס עמיצן? זאָל ער דברן וויפל ער וויל צי איז נאָר בכוח. ס׳קען קיינעם ניט שאַטן.

~❀~

קיין מאָל ניט / מעטעאָריט / וואָס אין נעכט אַ רגע צינדט / און ווי ניט געווען פאַרשווינדט.

כאָטש עפעמעריש ס׳זײַן, / זאָל פונעם אמתן פאָעט, / ווי פון אַ מעטעאָר, קאָמעט / וואָס קוים באַרירט אונדזער פלאַנעט, / ווי אין סיביר — אַ קראַטער לאָזן / פון צעשטערטע רעזשימען, פסיכאָזן, / פון אַלץ וואָס איז געמיין / און וואָס איז דער סדר-העולם / פון מעדיאַ-מאַסעס גולם.

~❀~

אַלע רעליגיעזע, אָן שום אויסנאַם, באַגייען דעם זעלבן נאַרישן פעלער. ניט ווילנדיק, לעסטערן זיי געטליכקייט. אַלע גלייבן זיי דאָך אין גאָט ווי אין עמיצן וואָס איז אָמנימעכטיק, דער סומום פון חכמה און ליבשאַפט צום באַשאַף; דאָך קומט בײַ זיי אויס, אַז קודם איז עס דער גאָט פון די, וואָס גלייבן אין אים, און די איבעריקע זענען אים פרעמד: זיי גייען אים ניט אָן.

זיי טראַכטן ניט, אַז זיי באַנאַרישן זיך מיטן מיינען אַז ס׳קענען זײַן איבעריקע לײַט אויף גאָטס וועלט. ס׳פאַלט זיי ניט אײַן אַז אויב ער טאָלערירט זיי, די סקעפּטיקער אָדער אַפילו די אַטעיִסטן, ווייסט ער מסתמא בעסער וואָס צו טון, און דאַרף ניט אַז מענטשן זאָלן זיך אָננעמען זײַן קריוודע, און לערנען עמיצן, בפרט אַ גאָט, ווי אַזוי זיך צו פירן.

חוץ דעם מיינען זיי, אַז צו זייער איינציק-מעגליכן גאָט קען מען זיך ווענדן אָדער אויף לשון-קודש, אָדער אויף לאַטײַן, סלאַוויש צי מיט אַ גרעגער-תפילה, אָדער מיט אַן אַנדער באַשטימטן אופן; ווען ניט וועט ער ניט פאַרשטיין וואָס מע וויל פון אים. שטומע

קענען ניט תּפֿילה טון – בכן זענען זיי פֿאַרלוירענע.

זיי קענען ניט תּופֿס זײַן, די פֿאַנאַטיקער, אַז גאָט דאַרף ניט קיין לשון, קיין צערעמאָניעס, קיין ריטואַלן, קיין גלאָקן, קיין שופֿר, קיין ווײַרעך אד״גל צו קענען געוועלטיקן.

ווי אַזוי קען אַזוינס זיך מאַניפֿעסטירן בײַ לײַט וואָס מע קען זיי ניט תּמיד צורעכענען צו די נאַיִווע פּראָסטאַקעס? אַ סענט אויגוסטין, אַ פּאַסקאַל, אַ מאַכמעד צי אַ בעש״ט האָבן זיכער געקענט פֿאַרשטיין געטליכקייט מיט אַנדערע השׂגות.

ליידער גילטן די דאָזיקע לעסטערונגען ביז הײַנט: אַ כאָמייני א״אַ; נאָר ווער קען אויסרעכענען די אַלע רעליגיעס וואָס טרוימען פֿון פּראָסעליטיזם און ווילן אַרויפֿפֿירן די אַנדערע אויפֿן ריכטיקן וועג.

~❁~

אַ שאָקל מיטן בוים / און פּירות פֿאַלן. / זיי אײַנצוזאַמלען דאַרף מען זײַן אַ בעלן. / דאָס געלינגט מיר קוים.

אַ טראַכט געטון: און באַלד – דאַוואָי / פּאַפּיר, אַ פֿעדער / און חכמה, ליריק פֿאַלט, פֿאַלט, פֿאַלט.

ערשט אַ גיבור זײַ / און פֿאַר זיך דאָס האַלט, / ווען אַ וועלט גייט אויס אינעם פֿאַרלאַנג / פֿון דײַנע רייד, פֿון דײַן געזאַנג.

טון אַזוינס מסתּם קען יעדער, / סײַדן / אַז מ׳איז ניט, ווי איך, באַשיידן.

~❁~

איידער תּמיד געבויט טעמפּלען, צירקן, בערזעס און מוזעומס – פֿאַר וואָס ניט קודם בויען היימען? ווער דאַרף אַקאַדעמיעס, אַטאָם-צענטראַלעס, פּאַלאַצן און אַפֿילו טעאַטערס? אַרכיטעקטן, מויערערס, ציגל-קנעטער, דעכערס, שינדל-דעקער – לאָזט וואַרטן די אַסטראָפֿיזיקער, באַנקירן, גאָט-סטראַפּטשעס, קונצן-מאַכערס, צירק-גלאַדיאַטאָרן און

פּאַלעאָנטאָלאָגן, פֿאַרשערס!... קראַנקע וואַרטן אויף שפּיטעלער, קינדער פֿירן אין קאַלטע דרויסנס.

מיקראָ- און טעלע-סקאָפּן! גוט און פֿײַן, אָבער אַקער-אײַזנס זענען וויכטיקער. טאַנקען און מיסילן, אַוויאָנען, ציקלאָן-גאַז און קרעמאַטאָריעס! איינס איז שוין יאָ נויטווענדיק: וואַרשטאַטן אויסצואַרבעטן צוואַנגיאַקעס פֿאַר משוגעים!

~❀~

אַ לעבן אָפּגעטומלט, גולם, / און קוים איצט פֿאַרשטאַנען/ אַז פֿאַר רו איין אָרט פֿאַראַנען, / איין איינציקס: דער בית-עולם.

רעפּוטאַציע: ווירטואָז און קלוג, / מיט אַמביציעס: אײַננעמען אַ וועלט. / שמאַיען, בראַיען, זאַמלען געלט – / און פֿיר ברעטער איצט גענוג.

~❀~

אַזוי פֿיל אַסטראָנאָמען, אַסטראָפֿיזיקער, אַסטראָ-מאַכערײַקעס וואָס ווילן דווקא קענען גרייכן שכנים. סאַטעליטן פֿון אונדזער זון צי אפֿשר נאָך ווײַטער. זיי נישטערן אין די ספּעקטראָגראַפֿישע צי ספּעקטראָכעמישע אַנאַליזן פֿון ווײַטע גאַלאַקציעס, צי ווער ווייסט אַלץ וואָס מע געפֿינט אָדער מע מיינט צו דערזען. און דאָר האָט מען אין די אומענדליכע הימלען נאָך קיין מאָל ניט געפֿונען נאָך אַזאַ פּרעכטיקן פּלאַנעט מיט אַזוי פֿיל שיינקייטן ווי אונדזער בלאָער פּלאַנעט, אונדזער היים, מיט אַלץ וואָס איז מסוגל צו שפּראָצן אָדער צו לעבן ווי באַשעפֿענישן, מיט מענטשן בתוכם, דערויף.

געפֿינט מען אַ מאָל אין אַ מעטעאָריט צי אין אַ שטיק לבֿנה-שטיין אַ סימן פֿון עווענטועלן פּרימיטיוון מאָלעקול, איז עס אָן שום שײַכות מיט דעם וואָס פּרעכטיקט אין דער ביאָספֿערע צי אין די פּאַלעאָנטאָלאָגיעס פֿון אונדזער ערד. וואָס זעט אויס צו זײַן איינציק אין אַלע סטעלאַרע ווײַטן! קען מען דאָר טאַקע זאָגן ווי לײַבניץ, אַז אונדזער וועלט איז די שענסטע וואָס קען נאָר זײַן! ווי

אַזוי-זשע זאָל מען זיך ניט פֿילן דאַנקבאַר און גליקליך צו קענען געניסן פֿון אַזוי פֿיל פֿרײַהייט, שעפֿערישע עקסטאַזן, קרעאַטיוון עונג, פֿרייד, עסטעטישע תּענוגים, פֿיזישע און אַפֿילו פּסיכישע אָרגאַזמען, מיט ווילזײַן .פֿאַר אַלע חושים, חוץ די אומענדליכע מעגליכקייטן פֿאַרן דמיון, פֿאַרן דענקען, טרוימען, קענען שמייכלען, זינגען, טראַכטן פֿון דעם אַלעמען.

איז עס דען ניט אַ מתּנה פֿון באַשעפֿער, פֿונעם באַשאַף – ווער און וואָס דאָס זאָל ניט זײַן? ווי קען מען דאָס ניט זײַן שטאָלץ און גליקליך זעענדיק דאָס באַשײַמפּערליך, אַפֿילו ווען מ'איז באַגרעניצט מיט ראַדיאָ-טעלעסקאָפּן און מיליאַרדן ליכטיאָר דיסטאַנצן. וועלכער אַנטיגאָט פֿאַרגינט דאָס ניט דעם באַוווסטזיניקן מענטש?

פֿאַר וואָס מוז ער עגאָפֿאָביש, קסענאָפֿאָביש אָדער סתּם משוגע זוכן מיט אַלע מיטלען זיך אַליין און אַלץ אַרום צו פֿאַרקריפּלען פּסיכאָפּאַטיש, פֿיזיש, פּסיכיש, מאַטעריעל-עקאָנאָמיש, עקאָלאָגיש און ווער ווייסט וואָס נאָך אַלץ? פֿאַר וואָס לאָזט ער דורך די מעגליכע געלעגנהייט צו געניסן פֿון אַזאַ מין וווּנדער-שיינעם פּלאַנעט, מיט אַן עקזיסטענץ וואָס קען זיכער געדויערן מער ווי הונדערט יאָר? פֿאַר וואָס פֿאַרתּכלעוועט אַזוי פֿיל מי און צײַט צו פֿאָרשן און זוכן סטעלאַרע פֿיקציעס אָדער דעם תּוך פֿון נוקלעאַנען, און ניט געפּרוּווט אָרגאַניזירן די אייגענע היימען אויפֿן פּלאַנעט, מיט ווילזײַן פֿאַר אַבסאָלוט אַלע מענטשן, ווי איין משפּחה?

זאָלן אַזוי פֿיל לײַט זײַן טאָטאַל צעחושט, סײַ די וואָס געוועלטיקן מיט עגאָיִסטישע אַמביציעס, סײַ די וואָס טאָלערירן אַז אַ מינאָריטעט פֿון . מעגאַלאָמאַנישע קליקעס מיט זייערע פּריווילעגיעס זאָלן פֿאַרטשאַקען, פֿאַרפּישופֿן, נאַרן מיט פֿיקטיווע דאָקטרינעס אין אַלע אַספּעקטן און פֿאַרשקלאַפֿן מיליאַרדן לײַט. בפֿרט אַז, חוץ אילוזאָרישע סנאָב-אײַנרעדענישן און אויפֿגעצווונגענעם כּבֿוד, זענען זיי אפֿשר קאַנדידאַטן מער צו לײַדן ווי אַנדערע, ווײַל זיי האָבן מער צײַט און מעגליכקייט זיך איבער-

צופרעסן, צו ריזיקירן זייערע לעבנס מיט אויסטערלישע פיזישע און פסיכישע גיפטן, סידאס און נאָך אַזעלכע גוטע זאַכן, כדי סוף-כל-סוף צו שטאַרבן אויפן זעלבן אופן ווי יעדער איינער, ווײַל געקומען אויף דער וועלט מיטן זעלבן אופן, און דאָס געשעט ניט נאָר מיטן מענטש, נאָר מיטן מינדסטן מיקראָב, אינזעקט, לייב אָדער מײַזל.

וואָס נעמט מיט אין זײַן קבֿר דער גרעסטער מיליאַרדער, דער מעכטיקסטער טיראַן — פֿון זייערע פֿאַרמעגנס אָדער רעפּוטאַציע? באַגראָבן מיט אַ קרוין צי אין שמאַטעס, נערן זיי די זעלבע ווערעם, און חוץ עטליכע ביינער — וואָס בלײַבט פֿון זייער מעגאַלאָמאַניע? איז דען ניט וויכטיקער צו לאָזן אין לײַטס זכּרון עפּעס גוטס און שיינס, ווי אַ ניצוץ פֿון זייער עפֿעמערישער עקזיסטענץ, איידער אַ שמייכל פֿון אַ צופֿרידענעם ניט-פֿאַרגינער, באַעוולטן עקספּלואַטירטן לעקיש מיט אַ שיינע ריינע כּפּרה?

כ'האָב עס שוין געזאָגט און געשריבן ווער ווייסט וויפֿל מאָל, און די דאָזיקע מחשבֿה פֿאַרפֿאָלגט מיך זינט אַזוי פֿיל צענדליקער יאָרן, און כ'וועל עס תּמיד, ווי לאַנג געלעבט און ווי לאַנג עמיץ וועט עס קאָנען לייענען, ווידער און אָבער פּראָקלאַמירן: פֿאַר וואָס, פֿאַר וואָס מוזן אַזוי פֿיל לײַט אומעטום זײַן משוגע און ניט וועלן זײַן גליקלעך?

~❀~

טריבונע! / חיונה! / נאָמען! / — פּע-נאָמען! / די אַלע עפּיטעטן / וואָס צירן די פּאָעטן, / זענען מיר אַ שטער. / געלייענט, און כ'דאַרף ניט מער. / מײַן געמיט / האָט ליב דאָס זײַן אַ טראָגלאָדיט, / און האַלט נאָר פֿון אַקסיאָמען, / בכן זענען דיאַלאָגן צי פּאָלעמיק פֿאַר מיר שווער / מיט עמיצן בכלל / פֿאַר וועמען פּאָסטולאַט איז אידעאַל.

~❀~

עפעס פֿון קינס זרע לעבט תּמיד אינעם מענטשן-מין. לויט דער וויסנשאַפֿט און מיטאָלאָגיעס קען קין קיין מאָל ניט טאָטאַל אומקומען.

אין וועמען טליִעט דער ניצוץ שלעכטס? ווײַזט אויס — אין אַלע מענטשן. הבֿל — טויט, איז קין דאָך געבליבן ער נאָר דער איינציקער, וואָס האָט געלאָזט כראָמאָזאָמען און גענען מיט זײַנע פֿאַרשאָלטענע ירושה-אייגנשאַפֿטן.

אַ פֿראַגע איז: ווו האָט ער גענומען זײַנע? בײַ אָדמען? יענער אָבער באַשאַפֿן אין צלם-אלוהים — נעמט אָן אַ שוידער צו טראַכטן אַז... נאָר כ'וויל ניט זינדיקן מיט די ריייד!

~❁~

אלוהנו, טאַטע-פֿאָטער, / פֿאָטער-נאָסטער, אויטשע באַש./ גאָט צי ווי איר ווילט נאָר הייסט ער; / אויב ווער געווענדט צו אים זיך האָט ער, / תּפֿילה טוט, זיך שלאָגט על-חטא, / איז קודם-כּל די האַנט אין טאַש, / און אויב פֿרימער נאָך — צום טײַסטער; / קוויטל, פּושקע ניט פֿאַרגעס. / דאַוון, צאָל און — אַנגסטן פּטור! / צרות, זאָרג — ווי ניט געוועןן!

און אַ מאָל געשעט אַ נס: / ווערסט געהאָלפֿן ווי באַגערט. / אָבער ס'אייגענע איז דיר באַשערט / ווען דו שלאָפֿסט זיך רויִק אינעם בעט / אָדער ווענדסט זיך צו אַ טאַטער.

וויכטיק איינס נאָר אַלע מאָל: / צאָל!

~❁~

יעדעס שאַפֿן איז גורם תּענוג; / יעדעס בײַ געבוירן פּײַן, / אָן מעגליכקייט צו האָבן אַנונג / פֿאָרויס ס'זאָל מוזן אַזוי זײַן.

זאָלן פֿאַרוואַנדלונגען —חוץ זעלטן— / אָן אומקום, אַנגסט, ניט זײַן באַשערט? / און אפֿשר איז אַזוי מיט וועלטן? / אַלץ באַנײַט אַזוי נאָר ווערט?

אַ פֿלאַטערל פֿון כריזאַליד, אַ פֿייגעלע פֿון איי – / צו דערשײַנען מוז געפֿענגעניש צעשטערן. / אַזוי אויך דיר, מענטש, מיט דײַן אומקום, פּונקט ווי זיי, / וועט עפּעס אין אַ נײַער פּראַכט אַפֿשר געהערן.

אָפֿט בײַט אַ שלאַנג איר הויט; / ווייסטו וואָס באַדײַט דײַן טויט?

~❁~

בויגן --וואָרט מײַנס– שלײַדער, וואַרף / פֿלינק און שאַרף/ מחשבֿות-פֿײַלן אינעם ציל. / טרעף פּונקט ווו כ'וויל: / האַרץ צי נשמה גרייכן.

אומקומען זאָל דער. / וואָס זעט נאָר דימענט-פּריזמען אין אַ טרער. / און ווי אַ וואַמפּיר אַלץ טוט / צו קענען נערן זיך מיט בלוט / פֿונעם מענטש, זײַנס גלײַכן.

~❁~

אינעם גן-עדן גיין? / מוחל, ניין. / כ'האָב פֿײַנט צו זײַן / ערגעץ אַליין.

~❁~

Debussy

פֿון מײַן האַרץ / צו דער לבֿנה / עמיץ ציט / אַ בלויע סטרונע.

זומערנאַכט: / מיט צאַרטן ריר / אַן אומעט-ניגון / שפּילט אין מיר.

כ'פֿיל אַז ערגעץ / עמיץ בענקט, / טראַכט פֿון מיר / צי מיך געדענקט.

איך ווייס ניט וואָס, / איך ווייס ניט ווער. / די אויגן כ'שליס, / מיט תּענוג כ'הער.

~❁~

דאָרן! / שטאָר! / ליב רויזן דאָר! / טראָץ צער און צאָרן, / צערטל, לייד / און רויז ניט מייד!

~❀~

אלה תולדות נח: / רעכט ליגט נאָר אין כּוח. / ניט זיין געדריקט! דער עיקר / איז ווערן אונטערדריקער. / דער וואָס האָט די מאה / האָט תּמיד די דעה. / און ווילסטו זיין דערהויבן – / זיי תּמיד פֿון אויבן.

ווען מען איבערצייגן / אַז נאָר שטומע שווייגן, / אַז טויבע קיינעם הערן, / אָן זיין קען גאָרניט ווערן, / מע האָט נאָר וואָס מע גאַרט, / און אַז דער גרעסטער בלינדער / איז דער וואָס וויל ניט זען!

אַזוי אַלץ ווי געוועזן / און וועט תּמיד זיין. / ווילסטו סידאָזיקע, תּם, ניט פֿאַרשטיין – / ליג ווי אַ הונט און וואַרט / מע זאָל דיר צוּוואַרפֿן אַ ביין.

~❀~

ערשטער מיי / מיט פֿענער רויט / און זאַלפֿן בליי / מיט ווונד און טויט.

ערשטער מיי, / רוף צו געפֿעכט, / צו ווערן פֿריי / מיט יושר, רעכט.

ערשטער מיי. / פֿון נאָענט און ווייט, / געאָרעמט טריי / צוזאַמען, לייט!

ערשטער מיי! / פֿאָרויס, פֿאָרויס! / און זיכער זיי: / מיט קנעכטשאַפֿט – אויס!

~❀~

זאָגט ער: אפשר וועט געשען אַ נס: / איך וועל / פון היינט אָן זיין נאָר ראַציאָנעל, / מיט עקשנות און קוראַזש; / באַפרייען זיך פון יעדער פיקציע צו מיראַזש. / נאָר דאָס וואָס לאָגיש איז, רעעל, / זיין גילטיק פאַר מיר וועט.

טאַקע, פיין געדעדט, / אָבער לעקיש, ניט פאַרגעס: / דו ביסט דאָך אַ פּאָעט! / וואָס פאַר אַ שייכות האָט דאָס מיט רעאַליטעט?

~❁~

לאַכן איז געזונט, דאָקטוירים הייסן לאַכן. / אַ דאַנק שלום-עליכמען מיט שבח. / כ'וועל פאַר מיין דעוויז דאָס מאַכן. / ערנסט תּמיד זענען נאָר חמורים. / איך טו ווי געהייסן: כ'לאַך / אַפילו פון דאָקטוירים.

~❁~

פאַר דיפּלאָמאַטן, / גילטן ניט אַקסיאָמען; / תּמיד פּאָסטולאַטן, / מיט „אפשרס", „יעדנפאַלס", „קען זיין", / „פון דעסט וועגנס", „געוועגדט", / „לאָמיר זאָגן", „דאָך", / „דערווייל", ניט יאָ ניט ניין — / און פון דעם מין באַגריפן נאָך, / אַזוי אַרום אַז תּמיד געקענט / פאַרשיידנאַרטיק יעדע זאַך פאַרשטיין. / אין ליטעראַטור איז אַזאַ שפּראַך געמיין.

~❁~

אכטונג! איינטרעטן! באַטשנאַשטש! גאַרד אַ ווו! סמירנאָ! שאַגאַם-מאַרש! איינס, צוויי! איינס, צוויי! האַלט! שטיי! לויף! פאַל! שיס! ממית! הרגה! און ווער דערהרגעט! וועסט האָבן אַ קוליע אַנשטאָט אַ פוס, און אַ סך מעדאַלן-בענדלעך מיט קרייצן אויף דער ברוסט לעבעדיקערהייט, צו אויסגעקריצט אויפן קבֿר פּאָסט-מאָרטעם, מעשה-פּאַטריאָט! העלד פאַרן פאָטערלאַנד, פאַרטיידיקער פון דער קולטור און ציוויליזאַציע

וואָס? ס'געפעלט דיר ניט? ווילסט ניט פאָלגן? האָסט פיינט

סמירנאָס! ווילסט ניט מאַרשירן אין דער ריי פּאַכעגדיק מיט דער האַנט ריטמיש שיין! ווילסט דיר גאָר גיין טענצלדיק פרײַ! ווילסט ניט טויטן קיינעמען, נאָר דורכקומען מיטן כּלומרשטן שונא! דעזערטירער! פּחדן! פאַררעטער! אַנאַרכיסט! אַנטיפּאַטריאָט! אַזעלכע לײַט זענען געפערליך, און מע היילט זיי מיט אַ װענטלשאָס. עקזעקוציע! וואָדען! וועלט טאָר ניט זײַן הפקר!

~~~

אויסגעטאַנצט געזאַנג, / אויסגעזונגען טענץ. / בײַ פאָרם ניט אין געפאַנג, / מיט ריטמען אַלץ דערגאַנץ.

זשעסט, געדאַנק מיט וואָרט / סימפאָניש אויפגעפאָרט. / האַרמאָניש אַלץ, פּאָעט: / ווערב, מחשבה אין באַלעט!

אַזוי, פאַר יעדן חוש / מיט תּענוג צאַרטער קוש.

~~~

קענען גראַמען יאָ צי ניין / קאַטאַקליזמען / מיט האַרמאָניש שיינע פריזמען / זען פראַכט אין פלאַם פון שריפות, / מוזיק אינעם געוויין / ווען ס'הערשן טויט, מגיפות -

אַזאַ מפונק קען נאָר זײַן / אַ משוגענער פּאָעט, / אַ פאַרפאַראַנאָיעטער עסטעט, / אַ סטאַלין מיט זײַן באַיאָריזם פאַרכאַמט / צי אַ היטלער מיט יידנהאַס געסמט. / ווי אַ בוטירקע מיט ציקלאָן-גאַז זיך תּמיד פּאָרן, וועט / אַ מאַראַס, אַן עזרא פאָונד געהיידעגערט – מיט טויט און פּײַן.

~~~

לײַט האָבן תּמיד אינסטינקטיוו באַגערט אָדער געדאַרפט קרבנות, אויסצוקויפן זינד מיט חניפה-לויב אָדער מיט אַ מין כאַבאַר בײַ גאָט, געטער צי געצן, כּדי צו ווײַזן אַז מ'איז מקריב עפּעס וויכטיקס. האָט מען גענומען אַפילו מענטשן, אייגענע. דאָס זעט אויס וויכטיקער ווי פאַרמעגן: שאָף און רינדער, ווײַל דער
~~~

אימפּולס פֿון קאַניבאַליזם, מיטן מיינען אַז געטער עסן לײַט, איז קיין מאָל ניט טאָטאַל פֿאַרשוווּנדן פֿון די אינסטינקטן.

שוין ניט רעדנדיק פֿון אַמאָליקע פֿײַנע לײַט וואָס פֿלעגן וואַרפֿן לעבעדיקע קינדער אינעם פֿײַער-גע׳ץ אָדער צו דער אַשתּורת, צי מקריבֿ זײַן יונגע בתולות, נאָר אַפֿילו אין אַזאַ שיינער, סובטעלער, מאַיעסטעטישער רעליגיע ווי אַבֿרהם-אָבֿינוס באַשטייט דער אולטימער נסיון אין פֿירן ס׳באַליבטסטע קינד צו דער עקידה.

ערשט דער פּראָגרעס פֿון דער כּלומרשט שוין ציוויליזירטער מענטשהייט! זיי האָבן גענומען ווי אַן אויסלייזער אַ געקרייציקטן נבֿיא-אידעאַליסט, וואָס גייט נאָך אָן ביז הײַנטיקן טאָג ווי אַן אויסקויפֿער פֿאַר באַגאַנגענע חטאָים, ניט נאָר אַמאָליקע נאָר אויך אַקטועלע און אַפֿילו צוקונפֿטיקע זינד! אָבער די געמיינע חטאָים זענען געוואָרן אַזוי אָקעאַניש גרויס, אַז ס׳איז ניט געווען גענוג איין מענטש, האָט מען גענומען ווי אַ כּפּרה אַ גאַנץ פֿאָלק. איינס איז אָבער אויסטערליש: וואָס די דאָזיקע כּפּרה מוז זײַן אַ ייִד. יצחק, ישו און איצט זעקס מיליאָן – אַלץ תּמיד ייִדן.

געוויס, ס׳זענען אומגעקומען נאָך אַ סך אַנדערע אין נאַרישע אינטערעסן-מלחמות, פֿאַרשלייערטע מיט פּאַטריאָטיזמען, נאַציאָנאַליזמען, שאָוויניזמען, עקספּאַנסיעס, סתּם אַגרעסיעס. אָבער ניט אַזוי מיט אונדז ייִדן, ווײַל מיר קומען אום נאָר און בלויז דערפֿאַר, וואָס מיר זענען ייִדן. פֿרעגט אַ הײַנטיקן פּאָליאַק-קאַטאָליק צי אַ מאַכמעדאַנער, וועט ער ניט לייקענען אַז ער האָט פֿײַנט ייִדן ווײַל זיי זענען ייִדן און, בכן, שולדיק אין אַלע קאַטאַסטראָפֿעס, מלחמות, רעוואָלוציעס און אַנטירעוואָלוציעס, אָסטראַציזמען, האַסן, פֿאַנאַטיזמען מיט ייִדישקייט, אַטעיִזמען קעגן אַנדערע רעליגיעס, און וואָס ניט? ווער ווייס צי ניט אַ מאָל אויך אין ערד-ציטערנישן, וואולקאַנען-אומגליקן, ים-שטורעמס און כאָליערע-מגיפֿות?

ס׳איז אַזוי לײַכט און באַקוועם צו באַפֿרײַען ס׳געוויסן מיט אַ כּפּרה! אַפֿילו ייִדן זענען ניט טאָטאַל פֿרײַ דערפֿון, און בײַ פֿאַנאַטיקער לאָזט מען אויס די ניט-באַגאַנגענע זינד צו העבער

נעבער, יום-כּיפּור, ווי אַ מאָל מיטן קרבנות-סיסטעם.

לײדער, לײדער איז די גאַנצע „מענטשהײט“ ווילד משוגע. דאָ מער דאָ ווײניקער, מיט „ראַסנהאַס, פּאָגראָמען, דזשיהאַדס, אינטערעסן-קאָמפּעטיציעס, עקספּאַנסיע-אַפּעטיטן, דאָס אַלץ מאַסקירט, קאַמופּלירט מיט פֿאַרשײדענע רעליגיעזע און װעלטליכע דאָקטרינעס.

אָבער תּמיד דאַרף מען שולדיקע. און וואָס איז לײַכטער צו געפֿינען ווי אַ ייִד? ייִדן זענען דאָך הפֿקר! אַנדערע פֿעלקער זענען נאַציאָנאַלע עפּעסן, מיט טעריטאָריעס, מיט נאַטור-אײגנטימער, פּעטראָל, מינעראַלן וואָס מע קען אויסנאַרן, אויסטױשן; זײ האָבן אַרמײען, זענען פּאַרטנערן אין קאָאַליציעס. אָבער ייִדן – ס׳איז דאָך ווי דער ווינט: קײנעמס ניט; מע קען פֿראַנק און פֿרײַ טון מיט זײ וואָס מע וויל. דערצו זענען זײ נאָך פֿעיִקע אין אַלע הינזיכטן, און רײצן מיט זײער דערפֿאָלג. נו, איז אויסגעניצט, ווי לאַנג געמײנט אַז דאָס איז גענוג, און דערנאָך – אַרויס, באַרויבט און סתּם אומגעבראַכט. אַזוי פֿירט זיך דאָך זינט טויזנטער יאָרן.

אַ באַווײַז אַז ייִדן זענען הפֿקר און נויטווענדיק האָט מען דאָך געזען מיטן היטלעריזם. ווען ניט דער תּירוץ צום „מײַן קאַמף“ קעגן ייִדן, וואָלט ער קײן מאָל ניט געקומען צו דער מאַכט, מיט אַ גוטער געלעגנהײט פֿאַר די דײַטשן צו רויבן און מאָרדן, און געפֿינען דערצו הילף בײַ אַלע גויִים, ווי די פּאָליאַקן, אוקראַיִנער און אַנדערע קריסטן צי אַראַבער, אומעטום, מיט אינטימער פֿרײד צו קענען נקמה נעמען פֿאַר עפּעס און זיך צוצואײגענען האָב-און-גוטס. מע האָט אויך געזען ווי אַזוי די אַרומיקע וועלט האָט גלײַכגילטיק און אפֿשר צופֿרידן צוגעזען ווי מע הרגעט אויס באַרבאַריש די הפֿקערע ייִדן, קינד און קײט. אַזוי איז עס געווען מיט אַלע פֿרומע רעליגיעס און אַזוי מיט די ציוויליזירטע וועלטליכע מלוכות פֿאַר וועלכע אַזוי פֿיל ייִדן האָבן העלדיש געקעמפֿט, אָדער מיט די כּלומרשט מאַרקסיסטיש-רעוואָלוציאָנערע סאָוויעטן, וואָס האָבן קודם אויסגעניצט די גאַנצע מעגליכע הילף וואָס ייִדן האָבן געקענט ברענגען, און זײ

שפעטער, ווי געוויינטליך, פֿאַרטיליקט. דאָרט אויך מיטן תּירוץ ווי שולדיקע אין אַנטי-עפּעס: ציוניסטן, אימפּעריאַליסטן, רענעגאַט-טראָצקיסטן אד״גל.

הכלל, ס׳איז ביטער. מיר עקזיסטירן אין אַ געמיינער וועלט מיט פּערפֿידע, היפּאָקריטישע, פּסיכאָפּאַטישע עגאָיִסטן. אַלץ איז פֿאַרקריפּלט. אַלע זענען יחידיש און קאָלעקטיוו ווילד משוגע — און איך בתוכם. וואָס כ׳פֿאַרליר צײַט און מי דאָס דאָזיקע צו טראַכטן און צו פֿאַרשרײַבן, ווײַל מײַנע עצות וועלן העלפֿן ווי אַ טויטן באַנקעס.

אַנדערע האָבן עס אפֿשר שוין געפּרוווט. ס׳געפֿינען זיך תּמיד לײַט צו אַפּלאָדירן פֿײַנע רייד, אָבער טוען פּונקט ס׳קאַפּויערע, און זענען זיכער אַז מיטן בלויזן זאָגן ס׳דאָזיקע זענען זיי יוצא, און מיט אַ רויִק געוויסן קען מען ווײַטער אָנגיין און אויסטראַכטן נײַע תּירוצים צו געפֿינען קרבנות. אַלע רעזשימען טוען ס׳אייגענע: פֿאַר דעם זענען עס קאָמוניסטן; פֿאַר יענעם — אימפּעריאַליסטן, אָבער תּמיד אַנטאַגאָניסטן און באַרעכטיקונגען פֿאַר טיראַניעס.

~❀~

אויב ניט גענוג אַ בעזעם, / איז אַז מע מוז: געווער. / איר, אַלץ וואָס איז געוועזנס, / מיר ווילן אײַך ניט מער!

גענוג מיט אונדז געוועלטיקט / ווי אײַך זיך לוינט און גלוסט. / פֿון ׳אונדזער וועג אַרונטער / מיר קערן אויס דאָס מיסט.

מיסט אײַערע פּראָבלעמען / מיט עקזיסטענצן-קויט. / איר ווייסט נאָר אַלץ צו נעמען / און געבן נויט און טויט.

גענוג פֿון אַלץ גענאָסן / ווי אייגנס דער פּלאַנעט. / מיר זענען דאָס אַנטשלאָסן / און פֿרײַ די וועלט זײַן וועט.

אַ הילך מיט טויזנט עכאָס! / געשלאָגן האָט די שעה! / מיר דאַרפֿן מער ניט קומען: / יוגנט, מיר זענען דאָ!

~❀~

רויטער צאַר דו. פֿעלקער-טאַטע. / וואָלגע וואָלגע באַלשעוואַטע. / מוזשיקעס העי. אוכניעם: שלעפּט דעם יאָך. / ווי אַ מאָל. אַזוי כּסדר; / פֿון אָקטאָבערס בייגל. ליידער. / פֿאַרן פֿאָלק געבליבן בלויז דאָס ₪לאָך.

און פֿאַר יִדן תּמיד דאָך פֿאַראַן / אַן אכזר ניקאָלײַ צי גראָזנישער איוואַן. / אוי. מאַטושקאַ ראָסיאַ פֿונעם פֿעלקער-פֿאַטער. / ווי אַזוי שוין ווערט מען פֿון אים פּטור!

אוכניעם. אוכניעם לאַנג געבעטן; / פֿענער. ווי איקאָנעס. תּמיד נאַרן. / און די קרעמלישע באַיאַרן / וועלן מאַנאָמאַכיש שווארצע צאַרן / מיט רויטע נאָך אַנאַנד פֿאַרטרעטן.

~❀~

רעליגיע איז אַ פּראַקטישער עפּעס צו פֿאַרשטאָפּן אַלע ספּיריטועלע לעכער מיט תּירוצים פֿאַר אַ סך לײַט צו מאַכן אַ לעבן מיט טעאָלאָגיעס. עקאָנאָמישע רעזשימען. פּסיכישע פּראָבלעמען. אַנגסטן און יסורים. צרות. פּחד פֿאַרן טויט. זי קומט צו ניץ אַפֿילו די אַטעיִסטן. ווײַל אָן אַ גאָט – ווי אַזוי קען מען זײַן אַן אַטעיִסט?

הכּלל. ס'איז אַ גוט אַרטיקל פֿאַר אַלעמען. און ס'קאָסט ניט טײַער ניט אין מי. ניט אין געלט: יעדער קען עס נעמען וויפֿל געוואָלט. און פּטור!

~❀~

טאַקע עפֿר ואפֿר; / דאָך איז לעבעדיק אַ ספֿר /

וואָס זײַנע אותיות דערמאַנען / אַז אויב / ס'איז עפּעס דאָך פֿאַראַנען / וואָס איז געקריצט. געשריבן. / איז פֿאַרט עפּעס געבליבן / חוץ אַש און שטויב.

~❀~

פּאַרוואָס מוז מאַרקסיזם יאַנוסיסטיש זייַן אַטעיִזירט? באשר דער קאַפּיטאַליזם האָט אויסגעניצט, ניצט נאָך הייַנט אויס רעליגיעס ווי אָפּיום צו קענען עקספּלואַטירן לייַט? איז ערשטנס, טוט עס דער קאַפּיטאַליזם ניט בלויז מיט רעליגיע, נאָר מיט אַלע מעגליכע אופנים: פילאָזאָפיע, כלומרשטע עטיק און עסטעטיק, ספּאָרט, פּאַטריאָטיזם, וויסנשאַפט און וואָס ניט?

אַז מאַרקסיזם זאָל זייַן אַנטיקלעריקאַל איז זיכער גילטיק: אַנטיקלעריקאַל אין שייַכות מיט אַלע רעליגיעס. אָבער רעליגיע איז א פאַך, א פּראָפעסיע, א קאַריערע, און האָט ניט קיין שום שייַכות צו געטליכקייט, וואָס איז אינטים, ספּיריטועל, יחידיש, אָן שום מעגליכע פאַרמיטלונגען פון קאָמענטאַטאָרן, וולגאַריזאַטאָרן, עקזעגעטן.

אויב לייַט מוזן אָנקומען צו גאָט-סטראַפּטשעס אין צרות, ליידן, אַנגסט פאַרן טויט – איז עס ווייַל זיי זענען פאַרפירט מיט פאַנטאַזמען, קרעדאָס, אַני-מאַמינס, אייַנרעדענישן וועגן דאָ וועלטיקע אָפּקומענישן און יענע-וועלטיקע גליקן, וואָס וועלן זיי באַלוינען פאַרן האָבן געליטן, פאַרן ווערן אָפּגענאַרט, באַרויבט, אויסגעניצט...

מיט גילטיקע סאָציאַל-יושרדיקע און לאָגיש-ערליכע רעזשימען וועלן קודם לייַט ניט לייַדן, לעבן אין בעסערע באַדינגונגען, דויערן לענגער מיט א זאַטער, צופרידענער עקזיסטענץ און אייַנשלאָפן אָן יסורים, אַנגסטן, ניט דאַרפנדיק קיינעמס טרייסט. דער מאַרקסיזם דאַרף אַלץ טון דאָס זאָל ווערן רעאַליזירט לויטן סאָציאַליסטישן אידעאַל, באַפרייַט פון קלאַסן-פּריווילעגיעס, קלאַסנקאַמף, און ניט לאָזן אַז קיין שום רעליגיעזע צי פילאָזאָפישע אידעאָלאָגיעס זאָלן פאַרפירן לעקישעוואַטע לייַט. אָבער ניט קומען מיט אַטעיִזמען צי טעאָריעס וועגן געטליכקייט, וועגן וועלט, לעבן, טויט. ס'איז ניט זייַן ראָלע.

טאָקע ריכטיק, גאָטעניו, דײַן פּלאַן. אַלץ קרײַזיק, ספּעריש, ציקליש, אָרביטאַליש. זון מיט פּאָטאָסינטעז, ערד מיט מינעראַלן, לופֿטספּערעס מיט עפּעס ניט באַגרײַפֿטס נערן פּלאַנצן, פּלאַנצן נערן באַשעפֿענישן, און באַשעפֿענישן גיבן אַלץ צוריק ערד, לופֿט און אפֿשר זון, אָנצוהייבן אויף ס'ניַי דעם כּישוף-קרײַז, די כּישוף-ספּערע, די כּישוף-ציקלען בײַ עפּעס אין אָרביטן.

פֿאַר וואָס-זשע מוז דאָס אַלץ געשען מיט אַנגסט, פּײַן, יסורים, פּחד פֿאַרן אומקום, און ס'מוזן זײַן נעגל, גיפֿט און ציין, מיט ווונדן, בלוט: געפּליקט, געביסן, געריסן און געקײַט, פֿאַרדײַט און פֿאַרוואַנדלט לעבן אין טינוף?

ערשט, פֿאַר וואָס מוזן ליאַנעס, שוואָם און מאָך, ווי מיקראָבן און טיגערן, ווי זשאַווער אויף אײַזן – זײַן פּאַראַזיטן און מאָרדן יענעם. און אַזוי זאָל מוזן אָנגיין אַ פּערמאַנענטע מאָרד-וואַקכאַנאַליע אינעם אוניווערס, אין אַלע אַספּעקטן, דימענסיעס, אומשטאַנדן, צײַטן, מיט אַגרעסיעס, עקספּאַנסיעס, שטראָלונגען, צענטריפּעטיש און צענטריפֿוגאַליש? וואָסי? פֿאַר וואָס מוז עס אַזוי זײַן?

און פֿאַר וואָס זיך גערייצט מיטן מענטש ער זאָל קענען זיך רעוואָלטירן, פּראָטעסטירן קעגן אַזאַ סדר-העולם? ווי איז מעגליך אַן אָמנימעכטיקייט וואָס קען ניט גובֿר זײַן אַזוי פֿיל שלעכטס? ווו איז יושר? ווו איז רעכט? ווו איז ליבשאַפֿט? ווו איז דער כּי-טובֿ? זאָל דער מענטש זײַן עפּעס פֿון געטליכן געוויסן מיט זײַן טראַכטן, פֿילן, באַגערן אַז ס'זאָל זײַן אַנדערש, שענער, בעסער?...

~❀~

קומען נײַע וויסנשאַפֿטלער און באַווײַזן אַז ניט נאָר איז ניט פֿאַראַן קיין נישטיקייט, נאָר אַלץ וואָס איז שטאַמט פֿון דעם אוניווערסאַלן גאָרניט. דער ייִדישער יש-מאַין איז בכן די ווירטועלע ווירקליכקייט, באַרעכטיקט מיט פּלאַנקס און העיזענבערגס טעאָריעס וועגן קוואַנטאַ און צופֿעליקייטן-פֿענאָמענען!

נישטיקייט פּראָדוצירט כּסדר ווירטועלע פּאַרטיקולן וואָס מע קען ניט זען אײנציקווײַז, נאָר אין זייער מאַסע. ניט נאָר דאָס: אין אַ גלעזל ליידיקייט געפֿינט זיך אַזוי פֿיל מעגליכע ענערגיע, אַז זי וואָלט געקענט אויפֿקאָכן אַלע אָקעאַנען! און לײַט מוזן אָנקומען צו קוילן, עלעקטריציטעט, נוקלעאַרע מאַכערײַקעס אַרויסצובאַקומען ענערגיעס, היץ צי ליכט, בשעת דער אוניווערס איז אָנגעשטאָפּט מיט נישטיקייט, וואָס פֿאַרמאָגט אַזוי פֿיל קראַפֿט צו שאַפֿן נאָר אַנאַנד אַרטיקולן וואָס קומען אום ווי נאָר זיך מאַניפֿעסטירט.

בײַ די וויסנשאַפֿטלער הייסט עס: פּאָלאַריזירט די ליידיקייט. אַ האָלענדער, וויליס לאַמב, האָט געמאָסטן די ווירקונג פֿון דעם עפֿעקט אויף דער ראָטאַציע פֿון אַן עלעקטראָן אין אַ הידראָגען-אַטאָם. ער האָט דערפֿאַר באַקומען דעם נאָבעל-פּרײַז.

ווי מע זעט, פֿאַרנעמען זיך לײַט אַקטיוו מיט נישטיקייטן צו אַנאַליזירן אַ גאָרניט, און האָבן ניט קיין צײַט צו געפֿינען אַ מעגליכקייט אַז יעדן טאָג זאָלן ניט מוזן שטאַרבן פֿון הונגער פֿערציק טויזנט קינדערלעך.

ענערגיע עקס ניהילאָ! זאָל דאָס ניט זײַן גיכער ניהילאָ עקס ענערגיע? פֿאַרתּכלעווען מי און צײַט מיט גאָרניט. נו, און וואָס האָב איך דאָ געטון? אָנגעפּאַטשקעט פּאַפּיר וועגן נישטיקייט. ווי מע קען פֿעסטשטעלן, איז גראַפֿאָמאַניע אַ מין סידאַ און ס׳איז שווער זיך אויסצוהיטן דערפֿון.

יעדע באַשעפֿעניש בכלל — אָבער דער באַוווסטזיניקער מענטש בפֿרט, ווײַל ער קען טראַכטן דערפֿון — איז גלײַכצײַטיק אַן אַמאַלגאַם און אַ דעלעגאַט פֿון מיליאַרדן אינדיווידועלע קעמערלעך, וואָס זיי אַליין באַשטייען און זענען די פֿאַרשטייער פֿון אַטאָמען, נוקלעאָנען און קאָנצענטרירטע ענערגיעס.

יעדער יחיד פֿאַר זיך זעלבסט, וואָס געוועלטיקט כּלומרשט איבער דער מאַסע קעמערלעך וואָס שטעלן אים צונויף וכּלומרשט — ווײַל

ער איז אָפּהענגיק פֿון זיי ווי זיי פֿון אים), איז גלײַכצײַטיק אַליין אַ מיני־פֿראַגמענט אין דער ביזאָספֿערע, וואָס איז עפּעס נאָר אַזוינס אין זונסיסטעם, אַ טייל פֿון דער גאַלאַקציע, און יענע בלויז אַן עלעמענט אינעם אוניווערס. ערשט דער אוני־וווערס... אַזוי־און אַזוי, ביז ווי ווײַט, טיף, הויך צי גרויס אין אַלע ריכטונגען, פֿון אַטאָם ביז אוניווערס און ווײַטער!...

ניט צו דערגיין, ניט מיקראָ־, ניט טעלע־סקאָפּיש; מאַטעמאַטישע השערות צי סתּם מענטשליכע השׂגות העלפֿן ניט. דער וואָס ריזיקירט זיך אין די דאָזיקע לאַבירינטן איז אַ פֿאַרלוירענער. ווילדע שלעגערס וואַרטן אויף אים, און נאָר אַ צוואַנגיאַקע אָדער ציאַנור קענען אים אַרויסהעלפֿן.

דעריבער איז אַבסאָלוט נויטווענדיק לײַט זאָלן איבערלאָזן זייער מעגאַלאָמאַניע, מער ניט פֿאָרשן, נישטערן, שפּאַלטן, מעסטן, וועגן, קריכן אויף די גלײַכע ווענט – ניט רעליגיעז, ניט וויסנשאַפֿטליך, ניט מיסטיש. עס העלפֿן ניט קיין טעאָלאָגיעס, קבלות, פּסיכאָלאָגן, פֿיזיאָלאָגן און אַנדערע לאָגן מיט זייערע ראַדיאָ־טעלעסקאָפּן און חשבונות פֿון ליכטיאָר מיט וויפֿל זעראָס — זיי זאָלן ניט וועלן, זיי קענען, דאַרפֿן, מוזן אַוועקנעמען דעם ציפֿער פֿון פֿאָרנט צי פֿון הינטן און יוצא זײַן מיט די בלויזע נולן.

אויסער אַז זיי איז ליבער צו פֿאַסטעווען, העגעלן, קאַנטעווען אַנשטאָט צו גראָבן קוילן אָדער אַקערן די ערד, איז אַדרבא, דערויף איז מען דאָך פּראַגמאַטיש. אָבער דער סך־הכּל פֿון אַלע ציוויליזאַציעס מיט זייערע קולטורן און מיט אַלע **איזמען** און **איסטן** איז כּולו־פּסיכאָפּאַטיק, אַ מין נשמה־סידאַ, אַ דראַג־תּענוג אפֿשר פֿאַר עטליכע און אַ ביזנעס־חולאַת פֿאַר קאַפּיטאַליסטן, פֿינאַנציעלע קאָמבינאַציעס, פּריווילעגירטע קאַסטעס און פּאַראַזיטיזמען.

ווי לאַנג לײַט וועלן דאָס ניט באַגרײַפֿן און קומען צום קלאָרן שׂכל, ד״ה פֿאַרשטיין זייער ראָלע אינעם באַשאַף מיט זייערע פֿליכטן און באַגרענעצטע מעגליכקייטן, וועלן זיי ניט מײַדן קאַטאַסטראָפֿעס, מחלוקת, יסורים, אַנגסטן, עפּידעמיעס און

טאָטאַלן אומקום. דערצו איז ניט מעגליך קיין שום דילעמע, קיין שום קאָמפּראָמיס: אָדער לעבן נאָרמאַל, מיט אַן עקזיסטענץ אין די בעסטע באַדינגונגען און טאָטאַלן דויער, כּדי צו פֿאַרלאָזן דאָ די באַגרייפֿטע רעאַליטעטן אָן שום פּחד און יסורים, אָדער זיך מאַטערן ווי ביז איצט נאַריש, היפּאָקריטיש, געפֿערליך, אין אידיאָטישע אַבסורדן.

~❀~

איך בין ניט קיין מענטליך-ייִד, וואָס טוט אַ טובֿה דעם רבונו-של-עולם מיט לייגן תּפֿילין, טון מיצוות און היטן כּשרות. איך דאַרף ניט קיין טעמפּלען, קיין ריטואַלן, קיין קאַפּל, צי באַשטימטע צערעמאָניעס. מײַן ייִדישקייט, מײַן שדי, טראָג איך ניט געוויקלט אויף דער האַנט צי אויפֿן שטערן, נאָר אינעם קאָפּ, אינעם האַרץ, אין בלוט און אין דער נשמה.

כ׳דאַרף ניט זיצן און לערנען נאָר אַנאַנד צו וויסן וואָס כ׳מעג און וואָס כ׳טאָר ניט טון. כ׳ווייס עס נאַטירליך. איך האַלט ניט פֿון אַ ראשית חכמה יראת אדוני. איך האָב ניט מורא פֿאַר גאָט. איך האָב אים ליב ווי מע האָט ליב אַ מוטער, אַ פֿאָטער. כ׳דאַרף ניט גיין אויף אַ באַשטימט אָרט אין אַ באַשטימטער צײַט זיך צו ווענדן צו אים. פֿאַר מיר איז די גאַנצע וועלט אַ בית-המקדש. אומעטום, צו יעדער צײַט, דאַנק איך און לויב אים, דעם באַשעפֿער, וואָס איז פֿאַר מיר אומבאַגרײַפֿליך, אָבער צו וועלכן כ׳האָב אַ טאָטאַלן צוטרוי און דאַנק אים פֿאַר דער מתּנה וואָס ער האָט מיר געגעבן: דאָס קענען זײַן באַוווסטזיניק און געניסן פֿון אַזוי פֿיל מעגליכע תּענוגים.

איך דאַרף ניט קיין יום-כּיפּור מיט מחילות. כ׳זינדיק ניט. כ׳ווייס אַז מײַן עקזיסטענץ איז זיכער באַגערט און מיט פֿליכטן: מײַן עטעמען, מײַן נערן זיך און ווער ווייסט וואָס נאָר פֿאַר אַ פֿונקציעס. בכן, זיך פֿילנדיק ווי אַ געטליכער שליח, האָב איך אָפּשײַ פֿאַר מײַן גוף און מײַן נשמה. איך בין מחויבֿ צו זײַן געזונט, גוט און ערליך, און קענען טאָטאַל אָפּדויערן מײַן מעגליך זײַן, דאָ אויפֿן פּלאַנעט.

מיטן צוטרוי אַז אַפילו מיט מײַן אומקום בין איך ניט טאָטאַל פֿאַרלוירן, נאָר באַטייליק זיך מיט עפּעסן אין דער אייביקער עוואָלוציע פֿון קאָסמישן אַלץ.

מײַן עקזיסטענץ מוז זיך מאַניפֿעסטירן אין די בעסטע באַדינגונגען, אין אַלע מעגליכע אומשטאַנדן, אַספּעקטן און מאָמענטן. איך טאָר ניט צעשטערן אַרום מיר עפּעס מער ווי געמוזט, כּדי זאָל קענען עקזיסטירן מנוחהדיק און באַקוועם. אויב מײַנע טריט קענען מײַדן אַ גרעזל, טו איך עס. אויב איך צעשטער מיט עפּעס מײַן גוף צי גײַסט – לעסטער איך דעם באַשאַף, און דאָס איז זיכער די גרעסטע זינד.

ווי אַ ייִד בין איך וואָרשײַנליך מחויבֿ צו פֿאַרשפּרייטן דעם אידעאַל פֿון פֿרײַהייט, גלײַכהייט, יושר, רעכט, ליבשאַפֿט צווישן לײַט, כּדי אַלעמענס עקזיסטענץ זאָל זיך קענען רעאַליזירן אין אַ סבֿיבֿה פֿון מנוחהדיק גליק, אָן שלעכטס צי מיאוסקייט. ווי אַ ייִד, טו איך עס לויט מײַן אופֿן, אָבער ייִדן טוען עס רעליגיעז, מיט משיחיזם, אָדער וועלטליך מיט סאָציאַליזם. אין יעדן פֿאַל איז עס תּמיד באַגערט פֿאַרן גאַנצן מענטשן-מין. דער כּלומרשטער אתּה-בחרתּניזם איז ניט קיין עגאָיִזם, נאָר אַן אופֿן צו גרייכן אַ טאָטאַלן אַלטרויִזם.

נאָר אַזוי פֿיל איך זיך פֿרום, און ווײַזט אויס אַז גאָט –אָדער ווי יעדער קען עס רופֿן, מיט טעאָלאָגישע צי וויסנשאַפֿטליכע טערמינאָלאָגיעס– וואָס איז זיכער מסוגל צו וויסן אין יעדער רגע וואָס ס'טוט זיך אין אַ נוקלעאָן ווי אין אַן אוניווערס, זעט מײַן אופֿן פֿאַרשטיין די ראָלע וואָס איך פֿיר אויס מיט מײַן זײַן, מײַנע מעשׂים ווי מײַנע מחשבֿות, שיקט ער מיר יאָרן מיט לעבנספֿרייד ביז איצט, און ער וועט מיר נאָר לאָזן געניג דויער כּ'זאָל קענען פֿאַרשפּרייטן די דאָזיקע מחשבֿות צווישן אַנדערע, אונדזער בײִאָספֿערע מיטן מענטש בתוכם זאָלן ווערן געהיילט פֿון נאַרישקייט, היפּאָקריזיע, אַגרעסיוויטעט, עגאָפּאָביע, זעלבסט-מאָרד-קאָמפּלעקסן און סתּם אידיאָטישע לעבנס-שטייגערס, און נאָר אַזעלכע אַנשיקענישן וואָס צעשטערן דעם מעגליכן כּי-טובֿ פֿון

אונדזער בלאָען פּרעכטיקן פּלאַנעט, געקושט פֿון דער זון, וואָס קען זײַן, מוז זײַן און וועט זײַן צוריק אַ וואָרער גן-עדן.

זאָל מיר עמיץ באַווײַזן, אויפֿריכטיק און לאָגיש, אַז כ'בין ניט גערעכט און אַז עפּעס איז פֿאַלש אין מײַנע מחשבֿות! איז דען אונדזער היים, דער פּלאַנעט, ניט גענוג גרויס און רײַך – גענוג אַז אַבסאָלוט אַלע, אַלע, וויפֿל מיליאַרדן לײַט מיר זאָלן ניט זײַן, זאָלן קענען האָבן אַלץ וואָס דערמעגליכט ווילזײַן און גליק? מע דאַרף נאָר זײַן טאָלעראַנט, ערליך, אַלטרויִסטיש און פֿרײַ פֿון עגאָיִזמען, שאָוויניזמען, פּרעטענזיעס, פּריווילעגיעס – און זיך העלפֿן איינער דעם צווייטן אָן היפּאָקריזיעס, אָן שווינדלערײַען פֿאַרשלייערטע מיט רעליגיעזע צי פֿרײַדענקערישע דאָקטרינעס.

~❀~

פֿאַראַן אַזעלכע פּראָיעקטן וועגן וועלכע מע ווייסט ניט צי זיי קענען ווערן רעאַליזירט. אפֿשר דערפֿאַר געלינגט עס אַ מאָל. פֿאַנטאַזמען זאָלן ווערןווירקליכקייט!... פּראַגמאַטישע סאָמאַטאָ-לאָגן, פּאָעטן און נבֿיאים קענען אַזוי מאַטעריאַליזירן זייערע פּלענער, אילוזיעס און פּראָפּעטיזמען – קאָנקרעט, אַבסטראַקט, פֿיזיק, מעטאַפֿיזיק, פּאַטאַפֿיזיק, עסענץ, סובסטאַנץ, אָביעקטיוו, סוביעקטיוו, גשמיות, רוחניות – אַלץ פֿון איין שורש, מיטן זעלבן תמצית.

סײַ ווי סײַ איז אַלץ אַ זייפֿנבלאָז, איריזירט אויב ס'שטראַלט די זון; אַלץ – אַ חלום, אפֿשר מיט פֿיקטיווער ממשות, וועלט, עקזיסטענץ, איז דען עפּעס אַנדערש ווי נס, נסיון און עפּעמערישקייט? אָבער דאָך מוז מען זײַן קרעאַטיוו און ריזיקירן, נאָר ניט סקלעראָז, סטאַטיק, פּאַראַליז, אַטאַניש נירוואַניזירט.

שוין אַכציק יאָר ווי דאָס איז מײַן לעבנס-שטייגער.

~❀~

געזען א פילם וועגן אסטראנאמיע און אסטראפיזיק. און כ׳בין נשתומם! ווי נישטיק איז א מענטשל אין שייכות מיט די גרייסן, דימענסיעס, דויערן און אספעקטן! און דאך קען זיך אין אים מאניפעסטירן ניט נאר א מעגליכקייט דאס אלץ צו קענען זען, טעלע- און מיקרא-סקאפיש, מעסטן, אנאליזירן, מאטעמאטיקעווען מיט ציפערן ביז אין-סוף, נאר אויך אין דמיון זיך פארשטעלן דאס אלץ, פיקסירן אין ספעקטאקלען און וועלן וויסן יענע-זייטן פון דעם אלעמען, אין וואס דאס געפינט זיך, ווער געוועלטיקט אין, איבער צי אויסער דעם, אאז״וו.

קומט אין זינען א מחשבה. דער מענטש קען דאך ניט זיין, איז דאך זיכער ניט קיין אויסנאם מיט זיינע אייגנשאפטן און מעגליכקייטן. ער באשטייט פון די זעלבע עלעמענטן -ענערגיעס, עסענצן, סובסטאנצן- ווי אבסאלוט אלץ וואס איז. ער איז דאך געבויט ווי אלע באשעפענישן, קומט אויף און קומט אום מיטן זעלבן אופן. ווער קען זאגן, צי דאס וואס רייצט מיט נייגער דעם מענטש, אדער איז ביי אים זיכער מיט קענטעניש, מאניפעסטירט זיך ניט אין א נוקלעאן אזוי גוט ווי אין א גאלאקציע צי אן אוניווערס אפילו? בלויז פון טראכטן וועגן דער דענקעניש-פאטענץ ביי א גאלאקציע – שווינדלט אין קאפ.

ס׳איז ווונדערליך און שרעקליך דאס דענקען פון דעם אלעמען. אוי, ווי לאגיש-שיין דער סימבאל פון עץ-הדעת! אבער פאר וואס מוזן זיין שלאנגען מיט א נסיון און א גלוסטונג אין א גן עדן? ווער רייצט זיך מיט געטער צי מיטן מענטש? קען אן אמנימעכטיקער גאט ניט שאפן עפעס מיט א טאטאלן כי-טוב?

~❀~

אינעם מענטש מאניפעסטירט זיך אפשר ס׳געטליכע געוויסן. קעגן וואס? קעגן ווער? פאר וואס, ווי אזוי זאלן קענען זיין אזוי פיל נאטור-קאטאסטראפעס? גילטן אזוי פיל שלעכטס?

לייט זינדיקן - ווערן זיי באשטראפט. אבער וואס זענען שולדיק א גרעזל, א ווערעמל – געשטראפטע מיט פייער-לאווע, שטורעמס,

געוויסערן און ווער ווייסט וואָס נאָך?

זאָל דער אוניווערס זײַן הפקר, מיט סטיכיעס, אַנאַרכישע געשעענישן, און צווישן דעם אַלעמען – דאָס ערגסטע: אַ מענטש קעגן זײַנס גלײַכן, וואָס דאָס איז ניט בנימצא בײַ קיין שום אַנדערע באַשעפענישן, וואָס באַפֿאַלן כאָטש ניט די פֿון זייער אייגענעם מין.

ווי אַזוי קען אַזוינס געשען? אויב גאָט איז אומבאַהאָלפֿן – צו וועמען זיך ווענדן? ווי אַזוי קען אַן אוניווערס זײַן אַזוי הפקר?

אויב ניט מעגליך קיין געטליכער קאָנטראָל, קיין הימלישער פּלאַן אָן אינצידענטן, אָן צופֿעליקייטן, אָן מעגליך שלעכטס צי מיאוסקייט – איז מוזסטו, מענטש, אַליין נעמען דײַן גורל און פֿירונג אין די הענט אַרײַן.

ניט פֿאַרלאָזט זיך אויף קיינעם. מײַדן מעגליכע קאַטאַסטראָפֿעס אין געוויסע ערטער, אין געוויסע אומשטאַנדן, מיט שכל, לאָגיק און אַלע מעגליכקייטן אַכטונג געבן אויף אַלץ וואָס דו קענסט באַוויַזן צו טון אין דײַן באַגרענעצטן דויער, אויף דײַן באַגרענעצט אָרט.

האָף ניט אויף קיין ניסים, ניט אויף עמיצנס הילף. ניטאָ קיין יושר, רעכט און לאָגיק אינעם אוניווערס. פֿאַראַן נאָר קאַמף, משוגעת, טעראָר, אַנאַרכיע. אָבער אין איין און דעם זעלבן גוף קעמפֿן ניט די עלעמענטן קעגן אייגענעם אָרגאַניזם, פֿאַרקערט. די גאַנצע מענטשהייט איז איין גוף, עפּעס פֿון זעלבן מין, און טאָר ניט באַגיין עגאָפֿאָביש זעלבסטמאָרד.

ווײַזט אויס אַז געטליכקייט איז אומבאַהאָלפֿן. ווער איז גורם די אַנאַרכישע סטיכיעס, די קאַטאַסטראָפֿעס אין אַלע דימענסיעס, דעם קאַמף צווישן עלעמענטן? ווי אַזוי קען אַ מענטש טראַכטן פֿון דעם אַלעמען, און זוכן, מאָנען הילף, יושר, רעכט. פֿאַרוואָס עקזיסטענץ? זײַן – צו קענען באַוואוסטזיניק אומקומען? פֿאַר וואָס מוזן זײַן פּײַן, אַנגסט, יסורים, פּחד? זאָל אינעם מענטש זיך מאַניפֿעסטירן אַ געטליך געוויסן, אַ געטליכער פּראָטעסט, אַ געטליכער רעוואָלט?

רעוואָלט קעגן וואָס? קעגן וועמען? ווי אַזוי ניט מקנא זײַן דעם שטיין, אַ קערן זאַמד וואָס קען ניט טראַכטן פֿון דעם אַלעמען?

קען ניט טראַכטן? ווער ווייסט וואָס ס'טוט זיך אין אַן אַטאָם? אַפֿילו מעטאַלן האָבן נשמות און ווירקן מער-ווייניקער: אַ קיזלשטיין ווייניקער ווי אוראַניום, אָבער עפּעס גײַסטיקס מוז זײַן דערין.

ליידער איז אוראַניום טײַוולאָניש שלעכט שלעכט און גרײַפּט אָן, שטראַלנדיק מיט ראַדיאָ-טויט אויף אַלץ וואָס ס'באַרירט. באַהאַלט עס די נאַטור אין גרודעס – קומט דער נאַרישער מענטש און באַפֿרײַט ס'טײַוולאָנישע דערין, צו באַגיין זעלבסטמאָרד צוזאַמען מיט זײַנס גלײַכן און אַלץ אַרום.

אוי, געוואַלד! די וועלט איז משוגע! ווו אַנטלויפֿט מען?

~❁~

כ׳דאַנק דיר, האַר פֿון פּאַרנאַס, / פֿאַר דײַן פּרעכטיקער מתּנה: / אין מײַן באַגערטער לירע / צו געפֿינען צווישן אַנדערע אַ סטרונע / אַ ספּעציאַליזירטע אין טאַטירע, / וואָס קען אין ערנסטע פּראָבלעמען / ווי אין לײַכטזיניקע פּאָעמען / אַ גרימפּל טון מיט שפּאַס.

~❁~

טראָץ דעם פֿאַרקריפּלען, לעסטערן דעם קאָמוניזם מצד די סאָוועטישע דיקטאַטאָרן מיטן שענדן זייערע אידעאַלן, זענען דאָך מאַרקס, ענגעלס, לענין, טראָצקי תּמיד גערעכט, און מע טאָר ניט מישפּטן זייערע דאָקטרינעס זיך שטיצנדיק אויף דעם וואָס ס'געשעט אין די כּלומרשט קאָמוניסטישע לענדער. אַן ערליכער, אויפֿריכטיקער, אָרנטליכער, באַוווסטזיניקער מענטש מוז זײַן אײַנשטימיק מיט זייערע מחשבֿות.

קאָמוניזם מוז ניט זײַן שענדונג, לעסטערונג פֿאַר אַן אידעאַל, פֿאַר אַ מחשבֿה. ס'קומט אָן טאַקע מיט אויסערגעוויינליכע

שוועריקייטן פראַקטיש אָנצוווענדן דעם דאָזיקן סאָציאַליזם, ווײַל דאָס שטערט אַזוי פֿיל לײַט אין זייערע אינטערעסן. זיי האָבן אַזעלכע גוואַלדיקע מעגליכקייטן צו נאַרן, פֿאַרטשאַקען, פֿאַרפֿירן עולם-גולם!

~❀~

— דעצעמבער זיבן-און-אַכציק הײַנט – / אָנפֿאַנג פֿון אַן עפּאָכע. / איןווירקליכקייט מיר טרוים דערשײַנט: / מיט מזל און מיט ברכה!

„פּלאַנירט – אין דײַנע יאָרן נאַרז?" / „אַבסורד אפֿשר די טרחה?"

גרויס איז מײַן עקשנות דאָך: / מיט מזל און מיט ברכה!

„אַ זקן – פּלאַנצן דעמבעס גרייט?" / „דו זעסט ניט דײַן מערכה?"

פֿאַר מיר דאָס לעבן נאָך באַדײַט: / מיט מזל און מיט ברכה! / מײַן ענטוזיאַזם, ווי תּמיד, כּ'טרוי / און האָף אויף גאָטס השגחה; / כּ'האָב תּמיד אַלץ געטון אַזוי: / מיט מזל און מיט ברכה! / טאַקע אומגעהײַער פּלאַן, / דאָך – כּלים, מי, מלאָכה, / ווי לאַנג זשע כּוחות נאָך פֿאַראַן – / מיט מזל און מיט ברכה!

~❀~

דאָס וואָס כאַראַקטעריזירט אייגנהייטליך ענערגיע, שטאָף, אָרט, צײַט און מאַטעמאַטיק איז – זייער אומבאַגרענעצטקייט. זייער שורש אין פֿינאַליזם, וואָס מ'איז ניט מסוגל צו באַגרײַפֿן. ווער האָט זיי געקענט שאַפֿן? און וואָס געפֿינען זיי זיך?

געטראַכט אַז אויב צײַט, אָרט, קראַפֿט, שטאָף און צאָל זענען דאָס זעלבע: נאָר אייגנשאַפֿטן פֿון איין איינציקן עפּעס – איז אָבער פֿאַראַן אַ שוועריקייט מיטן באַגרײַפֿן ס'דאָזיקע. ענערגיע קען זיך מאַניפֿעסטירן אין שטאָף, אָבער מוז פֿאַרנעמען אַ באַשטימט אָרט. דאָס דאָזיקע אָרט קען ניט פֿאַרנומען ווערן פֿון אַ

צווייטן עפּעס, אָבער פֿאַרשיידענע עפּעסן קענען גלײַכצײַטיק דויערן און האָבן דעם זעלבן שײַכות מיט צאָלן. בכן איז אָרט דאָך עפּעס אַנדערש ווי מאַטעמאַטיק צי דויער? ערשט, ווי אַזוי באַגרײַפֿן אַ מין אָרט און צײַט און צאָל, ווען ענערגיע אין אַלע אַספּעקטן זאָל פֿאַרשווינדן? וווּהין קען עס פֿאַרשווינדן?... אַ ליידיקייט מיט גאָרנישטן? איז דען נישטיקייט ניט דער שורש פֿון אַלץ?!

~❀~

מיט לעבן, טויט באַלאָדן / וועלט טאַנצט אין קאַראַ-האָדן, / פֿון נעבולאָזע ביז נוקלעאָן / מיט ריטם צו געטערס קאַמערטאָן.

אַלץ אין אָרביטן, קרײַזן, / נו, קומסטו, מענטש, באַווײַזן / אַז דיר, אויף דײַן פּלאַנעט, / געפֿעלט ניט דער באַלעט?

אַזוינס איז דאָך ניט מעגליך, / פֿאַר געטער - אומפֿאַרטרעגליך!/ טראָץ צווייפֿל - טאַנץ מוז זײַן! / אין קאַראַהאָד אַרײַן!

טרעפּאַק, קאַדריל... געשפּרונגען; / ווי לאַנג געלעבט געצוווּנגען, / פֿרום, אָן אָראַגאַנץ - / מיט אַלץ אַרײַן אין טאַנץ!

~❀~

בין איך אַ בוים צווישןביימער, אָבער פֿון איין מין, און כ׳קען ניט ווערן אַנדערש. אַ סאָסנע צווישן סאָסנעס - איז כאָטש, אויב ניט קענען זײַן אַ פּאַלמע צי אַ דעמב, זײַן אַ טאָטאַל גוטע סאָסנע, די בעסטע אויב מעגליך, און מײַנע שישקעס זאָלן זײַן מײַסטערווערק אין זייער אָריגינעלער אייגנאַרטיקייט.

נאָר אַזוי איז באַרעכטיקט מײַן עקזיסטענץ. פֿאַרתּכלעווען מי מיט באַגערן דאָס אוממעגליכע: קענען ווערן עפּעס אַנדערש ניט צעשטערנדיק דערבײַ מיך זעלבסט - איז אַ פֿיקטיווער אידעאַל / און סוף-כּל-סוף פֿאַטאַל.

~❀~

ניט אַ פּאָעט / ווי אַ קאָמעט, / וואָס אָן ממשות שוועבט פֿאַרבײַ. / צי אַ מעטעאָר וואָס מיט אַ פֿונק / אין רגעס פֿאַלט.

דו זײַ אַ זון וואָס שטראַלט, / און האָבנדיק אין נאַכטס אייביקייט / אַ וועלט מיט טאָג געצונדן, / לאָזט זי אַ שימער דורות לאַנג / נאָכן פֿאַרשווינדן.

~❀~

זיפֿצט אַ פּעסימיסט:

— איקאַר. אַ נאָמען. אָט אַ פּשוט וואָרט, וואָס קומט מיט רייד צוזאַמען שאַפֿן דעם טראַגישן אויספֿיר פֿאַר אַ באַוווסטזיניקן מענטש. מחשבֿות עגבערן זיך טיף אַרײַן אינעם געמיט, צעשטערן אַ קאַמופֿלירטע רו, אַ כּלומרשט-מנוחהדיקן ווילזײַן.

טויט-טאָטאַל איז קיין מאָל ניט אַן איקאַר. מע לעבט מיט ניט-פֿאַרהיילטע ווונדן, זכר פֿון צעבראָכענע פֿליגל, סימבאָל פֿון אַזוי פֿיל אַנטוישונגען, גענאַרטע טרוימען וואָס לאָזן ניט פֿאַרשיכּורן ס׳געמיט מיט עפּעס. ס׳איז אַזוי אומעטיק צו מוזן טראַכטן פֿון דעם אַלעמען בײַם מאַכן אַ סך-הכּל פֿון אַן עקזיסטענץ...

רעוואָלטירט זיך באַלד דער אָפּטימיסט:

אַ שימער פֿון אַ ווײַטן שטערן אין דער נאַכט. אַ מחשבֿה-בילד פֿון אַ מאָרגנשטראַל אין נאָענטן שוין באַגינען. תּמיד זוכן טרייסט. ניט לאָזן זיך דערטרינקען אין ים פֿון אַנגסט און גרויל. זיך אָנגעכאַפּט אין מינדסטן פּיצל האָלץ, צי שטרוי אַפֿילו. תּמיד האָפֿן: אפֿשר! אפֿשר! אפֿשר דאָך!

ס׳קען, עס וועט, עס מוז געשען אַ נס!

זיפֿצט אַ קראַנקער:

— שטאַרבן וועל איך אַ געהיילטער אַ דאַנק דיר, גוטער רופֿא!

~❀~

ליטעראַטור איז ניט מײַן זיווג. / פֿילאָזאָפֿירט, געשריבן לידער – / איך מיט איר: קוצעניו-מוצעניו; / זי מיט מיר נאָר קידער-ווידער.

וואָס נאָר כ'טו און וואָס נאָר כ'זאָג – / תּמיד מיט מיר ברוגז. / ווייס איך ניט פֿאַר וואָס / כ'גיי אַרום אַ גאַנצן טאָג / אַנטוישט און מיט פֿאַרדראָס.

סטײַטש? איז אַזוינס געאַנט? / איך, מיט מײַן טאַלאַנט... / נאָר רעד צו דער וואַנט!

איך שרײַב אַן אַפֿאָריזם, אַ פֿילאָזאָפֿישע מגילה – / יענע ענטפֿערט ניט אַפֿילו. / ליטעראַטור? אַ מין קסאַנטיפּע! / און איך וויל גיין מיט איר אונטער דער חופּה!

~❀~

זאָגן און טון, אַפּנים, / זענען זעלטן מחותּנים. / תּמיד אַנטיגאָמיש זײַן איז זיי באַשערט; / משמעות – ווי פֿון אַ העגעלן געהערט. / ממילא, אויב עפּעס געזאָגט – / נו, איז געטון פֿאַרקערט.

געשטאַנען אויפֿן קאָפּ צי אויף די פֿיס – / טעזיש-אַנטיטעזיש מוז אַלץ זײַן געוויס. / און תּמיד מיט סינטעזעס, פּשרות / פֿון רעכטס צי לינקס – כּמעט / דער זעלבער רעזולטאַט: / צרות.

~❀~

בראשית ברא אלוהים. ניט זײַענדיק קיין אַפּיקורס – פֿאַר וואָס זאָל מען ניט טײַטשן ס'דאָזיקע אַז דער בראשית האָט באַשאַפֿן דעם אלוהים?...

האָבן אַטאָמען, מאָלעקולן, באַשאַפֿן דעם מוח, דעם דמיון, די נשמה, צי האָט דער גײַסט דערפֿון צונויפֿגענומען דאָס אַלץ וואָס שאַפֿט דעם ווירטועלן מענטש ווי עפּעס דערין, זיך צו מאַניפֿעסטירן?

געטליכקייט איז אונדזער באַגרײַפֿטער אוניווערס: מוח, דמיון,

נשמה. עס מוז זײַן אַ בראשית וואָס איז דער אויסדרוק פֿון אַ ווילן, און ס׳דאָזיקע איז זיך ניט סותר מיט יאָהאַנעסעס מחשבֿה וועגן דער הייליקייט פֿונעם ווערב ווי ס׳וויכטיקסטע פֿון דער קריסט־ליכער דרײַ־אײניקייט — וואָרשײַנליך אַז זינט תּמיד.

נאָר אויב ס׳איז שוין געווען אַן אלוהים, האָט געקענט זײַן אַ יהי, און אַזוי ביז הײַנט, אין דער פּערמאַנענטער קרעאַטיווער עוואָלוציע וואָס איז ספּעציפֿיש ייִדיש, אין אַבסאָלוטן אַנטאַגאָניזם מיט בראַמאַניש־בודיסטישע נירוואַנאַ־דאָקטרינעס.

דאָס זענען דאָקטרינעס פֿון סטאַטישער, סקלעראָזירטער נישטיקייט, וואָס קען ניט זײַן אַפֿילו אַבסאָלוט אַבסטראַקט, נאָר איז דאָך דער אידעאַל פֿון אַזוי פֿיל לײַט. נירוואַניזירט בלויז אין פֿיקציעס, ווײַל פּראַגמאַטיש זענען דאָ סעקטעס בראַמאַנען, פֿאַריִעס, ערדישע גורוס, שאַמאַנען, דאַלאַי־לאַמאַס, פּאַלאַצן מיט ווילטאָג און לײַט וואָס הונגערן — סקעלעטן אין די רינשטאָקן! אָבער בודהיזם אין פֿאַרשיידענע ווערסיעס געוועלטיקט ביז משוגעת. איבעריקנס, איז דען ניט אַזוי מיט אַלע רעליגיעזע דאָקטרינעס?

דעריבער איז ייִדישקייט, זינט דעם חומש, פֿול מיט פּרעכטיקע סימבאָלן, און דערין קען אויך זײַן דער בראשית ברא אלוהים, ווי דער פּערמאַנענטער יהי, דער כּי־טובֿ, דער נעשׂה פֿאַרן נישמע בײַם באַרג סיני, ביזן אם אין קמח אין תּורה, אָדער ניטאָ קיין תּורה אָן עבֿודה.

אַפֿילו דער בערגסאָניזם מיט דער פּערמאַנענטער קרעאַטיוויטעט פֿונעם אוניווערס, צי דער קיבוץ־אידעאַל, זענען גילטיקער פֿון אַלע זענס, מעדיטאַציע־קאָמפּלעקסן, בראַמאַניזמען מיט די ווערדאַס, מאַיאַס, קאַרמאַ, וויִשנו, סיוואַס און אַלע יאָגאַס, טאַנטריזמען, מיטאָ־לאָגיעס פֿון אומעטום, זינט תּמיד.

דער דאָזיקער דינאַמיזם פֿון ייִדישקייט אין אַבסאָלוט אַלע געביטן איז תּמיד גרויס אין די גוייִשע אויגן. זיי רייצט די אַקטיוויטעט אין זייערע השׂגות. פֿאַרסמטע מיט קנאה קענען זיי ניט טאָלערירן, פֿאַרדײַען דעם אַנטיגעצנדיניזם, דעם פּראָפֿעטיזם פֿון משיחישער

אוניווערסאַלער פֿרײַהייט; ניט דעם וואָרן מאַרקסיזם, ניט אַפֿילו די וואָרע דאָקטרינע פֿון קריסטנטום, וואָס איז געפֿעלשט מיט די עוואַנגעליעס און זייערע אָנווענדונגען, אַפֿילו צווישן אייגענע וואָס ממיתן זיך אין נאָמען פֿון ליבשאַפֿט!

~⊛~

באַטירליך, גוט, מיט חן; / קיין מאָל ניט ציניש שמייכלענדיק; / שטאַרק, קרעאַטיוו און שׂכלדיק – / אַזוי נאָר קענען זײַן!

ניט יאָלד, ניט פֿיפֿיק קלוג, / מיט ווייסנשאַפֿטן ניט איבער־געטריבן, / פֿאַר מײַן עקזיסטענץ איז דאָס גענוג / גאָט, וועלט און לײַט צו ליבן.

און אומקומען מנוחהדיק מיט דאַנק / פֿאַר מײַן חלק לעבן / וואָס ס'האָט מיר כּוויס ניט ווער געגעבן / ווי אַ געשאַנק.

~⊛~

זײַענדיק בײַם פּשוטן, קלאָרן שׂכל, לאָגיש אויסגעהאַלטן, מיט אַלע חושים אין נאָרמאַלן צושטאַנד צו קענען זען, הערן, פֿילן, פֿאַרשטיין – אַפֿילו ווען דאָס אַלץ זאָל זײַן באַגרענעצט אין מעגלעכקייטן; ניט זײַענדיק אונטערן אײַנפֿלוס פֿון קיין שום פֿיקציעס, אילוזיעס, מיראַזשן, מיטאָלאָגיעס צי רעליגיעזע פֿאַנאַטיזמען, אָדער פֿאַרקערט: אַן אַ־פּרײאָרי סקעפּטיקער אין אַלץ, אַ צינישער הערעטיקער צי גאָר אַ ווייסנשאַפֿטלער אין מיקראָ־ אָדער מאַקראָ־פֿיזיק צי אַסטראָנאָמיע (האָט ניט קיין פֿאַריבל פֿאַר מײַן ליסטע; מע קען סײַ ווי נישט אַלץ אויסרעכענען), בכן, זײַענדיק אויפֿריכטיק, ערליך, אַן אינטערעסן־פּראָבלעמען וואָס פֿעלשן השׂגות – קען דען ווער לייקענען אַז ס'איז פֿאַראַן אַ רעאַליטעט, אַ קאָנקרעטע, וואָס מע באַגרײַפֿט מיט חושים, חוץ דעם אַלעמען וואָס קען זיך מאַניפֿעסטירן אין חלומות, טרוימען, אין דמיון, שיכּרות, מיראַזשן אד־גל?

קען זיך דען עמיץ פֿאָרשטעלן אַז דאָס אַלץ איז סתּם אַזוי. טראָץ אַזוי פֿיל פֿענאָמענען, געזעצן וואָס מע קען עקספּערימענטירן, וואָס גילטן, ווירקן ציקליש, סעזאָניש, פּעריִאָדיש, ווי טאָג און נאַכט, לעבן און טויט און מיליאָנען אַנדערע אַספּעקטן, צווישן זיי דער מענטש, וואָס איז, כאָטש באַגרענעצט, דאָך פֿריַי: ער קען טראַכטן וועגן דעם אַלעמען און דאָס איבערגעבן אין וואָרט און שריפֿט.

זאָל דאָס אַלץ זיַין פּשוט צופֿעליק, סתּם כאַאָטיש-אומגעריכט, מיט פּראָבאַביליטעטן? אַ זאָג געטון „נאַטור", „קאָסמאָס", „אוניווערס", „עקספּלאָזיע פֿון אַ נאָוואַ" צי עפּעס ענליכס – און פּטור! דער טראַכט עס רעליגיעז, דער – פֿילאָזאָפֿיש, דער – וויסנשאַפֿטליך, מיט טעיִזם, אַטעיִזם, פּאַראַטעיִזם צי נאָך אַנדערע טערמינאָלאָגיעס, טעאָריעס, דיאַלעקטישע סאָפֿיזמען אד"גל.

האָט עמיץ געזען אַז עפּעס זאָל ווערן סתּם אַזוי פֿון זיך אַליין? האָט מען ביז פּאַסטערן ניט געגלייבט אַז לעבן קען זיך ספּאָנטאַן מאַניפֿעסטירן? אַפֿילו צופֿאַל, נישטיקייטן, קענען דאָך ניט זיַין קיין פּראָבלעמאַטישע פֿענאָמענען; ס'מוז דאָך זיַין אַ סיבה, און יעדע סיבה מוז דאָך זיַין דער רעזולטאַט פֿון אַ ווילן, פֿון אַ באַגער, אַ זשעסט פֿון עמיצן צי עפּעס, אאַז"וו א"וו, ביז ווער ווייסט וואָס, ווו און ווען.

פֿאַר וואָס ניט איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל פֿעסטשטעלן אַז דער מענטש איז ניט מסוגל אַלץ צו וויסן, אַלץ צו קענען, אַלץ צו וועגן, מעסטן, ציילן, באַגריַיפֿן? ער איז דאָך וואָרשיַינליך נאָר אַ ניצוץ, אַ פֿראַגמענט פֿון עפּעס גרעסערס און וויכטיקערס. ווער? וואָס? ווי אַזוי? פֿאַר וואָס? צוליב וואָס? ער וועט עס קיין מאָל ניט וויסן, און ער דאַרף עס ניט וויסן.

וועט ער דען סיַי ווי סיַי ניט מוזן שטאַרבן, אומקומען ווי אַבסאָלוט אַלץ אין אייביקע עוואָלוציעס, מיט אַספּעקטן, פּאָטענצן, פֿאָרמען? פֿאַר וואָס זאָל דער מענטש ניט האָבן צוטרוי צום אייגענעם ווילן, מיט ליבשאַפֿט און דאַנקבאַרקייט צו דעם, וואָס דערמעגליכט מע זאָל קענען עקזיסטירן, כאָטש עפֿעמעריש, אָבער

מיליאָנען מאָל מער ווי אַנדערע עפּעסן, באַשעפֿענישן ווי ער, וואָס קומען אויף און קומען אום פּונקט ווי ער; מעג ער זײַן אַ כאַם, אַ פּאָעט צי אײַנשטיין – נאָר איינס איז זיכער גילטיק: דאָס זײַן נאָרמאַל, מיטן באַוווסטזײַן אַז אויב עפּעס אין באַשאַף עקזיסטירט, איז עס זיכער מיט אַ פֿליכט און אַ צוועק.

ממילא מוז מען זײַן געזונט, טאָטאַל, אין אַלע הינזיכטן: פֿיזיש און פּסיכיש. יעדע קרענק איז זינד, און זיכער שטראָף פֿאַר עפּעס שלעכט געטונס צי אַפֿילו געטראַכטס. וואָס עפּעס פֿאַר אַ מין משוגעת דאָס אײַנרעדן זיך אַז מע דאַרף דינען אַ גאָט; גאָט דאַרף דינערשאַפֿט; קנעכט, שקלאַפֿערײַ; לײַט זאָלן אים לויבן; פֿאַרטיידיקן; אים געפֿינען קלײַנטן; שנאָרן מיט חניפֿה מחילות פֿאַר באַגאַנגענע חטאָים; זיך אָננעמען זײַנע קריוודעס;

ווי נאַריש, לעכערליך דאָס געצנדינבסט, דאָס פֿאַרמענטשליכן מיט קלײנקעפּלדיקע השגות עפּעס וואָס מ׳איז ניט מסוגל צו באַגרײַפֿן!

זיכער איז, אַז דאָס מינדסטע גרעזל, די מינדסטע מוראַשקע, איז פֿרימער און קליגער פֿון די אַלע גורוס, שאַמאַנען, גאָט-סטראַפּטשעס מיט אַלע זייערע טעמפּלען, צערעמאָניעס, ריטואַלן און קרעמערישע אָרגאַניזאַציעס, וואָס פּיפּיקע לײַט ניצן אויס לטובֿת זייערע פּריווילעגיעס, מיט רעזשימען וואָס באַרעכטיקן פּאַראַזיטיזמען, און שאַפֿן זיך לײַכטע קאַריערעס...

פֿאַר וואָס ניט זײַן פּשוט, נאַטירליך, גוט, שיין אַפֿילו, דאָס אַלץ מיט ווילזײַן, לעבנספֿרייד, קרעאַטיווע עקסטאַז, אָרגאַניזירט, פּלאַנירט מיט גלײַכע פֿליכטן אין אַלע הינזיכטן פֿאַר יעדן, אָן אַטראָפֿיעס צי היפּערטראָפֿיעס, פּראָליפֿעראַציעס צי עקספּאַנסיע-אַגרעסיוויטעטן, יחסנות, מעגאַלאָמאַניעס און בלאָף-דאָקטרינעס, היפּאָקריטישע מיטאָלאָגיעס צי פּראָפֿעסיאָנעלע רעליגיעס.

זאָל די כּלומרשט-ציוויליזאַציע-מגיפֿה מיט די אַלע קולטורן, אינטעלעקטואַליזמען, מיט דער פֿיקטיווער עטיק און די פּאַטאָלאָגישע עסטעטיק, שוין האָבן פֿאַרקריפּלט דעם גאַנצן מענטשן-מין פֿונעם פּלאַנעט; זאָלן כּמעט 5 מיליאַרד לײַט

-דערווײַל- זײַן טאָטאַל משוגע!

ווער קען זיך אײַנרעדן אַז דער, צי דאָס, וואָס געוועלטיקט מיט אוניווערסן, אומענדן און אייביקייטן וועט תּמיד טאָלערירן, אַז אפֿשר זײַן שענסטער פּלאַנעט זאָל ווערן פֿאַרפּעסטיקט, צעשטערט דורך אַ באַשעפֿעניש וועמען ס׳איז פֿאַרטרויט אַ ביסל פֿרײַהייט, אַ ניצוץ שׂכל, און ער ניצט דאָס אויס קאָמיקאַדזיש צו באַגיין זעלבסטמאָרד, צעשטערנדיק די גאַנצע בײַאָספֿערע: אַ באַשעפֿעניש וואָס איז מסוגל צו פֿאַרוואַנדלען די וועלט, אַנשטאָט אין אַ וווּנדערליכן גן-עדן - אין אַ וויסט-טויטן סאַטעליט אַרום אַ פּרעכטיקער זון!

וואָס טוט דער מענטש, דער אידיאָט, אַז אים באַפֿאַלט אַ מיקראָב, אַ ווירוס צי עפּעס אַ צרה? זוכט ער דען ניט האָמעאָפּאַטיש צי אַלאָפּאַטיש זיך צו היילן? טאָ ווי קענען לײַט זיך אײַנרעדן אַז אַן עווענטועלע געטליכקייט איז נאַרישער פֿונעם גולם מענטש, וואָס באַרימט זיך אַז ער איז אין צלם אלוהים?

~❀~

מחשבֿות? / פֿאָעמען? / צו וואָס און פֿאַר וועמען? / אויסטערליש לײַט, / און זייגער ניט שטייט!

ווי נאָר אַ בליק / צו זונענשײַן כּוואַנד - / כּ׳זע קאָסעבלענד, / כּ׳פּיל אַ כיק-כיק -

עס טשאַטעוועט „ער״, / און כ׳וויס גוט שוין ווער!

~❀~

גאָט איז אַ גוטער פֿאָטער צו זײַן באַשאַף, אַזוי אַז ער טאָלערירט אַפֿילו רעליגיעזע, פּונקט ווי אַטעיִסטן, מיט אַלע זייערע דאָקטרינעס, הערעטיקער און לײַדער אויך פֿאַנאַטיקער און משוגעים! ווילן לײַט זיך שפּילן אין רעליגיעס מיט טעאָלאָגיעס און טעאָגאָניעס? שפּילט אײַך געזונטערהייט! ווילט איר זײַן פֿרײַדענקערס, פֿילאָזאָפֿן מיט ספּיריטועלע טעאָריעס? אַדרבא!

ווילט איר זײַן וויסנשאַפֿטלער, אַלצווייסער, אַלצקענער, אַלץ פֿאָרשער? מאַכט אײַך טעלעסקאָפּן, מיקראָסקאָפּן, ראַדיאָסקאָפּן און נאָך אַנדערע סקאָפּן — אַזױ־ווי א״וו.

ניט צו פֿאַרשטיין אָבער ווי אַזוי שיצט ער קינען, קיינער זאָל אים חלילה ניט טשעפּען!... אין דער הינזיכט איז דער באַוווּסטזיניקער, ערליכער מענטש, טראָץ זײַן עפּעמערישער עקזיסטענץ און זײַנע באַגרענעצטע מעגליכקייטן, גרעסער, שענער און בעסער פֿון גאָט, ווײַל ער טראַכט פֿון רחמנות, יושר, רעכט, אוניווערסאַלער ליבשאַפֿט, און טאָלערירט ניט די השגחה פֿון שלעכטס, מאָרד, יסורים, אַנגסט, און לעבן זאָל זיך מוזן נערן מיט לעבן.

~❀~

פֿאַר די וואָס פֿילן ניט פֿון שלעכטס די פּײַן — / פֿאַר זיי מײַן בוך זאָל זײַן / ווי אין אַ וווּנד דאָס מעסער, / און, כאָטש ניט באַגרײַפֿט, דער ווייטיק — גרעסער!

לײַט אפֿשר וועלן עפּעס דאָך פֿאַרשטיין / ווי וועלטס לעבנס־שטייגער נאַריש איז, געמיין, / און ווי לײַכט איז אַלץ זאָל ווערן בעסער.

קענען, אַז מע דאַרף / זאָגן קורץ און שאַרף / ניין! / בײַם פּערמאַנענטן יאָ מיט האַפֿט / ניט תּמיד זײַענדיק פֿאַרשקלאַפֿט.

~❀~

מענטש, צווייפֿיסיקע באַשעפֿעניש, געדענק: /, ס׳באַגערן אַלץ צו וויסן איז אַ קרענק. / תּמיד פּערפֿידע שלאַנגען / וועלן דיך מיט נײַגער פֿאַנגען, / מיט **איזמען** און מיט **איסטן** דיך פֿאַרפֿירן, / אַז וועסט אַפֿילו פֿון אַמאָליקן גן־עדן / די זכרונות אויך פֿאַרלירן / און אומקום־משוגעת ניט קענען מײַדן.

~❀~

אויב ס'זאָל זײַן וואָר, ווי ס'פּראָקלאַמירט שפּינאָזאַ מיט זײַן פּאַנטעיִזם, אַז אַלץ צוזאַמען, גאָט און וועלט, איז אײנס און ס'זעלבע (און אַזוי, דאַכט זיך מיר, האָבן אויך געמײנט פּלאַטאָן, שאָפּענהויער, און אפֿשר אויך, מיט זײער „פּאַנפּסיכיזם", מאַרקוס־אוירעליוס, עפּיקטעט, ווי אויך דער ייִדישער אחד און דער סיסטעם פֿון די אײַנשטײנישע עקוואַציעס, אויב כ'האָב עפּעס פֿאַרשטאַנען פֿון זײערע השגות) — איז עס דאָך אָבער פּאַראַדאָקסאַל!

ווי אַזוי קען גילטן אַזוי פֿיל שלעכטס צי סתם מערדערײַ מיט קאַטאַסטראָפֿעס — אין זיך זעלבסט! טאָלעראַנץ, ווילזײַן, ליבשאַפֿט און תענוג וואָלטן דאָך גענאַרפֿט, געמוזט הערשן צווישן די פֿאַרשײדענע עלעמענטן וואָס שטעלן צונויף דעם אײנציקן אַלץ. און ס'זאָל ניט גילטן אַ מין עגאָפֿאָבישער אַנאַרכיזם מיט רעלאַטיוויטעט, טיראַניעס און פּריווילעגיעס, מיט מאַסע־און־ענערגיע־סיסטעמען וואָס פֿאַרטיליקן זיך אײנס ס'אַנדערע, רציחות, אַנגסטן, יסורים און נאָך אַזעלכע גוטע זאַכן.

וועט דען עמיצן אײַנפֿאַלן אַז אין אַ גוף זאָל אײן אבֿר, אָרגאַן צי דריז זײַן אַגרעסיוו קעגן עפּעס אין אײגענעם אָרגאַניזם! אדרבא, אַלץ איז האַרמאָניש, קאָנטראָלירט, און לײַדט ניט אַז דער רעזשים פֿון אַלגעמײנעם ווילזײַן זאָל ווערן צעשטערט.

זעט דאָס ניט אויס ווי דער גאַנצער סיסטעם פֿון פּאַנטעיִזם איז אין פּערמאַנענטע אַבסורד־קאָנפֿליקטן מיטן שכל, מיט לאָגיק! ס'איז אַבסאָלוט ניט מעגליך צו פֿאַרשטײן פֿאַר וואָס אַזאַ מין כאַאָס מיט אַגרעסיעס, שטראַלונגען, מאַגנעטיזמען, עקספּלאָזיעס, אָרביטן־שקלאַפֿערײַ מיטן צענטריפֿוגאַלן אַנטלויפֿן, און אַזוי פֿיל פּחד, רציחה, מאָרד — אין אַלע דימענסיעס!

דערצו — אויסטערליש! — פֿאַר וואָס זאָל מען זיך קענען רעוואָלטירן קעגן אַזאַ מין סדר־העולם! פֿאַר וואָס זאָל איך קענען טראַכטן דערפֿון און פֿאַרשרײַבן ס'דאָזיקע, אַנדערע זאָלן זען אַז ניטאָ קײן יושר און רעכט אין קאָסמישן אַלץ, חוץ בײַם מענטש!

דערמיט איז דער באַוווסטזיניקער האָמאָ-סאַפּיענס, כאָטש ניט תמיד און ניט ביי יעדער צווייפיסיקער באַשעפעניש, דאָך עפּעס וואָס זעט אויס צו זיין דאָס שענסטע, בעסטע, הייליקסטע פון אַלע פענאָמענען וואָס מ'איז מסוגל צו באַגרייפן.

מיט וועמען, קעגן וועמען און פאַר וואָס מוז אָנגיין אַזאַ אַנטאַגאָניזם, אַזאַ מין געפעכס, אַזאַ מין אייביקע מלחמה צווישן געטער צי עלעמענטן אָדער עפּעס אַנדערש? וווּ איז דער כּי-טובֿ פון באַשאַף? וווּ איז לייבניצעס איינרעדעניש אַז אונדזער וועלט איז די שענסטע, די בעסטע פון אַלע וועלטן?...

פאַר וואָס ניט מאָדערניזירן פּאָעזיע, ד"ה די לירישע עמאָציעס, נוסח אַרנאָלד שיינבערג, וואָס האָט געשאַפן דאָדע-קאַפאָניזירטע אַטאָנאַלע מוזיק?... וואָס? איר ווייסט ניט וואָס דאָס איז אַזוינס? ניט פאַרגלייכן מיט קאַקאָפאָנישע פּאָליפאָניעס!

שיינבערג איז אַ ספּעציאַליסט פון כראָמאַטישע גאַמעס, וווּ נאָטן זענען פּאָלאַריזירט און האָבן ניט קיין שייכות איינע מיט דער אַנדערער. נעמט מען פאָנעמען, צי ווערטער, און מע שטעלט צונויף אַ ווערטיקאַלע קאָמפּאָזיציע, און — דאַוואַי פּאָליפאָנישע פּאָעזיע!

מעלאָדיע? מחשבֿות? ריטמען? שׂכל? דאָס איז גוט פאַר אַ לייוויקן, אַ רייזענען, אַ פרוגן און זייערס גלייכן! אַנאַכראָניזמען!

די דאָזיקע מאָדע איז גילטיק אין אַלע שפּראַכן, ייִדיש בתוכם. מע געפינט סימפּטאָמען אַז מע פאָנעמעניזירט שוין ווערטיקאַליש ספּיריטועלע עמאָציעס פון גייסטיק הינער-אויגן, וואָס מע רופט „לידער".

„לידער", ניט ליידער, ווי ס'וואָלט געזאָגט אַ מאַני-לייב!

וואָס זאָגט איר? וויקטאָר הוגאָ האָט אָנגעשריבן מער ווי הונדערט טויזנט פּערזן (איך האָב זיי ניט געציילט אַקוראַט); אַלעקסאַנדער דיומאַ — 260 ביכער; באַלזאַק — 150, און וואָלטער האָט געשאַפֿן 110 ווערק און 20 טויזנט בריוו, אַחוץ די וואָס זענען ניט ציטירט!

אימפּאָטענטע מפיל-קינדער, די אַלע מחברים! אָרן מיעדניק איז אַ גרעסערער טשעמפּיאָן אין שרײַבעניש! כ'בין ניט מסוגל בכלל צו מאַכן אַ סטאַטיסטיק פֿון דעם אַלעמען, וואָס אַזאַ געניאַלער פּאַרשוין האָט געשאַפֿן. דאָס האָט גיכער אַ שײַכות מיט אַסטראָנאָמיע. ווען אַלץ זאָל ווערן פֿאַרעפֿנטליכט, דאַרף מען אַ ספּעציעלע געבײַדע פֿאַר אַ ביבליאָטעק וואָס זאָל קענען אַרײַננעמען אַלע מײַסטערווערק פֿון דעם דאָזיקן פּראָליפֿיקאַציע-פֿענאָמען, פֿאַר וועלכן ווער ווייסט וויפֿל מוזעס ס'אַרבעטן טאָג און נאַכט מיט דיקטירן אינספּיראַציעס, און וואָס איז באַשאַפֿן געוואָרן מיט אַ מין גראַפֿאָמאַניזם, ווי עפּעס מיט אַ וואַסער-לייטונג און אַ צענדליק קראַנען, פֿון וואַנען ס'האַלט אין איין פֿליסן חכמה און שאַרפֿזיניקע ליריק.

אויב דער מלאך-המוות לאָזט אים צורו נאָך אַ צוואַנציק יאָר, איז דאָ אַ געפֿאַר פֿון אַ ליטעראַרישן מבול פֿאַר אַלע אינטעלעקטועלע ספּעצן, און מע וועט דאַרפֿן אַ צען עקזעגעטן, און ווער ווייסט וויפֿל קאָמענטאַטאָרן, אינטערפּרעטאַטאָרן און אַנדערע טאָרן — תּופֿס צו זײַן דאָס אַלץ!

אויב אָן אַ לאמור דער וידבר — / אָן שום ווערט איז דער מחבר. / מוזיק מוז זײַן נאָר מיט אַ ניגון, / אָן געדאַנק, פֿאָנעמען סתם, / אין רייד געפּראָזעט צי פּאָעטיקט, מיט צי אָן אַ גראַם — / אויב גילטיקע מחשבֿות / אין רייד ניט ליגן, / איז ליטעראַטור נאָר בלאָף און נאַרישע קאַטאָוועס.

ראַטעוועט די טיגערן! אין אינדיען זענען געווען פֿערציק טויזנט. און איצט ניטאָ מער ווי צוויי טויזנט! ערשט די קאָאַלאַס! די אוראַנג-אוטאַנגען. פֿאַרשיידענע רויבפֿייגל און – נאָר ווער קען אַלץ אויסרעכענען וויפֿל באַשעפֿענישן מע מוז אומבאַדינגט ראַטעווען!

רעגירונגען שאַפֿן רעזערוון; מע טאָר זיי ניט טשעפּען אַזױ. אָבער אונדזערע ייִדיש-ייִדן פֿון פּוילן, ליטע, גאַליציע צי רומעניע – זיי מעגן פֿאַרשווינדן.

די טיגערן און קאָאַלאַס האָבן באַרײַכערט די „ציוויליזאַציעס״. זיי זענען וויכטיק. אָבער אַן אײַנשטיין, אַ פֿרויד, אַ מאַרקס, אַ יאַשאַ חפֿץ, אַ שאַגאַל, אַ טשאַפּלין, אַ טראָצקי צי אַ ...

מע דאַרף דיקע בענדער צו דערמאָנען די אַלע וואָס שטאַמען פֿון די אייראָפּעיִשע ייִדן בכלל און פֿון אונדזערע מזרח-אייראָפּעיִשע בפֿרט, און וואָס האָבן באַרײַכערט, כּמעט געשאַפֿן אַזוי פֿיל אין שײַכות מיט אַלע וויסנשאַפֿטליכע, עסטעטישע, מעדיציניש, עקאָנאָמישע און סאָציאַלע דערגרייכונגען.

נו, מעגן זיי אַלע פֿאַרשווינדן!... אַ גרויסער טייל – פֿאַרברענט אין די קרעמאַטאָריעס, פֿאַרטיליקט מיט סתּם מערדערײַען, פּאָגראָמען. ס'געבליבענע היברידירט מיט אַסימילאַציעס, גײַסטיקע קאַמיקאַדזעס, און די וועלט עטעמט אָפּ לײַכטער. פּטור געוואָרן פֿון דער פּעסט, פֿון די אַלע וואָס שטערן לײַט זאָלן מאַכן אַ רויִק לעבן אין ווילטאָג, ווי אין פּוילן, סאָוויעטן-לאַנד – ס'זאָל חלילה גאָרניט פֿעלן; גענומען ווי בײַשפּילן די אַפֿריקאַנער צי דרום-אַמעריקאַנער נאַציעס, וואָס ווייקן זיך אין אַל-דאַס גוטס...

ס'איז דאָך אַ מחיה צו זען ווי דער האָמאָ-סאַפּיענס זאָרגט, ס'זאָל חלילה ניט אומקומען עפּעס פֿון דער ביִאָספֿערע בכלל, בפֿרט פֿון באַשעפֿענישן צי פֿלאַנצן אַפֿילו...

אפֿשר אַ מאָל, אַ מאָל, נאָך דעם נוקלעאַרן גן-עדן-אומגליק וואָס וועט אָפּרייניקן דעם פּלאַנעט מיט אַ פּראָפֿילאַקציע-מלחמה פֿון די הײַנטיקע קולטורעלע און רעליגיעזע פֿאַנאַטיזמען, און ס'וועט

אויפֿקומען אַ נײַער מין האָמאָ-ערעקטוס וואָס זאָל זיך פֿאַרנעמען מיט פּאַלעאָנטאָלאָגיע. וועט מען אַרײַנשטעלן אין אַ מוזעום אַ שאַרבן פֿון אַ בערגסאָן, אַ טיביע-ביין פֿון אַ קאַרל מאַרקס. ווי אַזוי וועט מען וויסן אַז דאָס איז ניט פֿון אַ היטלערן, צי פֿון אַ סטאַלינען? די האַקנקרייצן צי האַמער-און-סערפּ-סימנים וועלן זיכער ניט ווערן צעשטערט פֿון דער ראַדיאָ-אַקטיוויטעט. דאָס זענען עלעמענטן וואָס שטאַמען פֿון קינען, און ווי שטייט אין חומש: ווער עס וועט טרעפֿן דעם ברודער-מערדער... אויב מיט אַנאַליזירן עפּעס פֿון די ביינער ווייסט מען מיט וואָס ס'האָבן זיך גענערט דינאָזאָרן, וועט מען אפֿשר אויך וויסן ווי אַזוי ס'האָט זיך געגײַסטיקט בײַ די הײַנטיקע חכמים. פּסיכאָלאָגיע איז דאָך עפּעס פֿון דער פֿיזיאָלאָגיע, און מעטאַפֿיזיק איז ניט אָן השפּעה אויף ביינער אפֿילו.

אַ דאַנק אַ נײַעם קאַרבאָן 14, צי מיט אַנדערע סיסטעמען, וועלן די צוקונפֿטיקע חכמים זיכער געפֿינען עפּעס ייִדישס בײַ די געבליבענע ביינער-שיריים, ווי די האַס-סימנים אין די אַנדערע. ערשט פֿאַר וואָס נאָר די פּוילישע ייִדן און ניט בכלל אַלץ וואָס האָט אַ שײַכות מיט ייִדישקייט — אַפֿילו דעם וואַנגעליזירטן ייִד פֿון נצרת? צי ווי עפּעס אין חבֿרון פֿון די אָבֿות? ערגעץ אַ ניצוץ פֿון אַ שפּינאָזע? נאָר בכלל, ווער דאַרף עפּעס אויפֿהאַלטן אין אַ זכּרון אין שײַכות מיט ייִדישקייט, אָריגינעל, פֿאַרקריפּלט, היברידירט צו אַנדערש — אַ משה רבנו, נבֿיאים, אַ יהודה הלוי אד־גלי?

אַ מיני-דינאָזאַר צי בראָנטאָזאַר, אַ ריזן-טשערעפּאַכע אויף די גאַלאַפּאַגאַ-אינדזלען — דאָס יאָ! אָבער אַזאַ אויסטערלישע באַשעפֿעניש ווי אַ „ייִד", וואָס קומט צעשטערן די מנוחה פֿון קיניזם מיט זײַנע געצן און רייצט מיט מאָנאָטעיִזם, לוחות, עטיק, משיחיזם... בעסער זאָל דאָס אַלץ פֿאַרשווינדן אָן צו לאָזן אַ סימן!

ציוויליזירטע לײַט, / סאָפּיִסטיצירטע, קלוגע! / ווער פֿון אײַך ניט זעט, פֿאַרשטייט / אַז איר זענט טאָטאַל משוגע!

מיט אײַער אויסטערלישן לעבנס-שטייגער, / מיט יעדן ספּעצימען פֿון אײַך, / מאַכן קען מען אַ פֿאַרגלײַך: / פֿיזיש — ראָבאָט-תּם; ספּיריטועל — אַ פּגר!

עקזיסטירט ווײַל זיך באַוועגט! / אָבער אים בחרם פֿרעגט / וואָס מיינט און הייסט / אַ שם-המפֿורש — גײַסט!

~❀~

ווי אַזוי זאָל אַ מענטש קענען עפּעס פֿאַרשטיין פֿון דעם וואָס נאָך אַנאַנד ס׳געשעט אינעם אוניווערס, אָדער אַפֿילו אין דער פֿלאַנצנוועלט אויפֿן פּלאַנעט? אָט למשל: ווי אַגראָנאָמישע ספּעצן זאָגן, איז אַ באַמבו מסוגל צו וואַקסן אַזוי, אַז אין איין נאַכט ווערט ער גרעסער מיט מער ווי אַ מעטער. חוץ דעם: אַלע 60 צי 100 יאָר בליִען אַלע באַמבוס, אומעטום גלײַכצײַטיק אויפֿן פּלאַנעט, איין מאָל, און געוויסע מינים פֿאַרשווינדן דעמאָלט גלײַכצײַטיק אומעטום!... ער קען אויך גרייכן די הייך צווישן צען און דרײַסיק מעטער. זײַן האָלץ איז האַרטער פֿון שטאָל. ער קען איבערקומען 20 גראַד פֿראָסט און 50 גראַד היץ, און פּאַסט זיך צו צו אַלע קלימאַטן און וועטערן! קיינער האָט ביז איצט ניט פֿאַרשטאַנען דעם סוד דערפֿון.

ביז אַהער — דאָס פֿיזישע. אָבער ווער ווייסט וואָס ס׳געשעט מיט אים אויך פּסיכיש? ווייסט ווער וואָס ס׳טראַכטן פֿלאַנצן, צי קריסטאַלן? האָט מען ניט אויסגעפֿונען לעצטנס אַז וואַסער האָט אַ זכּרון? דעריבער זאָל זיך קיינער ניט וווּנדערן, אויב אין מײַנע שריפֿטן ליגט אַזוי פֿיל געניאַלע חכמה. אויב אַ באַמבו קען אַזוינס באַווײַזן, פֿאַר וואָס ניט אַן אָרן מיעדניק — אויף אַנדערע געביטן? אָבער היט אײַך, לײַט! פֿאַראַן אויך קאַקטוסן, פּאָקשיווע און דערנער. מיט מחשבֿות קען אויך זײַן עפּעס דערפֿון!

~❀~

ווויל איז דעם, וואָס תּמיד איז מסוגל, / ווי נאַרציז צו זען זיך זעלבסט אין אַלץ ווי אין אַ שפּיגל, / און ווי פּיטאַגאָר, טראָץ ערדיש טומלען / און פֿאַרכמאַרעטע הימלען, / מיט תּענוג קענען הערן / מוזיק פֿון די סטעלאַרע ספֿערן.

~❁~

טעמעס, תּמצית, זין? מחשבֿות, סבֿרות, השערות? נאָר אַזעלכע שריפֿטן זענען גילטיק, אויב זיי זענען מיט אַ יסוד פֿאַר אַ מעגלעכן לערנען, אָבער מיט אַ תּמיד באַרעכטיקטער לאָגיק און מאָראַלישע אויספֿירן ווי אַ רעזולטאַט. אָן עווענטועלער אַקראָבאַטישער סעמאַנטיק און, פֿאַרשטייט זיך, אָן טענדענציעזער דיאַלעקטיק דווקא צו געפֿינען פּשרות, נוסח העגעלס טעזע-אַנטיטעזע-סינטעזע-סיסטעם, צו וועלכע מע האָט פֿאַרגעסן צוצוגעבן אַז דאָס איז נאָר צוזאַמען היפּאָטעזע.

קאָמפּראָמיסן – קאָמפּראָמיטירן תּמיד ס׳ערליכע געוויסן.

~❁~

פֿאַרן איסלאַם – ניטאָ קיין אידעאַל. אַלץ איז פֿאַטאַל. דער מעקטוב – מעקט אָפּ יעדע מעגליכקייט פֿון פֿרײַען אויסוואַל, אויסער צו מאָרדן מיט דזשיהאַד. אַפֿילו אין ווידערשפּרוך מיט אַ סוראַט פֿון קאָראַן, וואָס ווערט פֿאַרהייליקט פֿון אַלע מוסול-מענער: ניט מאָרדן עמיצן פֿון אַ מאָנאָטעיִסטישער רעליגיע.

~❁~

לערנען רעדן ייִדיש? פֿאַר וואָס לערנט מען ניט גלײַכצײַטיק צוליב וואָס? הלמאי איז מען אַ ייִד, און אַ ייִדיש-ייִד דערצו? וואָס איז דער אונטערשייד פֿון איין עטנישער גרופּע מיט אַ צווייטער? פֿאַר וואָס איז מען אַ רוס, אַן איטאַליענער, אַן עסקימאָס צי אַן אַמעריקאַנער, מיט אַזוי פֿיל פֿאַרשיידענע פֿעלקער? פֿאַר וואָס גרענעצן? פֿאַר וואָס פֿאַרשיידענע לעבנס-שטייגערס?

ערשט פֿאַר וואָס לערנט מען ניט דעם מאַרקסיזם מיט דעם היסטאָרישן און פערמאַנענטן מאַטעריאַליזם: וואָס איז גורם קלאַסן-פּריווילעגיעס, קלאַסנקאַמף, רײַכע און אָרעמע פֿעלקער, רעוואָלוציעס, מלחמות און פֿיזישע אָדער גײַסטיקע פֿאַרקריפּלונגען, מיטן טענדענציעזן שאַפֿן רעליגיעס, פֿילאָזאָפֿיעס, מיטן דערציִען -גיכער דרעסירן- יוגנט און פֿאַרקריפּלען אַלץ וואָס נאָר באַרירט: וויסנשאַפֿט, קונסט, רעליגיעס אַפֿילו, פֿאַרשונגען אַאַז״וו?

געוויס איז טאַקע גוט צו וויסן און קענען די מוטערשפּראַך, אָבער וויסן אויך אַלץ וואָס האָט אַ שײַכות מיט אייגענע עטנישע אָריגינאַליטעטן, פֿאָלקלאָר אָן שאָוויניזמען צי מעגאַלאָמאַניעס, פֿאַרקערט, זײַן אָריגינעל, אָבער שטאָלץ מיט דער רײַכער פֿאַרשיידנאַרטיקייט פֿון אַנדערע. דאָס אַלץ מיט ליבשאַפֿט, ערליכקייט און טאָלעראַנץ צו אַלץ וואָס איז נאָרמאַל, גוט און שיין, אָבער מיטווידערשטאַנד קעגן אַלץ וואָס איז געמיין.

~❀~

טרוים: מיר / „אָבי: / „יהיו״ / מיט פֿרייד / צי לייד / נירוואַנאַס מײַד. / דײַן לויז! / זײַן פֿון באַשאַף די קרויז!

~❀~

אַזוי ווי מײַנע שריפֿטן זענען ניט קיין ליטעראַטור נוסח הײַנטיקע השגות, נאָר אַ מין סטענאָגראַפֿיע פֿון אַ דענקעניש ווי ס׳לערנען די עקזיסטענציאַליסטן: מ׳איז דאָס וואָס מע ווערט לויט אייגענע באַגערן (ס׳דאָזיקע קען זײַן גילטיק אַפֿילו פֿיזיאָלאָגיש פֿאַרן גוף, וואָס האָט זיכער אַ השפעה אויפֿן „גײַסט״ – מיט געענדזן-פֿיסלער...), ווײַל מחשבֿות מאַניפֿעסטירן זיך לויט דעם וואָס מען עסט, טרינקט, רייכערט, שיכּורט צי אַנדערע פֿיזישע מעשׂים – בכן, נו ווו בין איך פֿאַרקראַכן מיט מײַנע נײַן מאָס רייד?

יאָ, הייסט עס אַז מײַנע שריפֿטן זענען אַ מין אָפּשפּיגלונג (נוסח נאַרציסן) פֿון מײַן דענקעניש – פֿאַרשרײַב איך אַלץ וואָס קומט

מיר אונטער דער האַנט, ווי מע קען עס סילאָגיזמעווען. מילא, מיט ספּיריטועלע פּראָבלעמען האָט עס ניט צו טון; דאָ גילטן ניט פֿאַר מיר קיין שום דיאַלעקטישע קונצן – קיין שום דאָגמעס, ניט רעליגיעזע ווי ניט די כּלומרשט פֿרײַדענקערישע. אָבער ווען ס'האָט צו טון מיט וויסנשאַפֿטליכע, דאָ בין איך געפּלעפֿט.

ניט זײַענדיק קיין געלערנטער אין קיין שום דיסציפּלין, קען איך נאָר פֿרעגן, טראַכטן פֿון עפּעסן וואָס זענען אפֿשר לײַכט שוין פֿאַרענטפֿערט. און אַ מאָל קען זיך טרעפֿן, אַז ס'זאָל טאַקע פּראָוואָצירן אַ ספּעץ און זיך פֿאַרנעמען מיט דעם ווי געהעריק. דעריבער וועל איך אָפּט קומען מיט קלאָץ-קשיות און וואַרטן עמיץ זאָל קומען מיט דער הגדה. כ'זוך ניט קיין שום קניידלעך, צי אַ פּרעמיע פֿאַר געפֿינען דעם אַפּיקומן. און ס'קען זײַן אַז מײַן פֿרעגן איז ווי פֿון עמיצן פֿון די פֿיר בנים, און ניט דווקא פֿונעם חכם, נאָר פֿונעם תּם, צי פֿונעם שאינו יודע לשאול?

אָט למשל מוסטערן פֿון מחשבֿות וואָס דערקוטשען מיך אָפּט:

הלמאי האָט מען דעם אײַנדרוק אַז צײַט און דויער גייען תּמיד פֿאָרויס? זאָל זײַן אַז אפֿשר צײַט רירט זיך ניט פֿון אָרט, נאָר מיט דויער איז ווי מיטן גיין. גייענדיק ערגעץ נעם איך ניט מיט זיך עפּעס פֿונעם אָרט; אַזוי קען אפֿשר אויך זײַן מיטן דויערן? אפֿשר אויך וויסן אַז צײַט און דויער זענען קוואַנטיש, נוסח פּלאַנק, ספּעריש אָדער ספּיראַליש. טעג, יאָרן, עפּאָכעס, פּעריאָדן, זענען ריטמירט טאַקע ווי פּלאַנקס טעאָריע פֿון קוואַנטאַ, און דער סיסטעם גילט אין אַלע דימענסיעס און אַספּעקטן וואָס קענען זיך מאַניפֿעסטירן. דאָס אַלץ זאָל זײַן אַ מין עטעמען, אַ כוואַליען פֿון ים, אַ סעזאָנירונג.

ווער, וואָס עטעמט אַזוי אָפּ זײַן ווירטואַליטעט? אַ מאָלעקול, אַ גאַלאַקציע, אַן אוניווערס אפֿשר, עטעמען, בכן דויערן זיי אַנדערש. ווער ווייסט צי די קאָסמישע עקספּלאָזיע פֿון אונדזער אוניווערס -לויט די אַסטראָ-פֿיזיקער- איז ניט פּשוט אַן אויסאָטעמען פֿון אַ... אַ... אַ ווער ווייסט וואָס!

צווייטנס, וואָס איז אַזוינס דורכזיכטיקייט? פֿאַר וואָס קענען זײַן

קריסטאַלן, פּליסיקייט, גאַזן — דורכזיכטיק. און אַנדערע עלעמענטן מוזן זײַן אָפּאַק? ווי אַזוי קענען אָרגאַניזמען פֿאַרוואַנדלען אָפּאַקע עלעמענטן אין דורכזיכטיקע, למשל: שווייס, טרערן, אורין אַפּילו, אָדער שאַפֿן אַן אויגנלינדז?

דריטנס, פֿאַר וואָס זענען כמאַרעס טונקל, גראָ, בשעת אויסגעוועפּט וואַסער איז ריין, ווײַל געפּאַרעט? פֿון וואַנען קומט עלעקטריציטעט-בליצן אין די וואָלקנס, און פֿאַר וואָס פֿאַלן זיי צוריק צו דער ערד? ווי אַזוי קענען זײַן רעגן-בויגנס אויף אַ טונקל-גראָער כמאַרע? זענען רעגן-בויגנס אויף דער כמאַרע צי אין אונדזער אויג?

פֿערטנס, ווער קען וויסן צי אַ מעטער זעט אויס אין יעדנס אויג מיט דער זעלבער גרייס, אָדער ס'איז אַ רעלאַטיווער קאָנווענציאָנעלער סיסטעם צו מעסטן?

~❀~

טרוקן ברויט עס איך טעגליך; / כ'קען דערפֿון דעם טעם / און דאַרף עס ניט פֿאַרזוכן!... / ווער מ'יך וועט / מכבד זײַן מיט לעקער, קוכן, / אָפּט מיט אַ ראָזשינקע דערין?

שילדערן רעאַליטעט? / עפּיק איז עיפּוש פֿאַר אַ גילטיקן פּאָעט. / שילדערן זאָל זאָלאַ נויט / און סנאָבן פּראָסטע — פּרוסט. / ווײַס-געקעלנערט, שמאַטעס, קויט — / תּמיד ווירקליכקייטן? אין ראָמאַנען / זוכן וועסט אומזיסט / עפּעס גילטיקס, שיינס, מיט אידעאַלן זין.

און אַוודאי / איז אויך אַזוי מיט האָמערן און זײַן איליאַדע. / סטיליזירט, געפּראָזעט צי מיט גראַם, / אַבי ניט רעאַליזם מיט אַלץ וואָס איז אין דעם פֿאַראַנען. / אַזוי פֿיל מיאוסקייט, שלעכטס צי פּײַן? / מײַד דאָס אַלץ, מחבר, ווען אַפּילו / דײַן ווערק זאָל זײַן / פֿאַר אַ נאָבל-פּרײַז אַ סגולה!

~❀~

זאָלן לײַט טראַכטן וואָס זיי ווילן און מיך האַלטן פֿאַר אַ נאַיוון לעקיש, אַ פּעדאַנט, אַ בטלן, אַ מעגאַלאָמאַנישן גולם. איך וועל בלײַבן בײַם מײַניקן און ווידער, נאָך אַנאַנד איבערחזרן וואָס כ׳האָב געזאָגט און געשריבן זינט לאַנג שוין.

אַ וווּנדער, אַן אַנטפּלעקונג פֿון אַ פּראָפֿעסאָר, אַז וואַסער האָט אַ זכּרון! אין שײַכות מיט חלומות, האָב איך דאָס תּמיד געטראַכט. קודם, אַז דער אַבסאָלוט־אוניווערסאַלער אַלץ, פֿון וועלכן קיין שום מענטש קען ניט האָבן קיין השׂגה, איז „לעבן״. לעבן ניט ווי אַן אינצידענט אין די אָקעאַנישע זומפּן ווו פֿאַרשיידענע עלעמענטן און ענערגיעס האָבן זיך געטראָפֿן צופֿעליק און גענומען זיך פּרוכפּערן און מערן מיט עוואָלוציעס פֿון אַן אַמעבּ ביזן חכם מענטש. ווי אַרן מיעדניק למשל, נאָר דאָס לעבן וואָס מע קען אָנרופֿן ווי מע וויל: אחד, פּאַנטעיִזם, פּאַנפּסיכיזם, אײַנשטייניזם, געטליכקייט אד״גל.

דאָס דאָזיקע לעבן מאַניפֿעסטירט זיך אין אַלע אַספּעקטן, פֿענאָמענען, עסענצן און סובסטאַנצן וואָס שאַפֿן אַטאָמען, קאָסמאָסן, באַשעפֿענישן און אַפֿשר לאָקאַליזירטע געטער. געטער ניט קיין מיטאָלאָגיזירטע, געמענטשלט מיט אייגנשאַפֿטן און השׂגות, געצנדינעריש צי מאָנאָ- אָדער פּאָלי-טעיִזירט. נאָר געטער וואָס געוועלטיקן איבער אוניווערסן, מיט דויער-אייביקייטן און אומענד-דימענסיעס, אומבאַגרײַפֿליכע פֿאַר מענטשליכע השׂגות.

אָבער חוץ דעם וואָס קען זיך מאַניפֿעסטירן אין סובסטאַנצן, מחשבֿות, פֿאָרמען, וואָס מע פֿילט מיט חושים אָדער אינטויִציעס, זענען וואָרשײַנליך פֿאַראַן אויך רעאַליטעטן וואָס, כאָטש זיי זענען דאָ מיט אונדזערווירקליכקייט, בלײַבן זיי פֿאַרהוילן. ווער ווייסט וואָס ס׳טוט זיך אַרום אונדז, אַפֿילו אין אונדז!

אַ באַווײַז – חלומות, וואָס זענען דאָ און מע זעט זיי נאָר שלאָפֿנדיק. קיינער קען דאָך ניט לייקענען אַז, אויב מע זעט עפּעס אין חלום, מוז עס זײַן. ווען ניט, וואָלט מען עס ניט געזען אַפֿילו אין דמיון. ווי אַזוי קען דאָס געשען? לויט מײַן אויספֿיר מוז

וואָרשײַנליך זײַן, אַז אַבסאָלוט אַלץ, פֿון אַ נוקלעאָן ביז אַן אוניווערס, האָט ניט נאָר אַ סובסטאַנציעלע, נאָר אויך אַ פּסיכישע אײגנשאַפֿט. מיר זעען, פֿילן פֿון עלעמענטן נאָר די פֿיזישע אַספּעקטן, און זײער פּסיכיזם בלײַבט פֿאַר אונדז פֿאַרהוילן. אײנע פֿון די דאָזיקע אײגנשאַפֿטן איז דער זכּרון. אַלץ איז מנעמיש. ניט נאָר בלויז מנעמיש אין מהות ווי עלעמענט, נאָר אַ זכּרון ווי פֿאָרמירט. דער מענטש האָט אַ טאָטאַלן זכּרון בנוגע אַלץ וואָס האָט אַ שײַכות מיט זײַן מענטשליכער עקזיסטענץ, אָבער אין אים האָבן אבֿרים, מאָלעקולן, אַטאָמען און דאָס וואָס שטעלט זײ צונויף – זײער פּאַרטיקולערן זכּרון. ס'איז ווי מיט פֿאָליעס, וואָס שטערן זיך ניט אײנע די אַנדערע.

בכן מוז געשען אַזוי, ווי ציגל וואָס שטעלן צונויף אַ בנין און בלײַבן ציגל ווען דער בנין פֿאַרשווינדט, כּדי צו ווערן געבויט אין אַנדערע געבײַדעס, געשעט אַזוינס מיט די אַטאָמען צי מאָלעקולן, וואָס שטעלן צונויף ניט נאָר די קראָמאָסאָמען, די גאַמעטן צי עפּעס אַנדערש: זײ געדענקען וואָס מיט זײ איז געשען ווען געווען אין עפּעס אַנדערש, אַפֿילו אין אַנדערע רעאַליטעטן וואָס מיר קענען ניט זען וואַכנדיק, אָבער אין שלאָף, ניט קאָנטראָלירט פֿונעם באַוווסטזײַן, קומען זײ אַרויס מיט רעמיניסענצן, בילדער, געשעענישן, און שטעלן צונויף חלומות, אָפֿט אפֿשר באַאײַנפֿלוסט אויך פֿון פֿיזיאָלאָגישע פֿענאָמענען ווי פֿאַרדײַונג, זאָרגן, באַגערן, אַנגסטן צי דרויסנדיקער טומל אָדער קאָנטאַקטן.

קײן שום אַרגומענט קען מיך ניט ענדערן אין די דאָזיקע (אפֿשר היפּאָטעטישע?) מחשבֿות. איך חלום אַ סך, און ס'רובֿ מיט געשעענישן, ערטער, סבֿיבֿות אַבסאָלוט אומבאַקאַנטע, קײן מאָל ניט געזעענע, ניט געטראַכטע, אָבער מיט אַלע אײנצלהײטן, ווי זײ וואָלטן געווען באמת וואָרע. אדרבא, ווי אַזוי פֿאַרשטײן ס'דאָזיקע אַנדערש, אויב ניט אַז עפּעס וואָס שטעלט מיך צונויף געדענקט געוועזענע עקזיסטענצן?

~❀~

לעבן! עקזיסטענץ! / דער פּלאָנעט – אַ בינע, / אַזוי פּרעכטיק דעקאָרירט! / אַזאַ פּרעכטיקע מוזיק! / קאָסטיומען, טענץ אין קרענץ, / און דער סך-הכּל / פֿונעם ספּעקטאַקל – / אָפּט טראַגיש, אָבער תּמיד שיין, / קען עפּעס שענערס זײַן!

מיטן בלויז עקזיסטירן נאָר כ'זיך קוויק – / און יעדע רגע ווי אַ קוש / פֿאַר יעדן חוש! / ווו נעמט מען עס אַזוי פֿיל הענט, / פֿאַר אַלץ כאָטש איין אַפּלאָדיסמענט! / ווו נעמט מען מײַלער אויסצורופֿן / בראַוואָס פֿאַר יעדער באַלערינע!

וויוואַט, לעבן! הורא, וועלט! / כ'בין בגילופֿין, / אַלץ מיר געפֿעלט. / אַ דאַנק דיר, גאָטעניו, אַ דאַנק / פֿאַר דײַן וווּנדערליך געשאַנק: / צו קענען פֿילן, הערן, זען, פֿאַרשטיין... / צי ס'ווילט זיך נאָר! / געוויס, געוויס! / לעבן! ביס! ביס! ביס!

לײַדער, שאָטנט עפּעס אין אַ ווינקל. / די פּראָזשעקטאָרן ווערן טונקל. / דאַכט זיך – ס'ענדערט די קורטינע. / וואָס? ס'גייט די שפּיל דאָך אָן כּסדר / פֿאַר ספּעקטאַטאָרן אַנדערע. נאָר לײַדער/ עמיץ נעבן מיר / מיט אַ קאָסטע טוט דעם אַקסל מיר אַ ריר: / לאָז דאָס אַלץ אַרום! / קום!

מיט וואָס איז אַראַמיש „הייליקער פֿון ייִדיש? איז דען דער תּלמוד בבֿלי ניט געשריבן אין אַראַמיש? ערשט דער קדיש, כּל-נדרי, און ווער קען אַלץ וויסן, איבער הויפּט אַ פּאַרשוין ווי איך, פֿון אַלץ וואָס איז פֿאַרהייליקט בײַ ייִדן, געשאַפֿן אינעם אַמאָליקן ייִדיש?

פֿאַר מיר איז דער וואָס באַליידיקט, גרײַפּט אָן ייִדיש, אָדער איז גלײַכגילטיק און האָט ניט קיין שום אָפּשײַ, כּדעד שוין ניט פֿון ליבשאַפֿט – איז ווי ער וואָלט באַליידיקט מײַן מוטער; מײַן מאַמע-לשון איז פֿאַר מיר אַבסאָלוט הייליק. פֿאַר מיר איז פּרצעס „מאָניש", די שבת-יום-טובֿדיקע ייִדן, זײַנע אָדער אַפֿילו „באָנטשע", ווי אויך „אונטערן קינדס וויגעלע", „אַ בריוועלע

דער מאַמען", „דאָס טליתל", רייזנס „הוליעט" צי דאָס „העמערל", פֿרוגס . „בעכער", ראָזענפֿעלדס „מײַן ייִנגעלע", שלום-עליכמס „מנחם-מענדל" און „טבֿיה דער מילכיקער", גאָלדפֿאַדענס וויגליד „אינעם בית-המקדש" אָדער „אויפֿן וועג שטייט אַ בוים", „רייזעלע דעם שוחטס", דער מאַמעס טײַטש-חומש, דער באָבעס תּחינה, דער „גאָט פֿון אַבֿרהם" שבת-צו-נאַכטס און בכלל אַלץ וואָס האָט אַ שײַכות מיט דער טויזנט-יעריקער ייִדיש-ייִדישקייט, אַפֿילו מיטן אופֿן מאַנגעריזירן דעם חומש אָדער מיטן „אויפֿן פּריפּעטשיק ברענט אַ פֿײַערל", נאַיִוו, חסידיש, קולטור-פֿאַראייניש צי ברוך שולמאַניש... (ס'טיאָכקעס עפּעס אין האַרץ ווען כ'טראַכט און שרײַב וועגן דעם אַלעמען!), טלאָמאַצקיש צי קראָכמאַלניש, פֿרום צי פֿרײַדענקעריש – אַלץ אַזוי אינטים!...

מײַן פּוס וועט קיין מאָל ניט באַטרעטן דאָס אויסגעטרוימטע און דורך אונדזערע ייִדן רעאַליזירטע ישׂראלדיקע שטיף-פֿאָטערלאַנד, איבער זײַנע באַציִונגען זינט תּמיד צו מײַן מאַמע-לשון ייִדיש. טראָץ די צוגעוואָרפֿענע בייַנער מיט „קאַטעדרעס" און „קולטורעלע" שאַלעמויזן פֿאַר תּפֿוצה-פּראָפּאַגאַנדע, ווי מע וואַרפֿט צו אַ קרעציקן הונט אַ דאַרן ביין, סאַבריש אויסגעסמאָטשקעט פֿון וואָרן ייִדישן אינהאַלט. ייִדיש האָט געשאַפֿן חלוצים; עבֿרית שאַפֿט יורדים!

ערשט די היברידיזירטע אַסימילירטע, מיט געמישטע חתונות כּלומרשטע ייִדן!

~❁~

הימלען בלאָע, / הימלען גראָע, / אויפֿן מענטש / ניט קיין השפּעה / זון צי רעגן, / אַנדערש וועגן / טרערן, שמייכל, / אַנדערש שׂכל. / תּמיד דאַרף דערין / אייפּעריק געפֿין / פֿאַר עקזיסטענץ אַ זין.

~❁~

ווייסט מען אַז אַפילו אין פראַנקרייך, אין לאַנד פון דער גרעסטער רעוואָלוציע, איז ביז 1827, ד״ה ביז אַכט און דרייסיק יאָר נאָך דער עמאַנציפּאַציע פון ייִדן און נאָך דער פּראָקלאַמירונג פון מענטשנרעכט, געווען איינגעפירט אַז אויב אַ ייִד האָט געדאַרפט אָפּגעבן אַ שבועה, האָט ער געמוזט שטיין אַ באָרוועסער אין אַ כלי מיט וואַסער ווו ס׳האָט זיך געווייקט אַ פאַרבלוטיקטע פעל פון אַ נאָר וואָס געשאָכטענע שאָף, און טראָגן אויפן האַלדז און אויף די היפטן אַ מין קראַנץ און פּאַסיק פון דערנער, מוזנדיק דערצו כסדר זיך באַוועגן?

און דאָס איז געווען אין לאַנד פון וואָלטערן, קאָרנײַ, ראַסין, באַלזאַק, מאָליער, מאָנטעסקיע, פּאַסקאַל, מאָנטעין, דעקאַרט, רוסאָ, באָמאַרשע, דידראָ, לאַמאַרטען, סטענדאַל, מישלע — און כ׳דערמאָן נאָר די, וואָס האָבן געלעבט אין יענער עפּאָכע אין פראַנקרייך — די עלטסטע טאָכטער פון קאַטוילישן וואַטיקאַן — און וואָס איך געדענק...

נו, איז אַ וווּנדער וואָס ס׳זענען געווען אין 1940 אַ פּעטען, אַ לאַוואַל, אַ סעלין, אַ דאָדע, אַ דאַרקיע און אַנדערע געמיינע אַנטיסעמיטן, ביזן היינטיקן לע-פּען און זיינס גלייכן?

ערשט אין 1827 האָט מען אויפגעהערט צו פאַרלאַנגען אַזוינס ביי אַ ייִד ווען ער האָט געדאַרפט אָפּגעבן אַ שבועה (זע: מילון עברי-צרפתי פון א. אלמליח, פּאַראַגראַף „כל-נדרי״). דאָס האָט געהייסן More Judaico.

~❁~

אָר און וויי וואָלט געווען, ווען חלילה דער קאָסמישער אַלץ זאָל זיין נאָר אַזוי ווי דער מענטש איז עס מסוגל צו פאַרשטיין, באַגרייפן און, פאַרשטייט זיך, פּרוּוון אַלץ באַלד אָנווענדן לטובת אינטערעסן. דאָס וואָלט געווען אַ חרפּה און אַן אומגליק סיי פאַרן מייסטער פון באַשאַף, סיי פאַרן מענטש.

~❁~

זײַן / איז װערן! / און װערנס מײַן: / נאָר אַנאַנד מוזן צעשטערן. / מיט ליבשאַפֿט צי געפּײַניקט – / תּמיד זיך געאײַניקט.

זאָל עס הײסן װי מע װיל: / עװאָלוציע, פּרוכפּערן, זיך מערן. / זיך שאַפֿן הײם, זיך מוזן נערן – / תּמיד עפּעס צי עמיצנס אומקום – לעבנסציל.

אײנס ס׳צװײטס פּרעסט, / און נאָר דער מענטש מיט אַ פּראָטעסט / קען ניט װעלסט כּי-טובֿ פֿאַרשטײן.

~❂~

ניט נאָר בײַ מערדערישע באַשעפֿענישן (און װאָס איז לײדער ניט מערדעריש פֿאַר עפּעס פֿון דעם װאָס עקזיסטירט: עלעמענטן, פֿלאַנצן צי אַנדערע אַספּעקטן עקזיסטענץ?) איז פֿאַראַן דער באַגריף גרענעץ. װאָלף צי טיגער, מיט זײער אורין צי מיט זײער קראַץ אויף שטאַמען, צײכענען זײ אָן: דאָ איז מײַן טעריטאָריע; נאָר דאָ מעג איך ממית.

לײדער זעט אַזױ אױך אױס בײַם מענטשן-מין: מײַן פֿאָלק, מײַן נאַציע, מײַן ראַסע. װער װײסט צי ס׳איז ניט אַזױ אין אַלע קאָסמישע אַספּעקטן, מיט „מײַן זונסיסטעם, מײַנע סאַטעליטן, מײַן גאַלאַקציע, מײַן אוניװערס״!... אַזױ איז אפֿשר אױך דער זין פֿון פּראָליפֿיקאַציעס, ממילא עקספּאַנסיעס און אַגרעסיעס, מיט אַלץ װאָס דאָס איז גורם.

~❂~

די „מענטשהײט״ איז כראָניש שװין פֿאַרסמט מיט ציװיליזאַציעס, קולטורן, רעליגיעס װי מיט דראָגן, אַלקאָהאָל, טאַבאַק-ניקאָטינען. נאָר געהאַסטיקט –מיט האַסט און האַס– און נאָר געזוכט זיך פֿאַרשיכּורן, פֿאַרשטאָדען פֿיזיש און פּסיכיש מיט היפּערטראָפֿירטע אַמביציעס: װאָס גיכער, װאָס מער, װאָס גרעסער, װאָס שטאַרקער – אָבער אַלץ אין שלעכטע ריכטונגען.

וואָס פֿירן צו קאַטאַסטראָפֿעס און טאָטאַלן אומקום!...

ווי געפֿינט מען אַ רופֿא, אַ טאָטער, אַ זכאַכער, אַ נעהאָרע־אָפּשפּרעכער, אַ דיבוק־פֿאַרטרײַבער וואָס זאָל באַפֿרײַען דעם כּלומרשטן חכם מענטש פֿון זײַנע קאָמפּלעקסן, פֿאָביעס, פֿאַלשע „פּראָס" און פּאַטאָלאָגישע „אַנטיס"!

אַזוי פֿיל בלאָף, דעמאַגאָגישע גנאָסן־מגיפֿות, היפּאָקריטישע אידעאָלאָגיעס, עגאָ־ און קסענאָ־פֿאָביעס! אַבסאָלוט אַלץ איז סוראָגאַט, היברידירט, געשמינקט, האַרמאָניזירט און גענאַרט זיך זעלבסט און יענעם, פֿיזיש און פּסיכיש.

הומאַניזם איז המן־ניזם; נאַטירליכע האַרמאָניע איז אויסטערלישע האַרמאָניע. עסטעטיק! ערשט וועגן מאָראַל, עטיק, רעליגיע און ספּיריטועלע תּענוגים – דאָס געפֿינט מען נאָר אין פּערווערסיע, אין משוגענע מאָדעס, פּאָרנאָגראַפֿיע וואָס מע רופֿט עראָטיזם; פֿרײַהייט וואָס איז פֿרײַער טעראָריזם, מאָרד־וואַקכאַנאַליעס וואָס מע רופֿט פּאַטריאָטיזם, און סתּם געמיינקייט וואָס צעשטערט אַלץ, וואָס איז נאַטירליך, גוט, לאָגיש און שיין.

~※~

פֿאָעטעווועט, פּאָעטעווועט, ייִדישע פּאָעטן. / ליריקט עמאָטיווע טעמעס. / פֿאַר אײַערע פּאָעמעס / זענט איר אַליין נאָר עקזעגעטן.

אויס, ניט מער פֿאַראַנען / אַ לייענער ווי אַ מאָל, / וואָס מיט תּענוג זאָל / האָבן עפּעס פֿאַרשטאַנען / פֿון אַ „מאָנישן" צי „חומש־לידער". / און פֿלעגט אַ ייִדיש בוך אין הענט מיט אָפּשײַ נעמען / ווי אַ פֿרומער ייִד דעם סידור.

~※~

פֿון אַ לאָגישער מחשבֿה צו קענען דעם באַשייד / דאַרף מען ניט קיין צו פֿיל רייד / מיט קאָמענטאַרן פּיפּיק־קלוג, / קיין גלאָסאָלאָג, ספּעץ אין סעמאַנטיק זײַן / צו אַנאַליזירן דעם

מחברס מײַן / און פּאַטעטיש דעם געדאַנק ווי אַ געניאַלע חכמה פּראָקלאַמירן!

אַלץ וואָס איז לאָגיש, וואָר – / איז פּשוט, קלאָר: / ווערטער עטליכע גענוג / יעדער זאָל עס לײַכט פֿאַרשטיין.

דאָס וואָס איז ענימאַטיש, עזאָטעריש, קריפּטאָגראַפֿיש, קאַבאַליסטיש, שיפֿרירט, סימבאָליזירט, פֿאַרטרויליך, מיט רמזים, טראַגלאָדיטיש – איז פֿאַרדעכטיק, און זיכער היפּאָקריטיש. ווילסט זאָגן: ס'רעגנט? זאָג: עס רעגנט! ווי אַ פֿראַנצויז, דאַכט זיך בוואַלאָ, האָט שוין געזאָגט, און נעמט ניט ווי אַ משל דאָס, וואָס כ'האָב דאָ אָנגעשריבן...

~❀~

הײַנט, דעם 10טן סעפּטעמבער 1988, שוין ניט איין מאָל געפֿרעגט זיך אַליין: באַלד 89 יאָר!... בין איך ניט אַ פּסיכאָפּאַט? בין איך בײַם קלאָרן זינען? אין מײַנע יאָרן, פֿאַרלירן אַזוי פֿיל צײַט, מי און פֿאַרמעגן מיטן שרײַבן און אַלץ וואָס האָט אַ שײַכות מיט פֿאַרעפֿנטליכן אַזוי פֿיל שריפֿטן, וואָס קיינער וועט אפֿשר ניט וועלן לייענען אַפֿילו.

און צוליב וואָס? קומען מיט קריטיק און מוסר? זיך מוסר-נפֿש זײַן פֿאַרן עווענטועלן ווילזײַן פֿון אַן אידיאָטישער מעדיאַ-מאַסע, לײַט וואָס פֿילן זיך מיט תּענוג אין בויט און טויט, ווי חזירים אין קויט?

פֿאַר וואָס טו איך עס? כ'בין זיכער ניט נאָרמאַל, אָבער כ'קען ניט פּטור ווערן פֿון מײַן גראַפֿאָמאַניע און פֿון מײַן יונה-קאָמפּלעקס. אַפֿילו ס'דאָזיקע וועט אויך אַרײַן אין בוך.

אפֿשר וועט אַ צוקונפֿטיקער פּסיכיאַטער צי פּסיכאָאַנאַליטיקער דאָס אויסניצן ווי אַ סימפּטאָם צו היילן אַנדערע. זיכער איז, אַז די הײַנטיקע לײַט זענען ניט ווערט ס'פּאַפּיר אויף וועלכן דאָס אַלץ איז געשריבן.

~❀~

פֿאַרן האָמאָ-סאַפּיענס פֿון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט / איז ניט גענוג / זײַן ערליך און קלוג. / מע דאַרף גאָר זײַן / היפּאָקריטיש, שלעכט, געמיין, / שטעלן זיך נאָך בײַם לעבן אויף אַ פּעדעסטאַל / און מעגאַלאָמאַניע האָבן ווי אַן אידעאַל.

טוט מען אַלץ גענוי, / פּרעך אַזוי, / ווערט מען פֿון אַלעמען געלויבט מיט אָפּשײַ און באַוווּנדערט.

~❁~

ליבע פֿרײַנד, לייענערס מײַנע! מאַכט מיר ניט קיין פֿאָרוואורף. מײַן רעפּוטאַציע פֿון עגאָ-רעפּעטיטאָריזם וועט תּמיד, וואָרשײַנליך, זײַן אַן עלעמענט פֿון קריטיק. אָבער דאָס איז, לויט מײַן השגה, ניט קריטיש פֿאַר מײַנע געניאַלע מחשבֿות, וואָס לײַדן טאַקע פֿון רעפּעטיציאָניזם (ניט טראַכטן פֿון ציניזם אָדער ציוניזם ווי עווענטועלע האָמאָנימען).

וואָרשײַנליך זענען מײַנע שריפֿטן ווי דער לישועתך קיויתי אדוני, אדוני לישועתך קיויתי און קיויתי אדוני לישועתך – פֿונעם סידור אָדער מחזור. ס'איז אַ נאַטירליכע אייגנשאַפֿט. די זון גייט תּמיד אויף אין דער זעלבער זײַט, און פֿאַרגייט אויך אַזוי. אַלע טאָג עסט מען.

אַזוי ווי מײַנע אַקסיאָמען (ניט קיין פּאָסטולאַטן חלילה) זענען נאַטירליכער אמת, און איך מוז דאָך כּסדר עפּעס שרײַבן – מוז ממילא זיך איבערחזרן דאָס זעלבע. איין יענטע מיט אַ סך שלייערן.

ווי מע קען זען, איז דער סטיל פֿון מײַן מחברן פּשוט, אָן איבעריקע דיאַלעקטישע שאַלעמויזן און פּאַראַדאָקסיזמען, ווי ס'פּאַסט פֿאַר אַ ציוויליזירטן פּאַרשוין.

~❁~

פֿאַר מיר – דער בעסטער קאָמפּלימענט / וואָלט געווען,
און וועט אפֿשר זײַן: / „מיעדניק אָרן! / מע דאַרף ניט קיין
קאָמענטאַרן / זײַנס אַ מחשבֿה צו פֿאַרשטיין. / אַלץ פֿאַרשטייט
זיך לײַכט אַליין!"

וואָס זאָגט איר? מעגאַלאָמאַניע איז ניט גוט. / און נאַרציסיזם
ניט שיין / ווען זיך צו לײַט געווענדט? / אָבער, כאָטש באַשיידן, /
וויל איך אָט דעם קאָמפּלימענט, ניט מיין. / ווײַל מײַן דעוויז /
זינט תּמיד איז: / אַליין טון וואָס קיינער פֿאַר מיר טוט!

~❀~

יום-כּיפּור דאַרף זײַן דער טאָג ווען גאָט, כּבֿיכול, דאַרף
בעטן מחילה בײַם מענטש בכלל און בײַם ייִד בפֿרט, פֿאַר זײַן ניט
געלונגענעם מעשׂה-בראשית, מיטן פֿאַרקריפּלטן ווערק אין
כּלומרשטן צלם-אלוהים, און בכלל פֿאַר דער מעגליכקייט ס'זאָל
קענען זײַן אַזוי פֿיל שלעכטס און מיאוסקייט.

פּאַראַדאָקסאַל – ווי אַזוי פֿאָרן כּל-נדרי מיטן כּי-טובֿיזם? מחילה
פֿאַר חטאָים? איז מען אַ גאָט, מוזן די ווערק זײַן פֿולקום, אָן
מעגליכקייט צו זינדיקן! יום-כּיפּור אין אוישוויץ מיט אַ כּל-נדרי!
שרעקליכער פּאַראַדאָקס! ווי אַזוי איז מען פֿרום? צו וועמען זיך
ווענדן און מאָנען יושר, גערעכטיקייט?

~❀~

מחברט נאָר פֿאַר יענעם – / אַזוינס איז טעם-גיהנום. /
איך, כאָטש ניט טראַגלאָדיט, / דאַרף ניט קיינעמס מיין. /
געפֿעלט עס עמיצן צי ניט – / איך קודם שרײַב פֿאַר מיר אַליין.

כ'בין מײַן קריטיקער, מײַן עקזעגעט. / און ווי אַ קעניג אָן אַ
קרוין / בין איך אַ מין פּאַרשוין / אָן עפּיטעט / פֿון אַ פּאָעט./
נאַרציסיזם? נו, זאָל עס זײַן. / אָבער ניט קענען זאָגן קיינער
וועט / אַז כ'בין מיט מײַנע מוזעס אָן אַסקעט.

~❀~

אַמוזירט אײַך, שפּילט, יעדער לויט זײַנע השגות און באַגער, מיט אײַערע רעליגיעס, פֿילאָזאָפֿישע דאָקטרינעס, מיסטיציזמען, עסטעטיקעס און אַנדערע שאַלעמויזן, אַלץ מיט פֿאַנטאַזמען און פֿאַנאַטיזמען, יחידיש צי מאַסנווײַז, אין טעמפּלען מיט ריטואַלן און טעאַטראַלע צערעמאָניעס; אויף פֿאַרזאַמלונגען, פּראָצעסיעס; אויף אַרענעס, סצענעס מיט צי אָן מוזיק, מיט צי אָן רעטאָריק, אַקראָבאַטיק, קונסט, ליטעראַטור, עראָטיזם, כּלומרשטע עטיק און פּערוועזע וויסנשאַפֿטן, וואָס מ׳זען זיך צו מאַכן וואָס מער פּראָפֿיטן און טויט-מכשירים לטובֿת פּריווילע-גירטע קלאַסן-אינטערעסן.

שאַפֿט מיטאָלאָגיעס, טעאָלאָגיעס און אַנדערע **לאָגיעס** פֿאַר **איזמען** און **איסטן** — דאָס האָט אַבסאָלוט קיין שום שײַכות ניט מיט געטליכקייט, צי מיט נאַטור-געזעצן און זייערע דעטער-מינירטע פּראָגראַמען און פּלענער.

קיין שום וויסנשאַפֿט וועט ניט ענדערן עפּעס אין זון-סיסטעמען, מיט זייערע סאַטעליטן ווי אונדזער פּלאַנעט בתוכם. קיינער וועט ניט מײַדן טויט, און קיינער וועט קיינעם ניט מוחל זײַן באַגאַנגענע חטאָים צי סתּם געמיינע מעשׂים און מחשבֿות.

דער מענטש איז פֿרײַ אין זײַנע באַגרענעצטע מעגליכקייטן, און ער קען אָפּעקזיסטירן זײַן חלק אין ווילטאָג, אָדער אין פּײַן און געפֿאַרן. ס׳איבעריקע איז פּלאַפּלערײַ, בלאָף, משוגעת, היפּאָקריזיע, מיט טיראַנען און מאַרטירער, און זעלטן, זעלטן מיט אַ פּרווו עפּעס צו ענדערן. קיינער וויל ניט משיח זאָל קומען. וואָס-זשע טו איך דאָ מיט מײַן דאָן-קיכאָטיזם, סאָציאַלער מנחם-מענדל?

אוי, בין איך דיך מקנא, טײַערער באַנטשע שווײַג!

~❀~

יונג געווען – אַ יונגער גולם: / זקן איצט – באַווער גרייַז! / „ענדערן דעם סדר-עולם". / „ליבשאַפֿט צווישן קעץ און מייַז!"

וואַסער זאָל ניט לעשן פֿייַער. / ניט זוכן קיין הבֿלס טויט: / ווייץ זאָל ניט פֿוילן דאָ אין שייַער / ווען ערגעץ קינדער ווייגען: ברויט!

פגרן דאָ לייַט פֿון זעט / און דאָרט פֿון הונגער קומען אום. / ניט באַגרייַפֿט אַז תּמיד וועט / זייַן אַזוי שוין אומעטום.

יונג געווען, מיט אידעאַלן. / געמיינט: וועלף קענען זייַן ווי שאָף / און אויסגעלאָזט זיך סוף-כּל-סוף: / שאָף חלומען פֿון זייַן שאַקאַלן!

~※~

אַזוי פֿיל געטרויערט, זינט דורות, מיטן אומקום פֿון די עשׂרה הרוגי מלכות. וואָס וועט זייַן מיט די זעקס מיליאָן פֿאַר-פֿייַניקטע, פֿאַרגאַזטע, פֿאַרברענטע יִדישע קרבנות, צווישן וועלכע ווער ווייסט וויפֿל רבי עקיבֿאס ס׳זענען געווען!...

וואָס איז אַ רוצח אַדריאַנוס קעגן אַ היטלערן! וואָס איז אַ רופֿוס קעגן אַן אייַכמאַנען צי אַ הימלערן, חוץ אַזוי פֿיל מיטהעלפֿערס, אַפּלאָדירערס, היפּאָקריטיש כּלומרשט-קולטורעלע פֿעלקער, אומעטום, וואָס זיפֿצן נעבעך מיט רחמנות הערנדיק וועגן שואה, האָלאָקאָסט...

נאָר גיי רעד מיט אַ קריסטליכע צי איסלאַמישע, בודהיסטישע צי פֿרייַדענקערישע מענטשהייט וואָס האָט אין נאָמען פֿון זייערע רעליגיעס און פֿילאָזאָפֿיעס אויסגעהרגעט ניט מיליאָנען, נאָר אפֿשר מיליאַרדן לייַט – אַזוי זינט טויזנטער יאָרן!

עשׂרה הרוגי... לײדער, ניטאָ שוין מער ווער ס׳זאָל זאָגן קינות, זאָגן קדיש, מאַכן אַן אל-מלא-רחמים (מישטיינס געזאָגט). נאָר אַ רבי עקיבֿא איז געבליבן אַ יִדישקייט, אַ באַוווסטזיניק יִדיש פֿאָלק. די היטלערס מיט די סטאַלינס – זיי האָבן געממיתט די גופֿים, און די געבליבענע באַגייען אַ גייַסטיקן זעלבסטמאָרד!

ניטאָ מער קיין ייִדיש פֿאָלק. פֿאַראַן איווריסים, פֿאַנאַטיקער, אָבער ניטאָ קיין אחד-העם, ניטאָ קיין פּרץ, קיין הלל צייטלין, קיין בעש־ט, ניט קיין ווילנער גאון, ניט קיין בערדיטשעווער. ניט, ניט, ניט...

אַ שאָד! אַ רעאַליטעט איז געוואָרן אַ לעגענדע. ייִדישקייט האָט ניט געהאַט קיין טעאָלאָגיע, און איז געוואָרן אַ מיטאָלאָגיע.

~۞~

א וויכטיקער אויפֿטו פֿונעם האָמאָ ערעקטוס מיט זײַנע עטימאָלאָגישע פֿעיִקייטן, איז דאָס אויסגעפֿינען די **איזמען** מיט די **לאָגיעס**! אין אַלע אומשטאַנדן, פֿאַר אַלע פּראָבלעמען -ספּיריטועלע, ווּיסנשאַפֿטליכע, עקאָנאָמישע, עטישע און עסטעטישע- ניצט דאָס דאָזיקע פֿאַר טערמינאָלאָגיעס, סיטואַציעס, קאַריערעס און וואָס מע וויל נאָר. מע לייגט נאָר צו אַן איזם צי אַ לאָג – און מ׳האָט באַלד פּראָסעליטיזמען, פּאַראַזיטיזמען, , סאָציאָלאָגיע אָדער סאַטיריזמען צי אידיאַטיזמען, אָדער טעאָלאָגן, קאַטאַקליזמען, סכיזמען, און ווער קען אַלץ אויסרעכענען וויפֿל מ׳איז מסוגל אויפֿצוטון מיט לאָגן און איזמען!

דאָס גיט די מעגליכקייט צו האָבן **איסטן** און ספּעציפֿישע **לאָגן** ווי: אַנימיסטן, פּעסימיסטן, פֿיזיאָלאָגן, פּסיכאָלאָגן, מילא, מיט די **עטן** איז אַ ביסל ניט אַזוי לײַכט צו מאַניפּולירן, און דאָס איז נאָר אַן אָנדײַטונג וואָס מע קען אַלץ אויפֿטון מיט שפּראַכן און ספּעצן אין אַלע דיסציפּלינען און נויטווענדיקייטן. ניט צו פֿאַרשטיין ווי אַזוי האָט מען אַ מאָל געקענט עקזיסטירן אָן די אַלע איזמען, לאָגן, עטן און איסטן! אוי, ווי גוט צו זײַן ציוויליזירט, קולטורעל!

אַ מאָל אויפֿן מאַרק איז געווען אַ פֿישהענדלער; הײַנט איז עס אַן איכטיאָלאָג. מע קען אויך .אַ סך זאָגן וועגן די **אטן**, למשל: פּסיכאָפּאַטן. אָבער דאָס זײַסל איז פֿול.

~۞~

זייענדיק אויף וואַקאַציעס בײַם ים, האָב איך איינגעזען אַז דער אויף און אָפּ פֿון פֿאַליעס איז דער זעלבער ווי ס'נאָרמאַלע רויִקע עטעמען פֿון אַ מענטש, פֿון מיר יעדנפֿאַלס.

צופּאַסנדיק מײַנס צום ריטם פֿון ים, שלאָף איך איַין מנוחהדיק און גיכער ווי געוויינליך. אפֿשר איז עפּעס פֿאַראַן דערין וואָס קען דינען פֿאַר אַ פּראַקטישן אויספֿיר.

אַ שטורעם? בײַם מענטשן אויך: אימפּעט, רייץ, מידקייט... וועמענס האַרץ רעגולירט דאָס אַלץ?

~❁~

זיך ווידער אויפֿגעכאַפּט פֿון שלאָף. / קום, בײַער טאָג, מיט טרייסט פֿאַר דער נשמה! / פֿאַר מײַן לעבן זײַ נאָר ווי אַ קאָמע, / ביט ווי אַן ענדעפּונקט צום סוף!

אַזוי פֿיל טעקסטן נאָך פֿאַראַן. / נו, ווי קען איך מיר פֿאַרגינען / מיר-ניט דיר-ניט מיצקע דרינען / ווערן גאָר אַ בר-מינן?

געמחברט נײַנציק יאָר כמעט אומזיסט, / ניט ווײַל געוואָלט, נאָר טאָקע ווי געמוזט. / באַוויליק, גאָטעניו, מיר נאָך צו געבן / כאָטש אַ צוואַנציק יאָר צו קענען לעבן!

און אײַנשלאָפֿן וועל איך מנוחהדיק מיט דאַנק / פֿאַר דײַן געשאַנק.

ערשט, גאָטעניו, באַמערק: / מײַן גאַנצע מי געווען איז תּמיד דאָך דײַן וועלט. / זאָל זײַן מיט אַ כּי-טובֿ, ווי דיר געפֿעלט; / לײַט ניט לעס'טערן זאָלן דײַן ווערק!

~❁~